This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10

1980

היימלאַנד

לייענט אינעם נומ. 11
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

צום 100־טן געבורטסטאָג פון אַלעקסאַנדער בלאָק

לידער פונעם גרויסן רוסישן דיכטער אין דער איבער־זעצונג פון אַרן ווערגעליס און אַוורהם גאָנטאַר.

הערש רעמעניק. אַלעקסאַנדער בלאָק און די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג.

■

נײַע לידער פון אַוורהם קאַצעוו, פיניע פּלאָטקין, ליפּע העלער, מאָטל שטורמאַן.

■

כאַיִם מעלאַמוד. די טעג מיט די נעכט (ראָמאַן, סאָף).

■

לאַדאָ באַכטריאַנעלי. אַ פּאָעטישע מאַטאָנע (וועגן דער זאַמלונג „העברעיִשע דיכטונג אין דער איבערזעצונג אויף גרוזיניש").

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1980

אינהאַלט

אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. געזונט און שאָלעם . . 3
וויקטאָר מיטראָשענקאָוו. דער זינגער פון די שטערן־ווײַטן 6
יורי בולושעוו. די צאַפּן־שײַן 14
כאַים ביידער. פינף רינגען (לידער) 22
כאַים מעלאַמוד. די טעג מיט די נעכט (ראָמאַן) 27
אַרן ווערגעליס. סימפאָניע פונעם וועג . . . 77
בוזי מילער. זיי דאַרפן וויסן (נאָוועלע) . . . 82
ריווקע רובין. וואָוטשיק. אונטער יאַנקעלעס ווײַגעלע (דערציילונגען) 85
יאָסל בוכבינדער. א היימיש קאָל (לידער) . 102
זאַלמען ליבינזאָן. א כוידעש אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק 104
דווירע כאַראַל. קינדער־לידער 113

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. די ייִדישע ליטעראַטור אין קאָנטעקסט פון דער אַלרוסלענדישער ליטעראַטור־געשיכטע אין סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָר־הונדערט 116
טעוויע גען. א קאַפּיטל שרײַבמאַן 130
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. דער קאָסמאָנאַווט מיט א מאָלער־פּענדזל אין האַנט 140
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". וועגן מענטשן, וועגן געשעענישן... 147
מיר זעצן פאָר דעם שמועס. ק. פראַסט. „דער דורכשניטלעכער לעבנס־קאָסט אין ייִשׂראָעל" 153
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. פון דאָ און דאָרט 155
פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 158
דאָס איז טשיקאַווע. ד. מיכײַלאָוו. דער גורל פון א פּאָרטרעט 160
לאָמיר זינגען נײַע לידער. ווערטער פון מישע מאָגילעוויטש, מוזיק פון נאַדעזשדאַ קאָזלאָווסקאַיאַ . 161
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 164
פריילעכע שורעס 166
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 167
רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר
א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:
כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

אונדזער
קאָסמאָס־ווינקל

געזונט און שאָלעם...

געזונט און שאָלעם האָט געווונטשן די לייענער פון אונדזער זשורנאַל דער שעף פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, דער פליִער־קאָסמאָנאַווט פון פססר, פאַרדינסטפולער פליִער־אויספּרווּווער פון פסס״ר, גענעראַל־לייטענאַנט פון דער אַוויִאַציע, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד געאָרגי טימאָפייעוויטש בערעגאָוואָי, ענטפערנדיק אין א שמועס מיט אונדזער ספּעציִעלן קאָרעספּאָנדענט יורי דאָקוטשײַעוו אויף די פראַגן פונעם זשורנאַל.

קאָרעספּאָנדענט. וועלכע פּערספּעקטיוון פאַרמאָגט די נײַע ריכטונג אין דער סאָוועטישער קאָסמאָנאַווטיק, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „אינטערקאָסמאָס"?

ג. בערעגאָוואָי. די בעשוטפעסדיקע אויספאָרשונגען פונעם קאָסמישן רוים מיצאַד דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט האָבן זיך אָנגעהויבן, ווען מיט דער הילף פון סאָוועטישע קאָסמישע ראַקעטעס זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין רוים די ספּוטניקעס „אינטערקאָסמאָס".

די דאָזיקע ספּוטניקעס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע אויטאָמאַטן און אַפּאַראַטן, צוגעגרייט מיטן אָנטייל פון די געלערנטע און קאָנסטרוקטאָרן פון א ריי סאָציאַליסטישע לענדער.

די דערפאָלגן באַם אַרויסלאָזן אין רוים די דאָזיקע ספּוטניקעס און די אינטערעסאַנטע אַרבעטן פון די געלערנטע פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט האָבן אונטערגעזאָגט אויך די נײַע פאָרם פון דערלערנען און באַהערשן דעם קאָסמישן רוים צוליב פרידלעכע צילן. דאָס זײַנען קוידעמקאָל די פלוגן, וועלכע ווערן דורכגעפירט אונטער א געמיינזאַמען פּילאָטאַזש פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן און די קאָסמאָנאַווטן פון די סאָציאַליסטישע לענדער.

מיט וואָס איז צו דערקלערן דעם אויפקום פון אַט דער נײַער פאָרעם פון אינטערנאַציאָנאַלער מיטאַרבעט? קוידעמקאָל דערמיט, וואָס אָנהייבנדיק פון יורי גאַגאַרינס פלוג אין קאָסמאָס, האָט די סאָוועטישע רעגירונג, די קאָמוניסטישע פאַרטיי, אונדזער וויסנשאַפט, דאָס גאַנצע פאָלק אונדזערס, זײַענדיק געטרײַ אונדזער פרידנסליבנדיקער אויסערן־פאָליטיק, געטרײַ די לענינישע געבאָטן, קיינמאָל ניט געטראַכט אפילו אויסצונוצן די קאָסמישע דערגרייכונגען אַף אַנטאָן שלעכטס אַנדערע פעלקער. פאַרקערט, מיט אַלץ, וואָס קאָן ברענגען גוטס די מענטשן, דעם פּראָגרעס פון דער גאַנצער מענטשהײַט, זײַנען מיר גרייט צו טיילן זיך מיט אַלעמען, ווער עס שטייט אַף די פּאָזיציעס פון גוטן ווילן און שאָלעם.

מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק איז אַף אַ זיצונג פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דעם ראַט פאַר קעגנזײַטיקער הילף אונטערגעשריבן געוואָרן אַ קאָנווענץ וועגן איבערגעבן און אויסנוצן די מאַטעריאַלן פון דער דיסטאַנץ־זאָנדירונג, וועלכע באַקומען זיך פון קאָסמאָס, רעגלאַמענטירן די טעטיקײַט פון די מעלוכעס אין פראַט פון אויסנוצן און פאַרשפרייטן די אינפאָרמאַציע פונעם קאָסמאָס. די דאָזיקע קאָנווענץ איז אָפן אַף צו אָנשליסן זיך אין איר מיצאַד אַנדערע מעלוכעס, וועלכע זײַנען מאַסקים מיט אירע צילן און פרינציפן.

עס איז אויך באַוווּסט, אַז אויסער די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט באַטייליקן זיך אין דער פּראָגראַם פון „אינטערקאָסמאָס", אַף די זעלבע באַדינגונגען, אינדיע און פראַנקרײַך.

קעדיי קיינעם זאָל זיך ניט אויסווײַזן, אַז די פלוגן אין קאָסמאָס, דער אָנטייל אין די פאָרשונגס־אַרבעטן אַף די אָרביטאַלע סטאַנציעס מיצאַד, לאָמיר זאָגן, דעם פּאָליאַק אָדער אין דער צוקונפט מיצאַד דעם פראַנצויז, טראָגן בלויז אַ פּרעסטיזש־כאַראַקטער, דאַרף איך עטוואָס פאַרהאַלטן אײַער אויפמערקזאַמקײַט אַף פאָלגנדיקס.

מיר זײַנען אָנהענגער פון אָרביטאַלע סטאַנציעס, וועלכע האָבן זיך פאַרעקאָמענדירט אַלס פּרעקטיקע וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס מיט גרויסע מעגלעכקײַטן צו שטודירן די נאַטירלעכע רעסורסן פון דער ערד.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר לעאָניד איליטש ברעזשנעוו האָט באַצייכנט די לאַנגדויערנדיקע אָרביטאַלע סטאַנציעס אַלס מאַגיסטראַלער וועג פון דער קאָסמאָנאַוטיק.

דערפון איז, פאַרשטייט זיך, ניט געדרונגען, אַז די אויטאָמאַטישע און ענלעכע סטאַנציעס וועלן אַף ווײַטער ניט אָנגעווענדעט ווערן אַף צו שטודירן דעם קאָסמישן רוים.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער טעמע וועגן דער אָרביטע, וואָס איז נאָענט צו דער ערד. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, איז אָבער אַ פאַקט, אַז דאָס זאָנדירן די ערד פונעם קאָסמאָס גיט אַ גוואַלדיקן עקאָנאָמישן עפעקט. פון אַזאַ זאָנדאַזש דערוויסן מיר זיך פאַר אַ קורצן טערמין וועגן דער ערד, וועגן אירע אוצרעס, נוצלעכע מינעראַלן, וועגן די אוצרעס פון אָקעאַן אַזויפיל, וואָס אַף דער ערד וואָלטן זיך דערויף געפאָדערט צענדליקער יאָרן און זייער גרויסע הוצאָעס, וועלכע מע קאָן אויסדריקן אין אַסטראָנאָמישע ציפערן.

אַלס אַ בײַשפיל איז גענוג צו ברענגען אַט וואָס: די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זײַנען באַקומען געוואָרן פונעם קאָסמאָס, ווערן אויסגענוצט בײַ אונדז אין לאַנד באַם זוכן נוצלעכע מינעראַלן, וואַלד־אײַנריכטונגען, באַם אַנאַליזירן די באָדן־עראָזיע, די פאַרשמוציקטקײַט פון דער נאַטור־סוויווע, די אַנטראָפּאָהענישע צעשטערונגען פון לאַנדשאַפטן, די אָפּשאַצונגען פון דער הידראָלאָגישער אומגעבונג און פון דער סייסמאָטעקטאָנישער ראַיאָנירונג.

אָפן סמאַך פון די מאַטעריאַלן פון די קאָסמישע פאָטאָגראַפיעס זײַנען אַנטדעקט געוואָרן ווערטפולע פּאָלימעטאַלישע אַרצן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך אין דער מאָס, וואָס איז נייטיק פאַר דער אינדוסטריע, מאָליבדען, צינק, זילבער, גאָלד, בלײַ. מע איז צוגעטראָטן צום בויערן אַ ריי נאַפטרײַכע סטרוקטורן אָפן דאָרעם פונעם לאַנד.

עס זײַנען שוין אָפּגעגעבן געוואָרן צום עקספּלואַטירן די געפין־ערטער פון טרינק־וואַסער אין אַ וויסטעניש־ראַיאָן. עס זײַנען אַנטדעקט געוואָרן די מעגלעכקײַטן צו שטודירן די שטרעמונגען און די ביאָ־פּראָדוקטיווקײַט פונעם וועלט־אָקעאַן.

קאָסמישע פאָטאָגראַפיעס ווערן באַנוצט, און זיי גיבן די מעגלעכקײַט צו באַקומען וויכטיקע רעזולטאַטן באַם זוכן נאַפט און גאַז אין ראַיאָן פונעם טײַך וואָלגע, אין באַשקיריע, אין טיומענער געגנט, אַף אוקראַינע, אין טאַדזשיקיסטאַן, ווי אויך בעשאַס פאַרשיידענע פאָרשונגען אין די ראַיאָנען, וואָס ליגן נאָענט צו דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. זיי האָבן געהאָלפן אײַנעם לייזן די אויפגאַבן באַם פּראָיעקטירן אַ ריי גרויסע הידראָעלעקטראָסטאַנציעס אין מיזרעך פונעם לאַנד, אין מיטלאַזיע, אַף קאַווקאַז, באַם זוכן טרינק־וואַסער. אין די מידבער־

ראיאָנען פון אוזבעקיסטאַן, באַם אויספילן די געאָלאָגישע פּאָטאָגראַפירונגען און געאָלאָגישע זוך־אַרבעטן אַפן קאַלסקער האַלב־אינדזל, אַפן פּאַמיר, באַם פּראָעקטירן נאַפט־ און גאַז־לייטונגען אין סיביר, אַפן וויַיטן מיזרעך, און אַזוי וויַיטער.

די פּערספּעקטיוון פון „אינטערקאָסמאָס" זיַינען גרענעצלאָז. אַזאַ אַרבעט איז ניט פאַר די קויכעס פון איין קאָנצערן אָדער אַפילע פון אַ גאַנצער מעלוכע, אויב טראַכטן וועגן אַלע מענטשן פון דער ערד. אָט פאַרוואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געעפנט דעם וועג אין קאָסמאָס פאַר דער גאַנצער מענטשהייַט. איצט קאָן מען אַף די אַלייען פונעם שטערן־שטעטל און אין די טרעניר־זאַלן פונעם צענטער, ווו עס ווערן געגרייט קאָסמאָנאַווטן, זען פאַר־שטייער פון אַ סאַך לענדער פון אייראָפּע, אַזיע, פאַרשטייער פון קובאַ.

קאָרעספּאָנדענט. די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" קלייַבט זיך עפּע־נען אַ נייַע רובריק, וואָס וועט דערציילן די לייענער וועגן די קאָסמאָנאַווטן און וועגן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער קאָסמאָנאַווטיק. וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם?

ג. בערעגאָווּאָי. די אויספאָרשונג פונעם קאָסמאָס, די קאָסמישע פלוגן — דאָס איז אַ צייכן פון דער צייַט. איך מיין, אַז אויב דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַזוי באַשלאָסן, הייסט עס, אַז ער גייט אין טראָט מיט דער צייַט. מע קאָן בלויז ווינטשן אים, ווי יעדן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג, אַ גוטן וועטער און אַ לייַכטע רייַזע.

אויב עס האַנדלט זיך וועגן מיר, בין איך מאַסקים, אַז דער דאָזיקער שמועס מיט מיר זאָל דינען אַלס אָנהייב פון דער נייַער רובריק.

איך ווינטש די לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געזונט און שאָלעם.



וויקטאָר מיטראָשענקאָוו

דער זינגער פון די שטערן־ווײַטן

וועגן ציאָלקאָווסקין און זײַנע אַרבעטן האָט מאַקסים גאָרקי זיך דערוווּסט אין 1920 יאָר, בײַס א באַגעגעניש מיטן יונגן געלערנטן אַלעקסאַנדער טשיזשעווסקי.

— דער דירעקטאָר פונעם ביאָפיזישן אינסטיטוט פּיאָטער פּיאָדאָראָוויטש לאַזאַריאָוו, — האָט דערציילט דער גאַסט, — סטאַרעט זיך קריגן א דערלויבעניש פאַר מיר אַף אַרויסצופאָרן קיין סטאָקהאָלם, צום פּראָפעסאָר סוואַנטע אַרעניוס — טשיזשעווסקי האָט געכאַפּט א קוק אַפן שרײַבער און ניט זיכער פאָרגעזעצט, — דער אַקאַדעמיקער לאַזאַריאָוו בעט, אַז איר, אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש, זאָלט אים קומען צוהילף.

די גרויסע לעבנס־דערפאַרונג האָט קיינמאָל ניט אונטערגעפירט דעם שרײַבער. אויך דאָס מאָל האָט ער ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם מענטשן, וועלכן ער האָט באַגעגנט צום ערשטן מאָל. דער יונגער געלערנטער האָט זיך געעקגערט. אים האָט געקימערט צי דערציילט ער אַזוי, אַז גאָרקי זאָל באַקומען א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ער דערציילט.

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן איז דער גאַסט געפעלן געוואָרן. דעם שרײַבער האָט שטענדיק געריצט די געהיימניס פון פרעמדע פּראָפעסיעס.

— אויב אַרעניוס רופט אײַך צו זיך, — דאַרף מען פאָרן, — האָט גאָרקי געזאָגט, — באַ אים קאָן מען זיך עפּעס אָפּלערנען. — אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט אַרײַנגעקוקט אין דער בריוו, וואָס דער באַזוכער האָט אים דערלאַנגט. ער האָט שמייכלענדיק א קוק געטאָן אַף אים, — ווי איך זע אינטערעסירט ער זיך מיט אײַערע אַרבעטן. און ווער פון אונדזערע געלערנטע איז באַקענט מיט אײַערע עקספּערימענטן?

— אין מאָסקווע דער אַקאַדעמיקער לאַזאַריאָוו, דער פּראָפעסאָר באַטשינסקי. אין קאַלוגע — קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי, דער גרונטלייגער פון ראַקעטאָדינאַמיק און קאָסמאָנאַווטיק.

— וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט זיך פאַרינטערעסירט דער שרײַבער, — ציאָלקאָווסקי, — ער האָט אונטערגעהויבן די ברעמען, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זיך דערמאָנען. דערנאָך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך באַדויער זייער, אַלעקסאַנדער לעאָנידאָוויטש, נאָר וועגן דעם דאָזיקן געלערנטן הער איך דאָס ערשטע מאָל. איך וואָלט אײַך זייער דאַנקבאַר געווען, מײַן יונגער פרײַנט, ווען איר וואָלט מאַסקים זײַן מיר דערציילן וועגן אײַער לערער. וויאַזוי האָט איר אים אָנגערופן? דער גרונטלייגער פון ראַקעטאָדינאַמיק און קאָסמאָנאַווטיק?

— ס׳וועט קומען א צײַט, ווען מיר וועלן שטאָלצירן דערמיט, וואָס מיר האָבן געלעבט אין איין צײַט מיט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקין — האָט געזאָגט טשיזשעווסקי, — און געכאַפּט א קוק אַפן שרײַבער, — ציאָלאָקאָווסקיס ווערק וועלן באַוווּסט ווערן איבער דער גאָרער וועלט, זיי וועלן ברענגען רום דעם פאָטערלאַנד, זיי וועלן באַווירקן פיל אַנדערע וויסנשאַפטן. לויט די אויסרעכענונגען פון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן, וועלן די מענטשן פון דער ניט ווײַטער צוקונפט, פליִען צו אַנדערע פּלאַנעטעס, אַנטדעקן נײַע וועלטן, דערלערנען אַנדערע גאַלאַקטיקעס. מיט זײַנע ווערק האָט ציאָלקאָווסקי דערנענטערט דעם מענטשן צום קאָסמאָס. ער האָט פעסטגעשטעלט די וועגן און די עטאַפּן פון באַהערשן און אַפילע פון באַפעלקערן די אַלוועלט. זײַן נאָמען וועט ניט פאַרגעסן ווערן, ביזוואַנען די מענטשהײַט וועט עקזיסטירן אַף דער ערד, ביזוואַנען זי וועט לעבן אַף אַנדערע פּלאַנעטעס. זײַנע גרונטאויספאָרשונגען וועגן קאָסמאָס האָט ער דורכגעפירט נאָך אין סאָף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך פאַרוווּנדערט גאָרקי. — מיך אינטערעסירט צי ער האָט געדרוקטע אַרבעטן, כאָשעווער אַלעקסאַנדער לעאָנידאָוויטש?

— פאַראַן, און ניט נאָר קיין וויסנשאַפטלעכע. ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָלן אים פאַרשטיין אַלע מענטשן פון דער וועלט און ניט בלויז קיין ענגער קרײַז פון געלערנטע, דערי־

בער שרײַבט ער אויך פּאָפּוליערע ביכלעך, אין וועלכע ער דערציילט אין אַ קינסטלערישער פאָרם וועגן זײַנע אידייען.

— פאַנטאַסטישע דערציילונגען? — האָט דער שרײַבער זיך דערפרייט.

— ניין, אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש, ניט קיין פאַנטאַסטיק. אין זײַנע דערציילונגען איז גאָר ניט צוגעטראַכט. נאָר זײַנע אידייען זײַנען נאָך זייער ווײַט פון רעאַליזירט צו ווערן. ניט לאַנג צוריק איז דערשינען זײַנס אַ ביכל „אויסער דער ערד"...

— וועגן וואָס?

— וועגן אַ פלוג העכער פון דער אַטמאָספער. און דער עקיפּאַזש פון דער קאָסמישער שיף איז דער פראַנצויז לאַפּלאַס, דער איטאַליענער האַלילייִ, דער דײַטש העלמהאָלץ, דער ענגלענדער ניוטאָן, דער אַמעריקאַנער פראַנקלין און דער רוס איוואַנאָוו...

— אינטערעסאַנט...

— קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש האָט באַשריבן אַלע פּלאַנעטעס פון דער זון־סיסטעם, ער האַלט, אַז אויף זיי איז מעגלעך אַ לעבן, וואָס איז ניט ענלעך אויף דעם ערדישן, אָט ווי ער באַשרײַבט, צום בײַשפּיל, דעם אַסטעראָיִד וועסטאַ. אַנטשולדיקט, איך ציטיר לויטן זיקאָרן: „די באַזינטע באַפעלקערונג, איז באַדעקט מיט אַ דורכזיכטיקער הויט, וואָס לאָזט דורך די שײַן, נאָר לאָזט ניט אַרויס קיין מאַטעריע, לעבט גאַנץ לאַנג און ווערט געבוירן זייער זעלטן. דער יונגער דאָר ווערט דערצויגן אין ספּעציעלע געבײַדעס, וואָס זײַנען פון אַלע זײַטן פאַרמאַכט, זיי לאָזן ניט דורך קיין גאַזן און קיין פליסיקײַטן, נאָר שײַן לאָזן זיי דורך. מיט איין וואָרט, אינעם ערשטן פּעריאָד פון לעבן אַנטוויקלען זיי זיך און וואַקסן אַן ערעך, ווי די אײַנוווינער פון דער ערד און דער לעוואָנע, מיטן אונטערשייד, וואָס די אַרומרינגלונג זייערע איז אַ ריין קינסטלעכע און אין זייער דערנערונג פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט די שײַן פון דער זון".

— יאָ... דערנערונג מיט שײַן פון דער זון... אײַך דוכט זיך ניט, כאָטשעווער אַלעקסאַנדער לעאָנידאָוויטש, אַז דאָ שמעקט מער מיט פּאָעזיע, ווי מיט וויסנשאַפט? אַז די זון איז אַ גרויסער קוואַל פון לעבן איז פון לאַנג באַוווּסט די מענטשן, און באַזונדערס די שרײַבער, — גאָרקי האָט אַ שמייכל געטאָן, — איר געדענקט קאָראָלענקאָס „קינדער פון אונטערערד"? איר געדענקט, וויאַזוי ער באַשרײַבט די קליינינקע מאַרוסיע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין קעלער פונעם קלויסטערל אויפן בייסאַלמען? — ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צום ביכער־שראַנק, ניט געאײַלט אַרויסבאַקומען אַ בוך, געעפנט אים און מיט אַ טרויעריק־צוגעדעמפּטער שטים איבערגעלייענט: — „דאָס איז געווען אַ בלאַס, פּיצינקעלע באַשעפעניש, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ בלימל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אָן די שטראַלן פון דער זון..." ער האָט געלייענט פּאַמעלעכן און לאַנג. דערנאָך האָט גאָרקי אַוועקגעלייגט דעם בוך אויפן טיש און מיט דער האַנט עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן דעם שאַרבלאַט. ער האָט אָפּגעקערט דעם בליק אין אַ זײַט און שטיל איבערגעכאַזערט — דערנערונג מיט שײַן פון דער זון... יאָ־אָ.

— און דאָך איז דאָס ניט קיין דיכטערישע מעטאַפאָרע, נאָר אַ זאַך פון וויסנשאַפט, — האָט פאַרזיכטיק געזאָגט טשיזשעווסקי, — קעדיי עס זאָל אויפקומען אַ לעבן זײַנען נייטיק פיר עלעמענטן: יאַבאָשע, פײַכטקײַט, לופט און זון... — טשיזשעווסקין האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז גאָרקי הערט אים ניט, דעריבער איז ער אַנשוויגן געוואָרן.

— איר רעדט מיט אַזויפיל אַזאַרט וועגן דער זון, פונקט, ווי איר זעלבסט און ניט אײַער לערער וואָלט זיך פאַרנומען מיט דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד.

— מיטן דערלערנען און באַשרײַבן די זון פאַרנעם איך זיך לויטן פאָרשלאָג פון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן.

— און וואָס זשע באַשטייט דער טאָך פון אײַער אַרבעט?

טשיזשעווסקי האָט זיך פאַרטראַכט. וועגן וואָס דערציילן? וועגן די פּרוּוון איבער די שטשורעס, צי עפּשער דערציילן וועגן דער געהיימניס פון דעם „שיידים אָפּגרונט" אין די אַלפּן?..

— מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך דער פּראָפעסאָר סוואַנטע אַרעניוס, שטעל איך זיך אָנערעך פאָר, — האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן דער שרײַבער, — מיט אײַך האָט ער זיך געוויס פאַרינטערעסירט ניט צופעליק.

— יאָ, אים אינטערעסירן די אויספאָרשונגען וועגן די איאָנען אין דער לופט.

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט גענומען אַ הענטלפעדן און מיט אַ קלאָרן האַנטשריפט אָנגעשריבן עטלעכע שורעס.

— אָט דאָס איז פאַר אײַך. גיט איבער די בריוו דעם אַקאַדעמיקער מיכאַיִל ניקאָלײַעוויטש פּאָקראָווסקין — דעם פאַרטרעטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַר פון בילדונג.

טשיזשעווסקי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, פלינק איבערגעלייענט מיט די אויגן דאָס צעטעלע:

„טײַערער מיכאַיִל ניקאָלײַעוויטש! איך בעט אײַך זייער אויפנעמען און אויסהערן דעם בירגער טשיזשעווסקי. פון די דאָקומענטן, וועלכע ער וועט אײַך באַווײַזן, וועט איר זען, אַז דער דאָזיקער מענטש פאַרדינט אויפמערק־

זאַמקייט. ער וויל פאָרן לערנען צום באַרימטן אַרעניוסן. איך דריק פעסט אײַער האַנט.
מ. גאָרקי".

טשיזשעווסקי האָט פאַרנייגט דעם קאָפּ:

— אַ דאַנק אײַך, אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש. איך זאָג צו באַרעכטיקן אײַער צוטרוי.

— די בריוו פון אַרעניוסן וועל איך דערווײַל צונעמען, — האָט געזאָגט גאָרקי. איך וועל זי באַווײַזן לונאַטשאַרסקין און וולאַדימיר איליטשן. — ער האָט שמייכלענדיק אַ דריק געטאָן דעם גאַסט די האַנט און אים צוגעפירט ביז דער שוועל. — איך קלער דערציילן וולאַדימיר איליטשן וועגן אײַער לערער פון קאַלוגע...

דעמלט האָט גאָרקי נאָך ניט געוווּסט, אַז ער וועט ערנסט און אויף לאַנג זיך פאַרינטערעסירן מיט די פּראָבלעמען פון קאָסמאָס, אַז ער וועט איבערלייענען אַ גרויסע צאָל ביכער, זיך נעמען איבערשרײַבן מיט ציאָלקאָווסקין, אַז ער וועט זיך סטאַרען טאָן אַלץ, קעדיי פאַרזיכערן ציאָלקאָווסקיס פּריאָריטעט אין דער אַלוועלטלעכער קאָסמישער וויסנשאַפט. אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען שפּעטער. דערווײַל איז נאָך געווען זומער פון 1920 יאָר.

פליִען אויף מאַרס? איצט ווען לעבן פּינסק גייען שלאַכטן, ווען אויף קובאַן האָבן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, ווען פון קרים גרײַפט אָן וראַנגעל. אויף די הונגעריקע קינדער פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד, סאַראַטאָוו און סמאָלענסק האַלט זיך קוים די הויט. זיי האָט ניט געהאָלפן קיין שום זוניקע שײַן, זיי פעלט אויס אַ פּיסנע שטיקל ברויט און דאָ — די אײַנוווינער פונעם אַסטעראָיד וועסטאַ מיט דער דורכזיכטיקער הויט... עפּשער לאָזן די פּראָבלעמען וועגן קאָסמאָס פאַר דער פאַנטאַסטישער ליטעראַטור, פאַר די מענטשן פונעם איין־און־צוואַנציקסטן, צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווי קאָנען עס די מענטשן פונעם צוואַנציקסטן יאָר, וועלכע זײַנען באַלעסטיקט מיט די טאָגטעגלעכע זאָרגן, טראַכטן וועגן קאָסמאָס?

נו, און ציאָלקאָווסקי? ער איז דען ניט אַרומגערינגלט מיט קיין נויט און דאַכקעס? פונדעסטוועגן הערט ער ניט אויף צו טראַכטן וועגן די דאָזיקע זאַכן.

ניין, אומבאַדינגט דאַרף מען דערציילן וועגן ציאָלקאָווסקין איליטשן. גאָרקי פאַרשטייט, אַז נאָר לענין קאָן ערנסט און גרינטלעך לייזן די פראַגע וועגן אַרויסווײַזן הילף קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן.

אַ געשפּרעך וועגן ציאָלקאָווסקין האָט גאָרקי פאַרפירט מיט לענינען ערשט שפּעט אין האַרבסט. ניט געקוקט אויף דער מידקייט, ניט געקוקט אויף די טויזנטער אַנדערע ערדישע פּראָבלעמען, האָט וולאַדימיר איליטש גלײַך דערשפּירט דעם הויכן שוווּנג פון געדאַנק פון דעם קאַלוגער געלערנטן קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי.

— אויב דאָס אַלץ, וועגן וואָס עס שרײַבט ציאָלקאָווסקי איז רעאַל, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט לענין, — געפינען מיר זיך באַם געבורט פון אומגעווײנלעכע דערפינדונגען... מע דאַרף אים העלפן. אומבאַדינגט העלפן.

און לענין האָט אוועקגעשיקט קיין קאַלוגע פיאָדאָר ניקאָלײַעוויטש פּעטראָוון, אַ פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער, לויט דער בילדונג אַ דאָקטער. פּעטראָוו האָט באַקומען אַן אויפגאַבע זיך באַקענען מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פונעם געלערנטן, אָנעמען עקסטרע מיטלען אויף צו העלפן אים און צוגרייטן פאַרשלאָגן פאַרן סאָווּנאַרקאָם.

איבערגעלייענט ציאָלקאָווסקיס עטלעכע בראָשורן, איז פּעטראָוו געווען דערשיטערט. ער האָט זיך ניט געאײַלט אומצוקערן קיין מאָסקווע. אַלץ, וואָס עס האָט אים דערציילט דער אַלטער לערער, איז געווען ווּנדערלעך. אין די אָוונטן האָבן זיי לאַנג געשמועסט: דער גאַסט האָט דערציילט וועגן דער ראַטנמאַכט, דער באַלעבאָס — וועגן דער אַלוועלט — און אַט די ביידע טעמעס האָבן פאַרייניקט די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן געגלייבט אין דער ווּנדערלעכער צוקונפט.

— איך בין זיכער, — האָט פיל מאָל איבערגעכאַזערט דער געלערנטער, — אַז מיט דער צײַט, רײַזנדיק אין רוים, וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט אַנטוויקלטע ציוויליזאַציעס, מעגלעך נאָך מער אַנטוויקלטע, ווי אונדזער ציוויליזאַציע...

און פּעטראָוו האָט געקוקט אָפן באַנאַכטיקן הימל, געקוקט אויף די שטערן — און געזען שוין ניט פּאַשעט קיין הימל איבערן קאָפּ, נאָר אַ טייל פון אַלוועלט, ווו עס האָבן זיך געפונען מיליאַרדן וועלטן, אויף וועלכע עס וווינען לעבעדיקע נעפּאַשעס.

ציאָלקאָווסקין האָט שטאַרק דערפרייט און איבעראַשט דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון פּעטראָוון — ער איז געווינט געווען דערצו, אַז מע זאָל אים רעכענען פאַר אַ טשודאַק, דער אַלטער געלערנטער איז געווינט געווען צו איינזאַמקייט, נויט און אָפּשפּעטערײַ, און פּלוצעם לאָזט זיך אויס, אַז אים, ציאָלקאָווסקין דאַרף האָבן די ראַטנמאַכט. אים און זײַן אַרבעט דאַרף דאָס לאַנד, דאָס פאָלק.

— איך האָב געלעבט, ווי אין אַ קאָסמישער שיף, אַן איזאָלירטער פון דער אויסערלעכער וועלט. איצט האָב איך ווי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. איך האָב געקלערט, אַז דער ערשטער פלוג אין קאָסמאָס וועט פּאַרקו־

מען אין 2017 יאָר, אין הונדערט יאָר ארום, ניט פריִער. ניין, איך האָב א טאָעס געהאט. א סאך פריִער! און דער ערשטער וועט פליִען אין קאָסמאָס א רוסישער מענטש!

אויסגעפילט די פארגעבונג פון וולאדימיר איליטשן, אָרגאניזירט מאטעריעלע הילף פאר ציִאָלקאָווסקין, האָט פעטראָוו זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע.

אין אָקטיאבער פונעם 1921 יאָר האָט לענין געבעטן דעם נארקאָם פון בילדונג לונאטשארסקין ארויסווײַזן באזונדערע זאָרג דעם דערפינדער. קאָנסטאנטין עדואַרדאָוויטש האָט אָנגעהויבן באקומען צוויי אקאדעמישע פּאיאָקן.

אין נאָיאבער 1921 איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס וועגן א געהעכערטער פענסיע פאר ציִאָלקאָווסקין. אינעם פּראָטאָקאָל, וועלכן לענין האָט אונטערגעשריבן, איז געזאָגט געוואָרן: „אין צוזאמענהאנג מיט די באזונדערע פארדינסטן פונעם דערפינדער, דעם ספּעציִאליסט פון אוויִאציע ק. ע. ציִאָלקאָווסקי אין געביט פון פאנאנדערארבעטן די פראגן פון אוויִאציע, אויסטיילן פאר ק. ע. ציִאָלקאָווסקין א פענסיע אפן גאנצן לעבן אין דער סומע פון 500.000 רובל א כוידעש..."

נאָר דאָס איז פאָרגעקומען ערשט אין א יאָר ארום, נאָך א שווער יאָר פון בירגערקריג...

לויטן פאָרשלאָג פון לענינען איז גאָרקי אוועקגעפאָרן זיך היילן קיין איטאליע. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן טויט פונעם פירער און פרײַנט. די דאָזיקע ידיִע האָט אים דערשלאָגן. גאָרקי האָט לאנג געקרענקט און ניט אופגעהערט צו טראכטן וועגן די פילצאָליקע אידייען און ארבעטן, וואָס זיי בײדע האָט פארייניקט לאנגע יאָרן.

און ווידער האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם קאלוגער טרוימער. אייגנטלעך, האָט ער קיינמאָל אין אים ניט פארגעסן.

דעם 2־טן אָקטיאבער האָט די „איזוועסטיִא" אָפגעדרוקט א מיטיילונג וועגן דעם, אז ס'איז דערשינען א בוך פונעם פראָפעסאָר הערמאן אָבערט „די ראקעטע צו די פלאנעטעס", אין וועלכן עס ווערט דערוויזן די מעגלעכקײַט צו פליִען צו אנדערע פלאנעטעס.

די מיטיילונג האָט פארוווּנדערט גאָרקין. ער איז באקענט מיט ציִאָלקאָווסקיס אן ארבעט קימאט מיטן זעלבן נאָמען. דער פריִאָריטעט פונעם רוסישן געלערנטן פון דער וויסנשאפטלעכער טעאָריע וועגן באהערשן דעם קאָסמאָס איז פארגעסן געוואָרן. ציִאָלקאָווסקיס נאָמען איז אין יענער מיטיילונג אפילע ניט דערמאָנט געוואָרן.

די אמעריקאנער פרעסע האָט געלויבט אין הימל ארײַן די נײַע דערפאָלגן פון גאָדארדן, דעם „פאָטער פון קאָסמישע רײַזעס", געשריבן וועגן זײַן ראקעטע, וואָס וועט אײַנגיכן פליִען אף דער לעוואָנע.

מיט איין מאָל דרײַ „פאָטערס פון קאָסמאָנאוטיק" — דער רוס ק. ציִאָלקאָווסקי, דער אמעריקאנער ק. גאָדארד, און דער דײַטש ה. אָבערט!

פארטיידיקן דעם וויסנשאפטלעכן פריִאָריטעט פון ק. ע. ציִאָלקאָווסקין איז ארויסגעטראָטן דער פראָפעסאָר נ. רינדין, דער מאטעמאטיקער ד. גראווע, דער נארקאָם א. לונאטשארסקי, דער שרײַבער מ. גאָרקי.

אין 1926 יאָר איז דער אינזשעניר שערשעווסקי, דער נאָענטסטער געהילף פון אָבערטן, ארויסגעטראָטן אין דײַטשלאנד אין דער פרעסע און אנערקענט, אז דער רוסישער געלערנטער ק. ע. ציִאָלקאָווסקי האָט דער ערשטער וויסנשאפטלעך באגרינדעט די פראָבלעם פון קאָסמישע שיפן. זײַנע ערשטע שאפונגען וועגן דעם האָבן זיך באוויזן אין 1903 יאָר. און באלד נאָך זײַן געהילף האָט הערבערט אָבערט זעלבסט געשריבן: „נאטירלעך, אז איך וואָלט געווען דער סאמע לעצטער, וואָס וואָלט באשטרײַט אײַער פריִאָריטעט און אײַערע פארדינסטן אין דעם איניען פון ראקעטעס..."

אין סאָרענטאָ, ווײַט פונעם היימלאנד, האָט גאָרקי שטענדיק געטראכט וועגן די, וואָס בויען אין רוסלאנד א נײַ לעבן.

קימאט יעדן טאָג האָט ער זיך אופגעהויבן אפן פלאכן דאך פון דער ווילע, ווו ער האָט געוווינט, און דורך דער באָבאכטונגס־טרויב געקוקט אף די שטערן. אָפט פלעגט אים קומען אפן זינען אלעקסאנדער טשיזשעווסקי — ער איז געווען גערעכט, אָט דער טאלאנטפולער יונגער געלערנטער — ציִאָלקאָווסקיס נאָמען איז שוין ארײַן אין דער געשיכטע. און אליין איז ער, אלעקסאנדער לעאָנידאָוויטש אזא, ווי ער האָט געמאכט דעם ערשטן אײַנדרוק — אן ערנסטער, אן אײַנגעשפארטער, א באגאבטער.

אפן אלרוסישן צוזאמענפאָר פון די פויערישע שרײַבער, האָט גאָרקי זיך נאָכגעפרעגט בא ק. אלטײַסקין, וועגן ציִאָלקאָווסקין, וועגן די נײַע אידייען און ווערק פון זײַן לאנדסמאן.

אין א בריוו צו אלטײַסקין שרײַבט גאָרקי:

„עס וואָלט גוט געווען, איר זאָלט געבן א פארצייכענונג וועגן ק. ע. ציִאָלקאָווסקין, דה. וועגן אלע זײַנע ארבעטן, — די גרויס פון א בויגן, 40 טויזנט צייכנס. דאָס איז פאר „אונדזערע דערגרייכונגען". און דערנאָך איז שוין פון לאנג נייטיק אָנשרײַבן וועגן דעם דאָזיקן ווונדערלעכן מענטשן א בוך פון א בויגן 6—10, אָנשרײַבן פּאָפּולער און גענוי דערציילן וועגן זײַנע ארבעטן און וועגן די באדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געארבעט...

איך וואָלט, געוויס, אײַך געהאָלפֿן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן בוך”.

אַלטײַסקי האָט קיין פֿאַרצייכענונג וועגן ציאָלקאָווסקין ניט אָנגעשריבן, ער האָט אויך ניט אָנגעשריבן קיין בוך וועגן געלערנטן, כאָטש ער האָט געגעבן די האַסקאָמע, אַז ער וועט דאָס טאָן. דער קאַלוגער פֿאָטאָגראַף א. ניעטוזשילין האָט צוגעשיקט גאָרקין פֿיר פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ציאָלקאָווסקין און דערמיט האָט זיך געענדיקט דער איניען. אָבער אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש זאָגט זיך ניט אָפּ פֿונעם פֿאַרטראַכט. ער ווענדעט זיך צו זײַן לאַנגאָניקן קאָרעספּאָנדענט שטשערבאַקאָוון, וואָס לעבט אין קאַלוגע. ער שרײַבט אים:

„סערגיי וואַסיליעוויטש!

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וועל קומען קיין קאַלוגע, און מיר וועלן זיך אָנלאַכן בײַ א גלעזל טיי. צווישן אַנדערס, האָט בײַ אײַך איינער א ציאָלקאָווסקי סאָפּקאָלסאָף אַנטדעקט „די סיבע פֿון קאָסמאָס”, וועלן מיר אים אויך אײַנלאַדן טרינקען טיי און זאָל ער אונדז ווײַזן די דאָזיקע „סיבע”, אויב זי האָט אַן אָנגענעמענעם אויסזען. דו, סערגיי וואַסיליעוויטש, האָסט אויך אַמאָל געזוכט די דאָזיקע „סיבע”, געקוקט דורך דער טרויב, אויף די שטערן, אַזוי אַז דו קענסט, מינאַסטאַם, ציאָלקאָווסקין?” ווײַזט אויס, אַז די קאַלוגער זײַנען ציקאַווע מענטשן, אויב זיי זײַנען פֿייִק אַנטדעקן אַזעלכע „סיבעס...”

ציאָלקאָווסקי האָט געגלייבט אין דער עקזיסטענץ פֿון ציוויליזאַציעס אויף אַנדערע פּלאַנעטעס. אָט זײַנען זײַנע נעוויִעס: „די מענטשהײַט וועט ניט בלײַבן אייביק אויף דער ערד, אין געיעג נאָך שײַן און רוים וועט זי פֿון אָנפֿאַנג פּאַמעלעך אַרײַנדרינגען אויסער דער גרענעץ פֿון דער אַטמאָספֿער, און דערנאָך אָפּנעמען דעם גאַנצן רוים אַרום דער זון”.

וועגן דעם, אַז עס עקזיסטירן אַנדערע ציוויליזאַציעס, האָט נאָך א סאַך פֿריִער פֿון ציאָלקאָווסקין דערקלערט קעפּלער, ער האָט אָבער געמאַכט א סקעפּטישן אויספֿיר, אַז ס׳איז שווער צו גלייבן, אַז עמעצער זאָל דערגרייכן די קונסט פֿון פֿליִען, און אַז עס זאָלן זיך געפֿינען גענוג מענטשן, וואָס זאָלן גרייט זײַן פֿאַרלאָזן די ערד.

אין סענטיאַבער 1932, אין געבורטס־טאָג פֿון קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן, שיקט גאָרקי אים א טעלעגראַמע: „מיטן געפֿיל פֿון טיפֿער אַכטונג באַגריס איך אײַך, העלד פֿון מי”.

דער פֿינף־און־זיבעציקסטער יובילײ פֿון ציאָלקאָווסקין ווערט א יאָמטעוו פֿון דער וויסנשאַפֿט, א גרויסע דערשײַנונג אין לעבן פֿון לאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום שרײַבט ציאָלקאָווסקי דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן שרײַבער:

„טײַערער אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש!

א דאַנק אײַך פֿאַר אײַער גרוס. איך באַנוץ זיך מיט אײַער גוטער באַציִונג, קעדיי טאָן עפּעס נייטיקס פֿאַר די מענטשן. איך שרײַב א ריי פֿאַרצייכענונגען, גרינגע צום לייענען, ווי לופֿט פֿאַר עטעמען. דער ציל איז: דערלערנען די אַלוועלט און די פֿילאָסאָפֿיע, וואָס באַזירט זיך אויף דער דאָזיקער דערקענטעניש. איר וועט מיר ענטפֿערן, אַז דאָס איז אַלץ באַוווּסט. באַוווּסט, נאָר דאָס אַלץ איז ניט אַרײַנגעדרונגען אין די מאַסן. און ניט נאָר אין זיי, נאָר אויך אין די אינטעליגענטע מאַסן און אַפֿילו אין די מאַסן פֿון געלערנטע...”

פֿון יענער צײַט שטעלט זיך אײַן א באַשטענדיקער בריוו־אויסטויש צווישן דעם שרײַבער און דעם געלערנטן.

ניט געקוקט אויף זײַן בעקאָוועדיקן עלטער איז ציאָלקאָווסקי פֿול מיט שעפֿערישע פּלענער. ער זעצט פֿאָר צו פֿאַנאַנדעראַרבעטן די טעאָריע פֿון צווישנפּלאַנעטן פֿלוגן, אַרבעט איבער דער אידיי פֿון עפֿעקט פֿון דער לופֿט־קישן (די אידיי וועגן צוג אָן רעדער). בלויז פֿאַר דרײַסיק יאָר פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט פֿון 1891—1921 האָט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש אָנגעשריבן העכער פֿערציק ביכער, פֿון וועלכע עס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דרײַסיק. דאָס זײַנען געווען אַרבעטן וועגן פֿיזיק, כימיִע, געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפֿט און, נאַטירלעך, וועגן פֿליִען אין דער לופֿט.

די צײַט איז געגאַנגען. דאָס לאַנד האָט געבויט אַעראָפּלאַנען... גאָרקיס זון מאַקסים פּעשקאָוו, וואָס איז פֿון קינדווײַז פֿאַרליבט געווען אין אַוויִאַציע, טאָגט און נעכטיקט אין צאַגי, אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ פֿון אַנדריי ניקאָלײַעוויטש טופּאָליעוון, ווו עס ווערט געבויט דער לופֿט־גיגאַנט „מאַקסים גאָרקי”. דער אַעראָפּלאַן ווערט געבויט אויף די מיטלען, וואָס זײַנען צונויפֿגענומען געוואָרן בײַ די פֿאַרערער פֿון גאָרקיס טאַלאַנט. אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש הערט אויס שמייכלענדיק די באַגײַסטערטע ווערטער פֿונעם זון וועגן אַוויִאַציע און טראַכט דערבײַ וועגן ציאָלקאָווסקין.

אין גאָרקיס ביכער־שראַנקען איז איין פּאָליצע אויסגעטיילט פֿאַר די אַרבעטן פֿון ציאָלקאָווסקין, די דאָזיקע ביכער האָט אים געשענקט דער געלערנטער און צוגעשיקט האָט זיי אַלעקסאַנדער טשיזשעווסקי.

ווי גוט עס איז, וואָס ציאָלקאָווסקי האָט שילער, וועלכע זײַנען פֿייִק טיף און אַרגומענטירט פּראָפּאַגאַנדירן זײַנע ווערק! אומבאַדינגט וועט ער גלײַך אָנקלינגען טשיזשעווסקין, אומבאַדינגט.

— אַלעקסאַנדער לעאָנידאָוויטש, טײַערער! איך בעט אײַך איבערגעבן קאָנסטאַנטין עדואַר־

דאָוויטשן, אַז זײַנע אַרבעטן, לויט מײַן פאַר־
שטאַנד, געהערן דער גאַנצער מענטשהײַט און
פריִער פאַר אַלץ דעם סאָוועטישן פאָלק. מיר
זײַנען איצט זייער שטאַרק, דער סאָציאַליזם
אין די בעסטע עקאָנאָמישע באַזע, אַף צו פאַר־
ווירקלעכן אין לעבן די אידיי פון פליִען אין
קאָסמאָס.

גאָרקי האָט גערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל
און פאַר די אויגן איז געשטאַנען דער יונגער
געלערנטער, וואָס איז מיט אָנדערהאַלבן צענד־
ליק יאָר צוריק שעמעוודיק איבערגעטראָטן די
שוועל פון זײַן קוואַרטיר אינעם מאַשקאָװ־
געסל. נײַן, איצט איז טשיזשעווסקי שוין ניט
יענץ שעמעוודיקע באָכערל — אַ גרויסער, ערנ־
סטער געלערנטער איז ער. גאָרקי האָט גע־
שמייכלט צו זיך אַליין — אַלעקסאַנדער לעאָני־
דאָוויטש! און ווי האַלט עס מיט מאַרס — איר
האָט נאָך ניט איבערגעקלערט?

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט גאָרקי
געהערט דורך ראַדיאָ די שטים פון קאָנסטאַנ־
טין עדואַרדאָוויטשן: „אַלע ווערק וועגן אוויאַ־
ציע, ראַקעטן־פליגן און צווישן־פּלאַנעטן־פאַר־
קער גיב איך איבער דער פּאַרטיי פון באָלשע־
וויקעס און דער ראַטנמאַכט — די עכטע אָנפי־
רער פון פּראָגרעס, פון מענטשלעכער קולטור".

פון דער גרויסער צאָל בריוו, וואָס גאָרקי
באַקומט טאָגטעגלעך, טײַלט דער שרײַבער
אויס דאָס צעטעלע פונעם מאָסקווער בירגער
ג. סאָקאָלאָוו, אין וועלכן דער קאָרעספּאָנדענט
שרײַבט: „דאָס דערשײַנען פון ציאָלקאָווסקיס
ווערק „אעראָסטאַט" און „די רעאַקטיווע באַ־
וועגונג", האָט זיך פאַרצויגן..." גאָרקי פאַר־
צייכנט אין אַ באַזונדער העפט „קאָנטראָלירן"...
ער איז זיכער, אַז ציאָלקאָווסקיס ביכער האָבן
איצט אַ גרויסע ווערט. יאָ, דער כאָשעוועער סאָ־
קאָלאָוו איז גערעכט: ציאָלקאָווסקיס אַרבעטן
זײַנען זייער וויכטיק. דאָס אַנערקענען אַלע.
אַפילו דער הער אָבערט האָט געשריבן: „איר
האָט אָנגעצונדן דאָס פײַער, און מיר וועלן אַר־
בעטן, ביז דער גרעסטער טרוים פון דער
מענטשהײַט וועט פאַרווירקלעכט ווערן".

דער טרוים וועט פאַרווירקלעכט ווערן,
אומבאַדינגט, נאָר דערווײַל דאַרף מען גלײַך
אַרויסגעבן ציאָלקאָווסקיס אַרבעטן, און גלײַ־
כער אין אַ מאַסן־טיראַזש.

יאָ, ציאָלקאָווסקיס נאָמען איז געוואָרן
ברייט באַוווּסט, דער געלערנטער האָט דעראַ־
בערט אויטאָריטעט אין די וויסנשאַפטלעכע און
ליטעראַרישע קרײַזן, נאָר ווו איז אַ בוך, כאָטש
אַ פאַרצייכענונג וועגן אים. אַלטײַסקין האָט
זיך די אַרבעט ניט אײַנגעגעבן. נאָר עמעצער
דאַרף דאָך אָנשרײַבן...
נײַן, מע מוז דערפירן דעם דאָזיקן איניִען
ביז צו אַ סאָף.

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פאַרפירט אַ
שמועס מיטן זשורנאַליסט מיכאַיל לוקיאַנאָוו,
און יענער, אַ מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל
„אונדזערע דערגרייכונגען", פאַרשטייט ניט
פאַרוואָס גאָרקי מאַכט אים אַן עקזאַמען איבער
די פּראָבלעמען פון קאָסמישער פאַנטאַסטיק.

— איר דאַרפט, מײַן פרײַנט, אופמערקזאַם
דורכשטודירן די ווערק פון קאָנסטאַנטין עדואַר־
דאָוויטשן, — ער האָט דורכדרינגלעך אַ קוק
געטאָן אַף לוקיאַנאָוון, גענומען פונעם טיש
דעם בוך „דאָס לעבן אין דער סוויווע פון
שטערן" און זיך געוווּנדערט צו אים. — אָט
הערט, „אויב מע זאָל אָט די קליינינקע פּלאַ־
נעטע פאַרוואַנדלען אין אַ וווינונג פאַר מענטשן,
צעציִען זי אין אַ לאַנגן־לאַנגן צילינדער, וועט
די צוציִונג זײַנע פאַרקלענערט ווערן אין פיל
מאָל. און אין צילינדער וועט זי אינגאַנצן ניט
זײַן". אינטערעסאַנט? אַ?

און דאָך האָט לוקיאַנאָוו ניט געקאָנט באַ־
נעמען פאַר וועלכע זינד מע צווינגט אים
לייענען וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז לוקיאַנאָוו
אוועקגעפאָרן קיין קאַלוגע.

ציאָלקאָווסקי האָט פרײַנטלעך באַגעגנט
דעם גאַסט, נאָר דערציילן וועגן זיך ניט מאַס־
קים געוועזן.

— קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש, — האָט
דער זשורנאַליסט זיך געבעטן, — גאָרקי איני־
טערעסירט זיך מיט אײַערע נײַע אַרבעטן.
גאָרקי!

— ביטע, — האָט אומגעריכט געזאָגט דער
געלערנטער. פאַר גאָרקין — ביטע, און אָנגע־
הויבן אויסלייגן זײַנע אידייען וועגן קאָסמישע
צוגן, וועלכע וועלן באַשטיין פון אַ ריי ראַקע־
טעס, וועגן דעם, וויאַזוי די קאָסמאָנאַווטן וועלן
לויט זייער ווילן ענדערן די ריכטונג און די
שנעלקייט פון זייערע שיפן מיט דער הילף פון
קליינינקע האַנט־ראַקעטעס. דער מענטש וועט
אין ספּעציעלע קאָסטיומען, וואָס לאָזן ניט דורך
קיין גאַזן, אַרויסגיין פון דער ראַקעטע און זיך
באַוועגן אין עטער — אין דער סוויווע, וואָס
פאַרמאָגט ניט קיין וואָג..."

קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש דערציילט
וועגן די אַרבעטן פון די געלערנטע גאָדאַרד,
אָבערט, ענאָ־פעלטרי.

מיט באַגײַסטערונג הערט אויס דער זשור־
נאַליסט אַלץ, וואָס עס דערציילט דער געלערנ־
טער. שוין זשע איז דער אומגעריכטער און
אומפאַרשטענדלעכער שמועס מיט מאַקסים
גאָרקין פאַרגעקומען ערשט מיט עטלעכע טעג
צוריק. דעמלט האָט ער קימאַט גאָרנישט ניט
געוווּסט וועגן ציאָלקאָווסקין. וויאַזוי האָט עס
געקאָנט זײַן?

ווען גאָרקי האָט געגעבן צו וויסן, אַז לוקיאַנאָווס פאַרצייכענונג איז פאַרעפנטלעכט, איז דער געלערנטער געלעגן צו בעט. אָנשטרענגענדיק אַלע קויכעס, שרײַבט ציאָלקאָווסקי אָן עטלעכע שורעס אַף זײַן אַרבעט „די אומופהערלעכקײַט פון לעבן" און בעט איבערגעבן גאָרקין אַ הייסן גרוס און אַ דאַנק פאַר דעם שרײַבערס אופמערקזאַמקײַט צו זײַן באַשיידענער אַרבעט.

גאָרקי האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז ער וועט פאָרן קיין קאַלוגע אין מײַ 1934 יאָר. אָבער דעם דאָזיקן פאַרטראַכט איז אים ניט געווען באַשערט צו פאַרווירקלעכן.

די אומגעריכטע קרענק און דער טויט פונעם זון האָט אים געשטערט פאָרן צו ציאָלקאָווסקין.

אין 1934 יאָר איז, מיט דער הילף פון אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן, דערשינען ציאָלקאָווסקיס אַ צוויי־בענדיקע אויסגאַבע. אין אַ יאָר אַרום איז דער גרויסער טרוימער פון קאַלוגע געשטאָרבן. און שפּעטער מיט אַ יאָר איז פאַריאָסעמט געוואָרן אונדזער ליטעראַטור — דאָס האַרץ פונעם שטורעם־פויגל האָט אופגעהערט צו קלאַפּן.

יאָרן זײַנען געגאַנגען. אונדזער לאַנד האָט פאַרווירקלעכט דעם טרוים פונעם גרויסן געלערנטן. דער ערשטער איז אַרײַנגעדרונגען אין רוים פון קאָסמאָס דער סאָוועטישער מענטש יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין.

ערעוו דער פײַערונג פונעם הונדערטיאָריקן יובילײ זינט ס'איז געבוירן געוואָרן אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי, האָט צו גאַגאַרינען אָנגעקלונגען קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש פעדין.

— אַרויסטרעטן? איך? וועגן גאָרקין? — האָט גאַגאַרין אַ פאַרכידעשטער זיך אײַנגעהערט אין פעדינס פאָרשלאָג. — דאָס איז דאָך גאָרקי!

— יאָ, גאָרקי, — האָט רויק, מיט אַ טויבלעכער שטים געזאָגט דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט אַף צו פײַערן גאָרקיס יובילײ, — טאַקע איר דאַרפט ריידן וועגן אים. גאָרקי איז געשטאַנען נאָענט צו די געלערנטע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די ראַקעטע־קאָסמישע פּראָבלעמען, אייניקע געהאָלפן, אַנדערע געשטיצט... יאָ, נאָר וואָס דאַרף איך אײַך דערציילן! באַקענט זיך נעענטער מיט די בריוו, מיט גאָרקיס אַרטיקלען, וועט איר אַליין פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַפקע איר דאַרפט אַרויסטרעטן אַף גאָרקיס יובילײ.

— גוט, קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט געענטפערט גאַגאַרין, — איך וועל זיך נעמען צוגרייטן. און יורי אַלעקסייעוויטש האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער ענערגיע, וואָס אים איז אייגנטימלעך געווען דאָס גאַנצע לעבן.

און אָט איז דער ערשטער אַבזאַץ פון זײַן וואָרט וועגן גרויסן פּראָלעטאַרישן שרײַבער, וואָס ער האָט ניט באַוויזן איבערצולייענען.

„גאָרקי איז געווען לענינס אַ פרײַנט, דער דערהויבענער זינגער פון דער רעוואָליוציע, איינער פון די גרעסטע שרײַבער אין דער וועלט. זײַנע קינסטלערישע ווערק פאַרשאַפן אונדז פרייד און גענוס. ער איז אַ קלוגער און גוטער פרײַנט פונעם מענטשן, וואָס דערוועקט אין יעדערן פון אונדז די בעסטע און שענסטע געפילן און שטרעבונגען. ער באַגײַסטערט אונדז אַף געוואַגטע טאַטן. זײַנע ווערק האָט ליב געהאַט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פון די קאָסמישע שיפן. גאָרקי איז פון מײַנע באַליבטסטע שרײַבער..."

„אין די נעשאָמעס פון מײַנע פרײַנט קאָסמאָנאַווטן, אין די נעשאָמעס פון די, וואָס שיקן אונדז אין קאָסמאָס, — זעצט פאָר גאַגאַרין, — לעבט דער גײַסט פון גאָרקיס שטורעם־פויגל...

...ס'איז אומעגלעך אויסצומעסטן די גײַסטיקע קראַפט פון גאָרקיס געשטאַלטן, פון זייער נאָבעלער ווירקונג. מיר זעען דאָס אין דער קראַפט פון די העלדנטאַטן פון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון, זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקע, אין דער געוואַגטקײַט פון די יונג־גוואַרדייער און העלדן פון ברעסט, אין דער אַנטשלאָסנקײַט פון די פאַרטיידיקער פון לענינגראַד און סטאַלינגראַד..."

און ווײַטער: „באַזינגענדיק דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף, האָט ער ניט צופעליק פאַרבונדן די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן קאַמף מיט דער צוקונפט, ווען מענטשן וועלן אָנהייבן זיך שפּיגלען איינער אינעם אַנדערן, ווען איינער וועט זײַן, ווי אַ שטערן פאַר אַ צווייטן!"

...דעם 27־טן מאַרט 1968 יאָר בין איך געווען דעזשורנע אינעם הויפּט־שטאַב פון וו.וו.ס. פלוצעם — אַ מיטיילונג:

„אַפן לאָקאַטאָר איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די אָנצייכענונג פון גאַגאַרינס אַעראָפּלאַן".

די צײַט האָט זיך, דאַכט זיך, אָפּגעשטעלט. אין צימער און אין די קאָרידאָרן איז געוואָרן שטיל. דערנאָך איז די שטילקײַט געוואָרן ניט אַף איבערצוטראָגן. ס'האָט זיך געוואָלט ערגעץ לויפן, עפּעס טאָן און ניט קוקן אַפן טעלעפאָן, וואָס האָט געבראַכט די דאָזיקע נײַס. אַף אַ מינוט האָט זיך באַוויזן די זון, דערנאָך האָט גענומען קאַפּען אַ רעגן.

— פאַרוואָס ווערט ניט אײַנגעשטעלט קיין פאַרבינדונג מיט גאַגאַרינען?

די אומרויִקע שאָען האָבן זיך געצויגן לאַנג. עס זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן צוגאָבלעכע

ראַדזאַ־ און לאָקאַטאָר־אַפּאַראַטן. אינדערלופטן האָבן זיך אופגעהויבן ווערטאָליאָטן, אַפן אַעראָ־דראָם פאָרן אַרויס איינס נאָכן אַנדערן אַוו־טאָמאָבילן...

אין צימער קומט האַסטיק אַרײַן דער פּאָל־קאָווניק באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש קאָט. ער האָט באַקומען אַ בריוו פון איינער אַן אַמערי־קאַנער קאָנטאָר. אין דער בריוו ווערט גע־מאָלדן, אַז די אַקציאָנערע געזעלשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע, איז גרייט צו באַטראַכטן די ביטע פונעם מיסטער גאַגאַ־רין, אַז פאַל אויב ער וועט וועלן קויפן אַן ערד־קײַלעך אַף דער לעוואָנע. נאַטירלעך, אַז אים, ווי דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, וועלן גע־געבן ווערן להאָטעס.

— לאָמיר איצט אָנקלינגען יורי אַלעקסאַנ־דראָוויטשן, — האָט פאַרגעלייגט קאָט, — זאָל ער אַ ביסל לאַכן.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. וואָס האָב איך געקענט ענטפערן?..

אינגאַנצן אין עטלעכע קילאָמעטער פונעם אַעראָדראָם האָבן די אײַנוווינער פונעם סאָוו־כאָז נאָוואָסיאָלאָוואַ אָנגעהויבן, ווי שטענדיק, זייער אַרבעטס־טאָג. דער פענסיאָנער ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש אַלנאָוו, אַ כאַשעווער מענטש אין דאָרף, אַ געוועזענער לערער, איז יענעם קאַיאָר אַרויסגעגאַנגען פון שטוב זיך דורכשפּאַצירן. אַף דער גאַס איז געווען שטיל. פּלוצעם האָט ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש דערהערט אַ געהויל פון אַן אַעראָפּלאַן, וויַזט אויס, אַז ער איז געפלויגן ערגעץ זייער הויך, אונטער די וואָלקנס. דער געהויל האָט זיך דערנעענטערט — אָט איז ער געוואָרן געדיכט, שטאַרק, אָט האָט ער זיך דערוויַיטערט און ענלעך געוואָרן אַפן הודזשען פון אַ זשוקל. פּלוצעם האָט זיך ניקאָלײַ איוואַ־נאָוויטשן אויסגעוויזן, אַז דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן רוישן ערגעץ גאָר נאָענט.

דער לערער האָט פאַריסן דעם קאָפּ און דערזען, ווי פון די וואָלקנס איז מיט אַ געהויל אַרויסגעשפּרונגען אַ פאַרביכטלער און הוידענ־דיק געשיקט מיט די פליגל, זיך געלאָזט, ווי באַרג־אַראָפּ צו דער ערד. שאַלנאָוו האָט אַ טראַכט געגעבן, אַז מיטן אַעראָפּלאַן איז עפּעס געשען, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום קאָן פאָר־קומען אַ קאַטאַסטראָפע. אָך, ווען ער קאָן מיט עפּעס העלפן! נאָר דער אַעראָפּלאַן האָט אַף אַ קורצער צײַט אָנגעהויבן זיך אויסגלײַכן, אַפּי־לע פאַריסן די נאָז און זיך געפּרוווט אופהייבן אין דער טיף פון הימל. ער האָט אָבער באַלד ווידער געגומען פאַלן צו דער ערד, דורכגע־פלויגן קימאַט איבער שאַלנאָווס שטוב און מיט אַ געפּײַף און אַ ווילדן געהויל, בריענענדיק די צווײַגן פון דיביימער, זיך אײַנגעעשניטן אין דער ערד.

...אין דער רעדע, וואָס גאַגאַרין האָט צוג־געגרייט צום הונדערטסטן יובילײַ פון אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקין, אין דער רעדע, וואָס ליגט אַצינד אין מוזיי פונעם שטערן־שטעטל, אינעם מעמאָריאַל־קאַבינעט פונעם פליער־קאָס־מאָנאַווט יורי גאַגאַרין, לייענען מיר:

„...אַ פאַרלוירענער אין די מידבאַריעס פון דער אַלוועלט, — האָט גאָרקי געשריבן נאָך אין 1903 יאָר, — אַליין, אַף אַ קליין שטיקעלע ערד, טראָגט ער זיך מיט אַ מוירעדיקער גיכקײַט אין דער טיף פון דעם אומבאַגרײַפלעכן רוים — אַלץ פאָרויס, אַלץ העכער! אַפן וועג פון זיג איבער אַלע סודידעס פון דער ערד און פונעם הימל...“

„...איך זע דעם הויכן שטערן, די געוואָג־טע, טיפע אויגן פון אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן, וואָס לייגט צונויף אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ווי אַ מוליער — אַ ציגל צו אַ ציגל. אין זײַנע ווער־טער לײַכטן די שטראַלן פון געוואַגטן געדאַנק, פון יענער מעכטיקער קראַפט, וואָס אין מאָ־מענט פון מידקײַט שאַפט זי געטער, און אין די עפּאָכעס פון מונטערקײַט — שלײַדערט זי זיי אַראָפּ...“

זײַן רעדע וועגן גאָרקין האָט גאַגאַרין אָנ־גערופן „דער זינגער פון די שטערן־ווײַטן“.

לעניך, גאָרקי, ציאָלקאָווסקי, — דאָס איז דער אָנהייב פון אַלע אָנהייבן. פון דעם אומ־רויקן 1920 יאָר ציט זיך דער וועג, וואָס האָט געבראַכט דעם מענטשן אין דעם קאָסמישן רוים, און דער דאָזיקער מענטש, דער ערשטער פון אַלע מענטשן פון דער ערד, איז געוועזן ער, גאַגאַרין, אַ פּראָסטער סאָוועטישער באָכער פון דער שטאָט גזשאַטסק. אָט פאַרוואָס פעדין האָט געזאָגט: טאַקע איר, יורי אַלעקסייעוויטש, דאַרפט אַרויסטרעטן אַף גאָרקיס יובילײַ.

יורי בולושעוו

די צאָפּן־שווין

נאָך מיט א היפשער צײַט פאר דעם, ווי געאָרגי שאָנין איז אין אָקטיאבער 1969 געווען אין קאָסמאָס, האָט ער דעם אוטאָר פון די דאָזיקע שורעס געהאט געזאָגט: „אָדעס פארמאָגט א באזונדערע צוציִונגס־קראפט. דער, וואָס האָט פארבראכט אין אָט דער שטאָט כאָטש איין יאָר, האלט ער זיך שוין פאר אן אָדעסער. הײַנט וויבאלד אין אָדעסער געגנט איז דורך מײַן קינדהײַט, אין אָדעס גופא — מײַנע ייִנגלשע און יוגנטלעכע יאָרן, בין איך דאָך זיכער אן אָדעסער!..״

באלטע

אויב אײַך וועט ווען־ניט־איז אויסקומען זײַן אין באלטע, וועט זי זיך אײַך אף לאנג פארגעדענקען מיט אירע זוניקע גאסן און מיט די ווײַסע שטיבלעך אינעם פאָרשטאָט, וואָס באָדן זיך אין סעדער און ווײַנגערטנער.

ווען דו דערמאָנסט זיך אָן באלטע, קומען דיר גלײַך ארויף אפן זיקאָרן עדוארד באגריצקיס פערזן וועגן דער דאָזיקער שטאָט.

באלטע האָט מען ארויסגעזען נאָך פונדערווײַטן. זי האָט פון צווישן די סעדער און ווײַנגערטנער פריילעך געפינקלט צו אײַך מיט די שויבן פון די הײַזער. באלטע האָט זיך אויך געלאָזט הערן ווײַט ארום. אין די פריִע קאַיאָרן האָבן די באלטער הענער — די סאמע שרײַענדיקסטע אין דער אומגעגנט, געוועקט די אײַנוווינער. באטאָג האָט דאָס שטעטל גערוישט מיט זײַן געוויינלעכן ארבעטס־ריטם, און די בעכט האָבן די מיידלשע כאָרן אף די לאָנקעס געזונגען מעלאָדישע אוקראַיִנישע לידער...

אין איינעם פון יענע ליבע טעג איז אף דער סטאנציע ראָווענקי פון לוגאנסקער געגנט דערהאלטן געוואָרן פון באלטע פאָלגנדער בריוו:

„דו האָסט מיר מיטגעטיילט, טאָכטער, אז דײַן סטעפאן האָט באשטימט פאָרן אף דער בויונג פון א הידראָסטאנציע. טוט ווי איר פארשטייט. כ׳האָב געהערט, אז איצט גייט אומעטום אָן א בויונג. סטעפאן דײַנער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וועמען ס׳ציט אהין. אָבער דו, סאָניטשקע, קום צו פאָרן צו מיר קיין באלטע מיט די קינדערלעך. צוזאמען וועט אונדז זײַן פריילעכער. איך שטיי נאָך דאנקען גאָט פעסט אף די פיס, כ׳וועל קאָנען זיך אײסעקן אי בא דערווירטשאפט, אי פארנעמען זיך מיט די אייניקלעך. פאר דיר, ווי א בוכהאלטער, וועט זיך אויך געפינען דאָ ארבעט. וועסט לעבן בא מיר ביז סטעפאן וועט זיך אומקערן פון דער בויונג. פאר די קינדער דײַנע וועט דאָ זײַן גוט. קום צו פאָרן״.

אזוי האָט געשריבן מאריִע פעטראָוונע איר עלטערער טאָכטער סאָפיען. געווען איז עס אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן.

סאָפיע וולאדימיראָוונע האָט לאנג ניט געקלערט און אוועקגעפאָרן מיט אירע דרײַ קינדערלעך צו דער מאמען. די שטוב איז גלײַך פול געוואָרן מיט קינדערשער פלאפלערײַ, געוויין און געלעכטער. די באָבע איז געווען אפן זיבעטן הימל. און ניט נאָר זי. איר ייִנגערער זון, מיכאיִל, האָט אופגעהערט פארפאלן ווערן פון שטוב, ער האָט זיך ראק פארנומען מיט זײַנע פלעמעניקעס, מיט זשאָרקען און אָלעגן.

זשאָרקע, וועמען ס׳איז דאַן געגאנגען דאָס זעקסטע יאָר, האָט מיט לײַב און לעבן זיך צוגעבונדן צו זײַן יונגן פעטער, וואָס האָט געמײַסטרעוועט פאר אים און אָלעגן שפּילעכלעך און צוגעטראכט פארשיידענע אײַנפאלערישע שפּיצלעך.

דאָס 1940 יאָר איז געווען א רײַכער, א זוניקער און א גליקלעכער. פאר סטעפאן שאָנינען און זײַן הויזגעזינד, ווי פאר אלע בויער פון דער קאָלסקער הידראָסטאנציע, איז דאָס פארלעצטע מילכאָמע־יאָר פול געווען מיט גרויסע האָפענונגען. פארן קליינינקן זשאָרקען אָבער איז עס געווען דאָס לעצטע יאָר, ווען ער האָט זיך געזען מיט זײַן פאָטער.

דער פראָנט איז נאָך געווען ווײַט פון באלטע, די אײַנוווינער האָבן נאָך ניט באנומען אין דער פולער מאָס די געפאר, וואָס דראָט זיי,

געאָרגי שאָנין

ווען סאָפיע וולאַדימיראָוונע איז פאַרבליבן אַן אַלמאָנע און אירע דריי קינדערלעך האַלבע יעסוימים.

פאַר די שוידערלעכע יאָרן פון דער אָקופּאַ־ציע איז בא זשאָרען ניט געווען קיין איין טאָג, וואָס זאָל אים מיט עפּעס דערמאָנען די ליבע פריידיקע קינדהייט. דער פעטער מיכאַיל איז אוועק אָף דער מילכאָמע. די מאַמע און די באָבע זיינען טאָג און נאַכט געווען פאַרנומען מיט פאַרדינען אָפּן שטיקל ברויט פאַר די הונגעריקע, אויסגעצערטע קינדער.

באַלטע האָט פון אָנפאַנג א ביסל אָפּגעגילט. די וועגן, מיט וועלכע עס האָט זיך באַוועגט די פאַשיסטישע ארמיי, זיינען געלעגן אָן א זייט. נאָר בייס די היטלעריסטן זיינען אָפּגעטראָטן, האָבן זיי זיך אריינגעריסן אין באַלטע און אין די שכייניסדיקע יישוווים. זיי האָבן אונטערגעצונדן הייזער, געמאַכט אַבלאָוועס, געזוכט קאָמוניסטן. פּאַרטיזאַנער, יידן. די היטלעריסטן האָבן זיך באַזעצט אויך אין מאַריִע פעטראָוונעס שטוב, און דער מישפּאָכע אירער איז אויסגעקומען זיך אריבערציִען אינעם שטעלעכל פאַר הינער. די קינדער איז געווען שטרענג אָנגעזאָגט — ניט ווייזן זיך פאַר די אויגן די שטענדיק שיקערע עסעסאָווצעס. אָוועקפירן ערגעץ־ווו די קינדער פונעם קוריאַטניק האָט די אַלטע ניט געקאָנט, ווייל אונטער די נאַרעס אינעם שטעלעכל האָט זי אויסבאַהאַלטן א יידישע פרוי מיט איר קינד. טאָמער פאַרלאָזט זי זיי, וועלן זיי אומקומען. דערמיט, וואָס די פאַשיסטן זיינען איינגעשטאַנען בא איר אין הויף, האָט זי ניט ארויסגערופן צו זיך קיין כשאַד, אַז זי באַהאַלט אויס יידן.

גערופן האָט מען די פרוי, ווי זשאָרעס מוטער, אויך סאָניע. זי איז געווען נאָך זייער א יונגע, נאָר שטאַרק אָן אויסגעצערטע און אויסגעמאַטערטע פון האַלטן אין איין אַנטלויפן פון די פאַשיסטישע מערדער און ציטערן נאָכאַנאַנד איבער איר יינגעלע ראַניע.

געשען איז אַזוי: איינמאָל באַנאַכט האָט סאָניע, וועלכע איז געקומען צו לויפן פון באַלטע, זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן, זיך ניט פאַרטראַכטנדיק, אָנגעקלאַפּט צו זיי אין שטוב. פון יענער נאַכט אָן האָט זי מיט איר זונעלע זיך באַהאַלטן בא זיי. אויסבאַהאַלטנדיק בא זיך די יידישע פרוי מיט איר קינד, האָבן מאַריִע פעטראָוונע און איר טאָכטער סאָניע, געוווּסט, אַז זיי שטעלן דערמיט אין קאָן זייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זייערע אייגענע קינדערלעך.

זשאָרע האָט דערפילט גיכער מיטן האַרצן ווי מיטן פאַרשטאַנד, אַז ער, אַלס „א מאַנספאַרשוין", איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פונעם קליינינקן ראַניען. ער פלעגט אָפט זיך פאַרקלייבן צו אים אונטער די נאַרעס און צוזאַמען זיך דאָרט שפּילן. איינגיכן האָבן אַלע שפּילעכלעך, וועלכע דער פעטער מיכאַיל האָט געמאַכט, זיך אַריבערגעקליבן צו ראַניען אונטער די נאַרעס.

קינדער בלייבן קינדער. צוביסלעכווייז איז דער דערשראָקענער ראַניע געקומען צו זיך, אָף זיין פּענעמל האָט זיך אַפילע איינמאָל געהאָט באַוויזן א שמייכל. די מוטער זיינע, אַז זי האָט עס דערזען, האָט זי צוגעדריקט צו זיך זשאָרען און אים א קוש געטאָן. זשאָרע האָט זיך פאַרשעמט, זיך גערויטלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין שפּילן זיך מיט ראַניען האָט ער אופגעטאָן גוטס.

איינמאָל איינדערפרי האָט זיך באַזעצט אין הויף א מאָדנע שטילקייט. דאָס זעלבע — אויך אין די שכייניסדיקע הויפן. קלאָר, די דייטשן זיינען באַנאַכט אַנטלאָפן. די מומע סאָניע מיט איר פאַרכוישעכט יינגעלע זיינען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש. מע האָט צווישן זיך, ווי מע איז געווען געוווינט, שטיל גערעדט, שטיל און פאָרזיכטיק זיך אַריבערגעצויגן פונעם שטעלעכל אין שטוב.

זשאָרקע איז צוגעפאַלן צום פענצטער מיט די אינווייניקסטע פאַרמאַכטע לאָדן און דורך די שפּאַלטן אַרויסגעקוקט אין דרויסן. פון אָוונט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. איינמאָל, א צווייט מאָל. אַלע אין שטוב זיינען פאַרציטערט געוואָרן.

— עמעצער לעבט דאָ? — האָט אַ קלינגעוודיקע שטים אַרויסגעבראַכט אַף רוסיש.

מע האָט אָפּגעריגלט די טיר. דערזען פאַר זיך אַ סאָוועטישן סאָלדאַט, זײַנען אַלע אים אַרופגעפאַלן אַף דער ברוסט, אים געהאַלדזט און געקושט.

זשאָרע האָט אים פאַרגעדענקט, פאַרגעדענקט זײַנע העלע וואָנצן, די געדיכטע ברעמען. דער סאָלדאַט האָט זיך אײַנגעקוקט אין די אויסגעצערטע פּענעמלעך פון די פיר קינדער. ער האָט אַראָפּגענומען פונעם אַקסל זײַן רוקזעקל, אויסגעשאָטן פון דאָרט אַפן טיש אַ בערגעלע ווײַסע, ווי שניי, צוקער און ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט פאַרלאָזט די שטוב.

אין יענעם טאָג איז באַלטע באַפרײַט געוואָרן פון די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

אָדעס

ס'איז אָן סאַקאָנעס, וואָס זשאָרע איז ביז די סאַמע פרעסט געלאָפן אַ באָרוועסער אין שול. אַבי ס'איז דאָ ווּ זיך צו לערנען. פאַרענדיקט האָט ער די זיבניאָריקע שול בלויז אַף גוט און אויסגעצייכנט. ווּהין גייט מען אָבער זיך ווײַטער לערנען?

די דאָזיקע פראַגע האָט זשאָרע, פאַרקלײַבנדיק זיך מיט זײַן כאַווער סטעפאַן יוראָוון אַפן דאַך פון זייער שטאַל, ניט איין מאָל זיך געשטעלט פאַר זיך.

— מע דאַרף העלפן דער מאַמען, ניט הענגען איר אַפן האַלדז, — האָט געטײַנעט זשאָרע.

— לאָמיר אָנקומען אין דער האַנטווערקערשול, — האָט געייצעט סטעפאַן — דאָרט קאָן מען זיך אויסלערנען פאַר אַ טאָקער, פאַר אַ מאַשיניסט.

— אָט ווען מע קאָן ווערן אַ מאָריאַק, — האָט ניט זיכער אַרויסגעבראַכט זשאָרע, — קאָמיוגיסטן דאַרפן אויסקלײַבן פאַר זיך די סאַמע שווערסטע פּראָפעסיעס.

סטעפאַן האָט זײַטלדיק אַ קוק געטאָן אַף זײַן כאַווער, נאָר ער האָט אים גאָרניט דערויף געענטפערט. מיט זשאָרען, אויב ער האָט עפּעס פאַרטראַכט, איז אומעגלעך געווען זיך אַמפּערן.

פון דער נײַס, אַז די אָדעסער ספּעציִעלע וואָיִאַשול האָט געמאָלדן אָן אויפנאַם פאַר כעווערע מיט זיבניאָריקער בילדונג, האָט זיך זשאָרען מאַמעס פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט וועגן דעם אַפילע קלערן דאָך ניט געקאָנט! וועט ער, הייסט עס, קאָנען דאָרט באַקומען אָן אַטעסטאַט פון פולער מיטעלער בילדונג און מיט דער צײַט, אויב ס'וועט אים אָפּגליקן, זיך דורכ־

טראָגן אין אַן אַעראָפּלאַן איבער זײַן ליבער באַלטע.

די דאָקטוירים פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע האָבן פאַרכידעשט געקוקט אַפן דאַרינקן ייִנגעלע. צי דען איז אים פערצן יאָר?

דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, שוין ניט קיין יונגע פרוי, האָט אים געפרעגט:

— אײַער פאַמיליע איז שאָנין?

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט זשאָרע אַפן מיליטערישן אויפן אָפּגעראַפּאָרטירט.

— דו ביסט, זע איך, אַ וווּיל ייִנגל, בא דיר זײַנען גוטע באַלן אין אַטעסטאַט, מיר האָבן אָבער באַשטימט... — זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָבן מיט אַ שאָקל פון קאָפּ באַגיטיקט איר אויספיר — דערווײַל זיך אָפּהאַלטן. בא דיר איז נאָך אַ קליינער וווּקס, 145 סאַנטימעטער אײַנגאַנצן, און אַ קינדערשע וואָג... 39 קילאָגראַם. פאָר אַהיים, פאַריכט זיך אַ ביסל. די פרוי איז אַנשוויגן געוואָרן. זשאָרע האָט געקוקט אַף איר מיט פאַרנעפּלטע אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער זעט זי ניט. זײַנע אויגן זײַנען פול געוועזן מיט טרערן. טרערן האָבן זיך געפילט אין זײַן שטים, ווען ער האָט שטיל אַרויסגעבראַכט:

— איך שפּיל אין פוטבאָל.

— עפּשער וועלן מיר פונדעסטוועגן... — די פרוי האָט זיך ווידער איבערגעקוקט מיט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

איצט קאָנען מיר זאָגן דער דאָזיקער פרוי:

— אײַך האָט ניט אונטערגעפירט דאָס פאָרגעפיל, ווען איר האָט זיך געווענדעט צו אײַערע קאָלעגן מיט די ווערטער: „לאָמיר אים פונדעסטוועגן...” דער וווּקס פון יענעם פערצניאָריקן ייִנגעלע איז איצטער 175 סאַנטימעטער, די וואָג — 76 קילאָגראַם און דעריקער איז דאָס, וואָס מיטן מאַכן דאַן אָן אויסנאַם, האָט איר אים געגעבן אַ וועג צום הימל, צום קאָסמאָס. ווי וויכטיק עס איז אָנשטאָט „ניין” אַ זאָג טאָן צומאָל: „עפּשער וועלן מיר פונדעסטוועגן...”

אָדעס איז האַרבסט דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון קאַשטאַנען, יאַם און ווײַנטרויבן. אַף די גאַסן — בערג מיט אויבס און גרינס.

נאָך די לימודים פלעגן די קורסאַנטן פון דער וואָיִאַשול זיך פאַנאַנדערגיין — ווער ווּהין ס'האָט געוואָלט. אַ טייל צו זייערע אייגענע, אַנדערע אין האַפן — זען די „אויסלענדער”, ווי מע האָט דעמלט גערופן די אויסלענדישע שיפן. זשאָרע אָבער, אַרופגעוואָרפן אַף זיך דעם שינעל, וואָס איז געווען דער סאַמע קלענסטער אינעם אָדעסער גאַרניזאָן, אָנגערוקט אַפן קאָפּ דאָס היטל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אַף זײַנע סטאַרטשנדיקע אויערן, פלעגט אַוועקלויפן אינעם מוזיקאַלן ווזוואָד אַף אַ רעפּעטיציע פו־

נעם בלאָז־אָרקעסטער. דאָס שפּילן האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז, ליגנדיק דערנאָכדעם באַ־נאַכט אונטער דער קאָלדרע, פלעגט ער אָנבלאָזן די באַקן, אימיטירנדיק דאָס שפּילן אַף אַן אַלט.

דער עלטערער לייטענאַנט רעזניצקי איז גע־ווען א ווונדערלעכער פּעדאַגאָג. ער האָט גע־וווסט דעם סאָד וויאַזוי אונטערגיין צו יעדן קורסאַנט, אַז יענער זאָל זיך גוט לערנען. זײַן הויפּט־געווער איז געווען — דער אָדעסער זאַפ־טיקער הומאָר.

זשאָרען האָט זיך ביז איצט פאַרגעדענקט יענער אָוונט, ווען רעזניצקי האָט זיי נאָך ווע־טשערע אַלעמען אויסגעשטעלט.

— סמירנאָ, — האָט ער א קאָמאַנדעווע געטאָן און אונטערהינקענדיק אַף זײַן פאַרווונדעטן פוס זיך דורכגעגאַנגען לענגויס דער ריי.

— כ׳וויל זיך מיט אײַך טיילן מיט אייניקע מײַנע דערפאַרונגען. — די קורסאַנטן, וואָס האָבן אים גוט דערלערנט, האָבן זיך צע־שמייכלט, — ניט שמייכלען — האָט ער שטרענג באַפוילן, — עס האַנדלט זיך וועגן זייער אַן ערנסטן איניען. מיר דאַרפן אָנשרײַבן א בריוו שאַנינס מוטער, דערפרייען זי מיט די דער־פאָלגן פון איר זון. איך אַליין קאָן עס ניט טאָן. מיך שטיקן טרערן. נעכטן האָט דער קורסאַנט שאַנין פאַר איין טאָג אַרײַנגעכאַפּט א „פּינ־פער": צוויי צווייערס און איין איינסער. איר וואָלט אָבער געהערט ווי דער יאַט שפּילט אַף א טרומייט. אוטיאָסאָוו אַליין וואָלט אים מע־קאַנע געווען. איך האָב ליב מוזיק. ווער ס׳איז געווען בא מיר אין דער היים, האָט זיכער באַ־מערקט דאָרט א פּאַטעפאָן. זאָל אָבער מיר זאָגן דער ערשטער טרומייט אין לאַנד — רעז־ניצקי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זשאָרען, וואָס איז פון בושע געוואָרן רויט ווי א קרעפּס — וואָס דאַרף טאָן די ראָטע, וואָס פאַר־נעמט אַדאַנק זײַן קונסט דאָס לעצטע אָרט אין שול? עפּשער זאָלן מיר צוגיין צום דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע און זיך אויסיצע־נען מיט אים, וואָס צו טאָן? אַלץ! איר קאָנט זיך פאַנאַנדערגיין!

— שאַנין! — האָט רעזניצקי צוגערופן צו זיך זשאָרען, — מירן דערווײַל טאָן אַזוי. אין מוזי־קאַלן ווזוואָד קאָנסטו גיין, נאָר בלויז נאָך, דעם, ווי דו וועסט צוגרייטן די לימודים. פאַר־שטאַנען?

— טאַק טאָטשנאָ.

פון יענעם אָוונט אָן האָט זשאָרע גענומען פלײַסיק גרייטן די לימודים. די שול פון דער מיליטער־יאַם־אַוויאַציע, וווּהין מע האָט אַרי־בערגעפירט די בעסטע שילער, צווישן זיי אויך אים, האָט ער פאַרענדיקט אויסגעצייכנט.

די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן אַריבער־געיאָגט געאָרגי שאַנינס טרוימען — אַזוי ווען מיר ווײַטער רופן דעם קינפטיקן קאָסמאָנאַווט. דער שטאַלטנער קורסאַנט איז מיט גאָר ניט געווען ענלעך אַף יענעם דאַרינקן ייִנגעלע, וואָס איז א פאַרוויינטער געשטאַנען פאַר דער מעדיציניִשער קאָמיסיע.

אין דער שול פון דער מיליטער־יאַם־אַוויאַ־ציע האָבן זיך אַנטפּלעקט די גרונט־אייגנ־שאַפטן פון זײַן כאַראַקטער. העלדישקײַט, גוטסקײַט, כאַווערישקײַט, מונטערקײַט. ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט פיל כאַווײרים, מיט וועל־כע ער איז נאָכדעם געפלויגן איבער די בײַ־ברעגן פונעם שוואַרצן און פונעם צאָפנדיקן יאַם. אַלץ איז אָבער געווען שפּעטער. דערווײַל האָט ער דערלערנט, פריִער אין אָדעס, דער־נאָכדעם אין יעיסק, די מאַטעריעלע טיילן פון די אַעראָפּלאַנען, געאַרבעט אין די טרענאַזשן, אָפּגעגעבן עקזאַמען פאַר א פולער מיטלשול.

ניט וויִניק אַגמעסנפּעש האָבן פאַרשאַפן געאָרגיען און זײַנע כאַווײרים די דורכגעטרײַ־בענע און שרײַענדיקע, ווי די קראָען, אָדעסער ייִנגלעך, וועלכע האָבן געקרוינט די קורסאַנטן... שטעלט זיך פאָר: איר פירט, ווי אַן עכטער קאַוואַליער, אײַער דאַמע אונטער דער האַנט, מיטאַמאָל לויפט אַרויס אײַך אַנטקעגן א בינטל האַלב נאַקעטע קינדער, פאַברוינטע פון דער זון און דורכגעזאַפּטע מיטן אָטעם פונעם יאַם, און איינער פון זיי שרײַט אויס: „א ווענטיליאַ־טאָר גייט מיט זײַן ווענטיליאַטאָרשע". די אי־בעריקע קינדער העלפן אים צו: „א ווענטיליאַ־טאָר גייט מיט זײַן ווענטיליאַטאָרשע".

דער קורסאַנט ווערט דערפון רויט פון צאָרן. אויב די דאַמע זײַנע איז אַלט זעכצן — זיבעצן יאָר, צעלאַכט זי זיך און שווײַגט. סע טרעפט אָבער, אַז די דאַמע איז עטוואָס עלטער. דאַן באַפרײַט זי איר האַנט פון זײַנער און לאָזט זיך לויפן פון בושע.

די עמבלעמע פון דער שול — דער פּראָפּע־לער — וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ קינע צו די קורסאַנטן בא די אָדעסער שנעקעס, האָט איינצײַטיק אַרויסגערופן גרויס אַכטונג בא דערוואַקסענע. די אָדעסער האָבן ליב געהאַט די „ווענטיליאַטאָרס". די קורסאַנטן האָבן גע־האָלפן אויפשטעלן די שטאָט, מיט זייער הילף איז אויסגעבויט געוואָרן דער נײַער אײַזנבאַן־וואָקזאַל. ווען די ראָטעס קורסאַנטן אין דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער האָבן מאַרשירט אונטער זייער פאַן, איז גאַנץ אָדעס געווען אויף. בלויז די מיידלעך, וועלכע פלעגן צוליב די שטיפעריִשע ייִנגלעך פאַרלאָזן זייערע קאַוואַ־ליערן און אַנטלויפן, האָט מען צווישן די פאַר־זאַמלטע אַף די טראָטואַרן ניט געזען. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און איינצײַטיק זיך געעקט פון פאַרדראָס.

בייסן מאַרשירן איבער די אָדעסער גאַסן, האָט געאָרגי שטענדיק זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן, עפּשער וועט ער צווישן די באַגײַסטערטע אָדעסיטן אויפן טראָטואַר דערזען מיטאַמאָל ראָניען. צי וועט ראָניע דערקענען זײַן כאַוווער, וואָס האָט זיך מיט אים געשפּילט אונטער די באַרעס? דערקענען אינעם שטאַלטנעם קורסאַנט געאָרגיען, יענעם ייִנגעלע, זשאַרע, איז פּאַשעט געווען אומעגלעך.

די צאַפּן־שײַן

ער האָט געהאַט אַ פאַרגעבונג: אויפהייבן זיך אַזוי הייך, ביז וואַנען ס'איז נאָר מעגלעך. פון אונטן איז דער קאַלטער באַרענצעווער יאַם און אין דער הייך — די אומענדלעכקײַט. קימאַט ווערטיקאַל רײַסט זיך צו די שטערן דער רעאַקטיווער פאַרניכטלער. זײַנע טורבינען שלינגען אײַן קילאָמעטער לופט. ס'קומט אָן אַ מינוט ווען די פליגלען ווערן אָן זייער אָנשפּאַר, די לופט איז שיטער, בלויז די רעאַקטיווע שטראָמען האַלטן דעם אַעראָפּלאַן. ערגעץ דאָרט פאַרויס איז דער קאָסמאָס.

העכער פון מיר איז איצט קיינער און קיין זאַך ניטאָ, אויסער די שטערן, — האָט שאָנין געזאָגט צו זיך. ווי דערווידערנדיק אים, האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין דער הייך ליכטיקע זײַלן. דער הימל איז באַלויכטן געוואָרן ווי מיט אַ וווּנדערלעכן פײַערווערק. די פאַרשיידנפאַרביקע שײַן איז כוואַליעסווײַז געגאַנגען פון אונטן צו דער הויך. שאָנין האָט ניט געגלייבט די אייגענע אויגן.

צום ערשטן מאָל פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ער דינט אין אָט דעם ניט גאַסטפרײַנטלעכן צאָפּנדיקן קאַנט, זעט ער אַזוינס. בלויז קענטס בילדער, וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען שפּעטער צו זען, דערמאָנען עטוואָס די צאָפּן־שײַן.

בייסן אַראָפּלאָזן זיך פון דער הייך, האָט געאָרגי זיך באַמיט ניט אָנווערן פון אויג די צאָפּן־שײַן. זי האָט באַלויכטן די גאַנצע קאַבינע. דערזעענדיק די אָפּשפּיגלונג פון דער צאָפּן־שײַן אינעם דעקל פונעם אַעראָפּלאַן, האָט ער פון אומגעריכטקײַט אַפילו אויפגעציטערט.

— זעסט, — האָט ער נאָכדעם אַליין צו זיך געזאָגט, — האָסט זיך דערקליבן אַזש צו דער צאָפּן־שײַן, און די אָדעסער שנעקעס האָבן דיך גערופן ווענטיליאַטאָר...

אין דער אָפּשפּיגלונג פונעם פילפאַרביקן שײַנענדיקן הימל האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ אים פאַרשיידענע געשטאַלטן און געשעענישן. געאָרגי האָט זיך דערמאָנט אין די, וואָס האָבן אים געלערנט פליִען, אין די ווערטער, מיט וועלכע דער פליִער פּאָליאַקאָוו האָט אים אַרויסבאַגלייט אין זײַן ערשטן פלוג: „אַ פליִער דאַרף זיך פילן אין דער קאַבינע, ווי בײַ זיך אין דער היים". און געאָרגי האָט זיך געפילט אין דער קאַבינע פון אַעראָפּלאַן ווי בײַ זיך אין שטוב.

ער האָט זיך דערמאָנט ווי פאַרכאַפּט די קורסאַנטן האָבן געהערט פּאָליאַקאָוון, בייס ער האָט זיי דערציילט וועגן די לופט־שלאַכטן איבער דער קורסקער דוהע, אינעם בערלינער הימל. מע איז נאָך דעמלט ניט געפלויגן אויף קיין רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען.

דער אינסטרוקטאָר סאַשע שולגאַ האָט ניט געקאָנט דערציילן וועגן לופט־שלאַכטן, ער איז אַליין ערשט ניט לאַנג צוריק געוואָרן אַ רעאַקטיוויניק. ער האָט אָבער אינטערעסאַנט דערציילט און גלענצנדיק באַוויזן דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט און געקאָנט. אָ, ווי סאַשע האָט איבערגעלעבט, ווען זײַנע ערשטע שילער האָבן אָפּגעגעבן עקזאַמען.

געאָרגי האָט זיך אויך דערמאָנט די צײַט, ווען ער האָט פּראַקטיקירט אויף די מיליטערישע יאַם־שיפן, ווי די דערפאַרענע פליִער האָבן געשפּאַסט, קרויוינענדיק די יונגע מיטן נאָמען „סאַלאַגי". נאָר ווען די „סאַלאַגעס" האָבן זיך אויפגעהויבן אין הימל און מײַסטעריש זיך דורכגעטראָגן איבערן יאַם, האָבן די עלטערע פליִער שוין מער ניט גערופן זיי „סאַלאַגעס", אַפילו געבעטן בײַ זיי אַנטשולדיקונג פאַרן דאָזיקן צונעמעניש.

יעדעס מאָל, ווען פאַר געאָרגיס אויגן גייט דורך זײַן לעבן, דערמאָנט ער זיך אינעם פרײַלינגדיקן טאָג פון 1957 יאָר, ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קלוב אי די מער דערפאַרענע פליִער, אי די נאָך אינגאַנצן יונגע, אין איינע יאָרן מיט אים. אַלע האָבן, דוכט זיך, אין זאַל געקוקט דאַן אויף אים. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי ניט באַאומרויִקט. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט געמאָלדן: „פאַראַן אַ פאָרשלאָג אָנעמען געאָרגי שאָנינען אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווער ס'איז פאַרן דאָזיקן פאָרשלאָג בעט איך אויפהייבן די האַנט". ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַלד מיט מוסקוליסטע הענט. בײַ געאָרגין האָט אַ ציטער געטאָן די רעכטע האַנט. ער איז געווווינט צו דעם, אַז ער איז אַ טייל פון דער קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין קלוב. וויבאַלד אַלע הייבן אויף די האַנט... ער האָט זיך אָבער באַצײַטנס באַהערשט, פאַרשטאַנען, אַז זײַנע כאַווײרים לייזן איצט זײַן גורל, אָנעמען צי ניט אָנעמען אים אין דער פּאַרטיי.

— „איך בעט אַראָפּלאָזן די הענט — האָט זיך ווידער אָנגערופן דער פאָרזיצער. — ווער איז

קעגן? — די פּליִער האָבן געשוויגן. — ווער האָט זיך אָפּגעהאַלטן? — און נאָך א קורצן שטיל־שווייַגן — אזויאַרום, זייַט איר, געאָרגי שאָנין איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד".

...ערגעץ ווייַט אונטער אים האָט א בליץ געטאָן א שטראַל פון א פּראָזשעקטאָר. אַלעג ראַזומאָוו, געאָרגיס לאַנגיאָריקער כאַווער און וויקטאָר קאַטשאַנאָוו, מיט וועמען זיי האָבן זיךביידע באַפרייַנדעט שוין דאָ אין פּאָלק, קוקן איצט אַרויס אַף אים. „זיי וועלן זיך ניט זעצן עסן וועטשערע, — האָט געאָרגי א טראַכט געטאָן און זיך דערבייַ צעשמייכלט — ביז איך וועל ניט אַראָפּלאַנדן דעם עראָפּלאַן".

בא זיי איז אַלץ געווען בעשוטפעסדיק. אפילע דעם אורלויב האָבן זיי געטיילט אַף דרייַ גלייַכע טיילן. דאָס ערשטע דריטל פון זייער אורלויב פאַרברענגען זיי אין באַלטע, דערנאָכדעם בא אַלעגן אין קורסק און צום סאָף בא קאַטשאַנאָוון, אין וואָראָנעזש. פון דאָרט פלעגן זיי צוזאַמען זיך אומקערן צו זיך אין טייל. דאָס איז געווען אַן עכטע מענערישע פרייַנטשאַפט פון פּליִער.

געאָרגי האָט געבעטן א דערלויבעניש אַראָפּלינדערן דעם עראָפּלאַן. דער זייגער איז געווען פּונקט 19. צום באַדויערן איז אָבער היינט ניט דער דריטער אווגוסט.

דעם טאָג פון זייַן געבוירן — דעם דריטן אווגוסט — האָט געאָרגי שאָנין ניט איין מאָל שוין באַגעגנט אינדערלופטן. די מאַמע זייַנע האָט אים געזאָגט, אז ער איז געבוירן געוואָרן פּינקטלעך זיבן אזייגער אינאָוונט. א קליינינקייט עפּעס אָפּמערקן צו דער מינוט די דאָזיקע שאָ, ווען ער ווערט עלטער אַף א גאַנץ יאָר, אינדערלופטן. נאָר דערווייַל איז עס אים נאָך קיינמאָל ניט געלונגען. דאָס איז אינעם דאָזיקן טאָג און אין דער דאָזיקער שאָ דער פלוג זייַנער געווען שטאַרק א קאָמפּליצירטער, אָדער ער האָט אָנטיילגענומען אין א לופט־שלאַכט, ווו עס האָט זיך געפאָדערט מאַקסימאַלע אָנשטרענגונג און אופמערקזאַמקייַט. ווען ס'האָט זיך אים געמאַכט א מעגלעכקייַט א בליק טאָן אַפן זייגער, איז שוין געווען פיר־פינף מינוט נאָך זיבן. היינט, ווען ער האָט באַם אַראָפּלינדן דעם עראָפּלאַן א קוק געטאָן אַפן זייגער, איז געווען פּונקט 19, נאָר צום באַדויערן איז היינט ניט געווען דער דריטער אווגוסט.

ווען מע האָט דעם יאַם־מיליטערישן פּליִער אַרויסגערופן אין שטאַב און פאַרגעלייגט אַריבערגייַן דינען אין אן אנדער אָרט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס איז פאַרבונדן מיט פּליִען אין קאָסמאָס. קלאָר, אז ער האָט אַף דעם גלייַך איינגעשטימט.

אינגיכן האָבן די פּליִער אָפּגעמערקט געאָרגיס שאָנינס אָפּפאָרן פון זייער טייל. פאַר וועלכע „זינד" פירט מען אים אריבער אַף א ניַי אָרט האָבן די כאַווירים זייַנע ניט געוווסט. איינס איז אָלעמען געווען קלאָר — מע פירט אים אריבער אַף א מער פאַראַנטוואָרטלעכער און וויכטיקער דינסט.

עפּענען אין יענעם אָוונט די טיר פון זייַן צימערל איז געווען אומעגלעך — אזוי געפּאַקט איז דאָרט געווען. די גאַנצע עסקאַדריליע האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט. מע האָט געלאַכט, געשפּאַסט, געזונגען. מיט איין וואָרט, מע האָט אים אַרויסבאַגלייט אי מיט פרייד, אי מיט באַדויערונג. באַזונדערס האָבן באַדויערט זייַנע צוויי נאָענטסטע פרייַנט — אָלעג און וויקטאָר.

— זשאָרע — האָבן זיי זיך אָנגערופן צו אים אין א שפּאַס — טראַכט דאָרטן צו עפּעס אזא שפּיצל, אז מע זאָל דיך פון דאָרט אָפּשיקן צוריק אהער.

— נו, פאַרשטייט זיך, כעוורע, אז כ'וועל צוטראַכטן, — האָט ער זיי אויך געענטפערט שפּאַסנדיק.

אלע האָבן אים אַרויסבאַגלייט צום צוג. עמעצער האָט לעבן געאָרגיס וואַגאָן, די צעשייַדונג זאָל אויסזען מער פייַערלעך, אָנגעצונדן א ראַקעטע. שיר ניט אין דער זעלבער רעגע האָט א לויכט געטאָן א ראַקעטע אויך באַם שכייַנעסדיקן וואַגאָן. לעקאָווען וועמען זאָל עס זייַן?

— כעוורע, אונדזערע באַגלייטן, דאַכט זיך, נאָך עמעצן אַרויס.

— דאָס באַגלייט מען, קענטיק, אַרויס עמעצן אין אורלויב.

געאָרגי האָט גאָרניט געזאָגט. דער צוג האָט זיך גערירט.

— פאַרבלייַבט געזונט, כעוורע!

אָלעג האָט נאָכגעשריִען:

— זשאָרקע, טייַוול, זאָלסט זיך אומקערן!

אינגיכן האָט די היכע סאָפקע אויסבאַהאַלטן פון אים דעם וואָקזאַל און די פאַרזאַמלטע כאַווירים זייַנע אַפן פּעראָן. הינטער זייַנע פּלייצעס האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר פון קופּע. ס'איז אַרייַנגעקומען דער, וועמען מע האָט, ווי מע איז געווען זיכער, אַרויסבאַגלייט אין אורלויב.

— איז פאָרן מיר, הייסט עס, פּליִער שאָנין, אין אן אנדער טייל.

— טאַק טאַטשנאָ, פּליִער גאַגאַרין.

— איך בין זייער צופרידן זשאָרע, וואָס מיר פאָרן צוזאַמען.

— און איך אויך, יורא.

דער קאָסמאָנאַווט

שוין די ערשטע לימודים אינעם אַטריאַד פון די קאָסמאָנאַווטן, אַזעלכע ווי אַסטראָנאָמיע, ראַקעטעס, קאָסמישע מעדיצין און אַנדערע, האָבן ביז גאָר פאַרכאַפּט שאַנינען.

פון יענער באַגעגעניש אין קופּע מיט יורי גאַגאַרינען איז דורך ניט ווייניק צייט. אַלע געדענקען וואָס פאַר אַ קאָסמישע געשעעניש זיינען פאָרגעקומען פאַר דער דאָזיקער דורכגעגאַנגענער צייט. געאָרגי איז געווען אַן אַרמיטלבאַרער אָנטיילנעמער פון די דאָזיקע געשעענישן. ער האָט אַלץ דורכגעמאַכט די טרעמאָקאַמערע — דאָס טײַוולאָנישע אַיוועלע, די שטיל־קאַמערע, געשפּרונגען אָן אַ שיר מאָל מיט אַ פּאַראַשוט, ניט איין מאָל פאַרזוכט דעם טאַם פון אַ צענטריפוגע. און אַלע עקזאַמענעס אָפּגעגעבן אויף אויסגעצייכנט.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן מיט אַכטונג זיך באַצויגן צו געאָרגין, אים געאַכטעט פאַר זײַן מרטיקײַט, אויסגעהאַלטנקײַט, אָפּטימיזם.

אין שטוב בײַ אים האָב איך געזען די פּאָטאָבילדער פון זײַנע פרײַנט. די אונטערשריפטן אויף די געשענקטע בילדער זײַנען זייער וואַרעמע. אַזוי ווענדעט מען זיך בלויז צו דעם, וועמען מע אַכטעט טיף און מע האָט ליב, ווי אַ ברודער. אָט זײַנען אויסצוגן פון צוויי אַזעלכע אונטערשריפטן: „אונדזער טײַערן און ליבן זשאָרען מיט דאַנקבאַרקײַט פאַר דער פרײַנטלעכער הילף. איך ווינטש דיר נײַע פלוגן, גרויסע און ווײַטע. וואַליע טערעשקאָווע”; „מעגלעך — באַ דיר וועט זיך ניט פאַרהיטן די דאָזיקע פּאָטאָגראַפיע, אָבער איך וועל אויף שטענדיק פאַרגעדענקען די יאָרן פון אונדזער פרײַנטשאַפט. דײַן גערמאַן טיטאָוו”.

געאָרגי שאָנין איז סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון די קאָסמאָנאַווטן.

ביז איצט האָט שאָנין פאַרהיט אַ באַזונדער געפיל צו דער צאַפּן־שײַן. ווען עס גרייט זיך אַ נײַער פלוג אין קאָסמאָס, בעט ער די פליער פונעם פלוג „ווען איר וועט פליען איבערן צאַפּן, פאַרגעסט ניט באַאָבאַכטן די צאַפּן־שײַן און מיר נאָכדעם וועגן דעם דערציילן”.

אין אַ שמועס מיט מיר, פאַר זײַן אָפּפליען אויפן קאָסמאָדראָם, האָט געאָרגי שאָנין מיר געזאָגט:

— אַי די אָדעסער ספּעציעלע שול, אַי די יאַם־אַוויאַציע־שול און דערנאָכדעם די מיליטער־דינסט אויף דער באַלטיק און הינטער דעם פּאָליאַר־קרײַז — זײַנען באַדײַטנדיקע עטאַפּן

אין מײַן לעבן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס געמאַכט מעגלעך, אַז כ׳זאָל קאָנען ווערן אַ קאָסמאָנאַווט.

ווען איך קוק זיך איצט אום אויף צוריק, אויף די דורכגעגאַנגענע יאָרן אין דער צוגרייטונגס־שול פון קאָסמאָנאַווטן, פאַרשטיי איך ווי באַדײַטנדיק עס זײַנען געווען די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע לערניאָרן פאַר אונדז. די דעמלט יונגע פליער, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין פיל באַהאַוונטע דערפאַרענע אינזשעניערן — קאָסמאָנאַווטן.

מיר האָבן ניט בלויז געוואַרט אויף אונדזער ריי. מיר האָבן זיך געמיט. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין דער צוגרייטונג צו יעדן פלוג אין קאָסמאָס, נעמט אָנטייל, אַזוי צי אַנדערש, אונדזער גאַנצער פרײַנטלעכער קאָלעקטיוו. מיר איז אויסגעקומען נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דאָזיקע צוגרייטונגען אויך ווי אַ סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אַ סעקרעטאַר בין איך געווען אין מעשך פון פינף יאָר.

די נײַע קאָסמישע שיף „סאָיוז” האָבן מיר גרינטלעך דערלערנט. ס׳איז ניט שווער צו באַנעמען, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט ס׳איז געלעגן אויף יעדן איינעם פון אונדז פאַרן פלוג פון די לופט־שיפן „סאָיוז־4” און „סאָיוז־5”, אויב נעמען אין אַכט, אַז יעדערער פון אונדז האָט אין אַ באַליביקער מינוט געדאַרפט זײַן גרייט פאַרבײַטן די אָנטיילנעמער פון וואָלאָדיע שאַטאַלאָווס עקיפּאַזש. איך בין דעמלט געווען וואָלאָדיע שאַטאַלאָווס און באָריס וואָלינאָווס דובליאָר. בײַסן צוגרייטן דעם דאָזיקן פלוג האָבן מיר, איך און מײַנע כאַווערים, זיך געפּלײַסט אויספילן אַמבעסטן די אָנגעמערקטע פּראָגראַם. קעדיי אין פאַל, אויב ס׳וואָלט געווען אין דעם אַ נויט, פאַרבײַטן די פריִער אָנגעמערקטע עקיפּאַזשן. צוגעגרייט זיך צו דעם האָבן מיר זיך גלענצנדיק. דאָס איז ניט קיין באַרימערײַ, נאָר אַ קאָנסטאַטירונג פון די פאַקטן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז אונדזער פאַרדינסט, נאָר ווי כ׳האָב שוין פריִער געזאָגט, דער פאַרדינסט פון אונדזער גאַנצן קאָלעקטיוו.

איך פלי אָפּ אויפן קאָסמאָדראָם מיט אַ פרײַדיקן געפיל. מיטן דאָזיקן פלוג ווערט פאַרווירקלעכט דער ראָמאַנטישער טרוים פון מײַן יוגנט. ווען איך האָב געדינט, זײַענדיק נאָך אַ יונגער פליער, הינטערן פּאָליאַר־קרײַז, איז מיר פיל מאָל אויסגעקומען זען די וווּנדערלעכע שײַנקײַט פון דער צאַפּן־שײַן. איצט וועל איך זי זען דורכן אילומינאַטאָר פון דער קאָסמישער שיף.

דער גלענצנדיקער זיבנטלינג

דעם עלפטן, צוועלפטן און דרײַצנטן אָקטיאַבער פונעם 1969 יאָר זײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד צום ערשטן מאָל אין דער וועלט אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ געמײנזאַמען פלוג דרײַ קאָסמישע שיפן: „סאָיוז־6״, — קאָמאַנדיר געאָרגי שאָנין, באָרט־אינזשעניער וואַלערי קובאַסאָוו; „סאָיוז־7״ — קאָמאַנדיר אַנאַטאָלי פיליפטשענקאָ, באָרט־אינזשעניער וולאַדיסלאַוו וואָלקאָוו און אינזשעניער־פאָרשער וויקטאָר גאָרבאַטקאָ; „סאָיוז־8״ — קאָמאַנדיר וולאַדימיר שאַטאַלאָוו, באָרט־אינזשעניער אַלעקסײ יעליסײעוו. דער פלוג האָט געדויערט אין אַלגעמײן זיבן מעסלעס און פון יעדן עקיפאַזש — פינף.

נאָכן אויספילן אין פולן באַנעם די וויסנשאַפט־טעכנישע פאָרשערישע פראָגראַם און עקספערימענטן האָבן די דרײַ קאָסמישע שיפן אַראָפגעלינדעט דעם 16־טן, 17־טן און 18־טן אָקטיאַבער אין דעם אַנטשפרעכיקן אָנגעמערקטן ראַיאָן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. די אַראָפלאַנדונג איז דורכגעפירט געוואָרן פינקטלעך. די עקיפאַזשן פון די שיפן האָט מען אַריבערגעפירט אַפן קאָסמאָדראָם. זיי האָבן זיך דאָרט אָפגערוט און גלײַכצײַטיק דורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג.

פאַר די אָנטײלנעמער פונעם געמײנזאַמען פלוג זײַנען געשטאַנען גרונט־אויפגאַבן:

דורכקאָנטראָלירן די באָרט־סיסטעמען, קעדײ פאַרפולקומען די קאָנסטרוקציע פון די קאָסמישע שיפן „סאָיוז״; דורכקאָנטראָלירן וויאַזוי עס אַרבעט די האַנט־רעגולירונג־סיסטעם, אָריענטירונג, סטאַביליזאַציע פון דער שיף אַף דער אַרביטע און די אויטאָנאָמיע־מיטלען פון נאַוויגאַציע; די קעגנזײַטיקע מאַנעוורירונגען פון די שיפן אַף דער אַרביטע, וויסנשאַפטלעך באַאָבאַכטן און פאָטאָגראַפירן די געאָלאָגיע־געאָגראַפישע אָביעקטן אַף דער ערד, אויספאָרשן די אַטמאָספער, מיטן צוועק אויסנוצן די באַקומענע וויסנשאַפטלעכע ידיעות אין דער פאָלקסווירטשאַפט: דורכפירן אַ רײ וויסנשאַפטלעכע עקספערימענטן אין די באַדינגונגען פון קאָסמישן וואַקוום; מעדיצינישע ביִאָלאָגישע אויספאָרשונגען און אַנדערע עקספערימענטן.

אייניגע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער פראָגראַם איז געווען אָפרעגולירן די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג פון די שיפן אין קאָסמאָס מיט די קאָמאַנדע־פונקטן אַף דער ערד אין פאַרשײדענע ראַיאָנען פון לאַנד און מיט די וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע ים־שיפן פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. צו די דאַזיקע קאָמאַנדע־פונקטן געהערט אויך דער פאַרבינדונגס־ספוטניק „בליץ־1״.

נאָך דעם, ווי דער פאַלקאָוויניק געאָרגי שאָנין האָט זיך אומגעקערט אַף דער ערד, איז ער מיט גרויס אינטערעס צוגעטראָטן גרייטן קאָסמאָנאַווטן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אים איז צוגעײגנט דער טיטל גענעראַל־מאַיאָר פון אַוויִאַציע.

מיר טרעפן זיך אָפט. ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער האַרציקן געשפרעך פאַר זײַן קאָסמישן פלוג, דורכגעבלעטערט מײַנע נאָטיץ־ביכלעך פון יענער צײַט, און זיך ווידער געטראָפן מיט אים.

דער גענעראַל האָט מיך פרײַנטלעך באַגעגנט.

— וואָס? ווידער אַן אינטערוויו? איך בין גרייט.

— ניין, — האָב איך אים געענטפערט, — הײַנטיקס מאָל וועל איך אײַך ניט מאַטערן. איך האָב צו אײַך בלויז צוויי פראַגן: די ערשטע פראַגע — וואָס ווייסט איר וועגן סאָניען און איר ייִנגל ראָניע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בא אײַך אין שטוב אונטער די נאַרעס, בייס די פאַשיסטן האָבן אָקופירט באַלטע?

— נו, מײַן פרײַנט, דו הערסט ניט אויף מיך צו פאַרוואונדערן. עס איז דאָך דורך פון דעמלט קימאַט זיבן און דרײַסיק יאָר. דאָך וועל איך דיך ניט אַנטוישן. ווען איך האָב זיך געלערנט אין דער אַוויאַשול, האָט די מאַמע מײַנע מיר אָנגעשריבן, אַז פונקט אַזוי אומדערוואַרט, ווי אין יענער ווײַטער נאַכט, אַזוי אומדערוואַרט האָט זיך די טעג באַוויזן בא אונדז אין שטוב די „מומע״ סאָניע, — אַ שיינע פולבלעכע פרוי. מיר האָבן זיך גענומען דערמאָנען יענע שרעקלעכע יאָרן, זיך דערמאָנט און געוויינט. די „מומע״ סאָניע האָט דערציילט מײַן מאַמען, אַז זי לעבט ערגעץ אַרום אָדעס, דאָס ייִנגל אירס, ראָניע, האָט פאַרענדיקט, צי דאַרף פאַרענדיקן די שול, איך געדענק עס שוין ניט פינקטלעך. געקומען איז זי מיטן אויסרייד זיך דערוויסן וואָס מאַכן מיר, ווי לעבן מיר, נאָר אינדערעמעסן איז זי אַראָפגעקומען קיין באַלטע אויסדריקן אונדז איר דאַנקבאַרקײַט.

— נו, און די צווייטע פראַגע מײַנע איז — צי האַסטו אין קאָסמאָס געזען צאַפן־שײַן?

— געזען. לאַנג שפיגלען זיך אין איר איז מיר אָבער ניט אויסגעקומען. איך בין געווען איבערגעלאָדן. מעגלעך, אַז אין דער פראָגראַם איז אויסגעטײלט פאַר אונדז אויך אַ צײַט פאַר אָפרו, אָבער אויסער די שאָען פון שלאָף, האָבן מיר פון קיין אַנדער רו ניט געוווסט. מיר האָבן אַף דעם פאַשעטע קיין צײַט ניט געהאַט.

פון רוסיש ש. ד א נ ג א ר

• • •

פינף רינגען

די עמבלעם פון די אָלימפּישע שפּילן זײַנען
פינף איבערגעפלאָכטענע רינגען

ווי וואָרצלען פון ביימער מיט זייערע שטאַמען,
זיי האָבן זיך איבערגעפלאָכטן צוזאַמען.

א רינג נאָך א רינג אין געמיינזאַמער קייט,
זיי קאָנען שוין קיינמאָל ניט ווערן צעשיידט.

מיט אַלע קאָלירן: מיט רויטן און געלן,
מיט בלויען, מיט שוואַרצן, מיט גרינעם — זיי העלן.

זיי שײַנען, זיי לויכטן, זיי פלאַקערן בונט
אַף פינף קאָנטינענטן אין פרײַנטלעכן בונד.

א כוידעש פון שטילשטאַנד

אַלע פיר יאָר — נאָך טויזנט פיר הונדערט זיבעצן
טעג פלעגן אין גריכנלאַנד אַף א כוידעש, בעשאַס די
אָלימפּישע שפּילן, אָפּגעשטעלט ווערן אַלע מילכאָמעס...

גרויס דער מעהאַלעך, און לאַנג איז דער וועג —
טויזנט פיר הונדערט מיט זיבעצן טעג.

נאָך טויזנט פיר הונדערט מיט זיבעצן טעג —
אויס מיט מילכאָמעס, און אויס מיט געשלעג.

ס׳לויפן שעליכים באַטאָג און באַנאַכט:
— אָפּגעשטעלט ווערן זאָל יעטווידע שלאַכט!

ס׳לויפן שעליכים א קרײַז נאָך א קרײַז,
און די טרומייטן צעטראָגן די נײַס:

שטילשטאַנד א כוידעש געמאָלדן עס ווערט,
שווערדן — אין שיידן, און שפּיזן — צו דר׳ערד!

אַלע מאַכלויקעס און קריגן פאַרגעסט —
ס׳האָט שוין פאַרלאָשן זײַן האָרן העפּעסט.

דרײַסיק מעסלעסן — דורך טעג און דורך נעכט —
שמידן ער וועט ניט קיין שפּיז און קיין שווערד.

דרײַסיק מעסלעסן פאַרבאָטן, פאַרוווּרט —
ניט קיין סאָלדאַטן, און ניט קיין געפעכטס!

ניט קיין אַטאַקע, און ניט קיין אַרמײ —
ס'גייען גיבױרים אַ רײ נאָך אַ רײ.

ס'גייען גיבױרים אַ קייט נאָך אַ קייט,
טויערן־טירן צעפּראַלן זיך ברייט.

ס'וועלן פאַרמעסטן זיך יונגקייט און פּראַכט —
שיינקייט און גוורע אין פרידלעכער שלאַכט.

גלאַנצן זאָל גלאַנצן ניט אײַזן און שטאָל —
מוסקולן־מעכטיקייט צויבערן זאָל.

פילן זאָל יעדער אַ וואַרעמע האַנט —
אַקסל בא אַקסל זיך שטעלן באַנאַנד.

אָרעמס פאַר פרײַנטשאַפט עלאַדע צעשפּרייט —
ס'פּײַערט עלאַדע אַ יאָמטעוו פון פרייד!

און אַפאַנאַסי האָט באַפוילן...

אין 394־טן יאָר האָט דער ביזאַנטישער אימפּעראַטאָר אַפאַנאַסי־I באַפוילן אופהערן די אָלימפּישע שפּילן. אין 426־טן יאָר האָט זײַן אייניקל אַפאַנאַסי־II אָפּגעגעבן אַ באַפעל פאַרניכטן אָלימפּיִע.

פון עקס־אימפּעראַטאָר און ביז אימפּעראַטאָר
פירט זיך דער כעזשבן אַ גלײַכער און גלאַטער,

ציט זיך דער ייִכעס פון לייטער צו לייטער:
אַפאַנאַסי דער ערשטער, אַפאַנאַסי דער צווייטער.

אַפאַנאַסי דער זיידע, אַפאַנאַסי דער אייניק —
געוועזן זײַנען ביידע יערושעדיק אייניק.

פון פערטן יאָרהונדערט ביז פינפטן יאָרהונדערט
זיי האָבן די מענטשהײַט אַף אייביק באַוווּנדערט.

— פון הײַנט און אָף שטענדיק, אַזוי אײַך באַפעל איך, —
געמאָלדן עס האָט דער ביזאַנטישער מעלעך, —

אין נאָמען פון יעזוס, אין זכוס פון מײַן ווילן —
זאָל נעמען אַ סאָף צו אָלימפּישע שפּילן!

באַפוילן — און אויס, און ניטאָ שוין קיין געטער,
און גאַדלעסדיק איבער אָלימפּיִע טרעט ער.

פון מיזרעך ביז מײַרעוו, פון דאָרעם ביז צאָפן —
ס'איז שטיל, ווי עס וואָלט א מאגייפע געטראָפן.

...אוועק זײַנען יאָרן אין שטילשווײַגן שווערן —
אָלימפּיִע טויט איז, קיין קלאנג ניט צו הערן.

געטליִעט האָט אָבער מיט פײַער עלידע —
אָט ווערט עס א שפּריץ טאָן מיט פונקען צעגליטע.

אָט ווערט זיך דער פאקעל א הייב געבן ווידער,
א פינקל טאָן ליכטיק אף הייך און אף נידער!

און ס'האָט אפאנאסי דער צווייטער, דער אייניק,
געזען, אז פארניכטן די געטער איז ווייניק.

באפוילן ער האָט — מיט די וואָרצלען צעשטערן!
פארמעקט פון דער ערד זאָל אָלימפּיִע ווערן!

און ס'האָט שוין ניט גיפּס זיך געוואלגערט אף וועגן —
אלפּיי האָט מיט בלוט זיך געוויגט אין די ברעגן.

געבליבן א וויסטע אין אש און אין קוילן —
אזוי ווי עס האָט אפאנאסי באפוילן.

...אוועק איז דער אייניק, אוועק נאָכן זיידן,
עס האָט שוין די מענטשהײַט פארגעסן זיי ביידן.

טריבונעס צעוואלגערט, דער שפּיל־פּלאץ צעאקערט...
נאָר אונטער דעם אש האָט דאָס פײַער געפלאקערט.

דורך שליים און דורך זאמד ס'האָט זיך האסטיק געריסן,
ביזוואנען ס'האָט ווידער אין הייך זיך באוויזן.

און וויפל עס זאָלן נאָך זײַן אפאנאסיס,
און וויפל בא זיי נאָך טײַוולאָניש דער האס איז.

און וויפל זיי זאָלן נאָך יאָרשים פארמאָגן,
און וויפל נאָך קאס אין די הערצער זיי טראָגן, —

געזאלבטע מיט מאכט פּרעזידענטן, פּרעמיערן
שוין קאָנען ניט מער אָט דאָס פײַער פארווערן.

ווײַל ס'פלאקערט אלץ העכער, אלץ העלער, אלץ נײַער
דאָס הייליקע פײַער, ס'אָלימפּישע פײַער!

די טשעמפּיִאָנקע ווײַנט

צי האָט איר געזען, ווי אירא ראָדנינא האָט געוויינט
נאָך איר טריִומף אין לייק־פּלעסיד? זי האָט דאָס דריטע
מאָל געהערט, ווי מע שפּילט לעקאָוועד איר דעם הימן,
דאָס דריטע און עפּשער דאָס לעצטע מאָל...

(פון צײַטונגען)

ס'האָט ניט באוויזן נאָך דער שניי פארשיטן
די זילבערדיקע רינגען אפן אײַז —
און זי איז אלץ נאָך דאָרט, אין סאמע מיטן
פון יענעם קישעף־קרײַז.

זי קאָן שוין קיינעם איצט ניט זען, ניט הערן,
ווי ס׳וואַלט די שניי־לאַווינע זי פאַרשטיינט:
די פיבערדיקע אויגן פול מיט טרערן —
די טשעמפּיאָנקע וויינט.

ניט וויין, איירינע!
זע, ווי אויסגעצויגן
די הענט צו דיר עס האָט די גאַנצע וועלט,
און, קוקנדיק אהער מיט דײַנע אויגן,
דאָס קינד דײַנס קוועלט!

די טשעמפּיאָנקע וויינט,
און פּראָזשעקטאָרן בלענדיק
אין טרערן אירע שפּיגלען אָפּ די שײַן...
אַזוי דאָס לעבן איז געבויט פון שטענדיק:
אין יעדן גליק
איז דאָ אַ טראָפּן פּײַן...

א דערמאָנונג

— קויף מיר גליטשערס, טאַטע!
— וואָס רעדסטו, קינד מײַנס, ס׳קאָסט
דאָך אַזויפיל געלט...

(אַן עפּיזאָד פון
דער ווײַטער קינדהייט)

עס שווינדלט לײַק־פּלעסיד אָף בלויע עקראַנען,
און ס׳טוט מיטאמאָל מיך אַ שלײַדער פונדאַנען.

אַ שלײַדער — און ס׳מישן זיך איבער די יאָרן,
אַ ווײַטער עקראַן גיט אַ בליץ אין זיקאָרן.

...דעם בוג האָט דער פראָסט מיט אַ פּאַנצער פאַרצויגן,
און ס׳שפּיזלט אַ שטעכיקער שניי אין די אויגן.

ער שיט און ער שיט, ווי מיט נאָדלען פון פײַער,
נאָר הערן דו הערסט אים, דעם פראָסט, פאַר אַ דרײַער.

עס לויפן קונדייסים צום אײַזפעלד פאַרשנייטן
און פאַסעווען אויס אים אָף לענגן און ברייטן.

„סניעגורקעס״ און „אמעריקאַנקעס״ צעשנײַדן,
צעווירען דעם גליטש־פּלאַץ אין וויכער פאַרשײַטן.

די גליטשערס, וואָס כ׳האָב זיך געמאַכט פאַראיאָרן, —
ווו זײַנען זיי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן?

אין פּאָדערהויז זוך איך, איך זוך זיי אין שײַער —
ניטאָ... און כ׳דערמאָן זיך: עס האָט זיי אַ פײַער

אין הרובע פאַרצוקט... ס׳האָט גענומען די מאַמע
אָף האָלץ זיי — ס׳האָט אויסגעפּעלט הייצוואַרג מיסטאַמע...

נאָר כ'האָב ניט קיין דייַגע, און כ'האָב ניט קיין זאָרגן —
כ'שטיי אויף איין א פראָסטיקן שיינעם פרימאָרגן,

און כ'ווייס שוין, וואָס ס'וועט מיר א גליטשער פאַרבייַטן:
א הילצערן ברעטל צי פּאַשעט א שייַטל,

פאַרציִען א דרעטל צי איַיזן א שטיקל —
און נאַ דיר א גליטשער, אַן עמעס אַנטיקל!

———————————————

...און ווידער לייק־פּלעסיד פון קרייַזלויף באַוויַיזט זיך —
דורך צייַט און מעהאַלעך מיט אימפּעט ער רייַסט זיך.

ער רוישט און ער שטורעמט און פלאַקערט פונוויַיטן
און שרויפט מיך אַרייַן אין זייַן ווירבל פאַרשייַטן.

היט דאָס פייַער!

...באַם טעמפּל פון דער געטין הערא, אין אָלימפּיִע, וועט אַנגעצונדן ווערן דער פאַקעל פון די 22־טע אָלימפּישע שפּילן.

(פון דער כראָניק
פון דער אָלימפּיאַדע־80)

ניט קיין שיסער, ניט קיין שלעגער,
ניט קיין קריגס־געיעג אוואַדע —
ס'לויפן טויזנט פאַקעל־טרעגער
פון דער אוראַלטער עלאַדע.

דאָרט, בא הערעס טעמפּל־זייַלן
אין אָלימפּיִע העראַקל
מיט צעגליטע זונען־פייַלן
אַנגעצונדן האָט דעם פאַקעל.

אין זייַן ליכטקוואַל אין באַנייַטן
פלאַקערט ער מיט הייסן שטורעם,
און עס בענטשט אין לויף אין ווייַטן
פראָמעטיי אים פון זייַן טורעם.

און אַן אָנזאָג גיט אין וועג ער,
ווען ס'איז דאָס פייַער טייַער:
— פאַקעל־טרעגער, פאַקעל־טרעגער,
היט דאָס פייַער!
היט דאָס פייַער!

גרענעצן און רוביקאָנען
זיך צעשפּאַרן ברייטע וועלן,
אַז אַף אַלע הויכע פאָנען
זאָל עס מיט זייַן פלאַקער העלן.

דורך די באַרגרוקנס און יאַמען
זיך פאַרהייבן וועט א שייַטער,
אַף קיין איין מינוט פאַרזאַמען —
גיכער, גיכער!
ווייַטער, ווייַטער!

אומעטום די שייַן וועט שפּילן,
און אַף אַלע ברייטע וועגן
וואַרעמקייַט און גוטן ווילן
טראָגן יעדערן אַנטקעגן.

אזא פאַקעל־צוג אוואַדע
ניט געזען נאָך קיינמאָל האָסטו:
ס'גייט דאָס פייַער פון עלאַדע,
גייט קיין מאָסקווע!
איַילט קיין מאָסקווע!

כאַים מעלאַמוד

די טעג מיט די נעכט

ראָמאַן

(צווייטער טייל)

5

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען זייער אַ גוטע פּאָוועסטקע.

כאָטש איך האָב פאַרשפּעטיקט אף גאַנצע דריַי טעג, איז דער אויספאָרשער געווען ניט שטרענג און ניט בייז — אפילע געשמייכלט, אפילע מיר דערלאַנגט די האַנט. מיר דערלאַנגט די האַנט און אַ פרעג געטאָן.

— ווי איז זיך געפאָרן? וואָס פאַרא נײַס אין קיִעוו?

און איך... איך האָב קיין וויכטיקערע נײַס ניט געהאַט, אויסער דעם, וואָס אין קיִעוו האָט מיך אַמערסטן איבערראַשט.

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 1980.

— לאָזט זיך אויס, אַז אין דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע איז ניטאָ קיין מערוועט. בלויז א צוגאָב־פּראָדוקט.

— אזוי גאָר? — האָט דער אויספאָרשער געמאַכט א מינע, ווי ער אליין איז איבעראַשט ניט ווייניקער. — נו, צוליב דעם אליין האָט געלוינט פאָרן קיין קיִעוו.

באַשטימט בא זיך, אַז דער עטיקעט פון איידלקייט איז אויסגעפילט, ווי עס פירט זיך בא לײַטן, האָט ער אוועקגעלייגט דאָס שמייכעלע אין א זײַט, געוואָרן ערנסט־אָפיציִעל, ווי עס פּאַסט פאַר זײַן שטעלע, און ארויסגעקראָגן פונעם שאַפעלע א גראָבע פּאַפּקע. איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, וואָס פאַר א פּאַפּקע דאָס איז און בא מיר האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. דער אויספאָרשטער, ווידער מיט יענער העכסטער אָפיציִעלקייט, האָט אָנגעהויבן ציילן די ווערטער, ווי מע לייענט פאַר אַן אורטייל.

— מיר האָבן אײַך ארויסגערופן, קעדיי מעלדן, אַז דער איניען לויט וועלכן איר ווערט באַשולדיקט אין העכערן אײַערע מאַכט־פונקציעס האָט די אויספאָרשונג אָפּגעשטעלט אָפּן סמאַך...

— אָפּן סמאַך, אָפּן סמאַך, — האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרײַען. — ביוראָקראַטן פאַר־ברענטע! אזא גוטע בסורע טראָגן אין זיך בעסאָד. ניט געקאָנט אָנקלינגען, ניט געקאָנט אי־בערגעבן דורכן סעקרעטאַר?

נאָר גיי, האָב טײַנעס צו דער פּראָקוראַטור. און דער אויספאָרשער האָט ארויסגענומען פון דער פּאַפּקע א פּאַפּירל און אָנגעוויזן:

— שרײַבט זיך אונטער. דאָס איז ריינע פאָרמאַליטעט. אַז מיר האָבן אײַך געמאָלדן.

— און ציבעלמאַן? — האָט זיך בא מיר ארויסגעכאַפּט.

— ניטאָ ציבעלמאַן... פאַרשווּנדן געוואָרן.

— וואָס הייסט ניטאָ? וואָס הייסט פאַרשווּנדן געוואָרן?!

— דאָס האָט די אויספאָרשונג נאָך ניט פעסטגעשטעלט. — האָט דער אויספאָרשער געענט־פערט אָף זײַן געוויינלעכער שפּראַך. — מיט דרײַ טעג צוריק, ווען א פאָרשטייער פון סלאָד־קאָוואָדנער דאָרפּראַט איז געקומען אים איבערגעבן די פּאָוועסטקע, האָט ער געטראָפן די טירן מיט די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער.

— ווידער, הייסט עס... — האָב איך ארויסגערעדט מיט באַדויערונג. — וואָס זשע וועט זײַן?

— וואָס דאַרף דען זײַן? דעריקער איז דאָך, דאָס, וואָס איר זײַט אינגאַנצן פרײַ פון וועלכן־ס'ניט־איז כשאַד. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך דאָס גלײַך פאַרשטאַנען.

— צוליב וואָס זשע האָט אײַך געטויגט די גאַנצע שפּיל?

— ע, כאַוועך... מע זעט, אַז איר זײַנט אין די איניאָנים ניט באַהאַוונט. דאָ גייט ניט אין פאַרשטאַנד, אינטויִציע, צי אייגענע זיכערקײַט. אַן אויספאָרשונג דאַרף אַלץ דערווײַזן.

ארויס פונעם שמאָלן צימערל, האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט אין די געדאַנקען די ווערטער פונעם אויספאָרשער, אַז „דער איניען איז דורך דער אויספאָרשונג אָפּגעשטעלט אָפּן סמאַך...” און געפילט, ווי מיט יעדן שפּאַן ווערט מיר גרינגער, ווי דער איניען וואָלט ביסלעכווײַז אָפּגעשיילט געוואָרן פון מײַנע פּלייצעס און פון מײַן האַרצן.

איז געקומען די צײַט מיט א גרינגן געמיט איבערגעבן די אביסל פאַרלעגערטע גרוסן גיטלס עלטערן און גיטלס זיידע. מיר איז ניט גרינג געווען אויספילן איר ביטע, ווײַל פאַר דער גאַנצער צײַט איז איר טאַטע, דאָוויד־לייב קיין איין מאָל ניט ארײַנגעקומען אין דאָרפּראַט. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער קוקט אָף מיר אביסל קאָסע, ווי איך וואָלט געהאַט א שטיקל כיילעק אין דעם, וואָס מיט זײַן גיטלען איז געשען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז א נאַריש־קײַט, אַז בא דאָוויד־לייבן איז ניטאָ קיין שום גרונט מיך כוישעד זײַן און דאָך האָבן מיר ביידע זיך געסטאַרעט אויסמײַדן איינער דעם צווייטן.

נאָר דאָס מאָל, נאָך אזא גוטן, פרײַנטלעכן שמועס מיטן אויספאָרשער בין איך געוואָרן אזוי פעסט בא זיך, אַז איך האָב זיך געפילט בעקויעך בײַקומען די אייגענע אָפּהענטיקײַט און ארײַנגעקומען צו גיטלס עלטערן אין שטוב ארײַן.

איך האָב ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך, אַז דער בילבל אָף זײַן טאָכטער האָט אזוי צע־בראָכן דאָוויד־לייבן, אַז ער קאָן ביז איצט ניט קומען צו־זיך, אַז דאָס האָט ער אומיסטן גע־בעטן מענאַשען, ער זאָל אים אוועקשטעלן פאַר א נאַכט־שוימער אין דער קאָ־שטאַל, קעדיי ווייניקער באַגעגענען זיך מיט מענטשן. ס'איז געווען די צײַט, ווען דאָוויד־לייב איז שוין אָפּ־געקומען זײַן קורצן און אומרויִקן שלאָף נאָך דער נאַכט־וואַכטע און איצט, מיט א שווערן קאָפּ האָט ער זיך געקליבן נעמען פאַר די שטוב־אַרבעטן. ער האָט א קוק געטאָן אָף מיר אָפּ־געפרעמדט־דערשראָקן און אָף זײַן אײַנגעפאַלן פּאָנעם און אין די ניט אויסגעשלאָפענע אויגן

איז געווען א פּראַגע, וועלכע ס'איז גלײַכער געווען ניט באַמערן און ניט ענטפערן אויף איר. דערפאַר האָב איך פּאַרכאַפּט.
— איך בין געקומען אָפּגעבן אײַך א גרוס פון אײַער גיטלען.
— אוי, — גאָלדע האָט קימאַט א קוויטשע געטאָן, ווי א מענטש, וואָס קלײַבט זיך פאַלן כאַלאַשעס. נאָר זי האָט זיך גלײַך גענומען אין די הענט און געפרעגט א דערשטוינטע, ווי א זאַך, וואָס ליגט זיך איר ניט אויפן סייכל. — זי שרײַבט אײַך, מײַן גיטל?
— זי שרײַבט, זי שרײַבט. פאַרוואָס זאָל זי ניט שרײַבן? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט...
— ווען, ווען האָט איר אָפּגערעדט?
אויף איר פּנים, פול מיט פרישע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געוויס באַוויזן ניט לאַנג, איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן דער איבערשרעק פון יענעם פּראָסטיקן באַגעגענען, ווען זי איז אַרויס־געלאָפן אויפן הויף און דערזען, ווי איר גיטל שטייט אין איין ציצן קאָפּטעלע און ציטערט פאַר קעלט... איך האָב באַמערקט, ווי די קנייטשן האָבן זיך א רודעווע געטאָן, ווי די אויגן האָבן לאַנגזאַם זיך צעעפנט וואָס אַמאָל ברייטער און... נאָ דיר גאָר... טרערן!
— ווען האָט איר עס אָפּגערעדט? — האָט זי געפרעגט מיט שרעק און מיט האָפענונג.
— ווען מיר האָבן זיך געזעגנט. — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז דאָ פאַרפּינקטלעכן און צוגעגעבן.
— יענעם אָוונט, ווען מיר האָבן זיך באַקענט און געזעגנט.
— וואָס זשע שרײַבט זי אײַך, ווי לעבט זיך איר דאָרטן? זי שרײַבט אונדז אַזוי ווייניק!
— זאָג ניט, אַז ווייניק, — האָט דאָוויד־לייב זי פאַריכט. — זי שרײַבט אונדז גאַנץ אָפט.
— ריכטיק, טאַקע זייער אָפט, נאָר אַזוי ווייניק, אַז מיר ווייסן גאָרניט ניט. ווי זשע לעבט זיך איר דאָרטן?
— ס'איז איר שווער, נאָר ס'איז איר גוט, — האָב איך אַרויסגערעדט דאָס, וואָס ס'האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן פון איר לעצטן בריוו. — און זי בענקט שטאַרק אַהיים.
— אַזוי שרײַבט זי טאַקע? זי בענקט אַהיים?
— וואָס איז דאָ דער וווּנדער? — ווידער דאָוויד־לייב. — יעדער מענטש בענקט אַהיים.
אָפּאַנעם, אַז דאָס איז פאַר גאָלדען געווען דאָס וויכטיקסטע. דאָס, וואָס גיטל בענקט אַהיים. איך האָב גאַנץ גענוי איבערדערציילט דעם אינהאַלט פונעם בריוו, און זי, צי יאָ געהערט, צי ניט געהערט, נאָר די טרערן האָבן ניט אויפגעהערט רינען, ווי פון זיך אַליין.
— לאַנג לעבן זאָלט איר, — האָט זי אַרויסגערעדט און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן.
בלויז דער אַלטער אַזריעל, וואָס האָט פאַר זײַן לאַנג לעבן איבערגעלעבט פיל ערגערס, האָט זיך געהאַלטן מונטערער און אַפילו געפּרוּווט א ווי־צל טאָן זיך. ער איז געזעסן אין זײַנע אַלטע געלאַטעטע פוישטן, שטאַרק אונטערגעפּינטלט מיט די אויגן, וואָס האָבן געקוקט ניט אויף אונדז, נאָר אַביסעלע העכער, גלאַט אויף דער סטעליע, און מע האָט זיך געקאָנט אַנשטויסן, אַז מיט דער ריע איז באַ אים זייער ניט וואַזשנע.
— וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט ער זיך אָנגערופן. — פאַראַן וועגן וואָס איבערצו־טראַכטן. אָט וועסטו זען, זי וועט איינגיכן אַראָפּאַוועקן זיך אַהיים. איך מוז זי דאָך נאָך זען. איך קאָן דאָך ניט!...
— וואָס רעדסטו, טאַטע? — האָט גאָלדע אים איבערגעשלאָגן, ניט דערלאָזט אים פאַרענ־דיקן זײַן געדאַנק.
דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ערשט פון גיטלס בריוו זיך דערוווּסט, אַז אַזריעל איז איר אייגענער זיידע, און אַז איר מאַמע איז זײַן אייגענע טאָכטער. איך פאַרשטיי, וויפל געזונט עס האָט איר געקאָסט די לעצטע פּראַגע.
— און וועגן מענאַשען שרײַבט זי גאָרניט?
— וואָס הייסט גאָרניט. — כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס דאַרף זי טרייסטן. — איך האָב איר איבערגעגעבן א גרוס פון מענאַשען, און זי האָט אים אויך איבערגעגעבן א גרוס.
— און ער וואָס?
— מעאַשע? ער איז געווען זייער צופרידן.
גאָלדע האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ אַרויף, צוגעזשמורעט די אַנגעטרערטע אויגן און אַרויס־געשעפּטשעט ווי א טפילה.
— גאָטעניו!...
אַפילו איך, באַ מײַנע נאָך יונגע יאָרן, האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דערהאַלט זי באַם לעבן. דער הייסער פאַרלאַנג זען אַביסעלע נאַכעס אין איר טאָכטער.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך זיך געקאַטעוועט פאַר מײַן נאַרישן כּשאַד אַף דאַוויד־לייבן און פאַר דעם, וואָס איך בין ביז איצט ניט געווען בא גיטלס עלטערן. געוויס האָבן זיי מערער פון אַנדערע זיך געגייטיקט אין אַ גוט וואָרט, וואָס זאָל זיי אַביסל טרייסטן. און די גאַנצע צײַט האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן גאָלדעס ווערטער באַם געזעגענען זיך.

— קומט אַמאָל אַרײַן צו אונדז, ווען איר ווילט...

דערנאָך איז אָנגעקומען איינער פון מײַנע פּאַרנאַכטן, ווען דער מעסלעס ווערט צעשפּאָלטן אַף צווייען. און ווי דער טאָג זאָל ניט זײַן אָנגעזעטיקט מיט געשעענישן, מוז ער אָפּטרערטן דאָס אָרט דעם פּאַרנאַכטיקן, ווען עס גיבן זיך אַ יאָווע יענע, פון מײַן פּאַראיאַריקן זומער.

איך געדענק ניט בא וואָס האָב איך געהאַלטן יענעם פּאַרנאַכט, קיין באַשטימטע אָרדענונג אין מײַנע זעונגען און אין מײַנע פּאַרנאָטירונגען איז ניט געווען. נאָר געוויס האָב איך דאַן געהאַלטן בא די ערשטע טעג אין די באַראַקעס, בא די ערשטע פּאַרזייטע העקטאַרן און בא די וווּנדערפולע סטעפּישע באַגינענס, ווען די אופגייענדיקע זון זעט אויס אַזוי ערדיש נאָענט, ווי זי וואָלט אופגעגאַנגען ניט פון די ווײַטע האָריזאָנטן, נאָר טאַקע דאָ, פון אונטער אונדזער יִשעוו. יאָ, געוויס איז דאָס געווען טאַקע אַזוי און יענעם פּאַרנאַכט האָב איך פאַרשריבן.

„ערד...

הימל און ערד...

פאַר זײַן גאַנץ לעבן האָט פּישל ניט געזען אַזויפיל הימל און אַזויפיל ערד... האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט די ערד אַזוי נאָענט אַרום זיך, נאָך קיינמאָל אַזוי באַשײַמפּערלעך ניט געזען, ווי עס ווערט געבוירן אַ נײַער טאָג...“

איך וועל ניט איין מאָל פּרווון געפינען ווערטער אַף באַשטימען מײַן צושטאַנד אין יענע ביינהאַשמאַשעסדיקע מינוטן, אַף וועלכע איך האָב שטענדיק געוואַרט און שטענדיק זיך געשראָקן. יענע מינוטן און שאָען פון מײַן אומבאַגרײַפלעכן גילגל, ווען איך האָב אַליין ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט מיר קומט פאָר.

פון קיין ספּייקעס האָב איך נאָך דאַן ניט געוווּסט. איך האָב אַפילע ניט כּוישעד געווען, אַז ס'וועלן אַמאָל קומען טעג און שאָען פון סאַקאָנעסדיקער פאַרצווייפלונג, ווען איך וועל אָפּזיצן באַם טיש עטלעכע מוירעדיקע שאָ און ניט אַרויסבאַקומען פון זיך גאָרנישט ניט, כּוץ שאַרפן קאַפּוויטעק, אָדער, ווען עס וועלן זיך לייגן אַף פּאַפּיר ניט די שורעס, וואָס מע דאַרף און ניט די, וואָס איך וויל. בלייכע, פאַרבלאָוטע, בלוטלאָזע... טויטע שורעס! עס האָט זיך געשריבן גרינג, שפּילעוודיק, געשריבן זיך פון זיך אַליין, אויסגעגאָסן זיך אַף פּאַפּיר בילד נאָך בילד, געשעעניש נאָך געשעעניש, אַלץ, וואָס איז געשען מיט מײַנע כאַשטשעוואַטער, אַזעלכע, ווי זיי שטייען און גייען, אַזעלכע, ווי זיי זײַנען געקומען אין סטעפּ, יעדערער מיט זײַן וועלטעלע, מיט זײַנע כאָכמעס און נאַרישקײַטן, מיט זײַן גוטן און בייזן.

„די זון איז אַרויס, אַף אַ ווײַלע זיך צוגעשפּאַרט צו דער ערד, ווי באַקוקט אירע נײַע אײַנוווינער... די זעלבע זון, וואָס אין כאַשטשעוואַטע, נאָר אַזוי נאָענט האָט זי פּישל קיינמאָל ניט געזען. דאָרטן פלעגט זי אופגיין ערגעץ פון יענער זײַט בוג, פון צווישן די קאַזאַוואַטשינער בערג, און דאָ גייט זי אויף פּאַשעט פאַר די אויגן, גלײַך זי האָט געגנעכטיקט אין באַלקע, אָדער אונטער די באַראַקעס“...

מיר איז איצט שווער אָפּשאַצן אַלץ, וואָס איז אַרײַנגעשריבן געוואָרן דאַן אין יענעם גראַבן העפט. אין איין זאַך בין איך זיכער: ווען ניט יענע געדיכט־אָנגעשפּיגעוועטע זײַטלעך, ווען ניט יענע נאָטיצן, וואָס האָבן פאַרהיט אין זיך די וואַרעמקײַט, דעם צאַפּלדיקן אָטעם פון יענעם שווערן זומער, וואָלט איך אין עטלעכע יאָר אַרום ניט געקאָנט אָנשרײַבן מײַן „ערד“.

דער לעצטער באַזוכער אין דאָרפראַט איז שטענדיק געווען די זון, וואָס האָט פאַרגאָסן די פענצטער מיט אַ רויטן פלאַם. דער סעקרעטאַר האָט אופגעראַמט זײַן טישל פון די פאַרשיידענע פּאַפּירן, אייניקע אַרײַנגערוקט אין טישקעסטל, אַנדערע צונויפגעקנייטשט און אַרײַנגעוואָרפן אין געפלאָכטענעם קוישל, אויסגעצויגן די הענט אַרויף אַף אויסגלײַכן די ביינער און זיך אָנגערופן.

— וועלן מיר זיך דורכגיין אַביסל?

— איך האָב דאָ נאָך אַ שטיקל אַרבעט, — האָב איך אָפּגעענטפערט.

יאָסל האָט שוין געוווּסט וועגן וואָס פאַר אַן אַרבעט עס גייט אַ רייד. ער האָט געקוקט אַף דעם, און דערפאַר אויך אַף מיר, מיט פאַרשטאַנד, מיט אָפּשײַ און אויך מיט מיטגעפיל. בין איך געבליבן אַליין, אַרויסגענומען מײַן העפט און צוגעמאַכט די אויגן. באַלד וועלן זיך אָנהויבן יענע זעלטענע, אומפאַרשטענדלעכע און גליקלעכע מינוטן. באַלד וועלן זיי זיך אַ יאָווע טאָן, אַלע מײַנע כאַשטשעוואַטער, וועלן אָנהייבן אונטערשטויסן איינער דעם אַנדערן,

אנהייבן קריגן זיך און פּרוּוון איבערשרײַען איינער דעם צווייטן. און איך... איך וועל קוקן אף זיי, אויסהערן זיי און פאַרשרײַבן.

און טאַקע דעמלט, ווען פישל האָט אזוי פײַן זיך דורכגעשמועסט מיט דער אופגעגאַנגע־נער זון, האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. איך האָב א כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל און דער־הערט די בייזע, אופגערעגטע שטים פונעם פאַרזיצער פון ריַיוּיספּירקאָם.

— ווו ביסטו ערגעץ?

גיי דערצייל אים, ווו איך בין... גיי דערצייל אים, אז איך בין גאָר ערגעץ אנדערש, אין אן אנדער צײַט...

— איך בין דאָ, — האָב איך שטיל אָפּגעענטפערט.

— וואָס רעדסטו, ווי פונעם שלאָף?

— איך בין דאָ, — האָב איך אריַינגעשריִען אין טרײַבל.

כאָטש כ׳האָב איצט ניט געמוזט זיצן אין דאָרפראַט. כ׳האָב געקאָנט זײַן אין סטעפּ, כ׳האָב געקאָנט זײַן אין אן אנדער דאָרף, כ׳האָב געקאָנט זײַן אינדערהיים, אָדער ארומשפּאַצירן, ווי נאָרמאַלע יונגע לײַט שפּאַצירן ארום אין א פרײַען אָוונט. נאָר איך בין געווען דאָ.

— טו א קוק אף דער גאַס, — האָט ער באַפוילן. — וואָס זעסטו דאָרט?

— וואָס דאַרף איך זען? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— טו א קוק, באַלעבאָס, וואָס בא דיר אין דאָרף טוט זיך!

בא מיר אין דאָרף... איך האָב א קוק געטאָן אין פענצטער און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. ניט ווײַט פונעם דאָרפראַט, אקעגניבער, ארום דער שטוב, אין וועלכער סלאַדקאָוו האָט גע־וווינט, האָט זיך צונויפגעקליבן א היפּשער אוילעם פרויען. סאַמע פרויען. עפּעס טומלען זיי, שרײַען, פאָכען מיט די הענט, מיט די קאָפּטיכלעך, נאָר אין וואָס דאָ גייט איז שווער געווען פאַרשטיין.

— גיי שוין ארויס און טרײַב פאַנאַנדער די באַלעגופישע דעמאָנסטראַציע!

— באַלעגופישע דעמאָנסטראַציע?

מיט אזעלכע זאַכן האָב איך נאָך ניט געהאַט צו טאָן. מיר איז אפילע שווער געווען גלייבן אין דעם. א באַלעגופישע דעמאָנסטראַציע? צי טראַכט ער ניט אויס, דער היציקער סלאַדקאָוו, צי טרײַבט ער ניט איבער? מיר איז נאָך שווערער געווען באַנעמען דאָס דערפאַר, וואָס איך בין אינגאַנצן געווען פאַרטאָן מיטן פאַראַיאָריקן זומער... איך בין ארויסגעלאָפן אינדרויסן, צוגעקומען נעענטער צום טומלענדיקן אוילעם און ערשט איצט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט סלאַדקאָוו געדופן צוהילף מיך, פאַרוואָס האָט ער אליין ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די ווײַבער, און פאַרוואָס האָט ער ניט ארויסגערופן עמעצן פון דער מיליציע.

און איך... איך האָב אויך דערוויַיל ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. איך האָב ביכלאַל ניט גע־וווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר. מיך האָט איבערראַשט דאָס בילד אליין. די עטלעכע צענדליק פרויען האָבן קיין שום אכט ניט געלייגט אף מײַן באַווײַזן זיך. ניט מיך האָבן זיי געדאַרפט, ניט איך האָב געקאָנט אויספילן זייערע פאָדערונגען. זיי האָבן געדאַרפט גראָד אים, סלאַדקאָוון.

זײַנען מיר א ווײַלע געשטאַנען, ווי צוויי פאַרשיידענע צדאָדים, וואָס האָבן ניט קיין שײַ־כעס איינער צום אנדערן. די פרויען האָבן געהאַלטן אין איין שרײַען, און איך בין געשטאַנען בא דער זײַט און צוגעקוקט.

געוויס האָט דער מאַרש זיך אָנגעהויבן פון עטלעכע געציילטע פרויען. ס׳איז געווען פאַר־נאַכט, אייניקע פרויען האָבן זיך אומגעקערט פון סטעפּ, אנדערע זײַנען ארויס באַגעגענען די טשערעדע, און דער ווײַבערשער האַמוין איז אלץ געוואַקסן. אן אוילעם א בין גאָר פאַרשייי־דענער, מע האָט ניט געקאָנט כוישעד זײַן אז עמעצער האָט זיי באַצײַטנס צוגעגרייט, אונטער־געהעצט, די גרעסטע טייל האָט ביכלאַל ניט געוווּסט, וואָס איז דאָס פאַר א גייעניש און איז צוגעשטאַנען צו דער ריי פון ריין ווײַבערשער נײַגעריקײַט. נאָר דאָ, ארום דער שטוב פונעם פאַרזיצער פון ריַיוּיספּירקאָם איז שוין געווען א היפּשער, אופגערודערטער אוילעם, און ס׳האָט זיך באַקומען, אז אלע שרײַען אין איין קאָל.

— לאָזט זי איבער אין איר שטוב!

— זי וויל מערער גאָרניט, נאָר די שטוב!

— אפילע א האַלבע!

— זאָל זײַן אפילע נאָר איין צימער!

וועמען איבערלאָזן אין שטוב, ווער וויל מער גאָרניט? מײַנע געדאַנקען האָט איבערגע־שלאָגן בילעם.

ער איז ארויסגעשווומען, ווי פונעם שטויב־וואָלקן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אפן ברעג פונעם דאָרף, געשפּאַנט מיט זײַן שווערן שפּאַן, אלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט און א קלאַפּ גע־

טאָן די ערד מיט זײַן לאַנגן סוקוואַטן שטעקן. מיסטאָמע האָט ער דערבײַ עפּעס אויסגעשריִען, צי אויסגעזונגען, נאָר איבער די ווײַבערשע גוואַלדן האָט קײנער גאָרנישט ניט געהערט. אַזוי, צי אַזוי, נאָר מע האָט געקאָנט דערבײַ אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס שפּאַנט ער ניט גלאַט אַזוי, אַז ער האָט אין דעם אַלעמען אַ גרויסן כײלעק און אַז ער טראָגט מיט זיך אַ נײַע קלאָלע פֿאַר אונדז אַלעמען. איך האָב אַקשאָנעסדיק געטראַכט וויאַזוי גיכער אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן איניען, נאָר דאָ איז צוגעקומען מײַן באַלעבאָסטע נעסיע, אויך מיט אַן עמער אין דער האַנט, און אַרײַנגעטראָגן אין דעם אַלעמען אַ נײַעם פּלאָנטער.

— ריכטיק, — האָט זי אויסגעשריגן. — נעכאַמע איז ניט שולדיק!

— וועלכע נעכאַמע? — האָב איך אויך אויסגעשריגן.

— וואָס הייסט וועלכע? — נעכאַמע בושליק! זי האָט אַפילע געוואָלט „געטן זיך. — ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גײט און צוליב וואָס עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַהער אַזויפיל פֿרויען.

די שטוב, אין וועלכער עס האָט געהאַלטן קעסט דער פּאַרזיצער פֿון ריַיִוסְפּירקאָם איז געווען אַ גאַנץ לײַטיש מויערל, מיט אַ הויכן שטײנערנעם פֿונדאַמענט און מיט אַ הילצערן גאַנעקל פֿונפֿאַרנט. בין איך אַרופֿגעשפּרונגען אַפֿן גאַנעקל און אויפֿגעהויבן די האַנט.

— רויִקער, כאַווײרים, הערט מיך אויס!

מיך אַליין האָט געוווּנדערט די פּלוצעמדיקע שטילקײַט. זי איז געווען זײער אַ קורצע, נאָר גאַנץ גענוג, איך זאָל אַרויסרעדן דאָס, וואָס איז מיר אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן.

— טײלט אויס אַ דעלעגאַציע פֿון דרײַ פֿרויען, וועלן מיר אויסהערן אײַערע טײַנעס און זײ באַטראַכטן.

די קורצווײַליקע שטילקײַט איז ווידער אויפֿגעריסן געוואָרן מיט אַ געמיש פֿון קוויטשעררײַען און גוואַלדן.

— וואָס פֿאַר אַ דעלעגאַציע?

— ווער דאַרף אַ דעלעגאַציע?

— מיר דאַרפֿן ניט קײן דעלעגאַציע!

און צווישן די אַלע גוואַלדן — אַ ווײַבערשע שטים און גאָר אַן אַנדער מין. אַ רײנע, אַ מונטערע, אַ רופֿנדיקע.

— די טשערעדע גײט!

מײַן באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען אַ גרעסערער מיווין אָף די ווײַבערשע שטיק, האָט אויך אַראָפּגעריסן פֿונעם קאָפּ דאָס טיכל און אַ פּאַכע געטאָן מיט דעם.

— וועלכע טשערעדע? מע זעט ניט קײן טשערעדע! שטעלט מיך אַרײַן אין דער דעלעגאַציע. נעכאַמע איז ניט שולדיק!

נאָר יאָ דעלעגאַציע, צי ניט דעלעגאַציע, דאָס איז שוין געווען אַן איבעריקע זאַך. די ווײַבער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַנטקעגן דער טשערעדע, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צוקומען צום דאָרף. אַליין די טשערעדע האָט מען נאָך דערווײַל ניט געזען, בלויז דעם שטויבוואָלקן, וואָס האָט זיך באַוועגט ביז גאָר לאַנגזאַם, געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער און טונקעלער, און פֿאַרדעקט מיט זיך דעם מײַרעוודיקן הימל־ראַנד. דערפֿילט, אַז ער האָט פֿאַרשפּטיקט, איז בילעם געבליבן שטײן, פֿאַרהויבן דעם שטעקן אַרויף, ווי געקליבן זיך אָף עמעצן אים אַראָפּלאָזן און פּונקט אַזוי, ווי ער איז אַרויסגעשווומען, אַזוי איז ער ווידער פֿאַרדעקט געוואָרן מיטן שטויב־וואָלקן, וואָס האָט שוין פֿאַרכאַפּט אַ האַלב דאָרף.

ווען די פֿרויען זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן, איז סלאַדקאָוו אַרויסגעקומען אָפֿן גאַנעקל. ער איז געווען בלײך, און ס'איז געווען צו זען, אַז אים קומט אָן ניט גרינג אויסבאַהאַלטן פֿון מיר זײַן פּלאָטערניש.

— אַזאַ געשיכטע, — האָט ער אַרויסגערעדט און בײַז אַ קריץ געטאָן מיט די צײן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אָף מיר, גלײַך ער זעט מיך צום ערשטן מאָל, און זיך אָנגערופֿן:

— און דו...

ער האָט געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס, נאָר, אַפּאַנעם, באַשטימט בײַ זיך, אַז דאָס וועט שוין זײַן פֿאַר מיר צופֿיל, אָדער צו גוט. פֿאַר מיר איז דאָס געווען איבערגענוג. אָף קײן גוט וואָרט פֿון אים האָב איך קײנמאָל ניט געוואַרט.

— אָט וואָס... — דאָס ערשטע מאָל האָט ער גערעדט צו מיר אַביסל מענטשלעך. — גײ אַהײם, עס אָפּ וועטשערע און קום אַרײַן אין רײַוִוסְפּירקאָם. איך וועל פֿאַר דער צײַט...

אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, צי דאַרף ער מיר זאָגן, וואָס ער וועט טאָן פֿאַר דער צײַט, צי מעג איך דאָס ביכלאַל וויסן. נאָר דעם פֿאַרנאַכט זײַנען, אַפּאַנעם, אין אים אָפּגעשוואַכט

געוואָרן יענע שרײַפּעלעך, וואָס האַלטן אים די גאַנצע צײַט שטאַרק אָנגעצויגן און פאַרשפּי־ליעט אַף אַלע קנעפּ.

— איך וועל אָנקלינגען אין קרײַזקאָם. מע דאַרף ענדלעך לייזן דעם איניען.

מײַן וועטשערע איז געווען אַזאַ ווי שטענדיק: אַ גלאָז מילך, אַ שטיקל פּוטער און אַ טעלער מיט אָנגעשניטן ברויט. נאָר מײַן באַלעבאָסטע איז געווען ניט אַזאַ, ווי אַלע אָוונטן. זי איז געווען אָנגעדראָדלט גאָר ניט לויט איר טעווע, און געווען אַזוי בייז אַף מיר, אַז זי האָט דאָס ניט געקאָנט האַלטן אין זיך.

— איר זיצט זיך אין אײַערע קאַבינעטן און זעט ניט, וואָס אַרום אײַך טוט זיך. — אַזאַ איז געווען איר קורצער אַרײַנפיר. — איך מיין ניט נאָר אײַך, נאָר אויך די העכערע נאַ־טשאַלסטווע. גייט אַרויס אין פעלד, שטעלט זיך אַוועק צווישן די פרויען מיט אַ סאַפּע אין דער האַנט, שטייט אָפּ אַ פאַרנאַכט לעבן דער קוזניע, וווּהין דער אַלטער אַזריעל מיט זײַן מיניען האָבן זיך אַריבערגעקליבן, וועט איר זיך אָנהערן אַזוינס, וואָס אַף קיין שום פאַרזאַמלונג וועט איר ניט הערן. און נעכאַמע... זי איז דאָך געווען בײַ אים ניט מערער, ווי אַ סקאָטינע. פאַר־וואָס זשע קומט עס איר? פרעגט בײַ מיר, איך ווייס מערער פון אײַך און אײַער סלאַדקאָון. ווען איך האָב נאָר אַ שטיקל דייע...

— ווייסט איר וואָס? — האָב איך געפרוווט אַ שפּאַס טאָן. — בײַ די אָרדנטלעכע וואַלן וועלן מיר אײַך אויסקלײַבן אַלס פאַרזיצער פון דאָרפראַם.

— וואָס זשע מיינט איר? — איז זי געוואָרן אַביסל ווייכער. — איך וואָלט געפראַוועט ניט ערגער פון אײַך.

דאָ מוז אַביסל דערציילט ווערן וועגן די בושליצעס, עס זאָל קלאָר ווערן דער פּלוצעמ־דיקער אויפברויז פון פאַרשיידענע, ווידערשפּרעכלעכע געפילן, וואָס האָבן יענעם פאַרנאַכט זיך אַרויסגעפּליעסקעט אין אָט דער אומגעריכטער און לעפּישער דעמאָנסטראַציע. אַביסל האָט מיר די באַלעבאָסטע דערציילט בײַס דער וועטשערע, דאָס איבעריקע האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער.

באַם אָנהייב פון דער געשיכטע איז געווען פון וואָס אָפּצושפּעטן. מע דערציילט ביז הײַנט, ווי אַזוי דער צוואַנציק־יאָריקער פּײַוועש האָט אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ קאַלע. יעדן שאַבעס האָט ער אײַנגעשפּאַנט די בעדאַרקע און אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער דאָרף. אויסגע־שפּאַנט דאָס פערד, ווו עס האָט זיך געמאַכט, איז ער אַוועק שפּאַצירן איבער דער גאַס. געווען איז פּײַוועש אַ באַכער אַ שטאַלטנער, העגט און פּלייצעס פון אַן עמעסדיקן גיבער, דאָס פּאָנעם זומער און ווינטער ברוין, ווי אויסגעגאָסן פון בראָנזע, און די אויגן גרויסע, שוואַרצע און זשעדנע. נאָר מערער פון אַלץ האָט ער אויסגענומען מיט זײַנע געדיכטע קוטשערן: בייזע, כוצפּעדיקע און רייצנדיקע. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז שיין, און בײַס זײַן שאַבעסדיקן שפּאַ־ציר האָט ער אײַנזינען געהאַט צווײ זאַכן: ווײַזן דער וועלט זיך אַליין און אויסקוקן פאַר זיך אַ קאַלע. אייניקע האָבן געשפּאַסט פון אים, אַנדערע האָבן אויסגעקוקט. פּונדעסטוועגן, אַזאַ כאָסן, פון אַזאַ באַלעבאַטישער שטוב. שאַבעס איז ער אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, אין די וואָכעדיקע פאַרנאַכטן איבערן סטעפּ, ווו מיידלעך האָבן געפּאָליעט די פּאַפּשויעס און זונ־רויזן, נאָר צוקלײַבן פאַר זיך אַ קאַלע איז אים געווען שווער. ביז ער האָט איינעם אַ שאַבעס דערזען אין מעזשירעטש נעכאַמקען. אַרופגעזעצט זי אַף דער בעדאַרקע און אַוועקגעפירט.

ס'רעדט זיך אַזוי, אַרופגעזעצט. דאָ מעג יעדערער צוטראַכטן, וואָס ער וויל. נאָר די מײַסע איז געווען אַזוי: דערזען נעכאַמקען, וואָס איז אַרויס פון איינער אַ שטוב מיט אַן עמער אין דער האַנט, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און גלײַך בײַ זיך באַשטימט:

— אָט די וועט טויגן...

אָפּגעשטעלט זי אינמיטן דער גאַס, אַרויסגעכאַפּט פון איר האַנט דעם עמער און איבער־געשראָקן דאָס מיידל אַף טויט, האָט ער זי געפרעגט.

— ווי רופט מען דיך, מיידל?

דאָס איבערגעשראָקענע און רויט־געוואָרענע מיידל שטייט פאַר אים מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ און שווײַגט...

— נו, דאָס איז ניט וויכטיק, דעם נאָמען וועלן מיר זיך שפּעטער דערוויסן, זאָג, ווערסט כאַסענע האָבן פאַר מיר?

— איך ווייס ניט, — האָט דאָס מיידל זיך צעוויינט.

— ווער זשע דען ווייסט? עפּשער דײַן טאַטע?

— איך האָב ניט קיין טאַטן.

— איז עפּשער דײַן מאַמע?

— איך האָב ניט קיין מאַמען.
— באַ וועמען זשע ביסטו?
— א דינסט בין איך...
— האָבן מיר דאָך ניט מיט וועמען צו רעדן. אַנו, זעץ זיך אויף... דעם עמער וועלן מיר דערנאָך אָפּפירן.
אומגעקערט זיך אהיים שוין אין אָוונט, אַרײַנגעפאָרן אין הויף מיט א ראַש, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדאַרקע, האָט ער אויסגעשריגן:
— טאַטע, קום אַרויס, טו א קוק, וואָס איך האָב געבראַכט!..
דער טאַטע זיינער, וועמען אַלע האָבן גערופן רעב כאָנע, דער גאַבע פון דער היגער שול, איז אַרויס אויפן הויף א שאַבעסדיק־אויסגערוטער, א גלעט געטאָן זײַן גלאַטע לאַנגע, שוין גרויע באָרד, און א פרעג געטאָן, ווײַזנדיק מיט דער האַנט אויפן מיידל.
— וואָס איז דאָס?
— טאַטע, זי וועט זיך אויסטויגן צו אַלץ, איך ווייס שוין אַפילע, ווי מע רופט זי. נעכאַמע הייסט זי.
— און נאָדן?
— נאָדן? גאָרניט. א לײַדיקער עמער. כאָטש דער עמער איז אויך ניט אירער. מע וועט אים דאַרפן אָפּפירן.
ווי קומט עס, וואָס כאָנע, א פרומער ייִד, האָט דערלויבט זײַן פּײַוועשן אַזעלכע שקאָציש־קע שטיק? ווי קומט עס, וואָס באַ אַזאַ כאָנען, איין טאָך א מענטש א לײַטישער, איז אויסגעוואַקסן אַזאַ באָכערעץ? דאָס איז שוין אַן אַנדער איניען. די היגע מיידלעך, וואָס האָבן געשלאָסן יאַד־אַכעס קעגן פּײַוועשן, וואָס האָט זיי אײַנגאַנצן אויסגעשלאָסן פונעם צעטל פון זײַנע קאַלעס, זײַנען געווען געניייגט אויסטראַכטן אויף אים ווער ווייסט וואָס. און גאַנץ מעגלעך, אַז די געשיכטע, וויאַזוי ער האָט אויסגעכאַפּט זײַן קאַלע איז אַביסל איבערגעטריבן. געשען איז דאָס העכער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און פאַר אַזאַ צײַט קאָן א סאַך צוגעטראַכט ווערן. נאָר די ווײַטערדיקע פּירעכץ פּײַוועשעס ווײַזט, אַז אויך יענץ האָט געקאָנט זײַן עמעס.
איין זאַך האָבן די היגע מיידלעך געמוזט אָנערקענען. ערשטנס, אַז אַזאַ נעכאַמקע איז צווישן זיי ניט געווען, און צווייטנס, אַז פּײַוועש איז געווען א מײַוון וואָס א שיין מיידל הייסט, וואָס הייסט געזונט און, אַז זי וועט זיך אויסטויגן צו אַלץ. איין זאַך האָט פּײַוועש עפּשער א טאָעס געהאַט. זי האָט זיך טאַקע אויסגעטויגט צו אַלץ, נאָר זיך פירן ווי קיין גווירנטע, ניט געקאָנט. נאָר דאָס איז גיכער פון אַלץ געווען זײַן אייגענע שולד. אַזוי ווי ער האָט אַרײַנגעפירט נעכאַמקען צו זיך אין שטוב אַרײַן, אַן איבערגעשראָקענע, א שווײַגנדיקע, א דינסט מיט א לײַדיקן עמער אין דער האַנט, אַזאַ איז זי געבליבן, די גאַנצע צײַט: א געטרײַ ווײַב און א געטרײַע דינסט, נאָר ניט קיין באַלעבאָסטע.
איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב, אין הויף, אין פעלד א שטומע בריה, שווײַגנדיק געקאָכט און שווײַגנדיק דערלאַנגט צום טיש, שווײַגנדיק געראַמט די שטוב און גערייניקט די שטאַלן, שווײַגנדיק געפּאַליעט דעם גאָרטן און דערלאַנגט די שווערע קאַפּיצעס אויף דער אַרבע מיט די הויכע, צווייענדיקע לייטערס, און אַפילע צו קימפּעט אויך געגאַנגען שווײַגנדיק, מוירע געהאַט א קרעכץ טאָן, דאָס זאָל כאָלילע, ניט דערצאָרענען אים, פּײַוועשן, איר באַלעבאָס.
דרײַ טעכטער האָט נעכאַמע געבוירן. זיי זײַנען אַלע געווען געראָטן אין איר, אין נעכאַמען. פּײַוועש איז געווען אויסער זיך סײַ איבער דעם, וואָס זי ברענגט אים נאָר טעכטער און סײַ איבער דעם, וואָס זיי זײַנען אַלע געראָטן אין איר. פּײַוועש, וואָס איז געווען זיכער, אַז באַ וועמען ס'איז די מייע, באַ דעם איז די דייע, האָט געהאַלטן, אַז דאָס טוט אים נעכאַמקע אויף צולאָכעס, אַז מיט אירע מיידלעך נעמט זי נעקאָמע אין אים פאַר אַלע זײַנע אַוולעס. און ווען זי איז דאָס דריטע מאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט פּײַוועש זי געוואָרנט:
— אויב נאָכאַמאָל א מיידל, זאָלסטו דאָס מיר אַפילע ניט ווײַזן. נעם דיר דאָס און גיי מיט דעם וווּהין דו ווילסט.
ער איז געווען זיכער, אַז נאָך אַזאַ וואָרענונג וועט זי זיך באַטראַכטן און געבוירן דאָס, וואָס מע דאַרף. נאָר די וואָרענונג האָט ניט געהאָלפן, דאָס דריטע איז אויך געווען א מיידעלע.
זי איז אײַנגערעדט ניט אוועק, נעכאַמע, פּאַשעט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געהאַט וווּהין. וווּער דאַרף האָבן א דינסט מיט א פּיצל קינד אויף די הענט? פּײַוועש אַליין האָט אויך זיך געמאַכט, אַז ער האָט פאַרגעסן אין זײַן וואָרענונג, אָדער, אַז דאָס איז געווען ניט מערער, ווי א שפּאַס. ווו נאָך וועט ער קריגן אַזאַ געטרײַע דינסט? נאָר אויב ער האָט ניט איבעריק ליב געהאַט די עלטערע טעכטער, האָט ער דאָס דריטע מיידעלע פּײַנט באַקומען טאַכלעס־סינע. ער האָט דאָס פּאַשעט ניט געטאָרט זען פאַר די אויגן. אַזוי איז דאָס אויסגעוואַקסן, זעלטן ווען

געזען דעם טאטן, און דערנאָך, ווען עס האָט אָנגעהויבן אביסל פארשטיין, האָט זיך עס גע־שראָקן פאר אים. דערזען דעם טאטן, פלעגט עס א קוויטש טאָן און גלאָפן זיך באהאלטן אונ־טער דער מאמעס פארטעך.

בלויז איין מאָל אין לעבן האָט נעכאמע געפרווט ווידערשפעניקן. ווער ווייסט, וויאזוי דאָס אלץ איז בא איר אופגעקומען, צעוואקסן זיך און פארכאפט איר גאנצן וועזן. נאָר ס'איז געקומען א מינוט, ווען זי איז גרייט געווען באצאָלן פאר איר באפרייונג מיט איר אייגענעם לעבן.

געווען איז דאָס אין יענעם שרעקלעכן איין און צוואנציקסטן, ווען נאָך דער ניט געזעע־נער טריקעניש איז געקומען יענער הונגער, ווען מענטשן זיינען געפאלן אינמיטן דער גאס. יענער מוירעדיקער הונגער, ווען פייוועש איז באזונדער בארייכערט געוואָרן, אויסבייטנדיק א טאָרבעלע ווייץ אף סאמע ווערטפולע זאכן. זי, נעכאמע, מיט אירע קינדער, האָבן ניט גע־הונגערט. נאָר ס'האָט זי ניט אופגעהערט הריזגן א געפיל פון שולד, א געפיל פון שרעקלע־כער זינד, צוקוקנדיק, ווי זייער שטוב ווערט פארוואלגערט מיט אזעלכע טייערע זאכן פאר גאָרנישט ניט, פאר עטלעכע זשמענקעלעך ווייץ. און ווער ס'האָט ניט געהאט וואָס צו ברענ־גען? צו יענעם איז בילעם אין עטלעכע טעג ארום געקומען מיט זיין וועגעלע און אוועקגע־פירט אפן בעסוילעם.

פארוואָס איז נעכאמען אזוי אָנגעגאנגען איינע ניט קיין נאָענטע שכיינע, איטע די ניי־טערן, אן אויסגעדייוועטע אלמאָנע, וואָס האָט געוווינט די צענטע שטוב פון זיי? געוויינלעך איז בושליצעס הויף א גאנצן טאָג געווען, ווי צוגעשלאָסן, גלייך ס'איז קיין לעבעדיקער נע־פעש אין אים ניטאָ. נאָר נעכאמע איז אָפטמאָל געזעסן באם פענצטער און ארויסגעקוקט אף דער פוסטער גאס, אף וועלכער ס'האָט זיך זעלטן ווען עמעצער באוויזן. האָט זי געזען, ווי איטע שפאנט איבער דער גאס, ווי א שיקערע, שאָקלט זיך אהין און אהער, טוט אלע מאָל זיך א כאפ מיט דער האנט פארן הארצן. פלוצעם האָט זי שטארק א שאָקל געטאָן זיך און איז אומגעפאלן. נעכאמע איז ארויסגעלאָפן אף דער גאס, אראָפגעכאפט בייסמייסע א לעבל ברויט פון דער פּאָליצע, צוגעלאָפן צו איטען און געהאָלפן איר זיך אופהייבן. יענע האָט א קוק גע־

טאָן אַף איר רעטערן, זיך שטארק דערשראָקן פאר איר, די בושליצעס האָבן שוין דאַן געהאט יענעם שעם, נאָר נעכאמע האָט זי פעסט געהאלטן אונטערן אָרעם און זי אָפגעפירט אהיים. שוין בא דער טיר האָט זי איר דערלאנגט דאָס לעבל ברויט.

— לאנג לעבן זאָלט איר, — האָט איטע שטיל ארויסגערעדט. — איר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאר א מיצווע איר האָט היינט פארדינט.

שפעט אין אָוונט, ווען די בושליצעס האָבן פארמאכט אלע לאָדן, זיך געזעצט צו דער וועטשערע, האָט פּיִוועש, וואָס האָט געפירט א פינקטלעכן כעזשבן, באמערקט, אז עס פעלט א לעבל ברויט.

— ווער האָט אָן מיר אופגעגעסן דאָס ברויט? — האָט ער ארויסגעברומט א צעווילדער־וועטער.

דערזען, ווי די קינדער האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאר שרעק, האָט נעכאמע צום ערשטן מאָל באקומען דאָס לאָשן.

— ס'האָט קיינער ניט אופגעגעסן...

— ווּהין זשע איז דאָס אהינגעקומען?

— כ'האָב דאָס אוועקגעגעבן.

— וואָס הייסט אוועקגעגעבן? פארוואָס אוועקגעגעבן?

— פאר גאָרניט.

— וואָס הייסט פאר גאָרניט? היינטיקע צייטן גיט מען אוועק ברויט פאר גאָרניט?

וואָס האָט זי אים געזאָלט זאָגן, נעכאמע? דערציילן אים, ווי עס הריזעט זי דער געפיל פון שולד, פון א שרעקלעכער אווירע? דערצו האָט מען געדארפט האָבן א סאך ווערטער. און זי האָט אזעלכע ווערטער ניט פארמאָגט.

— איטע... איטע די נייטאָרן... זי איז אומגעפאלן אינמיטן גאס. בין איך ארויסגעלאָפן איר העלפן אופהייבן זיך. האָב איך איר געגעבן א שטיקל ברויט. וואָס איז דאָרטן אזוינס?

— און אז דאָס גאנצע דאָרף וועט פאלן אינמיטן דער גאס? וועסטו לויפן יעדערן אופ־הייבן? און יעדערן געבן א לעבל ברויט? ווי געפעלט אייך די געווירנטע? מע קאָן מיינען, אז דאָס איז אירס, איר ברויט!

אפאָנעם, אז די לעצטע ווערטער האָבן אים אליין צערייצט מערער, ווי אלע איבעריקע. ווי דאָס זאָל ניט געווען זיין, צי געבייזערט זיך אמאָל, אפילע געזידלט, נאָר קיין האנט האָט ער ביז דאַן אַף איר ניט אופגעהויבן. און דאָ — מיטאמאָל! פריִער מיט די הענט, מיט די צו־נויפגעפרעסטע פויסטן איבערן פלייצע, איבערן פּאָנעם, דערנאָך, באמערקט, ווי זי רירט זיך ניט פון אָרט, גיט אפילע קיין קרעכץ ניט, האָט ער פארהייבן דעם לאנגן פוס און מיטן שטיוול, מיטן שטיוול איבערן פּאָנעם.

— ס'איז ניט אייערס! — האָט ער געגוואלדעוועט, — ס'איז ניט אייער ברויט, ס'איז ניט אייער שטוב, ס'איז ניט אייערע קי און ניט אייערע פערד! אלץ איז מיינס, מיינס! און איר אלע... איר אלע זיינט אויך מיין אייגנס. און וואָס איך וועל וועלן!.. און איר... איר זאָלט ניט דערוועגן זיך!..

נעכאמע האָט אַף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט בלויז מיטביידע הענט פאר־שטעלט די אויגן, פּיִוועש זאָל זיי ניט אויסזעצן מיט זיינע שטיוול.

אין יענער נאכט, שרעקלעכער נאכט, האָט נעכאמע באשלאָסן באפרייען זיך פון אלץ. ישטיל זיך ארויסגעגאנוועט פון דער שטוב און דורכגעשמוגלט אין דער קלוניע — א מין לאנ־גער שטרויענער דאך אַף דער ערד אראָפגעלאָזט, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפט מיט פארשיי־דענעם רעמאנענט, פלוגן און באָרענעס, ווייעלקעס און שנייד־מאשינעס, פארשיידענע רעדער און גלאט אזוי אייזנווארג און געהילץ, וואָס האָט געקאָנט צוניצקומען. אין א באזונדער ווינ־קעלע איז געשטאנען א גרויסער געפארבטער שליטן, אָן איבערגעקערטער מיט די גליטשערס ארויף. גראָד דעם שליטן האָט זי געזוכט, זי זאָל קאָנען ארופשטעלן זיך אַף אים, דערלאנגען די באנטענעס און פארווארפן דעם שטריק. זי האָט גוט געוווּסט, ווו יעדער זאך ליגט, געקאָנט אָפזוכן אינדערפינצטער אלץ, וואָס זי דארף. זי האָט אָפגעטאָן אלץ באטראכט, רוִיק, פונקט, ווי זי האָט געטאָן יעדער זאך אין איר גרויסער באלעבאטישקייט, וואָס זי האָט פיינט באקור־מען פונעם ערשטן טאָג. דעם שטריק האָט זי פארדרייט גאנץ פעסט, זי זאָל זיך האלטן און 'עטלעכע מאָל אויסגעפרווט אפן האלדז דעם שלייף, צי וועט ער זיך גוט און גרינג פארציִען, צי וועט ער זיך ערגעץ ניט פארטשעפען. אלץ איז געווען גוט און וווּיל; און זי איז געווען צופרידן פון דער אָפגעטאָנענער שטיקל ארבעט. נאָר... זי האָט ניט באוויזן. זי האָט בלויז באוויזן אוועקשטעלן זיך אפן איבערגעקערטן שליטן און אָנעמען א פולע ברוסט מיט לופט. אזוי האָט זיך איר געדוכט: צו אָט די שטיקל ארבעט דארף מען פריִער גוט זיך אָנעטעמען.

אָנגעעטעמט זיך איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל און אין דער מינוט האָט זי דערהערט פּיַוועשעס שטים:

— אַ כאָליערע אַף דיר! דו ביסט גאָר דאָ, קליפּע!

פּיַוועש, בא וועמען דער שלאָף איז דאַן געווען זייער אַן אומרו־קער, אים האָט די גאַנצע צײַט זיך געדוכט, אַז עמעצער גאַנוועט זיך אַרײַן צו אים אין שטוב, אַז מע וויל אים באַראַבעווען, עפּשער נאָך ערגער, האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געבאָרעט מיטן שלאָף, וואָס האָט אים געהאַלטן אין איין מוטשען. דער שלאָף קלעפּט אים אַלע מאָל צונויף די אויגן, און ער רײַסט זיי ווידער אויף. אַ ריב געטאָן די אויגן און באַמערקט, אַז אַרום אים איז אומגעוויינלעך פּוסט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, אַרויסגעלאָפן אינדרויסן אַ האַלבנאַקעטער און אוועקגעלאָפן אין שטאַל. אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און ניט געפונען זי לעבן די קי און די פערד, איז ער אוועקגעלאָפן אין קלוניע. שרײַען האָט ער מוירע געהאַט, דאָס קאָן נאָך אופוועקן דאָס דאָרף, און ווער ווייסט, וואָס אַ הונגעריק דאָרף קאָן באַנאַכט אופטאָן. אַרײַנגעלאָפן אין קלוניע און נאָך פונדערווײַטן דערזען זי אויפן שליטן פונקט דאַן, ווען זי האָט אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין שלייף. האָט ער שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך:

— אַ כאָליערע אַף דיר, דו ביסט גאָר דאָ? זע נאָר, זע נאָר, וואָס אַ קליפּע טראַכט צו!

צוגעלאָפן, אַ ריס געטאָן דעם שטריק און טאַקע צונויפגעצויגן דעם שלייף אַרום איר האַלדז אַזוי, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן וואָרגן, און ערשט דערנאָך, אַ צעווילדעוועטער, זי פאַנאַנדערגערוקט, אַרויסבאַפרײַט איר האַלדז און אויסגעשריגן:

— אַנו, שפּרינג אַראָפּ!

אַראָפּשפּרינגען האָט נעכאַמע קיין קויעך ניט געהאַט...

— שפּרינג, שפּרינג! — האָט פּיַוועש באַפוילן.

האָט זי זיך אָנגעעטעמט, פּונקט ווי אָקאָרשט פאַרן אַרײַנרוקן דעם האַלדז אין שלייף, און אַראָפּגעשפּרונגען. זי האָט אַפילע קיין קוק ניט געטאָן אַף פּיַוועשן, ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, און ווי שיקערלעך, דער קאָפּ האָט מוירעדיק זיך געדרייט, פּאַמעלעך אוועקגעשפּאַנט צוריק אין שטוב אַרײַן.

— דו!.. דו!.. — האָט פּיַוועש, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען אַ באָרוועסער אין איינע גאַטקעס, זי געוואָרנט. — דו פּרווו נאָר אַ פּיפּס טאָן.

נאָר אין אַ דאָרף קאָן קיין סאָד לאַנג זיך ניט האַלטן.

מערער אַזעלכע פּרוּוון האָט נעכאַמע ניט געמאַכט. נאָר נאָך יענער נאַכט האָט זי אינגאַנצן אופגעהערט רעדן מיט פּיַוועשן. זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים, אַריבערגעקליבן זיך אין קליינינקן אַלקערל, אין וועלכן ס'איז שטענדיק געווען פינצטערלעך און אַביסעלע פּײַכטלעך. אַף דער גאַס האָט זי זיך באַוויזן זייער זעלטן. שטענדיק אין אַ שוואַרץ קלייד, אַליין אויך פון דעם זעלבן קאָליר. די הענט האָבן בא איר שטענדיק אונטערגעציטערט און די ליפּן האָבן שטיל אַרויסגעשעפּטשעט אַזוינס, וואָס נאָר זי אַליין האָט געוווסט. נאָר אַלע אַרבעטן אין שטוב, אין הויף, אין סטעפּ און אַפן גאָרטן האָט זי ווי פריִער אָפּגעטאָן צו דער צײַט, פלײַסיק און זאָרגזאַם און דאָס איז געווען פאַר פּיַוועשן דאָס וויכטיקסטע.

נאָך אַ זאַך איז איר צוגעקומען פון יענער נאַכט. איר האָט די גאַנצע צײַט זיך געדוכט, אַז דער שלייף רײַבט איר אין האַלדז, און אַז געקומען איז דאָס ניט פון דעם, וואָס זי האָט אים עטלעכע מאָל צוגעמאָסטן, נאָר פון דעם, וואָס פּיַוועש האָט אַזוי האַסטיק אַ צי געטאָן די שטריק און זי שיר ניט דערוואָרגן. און אַלעמאָל, ווען דאָס רײַבעניש האָט איר זיך געדוכט אומדערטרעגלעך, האָט זי אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן האַלדז. דאָס פּאַנעם האָט זיך דערבײַ בא איר פאַרקרימט, ווי בא אַ מענטשן, וואָס לײַדט פון שרעקלעכן ציינווייטעק.

פון יענער זומערדיקער נאַכט איז דורך קימאַט אַ יאָר צען. די עלטערע טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט און איז אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו, און דאָס האָבן זיי, די טאָכטער מיטן איידעם, עפּעס אַן אַדוואָקאַט, געמאַכט אַנטשיידענע פּרוּוון אַף ענדערן דעם גוירל פון די בורשליצעס. די מיטלסדיקע איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעקומען אין אַ טעכניקום און אַפילע אַף די זומערדיקע קאָניקולן ניט געקומען אַהיים. די מעזינקע, דינע, איז דאָס געווען די, וואָס האָט דאָס יאָר געענדיקט דעם זיבעטן קלאַס און פאַר וועמען דער סעקרעטאַר פון דאָרפראַט יאָסל פײַנשטיין האָט צוגעגרייט אַ ספּראַווקע, איך זאָל זי אונטערשרײַבן און געפּרוּווט מיר דערווײַזן אַזוינס, וואָס קאָן ניט דערוויזן ווערן. ווײַל וואָס איז דער כילעק אין וועמען זי איז געראָטן, אינעם טאַטן צי אין דער מאַמען? פונוואַנען האָב איך יענעם גאַנצפרי, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון קיִעוו, געזאָלט וויסן, אין וואָס באַשטייט דער כילעק?

יאָ, ניט אלץ קאָן מען דערקלערן מיט די באגריפן פון מערווערט, צוגאָב פראדוקט און רענטע. אלע מאָל גיט עפעס אנדערש א שפרונג ארויס פון דעם, וואָס איז אָנגענומען, טוט דיר א זעץ אין מוֹיעך מיט זײַן אויסטערלישקײַט און שטעלט פאר דיר אלץ נײַע און נײַע קלאָצקאשעס וועגן דער פארפלאָנטערטקײַט און פארבאָרגנקײַט פון מענטשלעכע באציִונגען, וואָס ווילן אָפט זיך ניט רעכענען מיט קיין שאבלאָנען און פאָדערן אויסמעסטן זיי מיט גאָר אנדערע מעסטלעך.

געווען איז דאָס א געוויינלעכע זומערדיקע נאכט, ווען די יונגע לעוואָנע כאפט זיך ארויס, ווען דער הימל איז נאָך פארנאכטלעך גרוילעך, און דאָס שמאָלע ריפטעלע פון דער לעוואָנע איז אויך בלייכלעך־גרוי. ווען עס קומט צום עמעסן אָוונט איז די לעוואָנע שוין ניטאָ, ווי אויסגערונען געוואָרן, זיך צעגאנגען, ווי א פארבלאָנדזשעט וואָלקנדל. האָט דער הימל מיטאמאָל באקומען זײַן טונקעלן גלאנץ, און די שטערן זײַנען זיך צונויפגעפלויגן פון זייער אויסרײַסעניש איינער נאָכן אנדערן, אפגיך פארנומען יעדערער זײַן אָרט און אנגעהויבן ווינקען איינער צום אנדערן, ווי זיי וואָלטן באגעגנט זיך נאָך א לאנגער צעשיידונג. איז אפן הימל געוואָרן ראשיק און אַף דער ערד שלעפעריק־שטיל. די שײַן אין אלע הײַזער איז שוין לאנג געווען אויסגעלאָשן, יעדערער האָט געסטארעט זיך מאכן כאָטש אביסל לענגער די קורצע זומערדיקע נאכט, דאָס דאָרף האָט אויך, ווי ניט געסטײַעט, אויסגעמישט זיך און צעשוועמען געוואָרן אין דעם דרימלענדיקן כאשכעס. בלויז ווײַט, אפן סאמע הימל־ראנד, האָבן ווי גאָלדענע פייגעלעך ארומגעשוועבט שטילע און דריבנע בליצעלעך, אלע מאָל א שײַן געטאָן און ווידער ניט געסטײַעט. נאָר די באנאכטיקע שטילקײַט איז פול געווען מיט פולווער. אָן אָנגעשטרענגטע, אָן איבערגעווארעמטע און איבערגעזאָטענע שטילקײַט, וואָס קאָן יעדע מינוט אויסלויפן, אָפגיסן די נאכט ווי מיט הייסן אָקרעפ און צעפאסעווען די שטילקײַט אַף שרײַענדיקע, ווייַנענדיקע און רעווענדיקע שטיקלעך. עפשער האָט דאָס זיך מיר אויסגעוויזן דערפאר, וואָס אַף דער קורצער בעראטונג אין רײַיִספירקאָם האָט דער פאָרזיצער סלאדקאָוו עטלעכע מאָל געוואָרנט:

— נאָר זעט... אָן טומל... מע זאָל דאָס דאָרף ניט אופרודעווען. אלץ זאָל זײַן שא־שטיל.

דאָס ערשטע מאָל, ווי מיר האָט זיך געדוכט, האָט דער פאָרזיצער פון רײַיִספירקאָם געקוקט אַף מיר אביסל מיט אנדערע אויגן. אָן יענעם ביטל, אָן יענער גרינגשעצונג און אָן יענער היפנאָטיזירנדיקער שטרענגקײַט, און ניט פונויבן אראָפ, און אפילע אביסל צוגעלאָזט. דאָס האָט געוויס געדארפט קומען דערפון, וואָס ער האָט אין יענע געפערלעכע מינוטן ארום זײַן דירע א טראכט געטאָן, אז פונדעסטוועגן טויג איך זיך צו עפעס אויס, כאָטש איך אליין האָב אין מײַן אופירונג גאָר אזוינס ניט געזען און די פאָלגן אָפגעשאצט, ווי א ריינעם צופאל. מער פון אלעמען האָט אופגעטאָן יענע אידענע, וואָס האָט אויסגעשריגן, אז די טשערעדע גייט. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָט ער געקוקט אַף מיר גאָר אנדערש. איך בין געזעסן אַף דער בעראטונג צום ערשטן מאָל אָן יענער אָפהענטיקײַט און אײַנגעשרומפנקײַט, אָן יענער געפאלנקײַט, וואָס עס רופט אלעמאָל ארויס סלאדקאָווס דורכדרינגענדיקער בליק. אפילע די שטים זײַנע איז אויך געווען אָן אנדערע. אָן יענער באפעלערישקײַט, אָן יענעם דראָענדיקן געקלאנג. א שטילע, אביסל הייזעריקע שטים, ווי אביסל א צוגעשטויבטע.

— מערער אָפציִען טאָר מען ניט. פון אלע אנטבאלעגופעוועטע איז בושליץ געבליבן דער איינציקער, וואָס איז נאָך ניט ארויסגעשיקט.

— פארוואָס? — האָט זיך בא מיר ארויסגעריסן.

איך האָב ניט פארשטאנען, פארוואָס האָט סלאדקאָוו געדארפט רויט ווערן און פארוואָס האָט ער געדארפט א קוק טאָן אַף מיר אזוי בייז.

— דאָס איז ניט דײַן אייסעק! — האָט ער אויסגעשריגן און א קריץ געטאָן מיט די ציין. אָפגעגעבן מיר מײַן גאָב, האָט ער אביסל זיך בארויִקט.

— איבער א רייַ סיבעס איז אונדזער באשטימונג וועגן די בושליצעס ביז הײַנט געבליבן ניט באשטעטיקט, נאָר איך האָב הײַנט אָנגעקלונגען אין קרײַזויספירקאָם און באקומען א טעלעגראפישע פאראָרדענונג ארויסשיקן די בושליצעס אויסער די גרענעצן פון קרײַז, ביז עס וועט ענדגילטיק געלייזט ווערן זײַן איניען. דאָס דאָרף אָפגעטאָן ווערן הײַנטיקע נאכט. נאָר שטיל, אָן טומל.

— נאָר מיט וואָס איז נעכאמע שולדיק?

אוואדע איז מײַן פראגע געווען א נארישע און ניט צו דער צײַט. באזונדערס נאָך דער פארנאכטיקער דעמאָנסטראציע. נאָר איך בין געווען איבערפולט מיט דעם, וואָס מײַן באלעבאָסטע האָט מיר דערציילט בייס דער וועטשערע און ניט געקאָנט דאָס אײַנהאלטן אין זיך.

סלאַדקאָוו האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַף מיר, נאָר שוין מיט אַן אַנדער בליק, ווי מע באַקוקט אַ כאַסערדייעדיקן. ווי איינער רעדט: דו ביסט, צי דו מאַכסט זיך! און אַרויסגערעדט אויך, ווי אַף אָפּטשעפּען זיך.

— געוועזן געדאַרפט פּרי׳ער זיך געטן.

ווייסט סלאַדקאָוו, הייסט עס, אויך די געשיכטע מיטן געט. נו, יאָ, ער איז אַוודע גערעכט. ווער וועט איצט גלייבן אין אַזאַ געט?

— איך מיין, אַז איין אַרבע וועט סטײַען. ווי מיינט איר?

די פראַגע איז געווען געווענדעט צום נאַטשאַלניק פון דער ראַיאָנישער מיליציע, אַ קורטשעראַווע יונגערמאַנטשיק מיט אַ קוטשעראַוועד פאַמיליע — בליומענקראַנץ, בײַ וועמען ס׳איז ניט געווען קיין סימען פון מיליציייִשקײַט. אַ פריילעכער באָכער מיט גרויסע, קלוגע אויגן, מיט ליכטיקע מיידלשע לאָקענעס און מיט אַ קעלעכל, נאָר אַף צו זינגען.

— מירן אָנהייבן אַזייגער צוועלף באַנאַכט. — האָט בליומענקראַנץ אַרויסגעבראַכט ניט אין שײַכעס מיט סלאַדקאָווס פראַגע, נאָר ווי מע גייט אַפּ אַ באַפעל. — אַזוי, אַז ביז ס׳וועט אָנהייבן טאָגן...

— נאָר שטיל, — האָט סלאַדקאָוו צום וויפלטן מאָל איבערגעכאַזערט זײַן וואָרענונג, — ניט אופרודערן דאָס דאָרף.

שטיל איז צוגעפאָרן די אַרבע צו פײַוועשעס שטוב. שעפטל „וואָסי שײַעך״, וואָס האָט געדאַרפט אָפפירן די בושליצעס צו דער סטאַנציע איז פאָרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן אַף דער ערד, ווי מוירע געהאַט, ער זאָל מיט זײַנע הינקענדיקע טריט ניט אופוועקן דאָס דאָרף. שטיל האָבן מיר אָנגעקלאַפּט צו פייוועשן אין פענצטער, געהייסן אונדז עפענען און אָנצינדן אַ לאָמפּ. אַלץ האָט געדאַרפט אָפּגעטאָן ווערן, שטרענג אָפּהיטנדיק די אײַנגעשטעלטע קלאָלים פון סלאַדקאָווס אָנווײַזונגען. כאָטש אַליין איז ער צו דער פּראָצעדור ניט געקומען.

די נאַכט אַליין איז אויך געווען אַ שטילע. אין פײַוועשעס קימאַט פּוסטער שטוב איז געהאַנגען אַ שטילקײַט, וואָס האָט ניט קיין אַנדער אָפּשאַצונג, ווי אַ טויטע. אַן עכטע בעסוילעמדיקע שטילקײַט. ווי מע וואָלט מיטאַמאָל אַרויסגעפּאָמפּעט די לופט פון דער שטוב און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. פײַוועש האָט טאַקע געמאַכט אַ באַוועגונג פון אַ מענטשן, וועמען עס סטײַעט ניט קיין לופט און ער מוז זי אַרײַנפּאַכען אין זיך מיט ביידע הענט. נאָר די הענט האָבן זיך עטוואָס אַ הייב געטאָן און אָנמעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט.

— נו, שוין, אויס... — האָט ער קוים אַרויסגערעדט און אַ קוק געטאָן אַף זײַן נעכאָמען. אַ קוק געטאָן האַלב־בעטנדיק, האַלב־דראָענדיק און בלויז זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען דעם באַדײַט פון אָט דעם געמישטן בליק.

נעכאָמען האָב איך געזען צום ערשטן מאָל. מעגלעך, אַז איך האָב זי באַגעגנט ניט איין מאָל, נאָר איך האָב ניט געוווּסט, ווער דאָס איז. זי האָט אויסגעזען העכער פון איר פײַוועשן. מעגלעך דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ סאַך מאָגערער. זי האָט פאַרבראָכן די הענט. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט באַלד וועט זי זיך צעגוואַלדעווען, האָט מענאַשע זי אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— שטילער, מע האָט זייער געבעטן אונדז אַלעמען...

נאָר דאָס איז געווען אַן איבעריקע זאַך. נעכאַמע האָט זיך ניט געקליבן גוואַלדעווען, זי האָט ביכלאַל ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. און ווער ווייסט צוליב וואָס זי האָט פאַרבראָכן די הענט. דערנאָך איז זי די גאַנצע צײַט געשטאַנען, ווי אַ זײַטיקע, גלײַך דאָס אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר בײַ איר אין שטוב, האָט צו איר קיין שײַכעס ניט. געשטאַנען, ווי שטענדיק, אין איר לאַנגן שוואַרצן קלייד, צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט, און בלויז פון מאָל צו מאָל אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן האַלדז און שטאַרק פאַרקרימט זיך. יענע פּרײַקרעקײַט, וואָס איז איר פאַרבליבן פון יענער שרעקלעכער נאַכט אין דער קלוניע. אין איר אַ ביסל פאַרשלאָפענעם, ווי אויסגעלאָשענעם, בליק, אין דער פאַרגליווערטקײַט איז געווען איר שטענדיקער גלײַכגילט און אונטערטעניקײַט צו איר גוירל, פון וועלכן זי האָט קיינמאָל קיין גוטס ניט געוואַרט.

פאַרוקט אין אַ פאַרטונקלט ווינקל, איז געשטאַנען די מעזינקע דינע און געציטערט. אין דער געדיכטער פאַרטונקלטקײַט האָט איר קורץ ברוין קליידל, איר לענגלעך פאַרברוינט פּאָנעם זיך צונויפגעגאָסן אין איין דורכויסיקער, פלאַטערנדיקער ברוינקײַט — אַ ניט צײַטיק געוואָרענער זאַנג, וועלכן ס׳האָט אַזוי אומראַכמאָנעסדיק אָפּגעסאַרפּעט דער בייזער סוכאָווײ. און בלויז די אויגן האָבן, ווי אַ פאַריאָגט כײַעלע, אַרויסגעקוקט פון ווינקל, פול מיט שטוינונג.

און איך אַליין אויך... איך בין געשטאַנען און באַקוקט יעדערן באַזונדער, מיר איז געוואָרן ביז גאָר פאַרדראָסיק אַפן צולאָכעסדיקן גוירל, וואָס טוט אָפטמאָל אָפּ אַזעלכע נאַרישע שפּיצ־

לעך, ווי ער וואָלט געצוווּנגען דעם מענטשן שלעפּן קניפּלעך, אָדער אויספּרוּוון דאָס אייגענע מאַזל אויף אַ טעשל קאָרטן. דער נאַרישער גורל, וואָס פירט צונויף מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות איינער צום אַנדערן. איצט מוז נעכאַמע טיילן איר גורל מיט פּײַוועשן. דער פּאַרדראָס איז נאָך גרעסער געוואָרן דערפון, וואָס אויף פּײַוועשעס פּאָנעם איז ניט געווען צו באַמערקן, ער זאָל זיך פילן אומגליקלעך. ער איז בלויז געווען בייז, אָנגעשטרענגט, פאַרטײַעט־אָנגעצויגן, גרייט וואַרפן זיך אויף יעדערן מיט צונויפגעפּרעסטע פויסטן. אין זײַן אַרומיאָגן איבער דער שטוב, אין זײַן צונויפשאַרן אַלץ, ביזן לעצטן שפּענדעלע פון דעם, וואָס ער האָט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך, אין דעם, וויאַזוי ער האָט אויסבאַהאַלטן זײַן בליק פון אַ זײַטיק אויג, מע זאָל ניט איבערלייענען אין אים דאָס, וואָס ער פילט, וועגן וואָס ער טראַכט, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז אין אים טליִעט נאָך אַ האָפענונג אויף אַנדערע צײַטן און אַז ער וועט נאָך זײַנס דערווײַזן, ער וועט נאָך ווײַזן, ווער ער 'איז. אַזוי אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום זײַן שטוב, ווי אויף זײַן לעווײַע, וועלן ניט איין מאָל פאַרשעלטן די מינוט, ווען זיי האָבן אײַנמיטן דער נאַכט זיך אופגעריסן פון זייערע געלעגערס.

דאָס דאַרף האָט קיינער ניט געדאַרפט וועקן. ס'האָט זיך אַליין אופגעוועקט. ווער ווייסט, וויאַזוי אַזעלכע געהיימע יעדיִעס צעפליִען זיך אין איין אויגנבליק איבערן גאַנצן דאָרף, ווי אַ ווינטעלע וואָלט זיי אַרײַנגעבלאָזן אין יעדער שטוב דורך די אָפענע פענצטער. איינער נאָכן אַנדערן האָט אַ גרויסער אוילעם מענער און פרויען אָנגעהויבן צונויפקומען זיך צו פּײַוועשעס שטוב.

ברעכנדיק אין טאָך די שטרענגע פאַראָרדענונג פונעם פאָרזיצער פון רײַוויספּירקאָם, האָט יעדערער געסטאַרעט זיך ווי ווײַט מעגלעך אויספילן זי. איינער דעם אַנדערן האָט ניט אופגעהערט צו וואָרענען:

— שטילער, שטילער.

אין שטוב זײַנען מיר אַרײַנגעקומען אינדרײַען. איך, מענאַשע און דער פאָרשטייער פון רײַוויספּירקאָם. איבערגעלייענט פּײַוועשן די טעלעגראַם פון קרײַזויספּירקאָם, האָט דער פאָרשטייער געפרעגט:

— אין אַרבע וועט סטײַען?

פּײַוועש האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער די הוילע ווענט און אָפּגעענטפערט:

— עס וועט סטײַען אַפילע אַ האַלבע.

אינעם טשאַדענדיקן לעמפּעלע מיטן פאַררייכערטן גלעזל, אין די אויסגעליידיקטע צימערן, איבער וועלכע ס'האָט פרײַ אַרומגעשפּאַצירט דער באַנאַכטיקער דרויסן, אין די פענצטער אָן פאָרהענגלעך, אין די דילן אָן עפּעס אַ רעדנעטשקעלע, אינעם שווערפוסיקן טיש אָן אַ טישטעך, אינעם ניט צוגעבעטן בעט אָן אָנגעוואָרפנס מיט בעטגעוואַנט, ווי אויך אין די ניט זיכערע טריט אין די שלאָבעריקע פאַרלאַנגזאַמטע באַוועגונגען פון די געוועזענע באַלעבאַטים, וואָס האָבן מיט ציטעריקע הענט אײַנגעפּאַקעוועט זייערע זאַכן, אין זייערע צוגעבּיסענע ליפּן, פון וועלכע ס'האָט זיך פון מאָל צו מאָל אַרויסגעריסן אַ שטילער קרעכץ, איז געווען פול מיט אָפּגאַנג, מיט גויסעסדיקן, אָפּשטאַרבנדיקן.

די נאַכט איז זיך געגאַנגען מיט איר פּאַמעלעכן און שלעפּעריקן גאַנג. אַ קורצע זומערדיקע נאַכט, וואָס האָט זיך מוירעדיק פאַרצויגן. די בושליצעס אַליין האָבן זי פאַרצויגן נאָך מער, עטלעכע מאָל פאַרפּאַקעוועט און איבערגעפּאַקעוועט זייערע קלומעקלעך, ווי אומיסטן געסטאַרעט זיך אָפּציִען דאָס אומפאַרמײַדלעכע, אָפּזיצן אין שטוב אָן איבעריקע שאָ.

דער אוילעם, וואָס איז געשטאַנען אין הויף אַרום די צעעפנטע טירן און פענצטער, האָט אָפּגעהיט די שטילקײַט. נאָר שווײַגן אין אַזאַ נאַכט איז אויך געווען אומעגלעך. האָט מען שטיל גערעדט צווישן זיך, זיך דורכגעשעפּטשעט, טאַקע ווי אין אַ שטוב, אין וועלכער עס ליגט אַ מעס.

— אַזוי גייט די וועלט, — רעדט אַרויס איינער, און דער צווייטער האַלט אים גלײַך אונטער.

— און וואָס זעט מען עפּעס ניט בילעמען? ווי וואָלט ער איצט אויסגעזונגען זײַן „אל דייאַטייפּט?"

— הײַנט קומט זאָגן עפּעס אַנדערש: גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען. און קיינעם וווּנדערט ניט, וואָס עמעצער זינגט אויס אויך אַזוי שטיל.

— באָרוך דאַיען עמעס...

— אָבער פאַרוואָס קומט עס איר, נעכאַמען? זי האָט דאָך קיין איין גוטן טאָג ניט געהאַט?

— אוואַדע... ווער האָט געקאָנט וויסן?

מײַן באַלעבאָסטע איז אויך דאָ. זי שטייט נאָענט לעבן פּלויט און באַקוקט שווײַגנדיק אַלץ, וואָס דאָ קומט פֿאָר. זי וואָרפֿט אַף מיר אַ בליק פֿול מיט רויגעז. לעמײַ האָב איך איר ניט געמאָלדן, וואָס הײַנטיקע נאַכט שטייט פֿאָר. דערנאָך גייט זי צו צו מיר אַ ביסל נעענטער, ווי זי וואָלט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן, נאָר זי זאָגט גאָרניט. איר בליק איז שוין גאָר אַן אַנדערער און איז זייער ווײַט פֿון דעם, וואָס דאָ קומט פֿאָר. זי איז אײַנגאַנצן אין יענעם פּאַרנאַכט, ווען איר טאַנכום איז אַרײַנגעקומען אהער מיט זײַן טישטעך און זיך אומגעקערט אהיים אַ צעמאַזיקטער אַף טויט. שטייט איצט געוויס אַלעמען פֿאַר די אויגן זײַנס, יעדערן אַף זײַן אופֿן. פּיִוועש מיט זײַנע שותּפֿים — דעם מאַלעכהאַמאָוועס מיט זײַן קאַסע און בילעם מיט זײַן וועגעלע. געוויס האָבן אַלע געטראַכט וועגן דעם. און מיסטאָמע דערפֿאַר האָט שעפּטל, פּאַריכטנדיק אַף די פֿערד דעם געשפּאַן, פּלוצעם זיך אָנגערופֿן:

— וואָס שײַעך?..

דאָס האָט אַוודע געהאַט אַ שײַכעס צו דעם, וועגן וואָס אַלע טראַכטן און וועגן וואָס עס ווילט זיך איצט ניט רעדן. אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן, דער מישפּעט איז אויסגעפּילט און איצט איז ניט שײַעך אויסגיסן דאָס האַרץ אַף די פֿאַרמישפּעטע. בלויז איינע אַן עלטערע פֿרוי, וועלכע האָט דערמאָנט זיך אין איר אייגן פּעקל, האָט אַרויסגערעדט מיט אַ וויינענדיק קאָל:

— נישקאָשע, ער וועט דאָס אויסקרענקען!

אַף דעם האָט אָפּגעענטפֿערט אַ צווייטע שטים, אַ מענערישע, אַ בייזע.

— מײלע, ער האָט פֿונוואַנען. דאָס גלאָוונע קניפּל זײַנס האָט ער באַצײַטנס ערגעץ באַזאָרגט. קוקט ניט אַף זײַנע בידנע קלומעקלעך.

און וועגן וואָס מע זאָל ניט געוואָלן רעדן, האָט מען געהאַט אײַנזינען בלויז אים, פּיִוועשן, אַנטשיידנדיק אָפּטיילנדיק נעבאַמען פֿון אים און פֿון אַלע זײַנע אוויירעס. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס פּלוצעם האָט פּיִוועש אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן, געוואָרט אַף עמעצן, גלײַך אַן דעם קאָן ער ניט אַוועקפֿאָרן. געזוכט, געזוכט, ביז ער האָט ענדלעך געפֿונען. זייערע בליקן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען, ווידער זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן...

ס'איז געווען יענע שאָען פֿון פֿרײַען אָוונט, ווען מוישע־יאָסיע, נאָך דעם, ווי ער האָט אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגעדרייט אײַנייעם מיט די פֿערד, ביז די קני אין געדיכטן זאַמעס, און נאָך דעם, ווי אָפּגיך אַרומגעוואַשן די פֿיס און אַראָפּגעלאָזט די פּאַרקאַטשעטע הויזן, איז ער אַוועק צו דער קוזניע אַ קוק טאָן, ווי גייט דער רעמאָנט, האָט ער זיך דערלויבט אַ קורצן אָפּרו, פֿון אַ שאָ צוויי, איידער עס וועט זיך אָנהייבן דאָס באַנאַכטיקע טועכץ: איבערקערן דעם לאָמפּאַטש אַף דער צווייטער זײַט, זיי זאָלן זיך גיכער אונטערטריקענען, אָדער אויסלייגן דעם שוין צוגעטריקנטע אין אַזעלכע שאַכמאַטן־ווענטעלעך, דער ווינט און די זון זאָל זיי דורכנעמען אַף דורך און דורך. נאָך דער וועטשערע האָט ער שטענדיק געצוווּנגען זײַן זלאַטען מיט זײַליקן זיך צולייגן, אָפּשלאָפֿן כאָטש אַ פּאָר שאָ. אַליין האָט ער מוירע געהאַט אָנשלאָפֿן ווערן, ער זאָל ניט פֿאַרשלאָפֿן די נאַכט. איז ער געזעסן אַף דער ערד לעבן וואָגן, זיך אײַנגעהערט, ווי די פֿערד כראָמטשען דאָס פֿרישע גראָז, ווי די קו מאַלעגיירעט, זיפֿצנדיק און קרעכצנדיק, און געטראַכט. געטראַכט האָט זיך געשמאַק, די געדאַנקען זײַנען געווען גרינג, ווי דער פּוך פֿון דער אָפּגעצוויטעטער קולבאַבע און באַטאַמט, ווי די יונגע קאַרטאָפֿל, וועלכע זײַן זלאָטע האָט הײַנט צום ערשטן מאָל אָפּגעקאָכט אַף וועטשערע. זײַנען זיי אַרופֿגעשפּרונגען, די געדאַנקען, ווי די גרילצערס, פֿון איין גרעזל אָפּן צווייטן, און די וועלט האָט זיך אים געמאָלט, ווי נײַ געבוירן, כאָטש אַלץ איז אים געווען נאָענט און באַקאַנט פֿון קינדווײַז: דער באַנאַכטיקער סטאַוואַק, אין וועלכן עס שווימען אַרום צענדליקער שטערן, די פֿרעש, וואָס זײַנען אַרויס אָפּן ברעג כאַפּן אַביסל פֿרישע לופֿט, דאָס שורשען פֿון די זאַנגען, וואָס נעמען זיך אָן באַנאַכט מיט מילך, באַטאָג מיט שטײַפֿקייט, און איבער דער גאָרער וועלט הענגט אַ רייעך פֿון פֿרישגעבאַקן ברויט. אים איז געווען גוט טראַכטן וועגן דעם אַלעמען און פֿילן, אַז נאָך אַלעמען איז די וועלט געבליבן אַ וועלט. עס האָט זיך האַלב געטראַכט און האַלב געדרימלט, און דער באַנאַכטיקער סטעפּ האָט זיך אים געדוכט, ווי אַ שיינער כאָלעם.

פֿונוואַנען זשע האָט זיך פּלוצעם גענומען אהער פּיִוועש אין זײַנע צערפּעטעטע שטעקשיך, אײַנעם צעכראַסטעטן העמדל, מיט אַ האַלב־בייזן, האַלב־שעלמישן בליק אין די אויגן און מיט אַ גיפֿטיק שמייכעלע אַף דעם נאָך אַלץ גלאַטן קײַלעכדיקן פּאָנעם? מוישע־יאָסיע האָט געמיינט, אַז דאָס כאָלעמט זיך אים און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. דער שלאָף איז אַוועק, נאָר דער כאָלעם האָט ניט געוואָלט אַנטרונען ווערן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זײַן, אַז זיי האָבן געמוזט אַמאָל זיך באַגעגענען און זיך דורכשמועסן. יאָ, די גאַנצע צײַט האָט מוישע־יאָסיע געוואָרט אַף אַזאַ באַגעגעניש, ער זאָל ענדלעך אויסקלאָרן פֿאַר זיך, צי איז טאַקע געווען אַ פּעדעמל, וואָס האָט זיי פֿאַרבונדן, ריכטיקער, אַ שטריקעלע,

אף וועלכן פּיִוועש האָט אים די גאַנצע צײַט געפּירט, צי דאָס איז געווען ניט מער, ווי אַ נאַר־רישע אױסטראַכטעניש.

מוישע־יאָסיע האָט צוערשט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זאָל באַטײַטן פּיִוועשעס פּײַנטלעכער בליק. ניט ער האָט באַשטימט אים אַנטבאַלעגופּענען. ער איז ביכלאַל געווען ווײַט פון אַלע איניאַנים, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו פּיִוועשן. און דאָך האָט מוישע־יאָסיען ניט אָפּגע־נאַרט דער געפיל. אין דער מינוט איז מוישע־יאָסיע געווען פאַר פּיִוועשן דער ערגסטער סוי־נע, און פון זײַן בייזן בליק, וואָס האָט אים ווי אָפּגעבריט, האָט אים באַשלאָגן אַ שוויס. מוי־שע־יאָסיע האָט אפילע אָנגעהויבן ארומקוקן זיך, ווי געזוכט בא דער נאַכט אַ רעטונג פון אָט דעם דורכדרינגענדיקן, שנײַדנדיקן בליק.

— זיך דערשראָקן? — האָט פּיִוועש שטיל אַרויסגערעדט.

— פאַר וועמען, פאַר אײַך? — האָט מוישע־יאָסיע אָפּגעענטפערט ניט זיכער. דערפילט, אַז אַביסל האָט ער זיך טאַקע דערשראָקן.

— ניט פאַר מיר, פאַר דער צײַט...

— פאַר דער צײַט איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. די צײַט דאַרף מען פּאַשעט פאַרשטיין.

— און דו האָסט זי פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען? ניט טייקעף און ניט אינגאַנצן.

— וואָס זשע האָסטו פאַרשטאַנען און וואָס האָסטו ניט פאַרשטאַנען?

ביז איצט איז פּיִוועש געשטאַנען. איצט האָט ער זיך צוגעזעצט אַף דער ערד לעבן דעם טליִענדיקן פײַערל, אַף וועלכן זלאַטע האָט געקאָכט וועטשערע, און געפּרווט איבערלייענען אַף מוישע־יאָסיעס פּאָנעם אַזוינס, וואָס יענער וועט עפּשער קיינמאָל ניט אַרויסריידן. ער איז די גאַנצע צײַט געווען זיכער, אַז אַזעלכע ווי מוישע־יאָסיע מיט זייער זשעדנעקײַט, מיט זייער פאַרביסנקײַט, מיט דעם, ווי זיי גראָבן מיט דער נאָז די ערד, עס זאָל אַלע מאָל עפּעס צו־קומען צו דער ווירטשאַפט, מוזן סאַפּקאָלסאָף מעגולגל ווערן אין אַזעלכע ווי ער, נאָר מוישע־יאָסיע האָט לאַנג ניט געענטפערט אַף זײַן פראַגע. ער האָט געוווּסט, אַז דער שמועס מיט פּיִוועשן איז דער איינציקער און דער לעצטער, און ער טאָר ניט דורכלאָזן יענץ סאַמע וויכ־טיקסטע, דאָס שטריקעלע זאָל ווידער, כאָלילע, בלײַבן ניט איבערגעריסן.

— פאַרשטייסט, פּיִוועש... — אָט האָב איך אין אײַלעניש פאַרקויפט מײַן שטוב. איצט מוז איך בויען אַ נײַע. ווײַל וואָס איז אַ פּויער אָן אַ שטוב?

— וואָס דאַרפסטו בויען? קאָנסט נעמען מײַן שטוב. זי שטייט שוין קימאַט אַ ליידיקע.

— איך האָב פּײַנט אַף גרייטן, — האָט מוישע־יאָסיע אָפּגעענטפערט, דערפילט אין פּיִווע־שעס ווערטער אַ ניט גוטן רעמעז. — איך האָב ליב אַלץ אַליין, מיט די אייגענע הענט.

— אַזוי מיינסטו אוועקשטעלן דעם קאָלווירט אויך?

— פאַרוואָס טאַקע ניט? ער איז נאָך אויך קיין פאַרטיקער. און מע דאַרף אים אויך... מיט די אייגענע הענט.

— מיינסט טאַקע רײַך ווערן אין קאָלווירט?

פונעם טליִענדיקן שײַטערל האָט זיך געצויגן אַן עסעריק רויכעלע, וואָס האָט שטאַרק געבראָטן די אויגן. מוישע־יאָסיע האָט אַ שאַר געטאָן מיט די פיס די טליִענדיקע שטרויעלעך, קעדיי גיכער זיי אויסלעשן און אויסגעשריגן בייז, קימאַט דראָענדיק:

— אַז איך וויל ניט, איך וויל ניט רײַך ווערן!

— וואָס זשע דען ווילסטו?

— אַ מענטש וויל איך זײַן, אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן!

אַרויסגערעדט די ווערטער מיט היץ, מיט ווייטעק, האָט ער אַליין זיך דערשראָקן פאַר זיי, פאַר זייער אומגעווײנלעכער קאַטעגאָרישקײַט און צו העלער קלאָרקײַט. גראַד אין זייער קלאָרקײַט האָט זיך אים געדוכט פיל ווידערשפּרעכלעכס. ביז איצט האָט ער נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געטראַכט און אוודע ניט געזאָגט, אַז ער וויל ניט רײַך ווערן. ער וויל דאַפקע יאָ, נאָר אַף אַן אַנדער אופן. ניט אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט ביז איצט. ער וויל, אַז ניט נאָר ער אַליין, נאָר אַלע זאָלן רײַך ווערן. נאָר דאָס אַלץ איז געווען פאַר אים אַזוי איבעראַשנדיק נײַ, אַז ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי דאָס אויסדריקן. האָט ער בלויז אַרויסגערעדט דעם סאָף, דעם שפּיץ פון די פלוצעם אופגעשווומענע געדאַנקען.

— רײַכשאַפט יאָ, נאָר אָן סינע און קינע.

— אָן קינע? — האָט פּיִוועש איבערגעפרעגט. — ווער דאַרף האָבן אַזאַ רײַכשאַפט?

— אַנדערש וויל איך ניט, — האָט מוישע־יאָסיע ווי אָפּגעהאַקט. — איך האָב שוין גע־פּרווט. פאַראַן אַף דער וועלט בילכערע זאַכן.

— האָסט אָנגעהויבן פונעם פוילן עק, מושע־יאָסיע!

— און דו מיינסט, אז דו האלטסט דעם ציַמל אין די הענט?

— מירן זען, וואָס מאָרגן וועט זײַן.

און אַט איז ער געקומען, דער מאָרגן. א סאך גיכער, ווי מע האָט געוואָרט. און אָט זײַנען זייערע בליקן זיך צונויפגעקומען, ווי איבערגעקרייצט זיך און ארויסגעשלאָגן עטלעכע ברינענדיקע פונקען. פּיַוועש האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, אפגיך אָפּגעקערעוועט זיך און ווידער גענומען איבערשטעלן די קלומקעס פון איין אָרט אפן צווייטן.

פּיַוועש האָט ניט געקאָנט ניט וויסן, וועגן וואָס טראכטן איצט די אלע, וואָס זײַנען געקומען אים ארויסבאגלייטן, ריכטיקער מעשאלייעך זײַן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז אונטער די אומשולדיקע שפּאסן און ווערטלעך, מיט וועלכע דער אוילעם ווארפט זיך איבער, איז באגראָבן א טיפער עמעס. און ער האָט אָנגעהויבן טראכטן פונקט אזוי, ווי אלע ארום אים, אז דאָס גאנצע גוטס זײַנס איז ניט פון גאָט, נאָר פונעם טײַוול, פול מיט אומרייניקײַט, מיט אוויירעסדיקס. און ווי דאָס זאָל ניט זײַן, ווי מע זאָל דאָס ניט אָנרופן — ליקווידאציע אלס קלאס, צי אנדערש, איז דאָס גאָטס שטראָף פאר אלע זײַנע זינד.

ער האָט זיך אליין דערשראָקן פאר די שוידערלעכע געדאנקען, פאר די כאראָטע־געפילן, פון וועלכע ער איז שטענדיק געווען פרײַ, ער איז גרייט געווען זיי דוירעס זײַן, צעטרעטן מיט די פיס, פארגראָבן טיף אין דער ערד די בראָטנדיקע געדאנקען, וואָס זײַנען גאָר ניט זײַנע, וואָס האָבן זיך ארײַנגעריסן אין אים פונדרויסן, דורכגעדרונגען אין אים פון יענע, וואָס האָבן ארומגערינגלט די ארבע.

ביז איצט האָט ער זיך געייסעקט מיט די קלומקעס, ווי אומיסטן געוואָלט אָפציִען די צײַט. איצט איז אים באפאלן א פיבערדיקע אײַלעניש. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אנטליפן פונדאנען, גרייט געווען אוועק אין אויסרײַסעניש, אין עק וועלט, און זאָל דאָס שוין זײַן, ווי עס וויל זיך, מיט פארשיקונג צי אָן פארשיקונג, אבי וואָס ווײַטער פונדאנען, אבי ניט זען ארום זיך דעם אָנגעשטרענגט־שווײַגנדיקן אוילעם.

איין מענטש האָט אים געקאָנט אביסל אונטערמונטערן, ער האָט נאָכאמאָל אופגעהויבן דעם קאָפ און א יאָג געטאָן מיט די אויגן צווישן אוילעם. נאָר בילעם איז צווישן זיי ניט געווען.

— נעכאמע, ווו ביסטו דאָרטן? — האָט ער אויסגעשריגן מיט א ציטערדיקער שטים. — וואָס קראצטו זיך אזוי לאנג?

נעכאמע, וואָס האָט באוויזן ארויסטראָגן אלץ, וואָס מע האָט געדאָרפט ארויסטראָגן, האָט נאָך אלעמען זיך פארהאלטן אביסל אין דער פוסטער שטוב, אין וועלכער דאָס לעמפל איז שוין אויך געווען אויסגעלאָשן. דערנאָך איז זי ארויסגעקומען מיט א קליין קלומעקל אין דער האנט, א קליינס און א גרינגס, וואָס זי האָט מיט בײדע הענט פעסט צוגעדריקט צו דער ברוסט. אפאָנעם, אז דאָס איז געווען דאָס בידנע ביסעלע, וואָס זי האָט געהאלטן פאר איר אייגנס. א קליידעלע, צי א שאלעכל, עפשער נאָך א פּאָר שיכעלעך — דאָס ביסל נאדן אירס, מיט וועלכן זי איז מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק אריבערגעטראָטן די שוועל פון פּיַוועשעס שטוב. זי האָט געשפּאנט פאמעלעך, ניט געײַלט, שטומערהייט פארנייגט זיך פארן אוילעם ווײַבער, וואָס האָט זיך אויסגעשטעלט פון בײדע זײַטן אין א געדיכטער ריי, פארנייגט זיך, ווי געבעטן מעכילע, ווער ווייסט פאר וועלכע זינד, און פון אירע האלב־צוגעמאכטע אויגן, אין וועלכע ס׳איז שוין לאנג פארלאָשן געוואָרן זייער אמאָליקער גלאנץ, האָט איצט ארויסגעבלישטשעט א שלאָל ביט קיין אויסגעוויינטע טרערן. פונקט אזוי האָט פאר איר שווײַגנדיק זיך פארנייגט די ווײַבערשע ריי און אויך ווי געבעטן מעכילע. עפשער דערפאַר, וואָס זיי האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט אופטאָן אף ענדערן איר גוירל. אין אָט דער שטומער געזעגעניש, פון וועלכער ס׳האָט אלעמען געקלעמט באם הארצן, איז געווען יענץ ניט ארויסגערעדטע, מיט וועלכן דאָס דאָרף האָט ווי אָנגעצייכנט א גרענעץ־פּאסיקל, וואָס טיילט אָפּ נעכאמען פון פּײַוועשן און וואָס וועט בלײַבן אין זייער זיקאָרן אף שטענדיק.

און נאָך איין בליק איז פארבליבן אין מיר פון יענער נאכט. דער בליק פונעם פערצניאָריקן מיידעלע דינע, וואָס האָט א בליץ געטאָן דאן, ווען זי איז דורכגעלאָפן צו דער ארבע. אף א ווײַלע איז זי געבליבן שטיין אף דער שוועל, ארומגעקוקט זיך, ווי געוואָרט אף עמעצן, דערנאָך האָבן אירע אויגן א בליץ געטאָן מיט יענער שטומער טײַנע צו דער וועלט.

— פארוואָס, פארוואָס קאָנט איר ניט פארשטיין?

מעגלעך, אז דאָס האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן. מיר זײַנען דורכגעלאָפן אין מויעך די ווערטער פונעם סעקרעטאר פון דאָרפראט, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אונטערשרײַבן די ספּראווקע. און געוויס איז יענע נאכט ניט נאָר מיר אופגעקומען יענער פארדריסלעכער גע־

דאַנק: פּאַרוואָס, פאַרוואָס מוז זיך צו אַזאַ גרויסן, גערעכטיקן מישפּעט צומישן אַביסל אומגע־רעכטיקס אויך? און עפּשער... עפּשער איז דאָס פון יענע אומפאַרמײַדלעכקײַטן, אָן וועלכע די וועלט קאָן זיך ניט באַגיין?

6

איך ווייס ניט פאַרוואָס מײַן סעקרעטאַר איז אָף מיר אָנגעדראָדלט. זאָל זײַן דערפאַר, וואָס איך האָב ניט אונטערגעשריבן די ספּראַווקע דינעס בושליק? דאַרף ער דאָך פאַרשטיין, אַז מע האָט ניט געטאָרט, מע האָט בעשום אויפן ניט געטאָרט אַרויסגעבן אַזאַ ספּראַווקע! שוין עט־לעכע טעג נאָך יענער נאַכט, אַז ער רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט. אַפילו דער גוטמאָרגן איז אויך אַ שטומער, אָט אַזוי, שווײַגנדיק, זעצט ער זיך אַוועק בײַ זײַן טישל, זיצט אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אין זײַנע פּאַפּירלעך, טוט אַלע מאָל אַ שויבער מיט די הענט די האָר אַפן קאָפּ, ווי ביז גאָר אופגערעגט דענערווירט, אָדער ער גייט זיך אינמיטנדערינען אַ הייב פונעם טישל, לויפט אַרויס אינדרויסן, שפּאַנט ערגעץ אַרום, קומט אַרײַן צוריק אַביסל אַ באַרויקטער, נאָר דאָס מאַכט זײַן פּאָנעם ניט פרײַלעכער און דעם בליק ניט צוגעלאָזטער. איך מאַך זיך ניט ווויסנדיק. אויב די סיבע איז אין דעם, אין וואָס איך בין כווישעד, איז דאָך ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. אויב ס'איז דערבײַ דאָ נאָך עפּעס, איז דאָך אַוואַדע און אַוואַדע. דער „נאָך עפּעס" טוט פּלוצעם אַ בליץ אין קאָפּ און אַלץ גייט זיך אַ דריי צוריק אָף גאָר אַ נײַעם אויפן. זאָל זײַן אַז דינע... אַז ער און דינע; פאַרוואָס זשע האָט ער געוואָרט ביז דער לעצטער מינוט, ווען מע האָט שוין גאָרנישט ניט געקאָנט ענדערן? נאָר פרעגן וועגן דעם יאָסלען לווינט אַוואַדע ניט. סײַווי וועט ער זיך ניט מוידע זײַן. ער — דער סעקרעטאַר פון דאָרפראַט און אַ באַלעגר־פישע טאָכטער! און עפּשער... עפּשער האַלט ער, אַז ס'איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן, עפּשער קלערט ער נאָך פאַרנעמען אַזוינס, וואָס זאָל ענדערן, אַלנפאַלס איר, דינעס גורל, און עפּשער זייער ביידנס גורל?

אַזוי איז אַוועק עטלעכע טעג ביז איינעם אַ גאַנצפרי איז אין דאָרפראַט אַרײַנגעקומען אווראָם־איצל איינעם מיט זײַן כענען. ריכטיקער וואָלט געוועזן זאָגן אַזוי: אַרײַנגעקומען איז כענע און געבראַכט מיט זיך איר אווראָם־איצלען. ער מיט זײַן קינדעריש שמייכעלע אָף זײַן שוין היפּש פאַרוואַקסן פּאָנעם, זי — פול מיט ווײַבערשן צאַרן, וואָס האָט ניט אופגעהערט פלאַקערן אין אירע אײַנגעשרומפּענע אויגן, האָבן ביידע געוואָרט, איך זאָל זיי עפּעס פרעגן. ניט דערוואַרט זיך אָף מײַן פראַגע, האָט כענע אויסגעשריגן איר אייגענע:

— איר האָט שוין געהערט אַזוינס?

דער סעקרעטאַר פון דאָרפראַט האָט אַפּאָנעם יאָ עפּעס געוווסט, נאָר איך האָב געפרעגט אַ דערשטוינטער:

— וואָס האָט בײַ אײַך געטראָפן?

— אַ מענטש זאָל זיך אַליין באַגאַנווענען!

— נו, כענע, — האָט אווראָם־איצל זיך געבעטן בײַ איר. — איך האָב דיר דאָך געזאָגט.

— וואָס געזאָגט, וועער געזאָגט? אָט, זאָגט איר, זאָגט איר אומיסטן, די שקאַפּע אונדזערע...

— אָט, אָט, זאָגסטו דאָך אַליין, — האָט אווראָם־איצל, ווי געררייצט זיך. — אונדזערע...

— ווײַל איך טאַקע ווייסן, זי איז נאָך אונדזערע, צי שוין ניט אונדזערע? און דאָס לאָ־שעקל... טאַקע דאָס לאָשעקל!

איך האָב נאָך ניט געוווסט אין וואָס דאָ גייט, האָב איך גענומען דערקלערן אַביסל צו ברייט:

— ווי זאָל איך אײַך דאָס געבן צו פאַרשטיין... טײַלווײַז, פאַרשטייט זיך. ס'איז איצט אַלץ שוטפעסדיקס.

— איז זאָלן אַלע שוטפים טראָגן אייער פאַרן שוטפעסדיקן לאָשעקל! אווראָם־איצל ווידער מיט זײַן בעטנדיקער מינע:

— אָבער כענע, וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן...

— הערט אַ מײַסע! איך האָב אינגאַנצן אָנדערהאַלבן צענדליק הינער. און ניט אַלע טאָג... וואָס, אַלע טאָג לייגט יעדער הון אַן איי? נאָר סײַווי, ווי קומען זיי אַהין, טראַכט איך מיר. ערשט איינעם אַ פאַרטאָג, איך טו אַ קוק, מײַן אווראָם־איצל פּאָרעט זיך אַרום דער סידעלע.

— אָבער ווי פאַרשטייסטו ניט, כענע, דאָס לאָשעקל... מע דאַרף דאָס פּילנעווען.

— איר הערט, איר הערט? דאָס לאַשעקל פּילנעוועו!

און גאָר זיך צעוויינט. דער געוויין האָט איר אַליין אויסגעזען איבעריק, ניט צום אָרט, זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אירע טרערן און דערפון געוואָרן נאָך בייזער.

— אָט, איר זעט, צו וואָס אַזאַ כאָסערדייעניק קאָן דערפירן? דאָס לאַשעקל! און פרעגט באַ אים, פון וואָס נאָך קאָן איך מאַכן אַ לעבעדיקע קאַפּעקע? מע דאַרף דאָך אַ פונט זאַלץ, אַ פּעקל ציקאָריע, אַביסל צוקער, און קעראָסין גיט מען אין קלייט אויך נאָר פאַר אייער. איז אָט, קוקט אים נאָר אָן, דעם צעדרייטן!

אווראָם־איצל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן.

— איר פאַרשטייט, ס'האָט פּלוצעם אָנגעהויבן הוסטן, דאָס לאַשעקל. מיט אַזאַ טרוקענעם הוסט... ניט אַנדערש, געכאַפּט אַ שוויץ און זיך צוגעקילט. נו, זאָגט אַליין... אַזאַ לאַשעקל!

— אָבער וואָס גייט עס דיר אָן? ס'איז דאָך ניט דײַנס!

ערשט איצט האָט אווראָם־איצל זיך אָנגענומען מיט אַביסעלע רוגזע.

— וואָס הייסט ניט מײַנס? ווי קאָנסטו אַזוינס זאָגן? און אַז אין קאָלווירט, איז דאָס שוין ניט מײַנס? פאַרקערט, אַלץ איז איצט מײַנס!

— אָבער ביזוואַנען איז דער שיר?

— נאָך אַ טאָג פינף און שוין. וועסט אומיסטן זען, עס הירזשעט שוין אַ מעכײַע. מע דאַרף נאָר... נאָך פינף טעג און שוין.

— זאָגט איר אים כאָטש אַ וואָרט, — האָט כענע געבעטן זיך באַ מיר, אויסווישנדיק די טרערן.

— איר הערט דאָך, פינף טעג, — האָב איך זי באַרויִקט.

— און מער קיין איין טאָג ניט! — האָט כענע אויסגעשריגן. — און זאָלסט ניט קריכן צו דער סידעלע, איך וועל אַליין, דו הערסט? האָסט געגעבן אַ וואָרט אין דאַרפּראַט.

געווען איז דער סעקרעטאַר פון דאַרפּראַט דורכויס אַן אומפּאַרטייִשער. אפילו ניט קיין קאָמיגויסט. ער האָט פײַנט געהאַט צו קאָהאָלן זיך, ווי ער אַליין פלעגט זאָגן, נאָר אַ סעקרע־טאַר איז ער געווען אויף כאַריפּעס. יעדער פּאַפּירל איז באַ אים געווען אויף אָן אָרט, און געטאָן האָט ער זײַן אַרבעט באַלעבאַטיש־אָרנטלעך. ער איז געווען ניט פון די, באַ וועמען מע האָט געקאָנט אויסנאַרן אַ ספּראַווקע מיט כניפּע צי מיט אַנדערע מיטלען, מיט איין וואָרט, אַ באַ־כער, אויף וועמען מע האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. און כאָטש זײַן טאַטע איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט זייער שטוב, דער גאַנצער הויף פאַרהיט אין זיך אַלע סימאָנים פון אַ גוטער באַלעבאַטישקײַט. טראָץ דעם אַלעמען, זײַנען מיר פונעם ערשטן טאָג געוואָרן גוטע כאַווירים. אין זײַן העמדל, אַ פּיקעיעווע מיט אַ קאָלנער, וואָס מע קאָן צושפּיליען און אָפּ־שפּיליען, בין איך עס געפאַרן קיין קיִעוו און שפּאַצירט אין דעם איבערן קרעשטשאַטיק. נאָר ער איז ניט געווען פון די, מיט וועמען מע זאָל אָפּזיצן אַן אָוונט און שמועסן וועגן וועלט־זאַכן. אין דעם געביט זײַנען מיר געווען ביז גאָר פאַרשיידענע מענטשן.

נאָך דעם ווי כענע מיט אווראָם־איצען זײַנען אַרויס פון דאַפּראַט און מיר האָבן זיי אַרויס־באַגלייט מיט אַ שוטפעסדיקן שמייכל — דעם ערשטן שמייכל אויף זײַן פּאָנעם פאַר די לעצטע טעג, האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט אַזאַ אומדערוואַרטע פראַגע:

— זאָג מיר, זי... זי וועט דיר אָנשרײַבן?

— ווער איז די זי?

ס'איז געווען אַ פּרווו אויף מאַכן זיך טאַמעוואַטע, נאָר זייער אָן אומגעלונגענער.

— איך ווייס? נו, זי, דינע...

— וואָס שרײַבן, וואָס שרײַבן? — האָט זיך באַ אים אויך ווי ניט אומיסטן אַרויסגעכאַפּט. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זיך צעפלאַמט און אויף שטערן זײַנען אַרויסגעשוווּמען עטלעכע שווערע טראָפּן שווייס. — וועגן וואָס קאָן זי איצט שרײַבן?

— פונדעסטוועגן...

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? זי ווייסט דאָך ניט וועגן דעם. עפּשער איז גלײַכער, וואָס זי ווייסט ניט. און עפּשער שטויסט זי זיך אָן. כאָטש... ניין, ניין!

— דערפאַר ביסטו ניט געקומען יענע נאַכט?

— ווי פאַרשטייסטו דאָס ניט? ווי וואָלט איך איר געקאָנט קוקן אין די אויגן? דער סאָד איז שוין געוואָרן אויס סאָד, האָב איך אים געקאָנט אַ טרייסט טאָן.

— נישקאָשע, דער הימל איז נאָך ניט באַ דער ערד...

— דו קלערסט אַזוי?

— ווי אַנדערש? מע טאָר קיינמאָל ניט אויסלייגן אויף ערגער.

איך ווייס שוין אליין ניט, וואָס האָט יענעם גאַנצפּרי מיך מערער אופגערעגט און איבע־
ראַשט. די געשיכטע מיט אווראַם־איצלס גנייוועס, צי דער ערשטער אָפּנהערציקער שמועס
מיט יאָסלען, ווען ס'איז אזוי אומגעריכט אופגעשווומען זײַן סאָד, נאָר א גאַנצן טאָג האָב איך
וועגן אנדערע זאַכן ניט געקאָנט טראַכטן. די גאַנצע צײַט האָב איך געזען פאַר זיך דינען, ווי
זי איז אַרויס פון דער שטוב, געבליבן שטיין אַף דער שוועל און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך,
ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט, אַף עמעצן געוואַרט, האָט זי געזוכט, הייסט עס, אים, יאָסלען.
און ער, גראָד ער איז ניט געקומען. איך פאַרשטיי גוט, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען. ער האָט
אנדערש ניט געקאָנט. ער האָט ניט געטאָרט!

די סילאָס־טורעמס זײַנען געווען איינע פון יענע נײַסן פונעם ערשטן קאָלווירטישן זו־
מער, וואָס האָבן דערנאָך באַצייכנט מיט זיך די הויפּט־סימאָנים פון א קאָלווירטישן הויף.
טיפע, ביז גאָר טיפע אויסגעצעמענטירטע גריבער. דאָס קײַלעכדיקע ציגלנע מויערל איבער
זיי האָט געדאַרפט מאַכן די גריבער נאָך טיפער, עס זאָל אַרײַן אין זיי מערער סילאָס, קײַ־
לעכדיקע מויערלעך מיט הויכע, פאַרשפּיצטע דעכעלעך, וואָס האָבן זיי געמאַכט ענלעך אַף
קליינינקע קלויסטערלעך. דאָס זײַנען געווען די סאַמע ערשטע בויונגען, פאַר וועלכע מע האָט
זיך גענומען גלײַך אין פרילינג. זיי האָט מען געמוזט פאַרטיק מאַכן צום היי־שניט. ס'איז פאַר
אַלעמען געווען א נײַס, ס'איז געווען אלעמענס דייגעס, און אין די סוואָדקעס איז צוגעקומען
א נײַער פונקט, וויפל איז פאַרן פינפטאָג געמאַכט געוואָרן סילאָס. בא די דאָזיקע נײַינקע
סילאָס־טורעמס, ארום וועלכע ס'האָט זיך געטומלט א היפּשער אוילעם, ווער ס'האָט אַראָפּגע־
וואָרפן דאָס גראָז פון די אַרבעס, ווער ס'האָט דאָס אײַנגעטראָמבעוועט מיט די פיס, האָב איך
אומגעריכט זיך געטראָפן מיטן פאַרזיצער פון רײַויספּירקאָם, מיט סלאַדקאָוון.

איך ווייס ניט, צי איז ער ביכלאַל יענעם טאָג געווען אַנגעדראָדלט מער ווי געוויינלעך,
צי איז די אַנגעדראָדלטקייט אַנגעקומען, ווען ער האָט מיך דערזען, נאָר זײַן פראַגע אליין איז
געווען ענלעך אַף אַן אויסרייד.

— איז וויפל סילאָס האָבן מיר שוין, באַלעבאָס?

דאָס וואָרט „באַלעבאָס" בענגייע צו מיר האָט ער שטענדיק אַרויסגערעדט מיט אָפענעם
כויזעק, דערבײַ מיט אזא מינע, איך זאָל דאָס טייקעף דערפילן.

— מיר האָבן נעכטן צוגעשטעלט פינקטלעכע סוואָדקעס.

— סוואָדקעס, סוואָדקעס. א באַלעבאָס דאַרף געדענקען אלע סוואָדקעס אַף אויסווייניק...

מײַן פאַרשאָלטענער כאַראַקטער. אמאָל דאַרף איך טראַכטן ווער ווייסט וויפל, איך זאָל
קאָנען עפּעס אָפּענטפערן. און דאָ האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט:

— און איר געדענקט?

איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס האָט אים געדאַרפט אזוי אָנצינדן מײַן פראַגע, מיט
וואָס האָט זי אזוי אָנגערירט זײַן קאָוועד. א ווײַלע איז ער געווען גאָר ווי געפּלעפּט. דערנאָך
האָבן זײַנע קינבאַקן אָנגעהויבן ווי אונטערטאַנצן, גלײַך זיי האָבן צעביסן אַף שטיקלעך די
ניט אַרויסגעזאָגטע דראָונגען. דערנאָך איז געקומען דאָס, וואָס האָט מיך געדאַרפט אײַנגאַנצן
צעטרעטן. אַרום אונדז איז געשטאַנען א היפּשער אוילעם, מענאַשע איז אויך געווען דערבײַ,
און דאָס האָט ער זיי אַלעמען געוואָלט ווײַזן, וואָס פאַר א נישטיקײַט איך בין.

— א פאַרזיצער האָט אונדז גאָט צוגעשיקט! די „דורכויסיקע" ליגט אים אין קאָפּ, ליד־
לעך, פעליעטאָנדלעך... אין דאַרפראַט דאַרף זיצן א פאַרזיצער, ניט קיין שרײַבער!

געפילט אַז דאָס איז פאַר מיר ווייניק, האָט ער צוגעלייגט צום סאָף דאָס, וואָס ער האָט
מעגלעך געזאָגט ניט איין מאָל און וואָס מענאַשע האָט מיר אויך אמאָל פאַרגעוואָרפן.

— יאָ, מיר וועלן ניט איין מאָל דערמאָנען גיטלען.

אָפּענטפערן אַף זײַנע רייד האָב איך ניט געוווּסט ווי־אזוי. איך האָב ביכלאַל ניט פאַר־
שטאַנען מיט וואָס געפעלט אים אזוי ניט די „דורכויסיקע" און פאַרוואָס שטייט אים ניט אָן
מײַן שרײַבערײַ. ניט דערוואַרט זיך פון מיר קיין ענטפער, האָט ער אַרויסגערעדט אביסל אָן
אָפּגעקילטער:

— זאָג, וועגן וואָס טראַכטסטו?

וועגן וואָס איך טראַכט... איך האָב געטראַכט וועגן אווראַם־איצלען און דעם לאָשעקל,
וואָס איז יאָ זײַנס און ניט זײַנס, איך האָב געטראַכט וועגן דעם שמועס מיט יאָסלען און...
וועגן מיידלעך, וואָס קוקן אַרויס אַף עמעצן און יענע קומען ניט. נאָר גיי דערצייל אים וועגן
אַזעלכע זאַכן... האָט זיך ווידער בא מיר אַרויסגעכאַפּט:

— איר האָט געהערט וועגן אווראַם־איצלען? דאָס לאָשעקל האָט אָנגעהויבן צו הוסטן,
טראָגט ער דעם אַלע טאָג פונדערהיים פרישע אייער, און זײַן כענע... זיי זײַנען ביידע גע־
קומען הײַנט אין דאַרפראַט.

סלאַדקאָוו האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ניט געלאָזט מיר ענדיקן.

— הער זיך ווייניקער צו צו אזעלכע מעשׂוגאַים. מע קאָן מיינען, אז אף זיי שטייט די וועלט.

נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אז איך האָב געקלערט פונקט פאַרקערט.

אזוי האָבן מיר זיך צעשיידט. סלאַדקאָוו האָט פּלוצעם האַסטיק א שפּאַן געטאָן און, גאָר־ניט ניט זאָגנדיק, אוועק. איך האָב בלויז געמאַכט א פּרווו צי וועל איך קאָנען אָפּרײַסן די פיס פון דער ערד. דערנאָך האָב איך א קוק געטאָן אף מענאַשען. ער האָט זיך געפילט ניט ווייניקער פון מיר באַליידיקט און איז אויך געוועזן אביסל געפאַלן בא זיך. אלנפאַלס, כ'האָב ניט געזען, ער זאָל האָבן נאָכעס דערפון, וואָס סלאַדקאָוו האָט מיך אזוי אויסגעכרעַנזלט אין זײַן אַנוועזנהייט.

יענעם טאָג האָט זיך מיר געוואָלט וואָס גיכער אריבערשפּרינגען ניט בלויז אין פּאַראַ־יאַריקן זומער, נאָר מיט נאָך א זומער צוריק, ווען איך האָב ניט געטראַכט וועגן סטעפּ, אפילע ניט געוווּסט פון אים, ווען איך בין יעדן באַגינען אוועק אפן סאַלקאָווער צוקער־זאַוואָד און יעדן אָוונט פאַרבראַכט אין קאָמיוגישן קלוב, אָדער געשפּאַנט איבער די שטעטלשע גאַסן און אויסגעזונגען אונדזערע פריילעכע, העפקערדיקע לידער. יענער פאַרצווייי־יאָריקער זומער, יענע אָוונטן מיט זייערע שטרײַטן, דיסקוסיעס און דיספּוטן האָבן מיר זיך געדוכט, ווי די סאַמע גליקלעכסטע צײַט, ווי א ווײַטער, גוטער כאָלעם.

נאָר — פּוסטע כאָלומעס... יענע זומערס וועסטו שוין ניט אומקערן. און צוריק אײַנמאָס־טען זיך אין דער פאַרשוווּנדענער צײַט איז אוואדע אומעגלעך. טראַג, ברודערקע, דעם שווערן יאָך און זע, עס זאָל דיך ניט צובויגן צו דער ערד.

אין אָוונט, ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען אין דעם צימערל, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער „דורכויסיקער״, האָב איך דערציילט ביליאַווסקין וועגן מײַן הײַנ־טיקן צוזאַמענשטויס מיט סלאַדקאָוון און ווי־אזוי ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן מײַנע שרײַבעכצן. ביליאַווסקי האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער פּען אין טיש און האַסטיק זיך אופגעהויבן.

— קום שוין אריין צו פּלאַטקינען.

— איך? צום כאַוועד פּלאַטקין?

— האָב קיין מוירע ניט. ער האָט זייער ליב ליטעראַטור. און ער פאַרשטייט אביסל מע־רער פון אים, פון סלאַדקאָוון.

ווייס איך איצט ניט, וועמען דאַרף איך מערער דאַנקען פאַר יענעם אָוונט. צי סלאַד־קאָוון, וואָס האָט גוירעם געווען דערצו, צי דעם אגיטפּראָפּ ביליאַווסקי, וואָס האָט מיך אײַנ־גערעדט, אז דער סעקרעטאַר פון רײַקאָם האָט זייער ליב ביכער.

ער איז געזעסן באַם טיש מיט דער פּלייצע צו דער טיר, טיף ארײַנגעטאָן אין עפּעס א ביכל און אפילע ניט געהערט, ווי מיר זײַנען ארײַנגעקומען. ס'איז געווען אביסל ניט אזוי: ארײַנגעקומען איז בלויז ביליאַווסקי. איך בין געבליבן שטיין אף דער שוועל פון דער טיר, ווי צוגעשמידט פון אָט דער שרעקעוודיקער נאָענטקײַט מיטן סעקרעטאַר פון רײַקאָם אין גאָר אומגעווײַנלעכע, קימאַט היימישע באַדינגונגען. כאָץ דעם האָט מיר פאַרבלענדט די אויגן די צו שטאַרקע שײַן פונעם פּערצענער לאָמפּ. פון אזא שײַן בין איך שוין לאַנג געווען אָפּגע־וווינט. ניט בא אונדז אין שטוב, ניט בא אונדזערע שכיינים, ניט בא מײַן איצטיקער באַלע־באָסטע, זײַנען אזעלכע לעמפּ ניט געווען. אומעטום זײַנען געווען קליינע לעמפּעלעך, בא וועל־כע ס'האָט שטענדיק עפּעס געפעלט. ווו א קאָלפּעקל, ווו א לײַטיש גלעזל, ווו פּאַשעט דאָס קנייטעלע אליין און מערסטנטייל — אביסעלע קעראָסין. דער פּערצענער לאָמפּ מיט זײַן בײַ־כיק גלעזל האָט מיר אויסגעזען צו רײַך, צו ראַשיק און צו העל פאַר אזא וואָכעדיקן אָוונט. האָט דאָס מיך אביסל אויך אָנגעשראָקן.

— וואָס זשע ביסטו געבליבן שטיין, קעאָני באַפּעסאָך? — האָט פּלאַטקין זיך אָנגערופן און געגומען באַקוקן מיך מיט זײַנע מידע אויגן, — וויבאַלד דו ביסט שוין ארײַנגעקומען.

— מיר ווילן האָבן א ליטעראַרישן שמועס, — האָט זיך אָנגערופן ביליאַווסקי, געפּרווּוט דערמיט פאַרענטפערן מיך און דערקלערן דערמיט סײַ מײַן ארײַנקומען און סײַ מײַן פאַר־לוירנקײַט. דאָס האָט מיך טאַקע ארויסגעראַטעוועט און געגעבן א מעגלעכקײַט בײַקומען מײַן פאַרלוירנקײַט.

אזא האָב איך פּלאַטקינען ביז איצט נאָך ניט געזען. א היימישן, א שטובּיקן, ביז גאָר א זומערדיקן, אָן דעם רעקל, אָן דעם האַלדזטוך, דער קאָלנער צעשפּיליעט, דאָס העמדל ארײַנ־געלאָזט אין די הויזן און ביכלאַל, ווי אײַנגאַנצן אָן אויסגעטאָגענער פון אלע זײַנע סעקרעטאַ־

רישע אייגנשאַפטן, פון זײַן באַטאָגיקער פּאַרדײַגעטקײַט און פּאַרטראַכטקײַט, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון ניט צוטריטלעכקײַט און גאַנץ פאַרשטענדלעכער שטרענגקײַט.

— פון וואָס זשע וועלן מיר אָנהויבן? — האָט ער געפרעגט און אַ מיד שמייכעלע האָט אַ שײַן געטאָן אַף זײַן איבעראַשנדיק־יונג פּנים. — עפּשער ווע‌סטו אונדז עפּעס איבערלייענען?

— ווער, איך? — האָב איך ענדלעך באַקומען לאַשן.

— ווער דען, איך? — דאָס איז שוין געווען גאָר אַ היימישער שפּאַס, פון וועלכן איך האָב זיך געדאַרפט דערפילן אַביסל זיכערער. — דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך אַמאָל געפּרוווט... נאָר... ווען איז דאָס געווען. און אַ צײַט געווען, ניט פאַר קיין דיכטונג...

דורכן אָפענעם פענצטער, פון יענער טונקעלער נאַכט, וואָס האָט פון דעם העל־באַלויכ־טענעם צימער זיך געדוכט נאָך טינקעלער, ווי איבערגעפאַרבט אין שוואַרצן, איז אַרײַנגע־פלויגן אַ פלאַטערל און די גאַנצע צײַט מיט אַן אומבאַגרײַפלעכער אַקשאָנעס ניט אופגעהערט זיך דרייען ארום לאָמפּ.

די העלע שײַן האָט צוגעצויגן צו זיך אַלץ נײַע און נײַע פלאַטערלעך. און זיי זײַנען אַרײַנגעפלויגן אהער איינס נאָכן אַנדערן. מיך האָט אויך געצויגן צוקומען אַביסל נעענטער צום טיש, כאַפּן אַ קוק אַפן צעעפנטן ביכל, זען וואָס לייענט עס אַ סעקרעטאַר פון רײַקאָם אין אַ פרײַען אָוונט.

— וואָס, וואָס זאָל איך לייענען?

— וואָס־ניט־איז... פון דײַנע נײַע... נו, פון דעם, וואָס עס באַמבלט זיך בא דיר אין קאָפּ. וואָס באַמבלט זיך בא מיר אין קאָפּ? וואָס באַמבלט זיך בא מיר אין קאָפּ? צי דען ווייסט ער אויך פון דעם, וואָס בא מיר אין קאָפּ באַמבלט זיך? צי דען האָט ביליאַווסקי אים דערציילט וועגן דעם, וואָס איך האָב אים פאַרטרויט? איך האָב אים דאָך געוואָרנט, אַז דאָס איז בעסאָד סוידעס!

— וואָס זשע שטייען מיר? — האָט פלאַטקין זיך אָנגערופן און אַרויסגערוקט די בענק־לעך, וואָס זײַנען געווען פאַרוקט אונטערן טיש.

זיי ביידע, פלאַטקין און ביליאַווסקי, האָבן זיך צוגעזעצט, איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען, אַביסל טאַקע ווי געליימט, צי אָפּגעבריט, און אַלץ געקוקט אַף פלאַטקינען, וואָס האָט מיר איצט אויסגעזען לאַכלוטן ניט ענלעך אַף זיך אַליין.

— נו, מיר וואַרטן...

איך האָב אָנגענומען אַ פולע ברוסט מיט לופט און אין איין אָטעם אַרויסגעבלאָזן דאָס, וואָס האָט יענע טעג ניט אופגעהערט מיר באַמבלען זיך אין קאָפּ. איך האָב אפילע ניט באַ־וויזן אַ טראַכטן טאָן, אַז דאָס איז גראָד ניט דאָס, וואָס מע דאַרף לייענען פאַר אַ סעקרעטאַר פון אַ רײַקאָם, כ׳האָב אין דער מינוט ביכלאַל פאַר זיך קיינעם ניט געזען. כ׳האָב געזען גאָר עפּעס אַנדערש און גאָר עמעצן אַנדערש.

פון יענער זײַט הרעבליע,
פון יענער זײַט בריק,
צי איז דאָרט מײַן אומגליק,
צי איז דאָרט מײַן גליק...

אַרויסגעשיט די עטלעכע שורעס, פאַרסאַפּעט זיך, גלײַך איך בין אָפּגעלאָפן אַ גאַנצן קיי־לאָמעטער, האָב איך אַ קוק געטאָן דורכן אָפענעם פענצטער אין דער נאַכט אַרײַן, ווי אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט און געלייענט ווײַטער:

פון יענער זײַט הרעבליע, פון יענער זײַט בריק,
ווו טויזנטער זונען אהין און צוריק.
איין טויזנט אַרויס, די צווייטע אַרײַן...
פונוויײַטן, ווי זאָגסטו, איז העלער די שײַן...

ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי דאָס פּנים האָט זיך צעפלאַמט און ווי די היץ האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לײַב. דערנאָך האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך שטיי איינער אַליין אין סטעפּ און עס גיסט און גיסט אַ מוירעדיקער רעגן. ער האָט מיך שוין דורכגענעצט אַף דורך און דורך, און דאָס העמד האָט זיך צוגעקלעפּט צום לײַב אַף ניט אָפּצורײַסן. אַזוי, צו־ביסלעכווײַז, האָט אָנגעהויבן אויסלײַטערן זיך דער געדאַנק, פון וועלכן דער שוויס איז גע־וואָרן פראַסטיק־קאַלט און גרוילעך. ווי האָב איך עס געמעגט אַרויסברענגען אינדערהייך די שורעס, וואָס זײַנען מײַן גרעסטער סאָד?

פלאַטקין מיט בילִיאַווסקין האָבן זיך איבערגעקוקט, און זייערע בליקן איז מיר שווער געווען פאַרשטיין. צי איז דאָס אנטוישונג, צי איז דאָס אַזוינס, וואָס מע רעדט אַרויס, ווען מע גיט דערבײַ אַ דריי מיטן פינגער איבערן שטערן.

— ווו האָסטו עס אָנגענומען אַזויפיל זונען? — האָט פלאַטקין אַ פרעג געטאָן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, גאַנץ גוטמוטיק.

און איך, מיט אַ צעשטרייט שמייכעלע, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרשוויצטן פּאָנעם.

— איך ווייס ניט... איך ווייס אַליין ניט.

איצט האָבן זיי שוין ביידע געשמייכלט. ריכטיקער — מיר אַלע דרײַ. נאָר דאָס זײַנען געווען דרײַ פאַרשיידענע שמייכלען. אַלנפאַלס, מײַנער איז געווען זייער אַ ביטערער. איך האָב דערפילט דעם טאַם פון אים, ווען איך האָב געפרווווט אַ לעק טאָן מיט דער צונג די פאַרטריקנטע ליפּן.

— יאָ, דאָס איז שוין, פאַרשטייט זיך, עפּעס אַנדערש...

אין פלאַטקינס ווערטער האָט זיך מיר געדוכט עפּעס פאַרורטיילנדיקס און איך האָב אַ שולדיקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָר איך האָב זיך אַביסל צוגעײַלט. ס'איז געווען ניט דאָס, וואָס מיר האָט זיך געדוכט.

— יאָ, דאָס איז שוין אַביסל מערער פון די לידער, וואָס זײַנען געווען אין דער „דור־כּוויסיקער", — האָט פלאַטקין פאַרענדיקט.

— טאַקע, ווי קאָן אַ דיכטער וויסן פונוואַנען איז אים געקומען אָפּן זינען די אָדער יענע ליד, וואָס האָט זי אַרויסגערופן? — האָט בילִיאַווסקי געפרווווט מיך פאַרענטפערן.

— פונדעסטוועגן... יעדער ליד, יעדער ווערק ביכלאַל, האָט אירע סיבעס, אירע אור־קוואַלן און אויך איר ציל. איך מיין דאָס, וואָס דער פּאָעט וויל מיט דעם זאָגן.

דאָס רעדט אַרויס פלאַטקין. זיי שמועסן זיך דורך צווישן זיך וועגן ריין ליטעראַרישע איניאַנים, וואָס זײַנען דערוויַיל פאַר מיר ניט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך. רעדן אַזוי, גלײַך איך בין דאָ אינגאַנצן ניטאָ. און מיר איז שווער באַשטימען, וויאַזוי שאַצן זיי אָפּ מיך אַליין. נאָר פלאַטקין האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מײַן צושטאַנד, ביכלאַל פאַרשטאַנען ווו איך האַלט, באַ וואָס איך האַלט, אַוודע פאַרשטאַנען, אַז איך האַלט נאָך גאָר פונפאַרנט, און אַז מע דאַרף מיט מיר אָנהייבן פונעם אַלעפבייס.

— וואָס זשע שווײַגסטו? זעץ זיך צו, אָט אַהער, צום טיש. אָט... דעם פּאָעט האָסטו גע־לייענט?

ערשט איצט האָב איך באַקומען די מעגלעכקײַט אַ נעם טאָן אין דער האַנט דאָס צעעפנ־טע ביכל.

— מאַריס ראָזענפעלד? — האָב איך איבערגעלייענט און ווידער זיך פאַרוויטלט. — צום באַדויערן...

— און באָוושאָווערן?

— אויך ניט.

— און עדעלשטאַטן?

האָב איך שוין פּאַשעט צוגעשוויגן. ווידער זאָגן, אַז ניין, האָט מיר קיין מוט ניט גע־סטײַעט.

— אַ שאָד, אַ שאָד. — געכאַפּט זיך, אַז ניט אינעם ביסל מוסער גייט עס, האָט ער אָנגע־הויבן רעדן ווייכער, צוגעלאָזטער, ווי געטרייסט. — דאָס איז ניט שרעקלעך, דאָס קאָן מען פאַריכטן. עס לוינט בעפּיירעש באַקאַנען זיך מיט זייער דיכטונג. זיי זײַנען געווען פּראָסט און דערהויבן. טרוימעריש־דערהויבן. און זיי האָבן שוין אַוודע געוווּסט, פונוואַנען איז צו זיי געקומען די אָדער יענע ליד און וואָס ווילן זיי דערמיט זאָגן. עכטע פּראָלעטאַרישע דיכ־טער. און האָפּשטיינען האָסטו געלייענט?

— האָפּשטיינען! — האָב איך אויסגעשרײַען אַ דערפרייטער. — אָ!

און ניט געוואַרט, מע זאָל מיך בעטן, אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

אָקטאָבער, און אָנהייב אָן אָ!

— און פּעפּערן? — האָט פלאַטקין מיך איבערגעשלאָגן.

און איך אין איין אָטעם.

סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָליע...

— און שווארצמאנען?

און איך ווידער, ווי איך וואָלט דעקלאַמירט איינע און די זעלבע ליד.

איך קאַלטער ווינטער־נאַכט
באַ שײַן פון בליצנדיקע שטערן...

איך מוז זיך דאָ מודה זײַן, אַז יענעם זומערדיקן אָוונט, ווען איך האָב אַזוי העפקערדיק אַרויסגעקנאַקט פאַר מײַנע צוהערער איין ליד נאָך דער אַנדערער פון אונדזערע באַרימטע פּאָעטן, פון האָפשטיינען און פעפערן, פון שווארצמאַנען און מאַרקישן, פון כאַריקן און האַלקינען, בין איך געווען ווײַט ניט אַזאַ ווייסער, ווי איך האָב זיך געקאָנט אויסווײַזן. איבערגעלייענט האָב איך דאַן געהאַט שפּאָט ווייניק, און אויב רעדן וועגן אַ באַשטימטער פאַרשטעלונג וועגן ליטעראַטור, האָב איך זי ערשט געדאַרפט דעראָבערן. יענעם זומער האָט באַ מיר ערשט אָנגעהויבן אויפקומען און אַלץ אָנוואַקסן אַ דורשט נאָך ליטעראַטור, און איך האָב געלייענט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפּאַקט אין די הענט. און יענע לידער, וואָס איך האָב דעקלאַמירט יענעם אָוונט... מיר איז אַפילע שווער צו זאָגן, צי האָב איך זיי ביז דאַן אַליין געלייענט, צי בלויז געהערט פון עמעצן. דעקלאַמירן אָדער זינגען. דאָס זײַנען געווען לידער, וואָס זײַנען אין די צוואַנציקער יאָרן אַפּגיך אַריבערגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף. זיי האָבן אַרומגעשוועבט אין דער לופט און מע האָט זיי געזונגען אַלע אָוונטן אין די קלובן און לייענשטיבלעך, אין אַלע ייִדישע הײַזער. ווייס איך ניט, צי האָב איך דאַן טאַקע אַזוי אויסגענומען באַ פּלאָטקינען מיט מײַנע קענטענישן, צי ער האָט בלויז געמאַכט אַזאַ אָנשטעל. איך האָב יענעם אָוונט ביכלאַל ניט געוווּסט, ווו איך בין אין דער וועלט, ניט געווען אימשטאַנד קאָנטראָלירן זיך, און וואָלט געוויס געקאָנט אַרויסזאָגן צי אַרײַנזאָגן פּיל נאַרישקײַטן. פּלאָטקין מיט בילאָווסקין האָבן זיך אַלץ איבערגעווונקען, צוגעשמייכלט באַוויליקנדיק, נאָר וואָס זיי מיינען דערמיט האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— נו, און עפּעס פון פּושקינען? — פרעגט פּלאָטקין.

פּושקין איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס איז פון מײַן ווײַטער אָרעמער קינדהײַט אין אונדזער ענגן און קאַלטן שטיבל, ווען מיר זײַנען געלעגן אַף אונדזערע הילצערנע סאָפּקעלעך אײַנגעדעקט ווער מיט וואָס. די עלטערע שוועסטער, שילערנס פון דער דרײַיאָריקער שול האָבן אויסגעכאַזערט אַף אויסווייניק די לידער, וואָס מע האָט זיי פאַרגעבן, און איך האָב זיי פאַרגעדענקט. האָב איך גלײַך אויסגעשיט.

Буря мглою небо кроет,
Вихри снежные крутя...

— נו, און פון שעווטשענקען?

דאָס איז אויך מיר פאַרבליבן פון יענע קרירעדיקע און הונגעריקע באַגינענס.

Думи мої, думи мої,
Лихо менi з вами...

דאָס האָט אוואַדע געדאַרפט אויסנעמען. בילאָווסקי האָט אַלע מאָל זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל און שוין ניט בלויז געשמייכלט, נאָר געשמעלצט זיך פון טײַנוג, אָפּן שטאָלצירט, ווי דאָס וואָלט געווען זײַנער אַן אייגענער געווינס, אָדער פאַרדינסט. פּלאָטקין האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון זײַן בענקל, דורכגעשפּאַנט איבערן צימער מיט זײַן היימישן שפּאַן, וואָס איז געווען פאַר מיר אינגאַנצן נײַ און אומגעווײנלעך, צוגעקומען צו מיר און אַ שאַרעווע געטאָן מיט זײַנע פינגער צווישן מײַן געדיכטער, פאַרפּלאָנטערטער און פאַרשטויבטער טשופּרינע און שטיל אַרויסגעזיפצט:

— ליכאָ מעני ז׳וואַמי...

געווען איז דאָס ניט קיין ריינע איבערכאַזערונג פון שעווטשעקאָס שורע, נאָר זײַנער אַן אייגענער געדאַנק, זײַן אייגענע „דומע" און זײַן אייגענער „ליכאָ". ער וועט, הייסט עס, האָבן נאָך גענוג צאָרעס מיט אונדז, יונגע יאַטן, וואָס איינער פון זיי איז אַ פאָרזיצער פון אַ קאָלווירט, אַ צווייטער אַ פאָרזיצער פון אַ דאָרפראַט, אַ דריטער שרײַבט נאָך דערצו לידער, און אַלע ווייסן נאָך זייער און ווייניק. און ער מוז עס מיט אַזעלכע כעווריע דורכמאַכן אַזאַ שווער שטיקל אַרבעט, וואָס הייסט קאָלעקטיוויזאַציע.

דאָס וואָס ער האָט דערנאָך געזאָגט, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט בײַגעוועזן, ווען סלאַד־קאָוו האָט מיך אויסגעזידלט. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז ער איז גאָר מיט סלאַדקאָוון יאַדאַכעס, אַז ער גיט אים אָפּ רעכט. דאָס האָט מיך אינגאַנצן געפּלעפֿט. ביז דאַן האָב איך געמיינט, אַז סלאַדקאָוו איז איינס און פּלאָטקין איז עפּעס אַנדערש, אַז דאָס זײַנען גאָר פֿאַרשיידענע מענטשן און זיי קוקן אויף אַ ריי זאַכן גאָר פֿאַרשיידן. און קריגן זיך אָפּט איבער דעם. נאָר דאָס איז געקומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער. דערווײַל אָבער, איבערגעלייגט פּלאָטקינס געדאַנקען, האָב איך געוואָלט פֿאַרענטפֿערן זיך. זיך און אַלע איבעריקע כּעוורע.

— מיר וויסן טאַקע נאָך ווייניק, נאָר מיר זײַנען דאָך אַלע... מיט לײַב און לעבן! און אויב מיר טוען עפּעס ניט אַזוי...

איך האָב זיך פֿאַרהאַקט און ניט געוווּסט מיט וואָס צו פֿאַרענדיקן מײַנע געדאַנקען. נאָר פּלאָטקין אַליין האָט אויך אָפּגענעם פּונקט ווי איך געפֿירט מיט עמעצן מיט שטומען שמועס.

— ווער זאָגט דען? — האָט ער ווי פֿאַרענטפֿערט זיך. — ווער רעדט דען איצט וועגן דעם? מיר שמועסן דאָך וועגן ליטעראַטור. אָט... נאָך אַ פּאָר שורעס פֿון האַפּשטיינען.

מעגלעך, אַז פּלאָטקין אַליין האָט געוואָלט ברענגען עפּעס פֿון האַפּשטיינען, נאָר איך האָב געמיינט, אַז ער נעמט מיך ווידער אָפּ צימבל. האָב איך גלײַך, אַביסל אַרויסרופֿעריש, מיט אַ ניט קלאָרער צווײדײַטיקײַט אויסדעקלאַמירט:

פֿון אַלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען,
איז טונקלער טאַנען־וואַלד געדיכטער...
ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל אַצינד ניט זײַן קיין דיכטער.

דאָס איז געווען שוין ניט בלויז געהערט פֿון עמעצן, נאָר אַליין ניט לאַנג אויסגעלייענט. און געפּרוווט דאָס צומעסטן צו זיך. כאַטש ווער בין איך עס? עס באַמבלען זיך בא מיר אין קאָפּ פֿאַרשיידענע לידלעך, נאָר עפּעס רעכטס באַקומט זיך ניט. און דאָך... אַ שטיקעלע מאַזל, וואָס עס באַמבלט זיך. קאָן איך יעדן אָוונט, יעדע נאַכט פֿאַרפּלײַען ווײַט, ווײַט... אָן דעם וואָלט מיר געווען טאַקע זייער ביטער.

דאָס מאָל האָט די פּאַוזע זיך פֿאַרצויגן אַביסל צו לאַנג. פּלאָטקין האָט אַלץ געקוקט אויף מיר, געקוקט פֿאַרשעריש, ווי געסטאַרעט זיך דורכטאָפּן מיך ביז די ביינער, נאָר דאָס האָט מיך ניט געקימערט. ס׳איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. די געליימטקײַט איז אַריבער, איך האָב זיך דערפֿילט אַ סאַך פֿרײַער, היימישער, און אַפֿילו אַ טרייסל געטאָן מיט די אַקסל, ווי אַראָפּגעטרייסלט פֿון זיך די פֿאַרגליווערטקײַט.

ביליאַווסקי האָט אָפּגענעם געהאַלטן, אַז איצט איז סאַמע די צײַט אַ שמועס טאָן וועגן דעם, צוליב וואָס ער האָט מיך געבראַכט אַהער און אויסדינגען פֿאַר מיר אַ שטיקעלע פֿרײַ־ווילעגיע.

— און סלאַדקאָוו טשעפּעט זיך צו אים. פֿאַר די סוואָדקעס. ער מוז, זאָגט ער, וויסן אַלע סוואָדקעס אויף אויסווייניק. זעסט דאָך!...

דער „זעסט דאָך" האָט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן אַלע מײַנע בלויזן און אַלע מײַנע אוויי־רעס. זעסט דאָך, הייסט עס, וואָס בא אים אין קאָפּ באַמבלט זיך. ווי זשע קאָן ער געדענקען אַלע סוואָדקעס?

— איך וויים, איך ווייס. — פּלאָטקין האָט ווי אָפּגעשלאָגן זיך פֿון דעם, וועגן וואָס ער האָט איצט ניט געוואָלט רעדן. — אַלץ איז זייער וויכטיק. נאָר די סוואָדקעס...

ער האָט געפּרוווט אָפּטרײַבן פֿון זיך די „דומעס" מיט די „ליכעס", וואָס האָבן אים באַ־זעצט פֿון אַלע זײַטן און ניט געקאָנט. דאָס זײַנען געווען „דומעס", וועגן וועלכע ער האָט געטראַכט באַטאָג און באַנאַכט, און וואָס האָבן פֿול געמאַכט זײַן מוח און זײַן האַרץ. האָט ער זיך אומגעריכט צערעדט.

— עס איז געקומען אַ צײַט, ווען די סוואָדקעס באַשטימען אַלץ: די אַרבעט און די ווערט פֿון יעדן קאָמוניסט, פֿון יעדן פּאַרטיי־קעמערל, פֿון יעדן ראַיקאָם און קרײַזקאָם. וווהין מיר זאָלן זיך ניט אַ קער טאָן, האָבן מיר פֿאַר זיך אַ פֿראָנט. און וועלכע אויפֿגאַבע עס זאָל ניט געשטעלט ווערן, איז דאָס אַ שלאַכט־אויפֿגאַבע. ווי זשע קאָן מען פֿירן שלאַכטן מיט פֿאַרמאַכ־טע אויגן און ניט וויסן, ווו מע האַלט אין דער וועלט? סוואָדקעס, ציפֿערן; הוילע ציפֿערן, דאָס איז ניט אַזאַ פּאַשעטע זאַך... מיר זײַנען שרעקלעך אָפּגעשטאַנען און מוירעדיק אָרעם. און מיר מוזן, מיר מוזן! אויב מיר ווילן זיך אַרויסדראַפּען.

ער האָט געגומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן צו ענג פֿאַר אים. דער שפּאַן איז געוואָרן וואָס אַמאָל ברייטער, האַסטיקער, און ער האָט געמוזט אָנשטרענ־

גען זיך אַף צוימען אַביסל די האַסטיקייט. דורכגעשפּאַנט אַזוי עטלעכע מאָל, האָט ער אָפּגע־שטעלט זיך און גענומען רעדן אַביסל שטילער:

— די זאַך איז איצט ניט אין דעם, וועו עס קאָן שיין רעדן, נאָר וועו עס קאָן אַרויסציִען פון זיך אַלץ, אַף וואָס ער איז פייִיק און אַביסעלע מערער. אַלע זיַינע קויכעס, דעם גאַנצן מאַרך פון זיַין מויעך, דאָס גאַנצע האַרץ, דעם גאַנצן ווילן, דאָס גאַנצע ליַיב און לעבן. מיר דאַרפן דאָך אָפּטאָן אַזויגס, וואָס איז מעגלעך און אויך דאָס, וואָס דוכט זיך אומעגלעך. אַנ־דערש זיַינען מיר פאַרפאַלן. אַנדערש וועט מען אונדז צעטרעטן. דאָס מוז פאַרשטיין יעדערער פון אונדז. מע דאַרף אויך פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט אַף איין טאָג און ניט אַף איין יאָר. ניט אַזוי גיך און גרינג וועט קומען די געגאַרטע שעפע.

איצט האָט זיך באַקומען פּאַרקערט: איך און ביליאַווסקי זיַינען געזעסן, און ער, פּלאַטקין, איז געשטאַנען אַף איין אָרט, אָדער אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. איך בין געזעסן ווי אַף קוילן. מיר האָט זיך דאָס געדוכט ביז גאָר אומבאַקוועם און אומדערלאָזבאַר. איך האָב זיך געפילט שולדיק דערמיט, וואָס מיט אונדזער באַזוך האָבן מיר אים אַזוי צערודערט און אופ־גערעגט, דערמיט וואָס ער, דער סעקרעטאַר פון ריַיקאָם, האַלט פאַר מיר איינעם אַליין אַ רע־דע, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן פאַר הונדערטער. און גראָד דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט פאַר מיר אַליין האָט מיך דערשטוינט מערער פון אַלץ, דערשטוינט און דערשיטערט; אין דער מינוט האָב איך דערזען גאָר אַן אַנדער פּלאַטקינען, וואָס איז לאַכלוטן ניט געווען ענלעך, ניט אַף יענעם דערוויַיטערטן, סעקרעטאַרישן און ניט אַף יענעם נאָענט־היימישן. און די ווערטער אַליין... זיי האָבן געבריט מיט זייער דערהויבנקייט. מיַינע אייגענע קריוודעס האָבן מיר איצט אויסגעזען שפּאָט־נישטיק. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערפילט, ווי דאָס פּאָנעם פלאַמט מיר פאַר בייזאָיען.

פּלאַטקין, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערקליבן זיך צום איקער, האָט ווידער פּאַרקערע־וועט צו דעם, פון וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן, צו אונדזער ריין־ליטעראַרישן שמועס. זיַין שטים איז ווידער געוואָרן ווייכער, היימישער. איצט האָט ער אַוודע גערעדט צו מיר אַליין:

— אָט אַזוי, ברודערקע. די סוואָדקעס... אין זיי זיַינען אונדזערע שווערע טעג און נעכט, אונדזערע זיגן און דורכפאַלן, אונדזער דראַנג און אונדזערע ליַידנשאַפטן. זיי זיַינען אייגנט־לעך די מאָס פון אונדזער לעבן. אַזויאַרום, אויב גוט אַ טראַכט טאָן... די סוואָדקעס... דאָס איז איצט אונדזער פּאָעזיע און אונדזער פּראָזע.

די זומערדיקע נאַכט האָט געשמעקט מיט אָנגעגאָסענע, ריַיף־ווערנדיקע זאַנגען און ס'האָט זיך געדוכט, אַז מע הערט ווי זיי בוצקען זיך איינס מיטן אַנדערן. דאָס איז שוין געווען אַביסל שפּעטער, ווען איך מיט ביליאַווסקין האָבן געשפּאַנט איבערן איַינגעשלאָפענעם דאָרף, יעדערער פאַרטאָן אין זיַינע געדאַנקען, און אַזוי אומבאַמערקט אַרויס אין סטעפּ, אַ באַלויכטענעם מיט דער פולער זילבערנער־וויַיסלעכער לעוואָנע, וואָס האָט אָקאָרשט זיך באַוויזן אַפן הימל.

— דו הערסט? — האָט ביליאַווסקי זיך פּלוצעם אָנגערופן. — די זאַנגען שלאָגן זיך.

— זאַנגען שלאָגן זיך, זאַנגען שלאָגן זיך, — האָב איך צוויי מאָל איבערגעכאַזערט, קעדייִ פאַרשטיין, וואָס האָט ער מיט דעם געמיינט. — פאַרוואָס, פאַרוואָס דאַרפן זיך זאַנגען שלאָגן?

קיין לידער האָט ביליאַווסקי ניט געשריבן, נאָר לויט דער נאַטור, לויט זיַין אָרט דענקען איז ער געווען אַן עכטער פּאָעט, אַ הייסער טרוימער. דאַן ווען מיר ביידע זיַינען אַרויס פון פּלאַטקינען און אַוועק איבער דער לאַנגער דאָרפישער גאַס, האָט ערשט אַלץ געדאַרפט זיך אָפּזעצן אין מיר און באַקומען די געהעריקע קלאָרקיַיט. סוואָדקעס און פּאָעזיע! איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס איז מיר געווען אַזוי שווער אַפן האַרצן. ניט דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך גע־דוכט, אַז פּלאַטקין האָט אָנגענומען סלאַדקאָווס צאַד. געשען איז פיל וויכטיקערס. דער סע־קרעטאַר פון ריַיקאָם האָט ווי אַראָפּגעוואָרפן מיך פון מיַינע וויַיטע יאָמטעוודיקע הימלען אַף דער וואָכעדיקער ערד, פול מיט שווערע גראַנגלען און הייסע געפּעכטן. איך בין דאָך אויך די גאַנצע ציַיט אַף איר! און אירע גראַנגלען זיַינען אויך מיַינע, נאָר איך האָב געמיינט, אַז מע קאָן אַף אַ שטיקל ציַיט, אַף עטלעכע פּאַרנאַכטיקע שאָ אָפּזוכן פאַר זיך אַ רויִק באַהעלטע־ניש, אַ שטיקעלע מאָקעם־מענוכע. ווו זשע וועל איך איצט זיך אויסבאַהאַלטן? ווהין וועל איך זיך אַהינטאָן מיט מיַינע?.. וואָס מיַינע, ווער מיַינע? און מע דאַרף דאָך האָבן כאָטש אַ שטיקעלע ציַיט אַף באַנעמען דאָס אַלץ, אַף באַנעמען זיך אַליין. סוואָדקעס און פּאָעזיע! און אַזוי ביז היַינט. אַלע מאָל ווען עס גייט אַ רייד וועגן ליטעראַטור, וועגן אָרט פון דער ליטע־ראַטור אין אונדזער לעבן, אין אונדזער קאַמף פאַר דער ניַיער געזעלשאַפט, פאַרן ניַיעם מענטשן, קומט מיר אויף יענע נאַכט אין פּלאַטקינס צימער, אַ באַלויכטנס מיט אַ פּערצענער לאָמפּ און איך הער זיַין דערהויבענע און אופגערעגטע שטים.

איצט איז מיר גוט וועגן דעם דערציילן. דאַן איז מיר געווען ווײַט ניט גרינג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין מיר האָט עפּעס זיך איבערגעבראָכן, צעבראָכן זיך און צעבערעקלט זיך אויף פּיק־פּיצלעך. וואָס האָט דאָרטן געהאַט צו צעברעכן זיך איז מיר שווער געווען פאַרשטיין.

מיר איז געווען שווער צומעסטן צו זיך די נײַע מאָס, די מאָס פון אונדזער לעבן, וועגן וועלכער פּלאַטקין האָט גערעדט מיט אַזאַ דערהויבנקייט און שטרענגקייט. אין די געדאַנקען האָב איך געפּרוווט קריגן זיך מיט פּלאַטקינען, געפּרוווט דערווײַזן, אַז ניט די סוואָדקעס זײַנען דעריקער, אַז דעריקער איז דער מענטש. אָט, אוראָם־איצל, אַשטייגער, אין וועלכער סוואָדקע פאַרשרײַבן דאָס, וואָס ער גאַנוועט אַרויס פון דער אייגענער סידעלע די אייער און טראָגט זיי אַוועק דעם קאָלווירטישן לאָשעקל? נאָר איך האָב געזען, ווי ער, פּלאַטקין, מיט זײַן געוויינלעך שמייכעלע, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, מיטפילנדיק און באַדויערנדיק, וואָס איך קאָן ניט באַנעמען אַזעלכע פּראָסטע זאַכן. אַז טאַקע די סוואָדקעס... ווײַל די ציפערן שאַפן מענטשן, און זיי, די ציפערן, באַווײַזן, וואָס מיטן מענטשן קומט פאָר.

— זאַנגען שלאָגן זיך, — האָב איך ווידער איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַליין. — פאַרוואָס דאַרפן זאַנגען זיך שלאָגן?

— אויב דו ווילסט וויסן, — האָט ביליאַווסקי זיך אָנגערופן, — ער איז דאָך גערעכט, פּלאַטקין. די סוואָדקעס...

— איך ווייס, איך ווייס. אַוודאי איז ער גערעכט... נאָר וואָס קומט דערפון אַרויס?

— דו... דו נעם זיך ניט צום האַרצן. שרײַב דיר דײַנע לידער און פאַרגעס ניט אין די סוואָדקעס. און לייענען דאַרף מען אויך. אַביסעלע מערער... אַ סך מערער... האָסט דאָך געזען... און געהערט אויך.

וואָס האָב איך געזען? וואָס האָב איך געהערט? יאָ, כ'האָב געזען, אַז שפּעט אין אָוונט, נאָך אַלע באַטאַגיקע דײַגעס און הריזענישן, איז דער סעקרעטאַר פון רײַקאָם געזעסן און געלייענט לידער. און געהערט האָב איך אויך אַזוינס, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איז מיר טאַקע שווער געווען בײַקומען דעם געפיל פון מײַן אייגענער נישטיקייט. איך האָב זיך געשעמט פאַר מײַנע לידער, פאַר מײַנע בריקן און פאַר מײַנע זונען. איך האָב זיך געשעמט פאַר מײַנע אָנקלאָגעס און פאַר מײַן ביטל־באַציִונג צו די סוואָדקעס.

אַזוי צי אַזוי, נאָר נאָך יענער נאַכט בין איך מער קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעקומען אין יענעם צימער מיט מײַנע מעשוגאַעסן, מיט מײַנע נאַרישקײַטן. און כ'האָב זיך אַביסל געטרייסט דערמיט, וואָס באַ אַ סעקרעטאַר פון רײַקאָם זײַנען דאָ פיל בילכערע זאַכן, ער זאָל מיך פאַרגעדענקען. אין דעם האָב איך אויך אַ טאָעס געהאַט. נאָר נאָך יענער נאַכט האָבן מיר זיך אַביסל דערווײַטערט. ניט מיר, נאָר איך, איך אַליין. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן. ס'איז פּאָשעט אופגעקומען יענע געוויינלעכע דיסטאַנץ צווישן מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, פאַרשיידענער דערפאַרונג און פיל אַנדערע אַזעלכע פאַרשיידנקייטן. און כאָטש ס'האָט מיך אָפטמאָל שטאַרק געצויגן צו אים, באַזונדערס צו אַזעלכע ליטעראַרישע שמועסן, האָב איך ניט געקאָנט בײַקומען אין זיך דעם געפיל פון יענער דיסטאַנץ.

קלאָרער האָב איך דאָס אַלץ פאַרשטאַנען מיט אַ יאָר שפּעטער, אַ יאָר, וואָס האָט אונדז אַלעמען אויף אַ סאַך געעלטערט, און אָנגעמאָלט, באַ וועמען מערער, באַ וועמען ווייניקער, היפּש טיפע קאַרבן אויפן שטערן און שטאַרק צוגעסמאַליעט, פאַרדעמבעוועט אונדזערע פּענעמער. איז געקומען אַ צווייטער פרילינג און נאָך אַ נאַכט. גאָר אַן אַנדער נאַכט...

מער פאַר אַלץ האָט פּלאַטקין מוירע געהאַט פאַר די נעכט. ער האָט זיי ניט געגלייבט, די נעכט, ניט פאַרטרויט זיי און שטענדיק געוואַרט פון זיי פאַרשיידענע שפּיצלעך. איז ער אַליין ניט געשלאָפן און אונדז אַלעמען שלאָפן ניט געלאָזט. באַזונדערס בײַס דעם פאַרזיי און שניט, ווען יעדער מינוט איז געווען טײַער, ווען די טעג, ווי לאַנג זיי זאָלן ניט זײַן, זײַנען געווען צו קורץ און מע האָט געמוזט צושטוקעווען צו זיי אַ שטיק פון דער נאַכט. ס'האָבן דאַן געפעלט אַ סאַך זאַכן און ס'האָט זיך געמאָלט, אַז אַלץ, וואָס האָט אונדז דאַן געפעלט — פוראַזש פאַר די פערד, רעזערוו־טיילן פאַר די טראַקטערס, געניטע טראַקטאָריסטן און נאָך אַנדערע זאַכן — קאָן און מוז פאַרפולן מיט זיך דער באַפולמעכטיקטער פון רײַקאָם, וואָס מוז שטענדיק פילן ווו עס קוועטשט, וואָס עס פעלט און אויף יעדער שריט און טריט באַווײַזן מאָפּסים. איך האָב שוין דעמלט געאַרבעט אין דער ראַיאָנישער צײַטונג, גערעכנט זיך פאַר אַ שטיקל מענטש, צווישן די, וואָס מע רופט אַ „ראַיאָנישער אַקטיוו”, און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרזיי, האָט מען מיך געשיקט אַלס באַפולמעכטיקטן פון רײַקאָם. פאַרשטייט זיך — אין מײַן פריִערדיקן דאָרפראַט, קיין סלאַדקאָוואָדנע.

פריר־אקער איז געווען ווייניק, קאטאסטראפיש ווייניק. די פערד האבן אנגעהויבן פאר־שווונדן ווערן א סאך גיכער איידער די טראקטערס האבן זיי געקאנט פארבײַטן, און די קי, מיט וועמען מע האט אנגעהויבן קנעלן, אז כוץ געבן מילך דארפן זיי נאך גיין אין שפאן, שלעפן די באראנעס און פאר א נויט א פלוג אויך, האבן זיך ארויסגעוויזן פאר זייער טעמפע שילערנס. און עפשער ניט אזוי די קי אליין, ווי די באלעבאטעס זייערע, וואס האבן אנגע־מאכט א גוואלד: האיטאכן, ווו איז דאס געהערט געווארן? זינט די וועלט שטייט! יא קאלווירט, ניט קאלווירט, נאר מיט וואס זײַנען די בעהיימעלעך שולדיק? ארום דעם, צי מעג מען שפא־נען די קי אין פלוג זײַנען געווען ניט ווייניקער קריגערײַען, ווי מיט א יאר צוריק ארום די קאלווירטן ביכלאל, און אין אייניקע הײַזער האט עס אויך געהאלטן בא א געט.

באטאג האבן איבערן סטעפ געהילכט ווײַבערשע גוואלדן, וואס האבן ניט אופגעהערט פארמעסטן זיך מיט זייערע קי. די ווײַבער האבן זיי געצויגן פאר די שטריק פאריס, און זיי, די נארישע קי, נאר אף צוריק, נאר אף צוריק. באטאג האבן געקלונגען מענערישע בײַטשן און ס'האבן זיך איבערגערופן פארקילטע, הייזעריקע שטימען. באטאג, אויב ס'איז ניט געווען די זון, האט דער סטעפ אליין זיך געווארעמט בא די טשאדנדיקע שײַטערס. איז געווען אביסל פריילעכער און ניט אזוי אומהיימלעך. באנאכט איז געווען פיל ערגער. באנאכט זײַנען מיר געבליבן אין סטעפ איינע אליין. דער טראקטער, דער טראקטאריסט מיט די צווי באדינער־פריצעפשיקעס", ווי מע האט זיי גערופן און איך מיטן אגראנאם, וואס האט ניט ווייניקער פונעם סעקרעטאר פון רײַקאם מוירע געהאט פאר דער נאכט. ניט אזוי פאר דער נאכט, ווי פאר די באדינערס, זיי זאלן ניט אײַנשלאפן, זיצנדיק אף די בוקערס[1], עס זאלן ניט פאר־שטאפט ווערן די גומענע טרײַבלעך, פון וועלכע די זריע שיט זיך ארויס אין די ניט טיפע באראנעס און עס זאל ניט געפאטערט ווערן דער גאנצער אייסעק... אלע מאל, ווען דער טראקטער האט געמאכט א קרײַז, האבן מיר פארפולט די בוקערס מיט זריע, דורכגערייניקט די אקערס, די גומענע טרײַבלעך, און נאכגעאנגען לעבן טראקטער א פאר הונדערט שפאן. איבערצײַגט זיך, אז אלץ איז אין ארדענונג און אנגעזאגט די באדינערס, וואס זײַנען געזעסן אף די בוקערס מיט לאמטערנדלעך אין די הענט, זיי זאלן גוט אכטונג געבן, די טרײַבלעך זאלן ניט פארשטאפט ווערן, האבן מיר זיך אומגעקערט אפן ברעג פון דער האנע און צוגע־זעצט זיך אף א קופע באדיליעס.

ווו קאן מען איצט זען דעם טראקטער „אינטערנאציאנאל" מיט זײַנע דינע רעדער און לאנגן שווארצן קוימענדל, ווי דער האלדז פון א גאנער, וואס איז אויך שטענדיק געווען ווי צוגעקילט און געהאלטן אין איין הוסטן, מיט זײַנע פאדשיפניקעס, וואס האבן געהאלטן אין איין שמעלצן זיך, מיט זײַן מאגנעטא, וואס האט ניט געוואלט געבן קיין פונקען און מיט זײַנע ליכט, וואס האבן ניט געוואלט ברענען? שולדיק איז געווען, פארשטייט זיך, ניט אזוי אליין דער טראקטער, ווי די טראקטאריסטן, וואס האבן פאר די דרײַכאדאשימדיקע קורסן באוויזן זייער ווייניק און א סאך סוידעס זײַנען געבליבן פאר זיי ניט אנטדעקט. יענע בוקערס קאן מען איצט אוודע ניט זען אינערגעץ. סײַדן אין די דארפישע מוזייען.

גוט וואס מײַן שוטעף אין יענע נעכט איז געווען דער אגראנאם באביצקי מיט זײַן לאנגער ווײַסער בארד, מיט זײַן גראבן שטעקן, מיט וועלכן ער האט געמאסטן די טיפקײַט פונעם אקערן, און מיט זײַן ברומענדיקער שטים. דערציילן וועגן וואס איר ווילט האט ער געקאנט שאענווײַז. זײַנע געשיכטעס זײַנען געווען היפש צוגעפעפערט און זײַן שטים האט מיר שטארק געהאלפן זײַן וואכנדיק. און אויך אפטמאל אײַנגעוויגט.

די האנע — לאנג, ווי די נאכט אליין, זי האט זיך געצויגן אזש ביז דער זעליענאפאליער באלקע, און אלע מאל, ווען דער טראקטער האט זיך אוועקגעלאזט אין זײַן ווײַטער און שווע־רער נעסיע, האבן מיר זיך געזעגנט מיט אים מיט א שווערן געפיל, קיינמאל ניט זיכער, צי וועט ער דורכמאכן דעם וועג אהין און צוריק בעשאלעם, צי וועט זיך עפעס ניט טרעפן מיט די פאדשיפניקעס, מיט די ליכט, צי וועט ער ניט אנהויבן בוקסעווען אף יענעם ברעג, צו דער באלקע צו, ווו די ערד איז פיל פײַכטער. זײַנען מיר געזעסן אף דער קופע באדיליעס, אנ־געשטרענגט דעם געהער אף אופכאפן א לעבעדיקן גרוס פונעם טראקטער, זיך אײַנגעקוקט אינעם שווארצן אקעאן — עפשער וועט א שײַן טאן פאר אונדז יענץ געגארטע פײַרל — און מיט אלע קויכעס זיך געסטארעט ניט אנשלאפן ווערן. מיר זײַנען געווען זיכער, אז מיט אונד־זער אוף־זײַן, מיט אונדזער פרירן אף דער קופע באדיליעס גיבן מיר צו אביסל קויכעס און מונטערקײַט סײַ די מענטשן, סײַ דעם טראקטער. מיר זײַנען געזעסן און בארעדט די וועלט, אפטמאל אפילע געקריגט זיך, באזונדערס, ווען באביצקי, אט דער ווײַסבערדיקער אגראנאם,

[1] בוקער — א אגרעגאט, וואס אקערט און זייט אײַנצײַטיק.

וואָס האָט צו טאָן מיט די ערשטע קאָלווירטן שוין אין מעשעך פון א יאָר צען, האָט אָנגעהויבן טײַנען, אז אלץ גייט ניט אזוי, ווי עס דארף צו זײַן, אז ער האָט זיך דעם איניען פאָרגעשטעלט אביסל אנדערש. און אז ווען מע זאָל געווען פרעגן בא אים... פריִער האָט ער געטײַנעט, האָט מען געדארפט צוגרייטן א נײַע, הויכע טעכניק און דערנאָך שוין... ווײַל וואָס קומט ארויס פון די קאָלווירטן, אז מע דראפעט די ערד מיט די זעלבע בוקערס. איז מיילע, ווען יעדערער פאר זיך, איז ווי־ניט־איז. אָבער אזוי, מע פאטערט דאָך אוועק דעם סטעפ, די גערעטעניש. מע פאטערט אוועק די אידייע... איך האָב אים דערווידערט, געפרווט דערווײַזן, אז ער איז ניט גערעכט, אז ווארטן איז פאָשעט ניט געווען ווען, ווײַל די צײַט, די צײַט אליין. און טאקע דערפאר, וואָס מיר זײַנען זייער אָרעם און אָפגעשטאנען, מוזן מיר.

ווען מיר זײַנען מיד געוואָרן קריגן זיך, ווען דער שלאָף האָט אָנגעהויבן גוויוער זײַן אונדז ביידע, האָט באביצקי אָנגעהויבן דערציילן א געשיכטע, גראָד א פריילעכע, נאָר זײַן ברומענדיקע שטים האָט אָנגעהויבן קלינגען פאר מיר וואָס אמאָל שוואכער, ווי גאָר פונדער־ווײַטנס און דער שלאָף האָט געגומען זײַנס. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז איין מאָל האָט פלאָטקין מיך געטראָפן אָף די באדיליעס א דרעמלענדיקן.

געווען איז דאן אין רײַקאָם אן אווטאָמאשין. די איינציקע מאשין אין ראיאָן, אן אלטע טאראטײַקע און זייער א נאָראָוויסטע. אויך פון יענעם מין, וואָס מע קאָן איצט זען אין א מוזיי. פארלאָזן זיך אף איר האָט מען ניט געקאָנט, באזונדערס פרילינג, ווען די וועגן זײַנען נאָך ניט אײַנגעפאָרן און פון יעדן מינדסט רעגנדל ווערט א טיפע בלאָטע. אף דער טאטשאנ־קע מיט א פאָר געזונטע גניאדע פערד איז געווען זיכערער. ער האָט געוווסט, פלאָטקין, ווו דארפן הײַנטיקע נאכט ארבעטן די טראקטערס אין יעדן קאָלווירט, און ניט געדארפט דערצו בא עמעצן זיך אָנפרעגן. איז ער ארומגעפאָרן גאנצע נעכט איבערן סטעפ, פון טראקטער צו טראקטער, ער זאָל מיט די אייגענע אויגן זען, וואָס באנאכט טוט זיך. וואָס טוען די טראק־טערס, וואָס טוען די פאָרזיצערס פון די קאָלווירטן, וואָס טוען די אגראָנאָמען און אויך די באפולמעכטיקטע פון רײַקאָם. ער האָט אלץ געדארפט זען מיט די אייגענע אויגן. האָט ער דערזען... דער אלטער אגראָנאָם איז געזעסן אף דער קופע באדיליעס און פאר זיך אליין גע־זונגען א לידעלע, און איך... איך בין געשלאָפן. געשלאָפן בין איך גאנץ פעסט. ס'האָט זיך מיר אפילע עפעס געכאָלעמט און ווען מע האָט מיך אופגעוועקט, האָב איך ניט גלײַך פארשטאנען, ווו איך בין אין דער וועלט. געמיינט, אז דאָס ציט זיך נאָך אלץ יענער כאָלעם. אינדערעמעסן, ווי קומט פלוצעם אהער דער סעקרעטאר פון רײַקאָם? און ווי איז דאָס מעגלעך, אז ער זאָל מיך אזוי אקשאָנעסדיק טאָרען פארן אקסל און אײַנטײַנען מיט מיר:

— שטיי אוף, וועסט זיך צוקילן!

און ווען איך האָב דורכגעריבן די אויגן און אביסל געקומען צו זיך... וואָס צוקילן, ווער צוקילן? איך בין גרייט געווען די מינוט באקומען די גרעסטע צוקילונג, באקומען די העכסטע טעמפעראטור, איך זאָל מאמעש אָנהייבן ברענען פון היץ. איך בין גרייט געווען, אז דאָס לעבן אליין, דאָס גאנצע לעבן מײַנס זאָל זײַן אין סאמע שרעקלעכסטן געפאר, אבי ניט אי־בערלעבן אזא ביזאָיען, אזא שאנדע. איך ווייס שוין אליין ניט פון וואָס, צי פון קעלט, צי פון היץ, צי פון ביידע זאכן אינייגעם, עפשער פון אָט דער בושע, וואָס איז מיר שווער געווען אויסהאלטן, האָט עס מיט מיר אָנגעהויבן מאָרדעווען, ס'האָט מיך געהאלטן אין איין אונטער־ווארפן און מע האָט מיסטאמע געקאָנט הערן, ווי עס קנאקן מײַנע ציינער. פלאָטקין, גלײַך ס'איז גאָר אזוינס ניט געשען, האָט ארויסגערעדט גאנץ צוגעלאָזט, נאָר ווי באומרויִקט:

— אנו, לויף זיך דורך, הײַדא.

לויפן, לויפן... ע, ווען איך זאָל קאָנען ערגעץ אנטלויפן. די קעלט האָט טאקע וואָס אמאָל שטארקער מיך דורכגענומען, אזא בייזע, פײַכטע קעלט, פון וועלכער עס ווילט זיך צונויפ־קאָרטשען, און איך האָב אָנגעהויבן אונטערטאנצן.

— אָט אזוי. דאָס בעסטע מיטל אף דערוואָרעמען זיך. — באקוקט מײַן קורץ אָפגעריבן רעקלעלע, האָט ער צוגעגעבן: — האָסט ניט געקאָנט אָפזוכן פאר די נעכט א מערער וואָרעמן מאלבעש?

אף דעם האָב איך געקאָנט זאָגן אזוינס, עס זאָל מיך אביסל פארענטפערן, נאָר וואָס שײַעך פארענטפערן זיך? און דער טראקטער... יאָ, עפעס הערט מען לאנג ניט דעם טראקטער...

— פארוואָס הערט מען ניט דעם טראקטער? — האָט פלאָטקין א פרעג געטאָן, ווי וועגן גאָר א זײַטיקן איניען.

— ער איז אף יענעם ברעג, — האָט באביצקי אָפגעענטפערט.

נאָר ער האָט שוין לאנג געדארפט זיך לאָזן הערן, אָדער א שײַן טאָן מיט די פארעס. האָבן מיר שוין אלע דרײַ אָנגעשפיצט די אויערן, אף אופכאפן כאָטש עפעס־וואָס פונעם טראק־

טערישן אַטעם. זאָל זײַן א הוסט, װען ער הייבט אָן פאַרדעכען זיך, זאָל זײַן א טראַסק, א מין שיסערײַ, װען די מאַגנעטאַ הייבט אָן כאַלעשן. נאָר אופּכאַפּן װעלכע־ניט־איז סימאָנים איז געװען אומעגלעך. שטייט ער, הייסט עס, ערגעץ זייער װײַט, אונטער דער באַלקע, שטייט שױן לאַנג, װער װייסט װיפל...

— מע דאַרף גיין א קוק טאָן, — האָט פלאָטקין ניט זיכער אַרויסגערעדט.

באַביצקי, װאָס האָט מערער פון אונדז אַלעמען פאַרשטאַנען דעם סטעפּ, זײַנע טעג און נעכט, דעם טראַקטער מיט אַלע זײַנע שטיק, איז נאָך א װײַלע געשטאַנען און זיך אײַנגעהערט, ער האָט אַפילו צוגעמאַכט די אויגן, ער זאָל קאָנען קלאָרער זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די נאַכט־שאָרעכן. דערנאָך א שטעל געטאָן זײַן גראָבן שטעקן פאַרויס און א זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— יאָ, מע דאַרף זיך דורכגיין.

די האָנע איז געװען לאַנג, װי די נאַכט אַליין. עפּשער האָבן זיי בײדע זיך געדוכט לענגער, װי אינדערעמעסן, איבער דער פײַכטער קרירע, איבער די טשאַדנדיקע רויכעלעך, װאָס האָבן זיך געצויגן פון די טליִענדיקע קופּקעלעך, און איבער דער נאָך ניט אויסגעטריקנטער ערד, װאָס האָט זיך געקלעפּט צו די פיס. פלאָטקין און באַביצקי זײַנען געגאַנגען פאַרויס, און איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט אביסל הינטער זיי. באַ מיר איז אויסגעקומען, אז אין דעם, װאָס האָט געטראָפן, אז אין אַלץ, װאָס האָט ערגעץ געקאָנט טרעפן הײַנטיקע נאַכט, בין איך שולדיק. איך בין נאָכגעגאַנגען פונהינטן און געפרװװט באַקוקן זיי בײדע — פלאָטקינען אין זײַן לאַנגן, ברעזענטענעם מאַנטל, װאָס האָט ניט איבעריק געװאַרעמט און באַביצקין אין זײַן געלן פעלץ, אונטערגעגאַרטלט מיט א ברייטן באַלעגאָלישן גאַרטל. איך האָב געװאָלט אָפּזוכן די סימאָנים פון יענעם פלאָטקינען, װאָס טרעט אַרויס אָף די באַראַטונגען, װי אויך פון יענעם, װאָס איז געזעסן באַ זיך אין צימער אָן א רעקל, און ניט געקאָנט געפינען. דער, װאָס האָט איצט געשפּאַנט איבערן באַנאַכטיקן סטעפּ, איז װידער געװען גאָר אָן אַנדערער. איך װייס אַליין ניט, פאַרװאָס דאָס האָט מיך געדאַרפט פאַרדריסן, פלאָטקין איז געװען א סאַך העכער פון באַביצקין און דאָס האָט מיר אויך אויסגעזען מאָדנע.

— װאָס זײַנט איר עס אזוי פאַרומערט? — האָט פלאָטקין פּלוצעם א פרעג געטאָן.

— ניטאָ דערװײַל פון װאָס פריילעך זײַן.

— װאָס װילט איר מיט דעם זאָגן?

— װי פאַרשטייט איר ניט? איך בין דאָך אָן אַגראָנאָם!

און פלאָטקין מיט זײַן שטענדיקער באַדאַכטקײַט:

— אַדעראַבע?

— די ערד דאַרף פאַרזייט װערן צוליב הויכע גערעטענישן און ניט צוליב שיינע סוװאָדקעס!

מיך האָבן איבערגעשראָקן באַביצקעס אַפּיקאָרסישע װערטער. איין זאַך איז שפּאַרן זיך מיט מיר, א צװייטע זאַך, אַרויסשטעלן אזעלכע טײַנעס פאַרן סעקרעטאַר פון ריַיקאָם. איך האָב געװאָרט, אז פלאָטקין זאָל אים אָפּענטפערן מיט דער געהעריקער שאַרפקײַט, נאָר פלאָטקינס ענטפער האָט מיך נאָך מערער איבעראַשט.

— איר זײַנט אװדאי גערעכט. װאָס זשע קאָנט איר אײַצענען?

נאָר די זאַך איז באַשטאַנען ניט אין קיין אײַצעס און ניט אין דעם, װאָס דער אָדער יענער האָט געהאַלטן פאַר גוט, צי פאַר שלעכט, נאָר אין די ביז גאָר באַגרענעצטע מעגלעכקײַטן פון יענעם פרילינג.

באַביצקי האָט גענומען אויסלייגן זײַנע טײַנעס:

— װען װעלן מיר שױן פּאָטער װערן פון די בוקערס? מיר פּאַטערן דאָך אװעק דעם סטעפּ! מיר האַלטן אים אין איין דרויבלען, פאַרװאַנדלען דעם סאַמע פּרוכטבאַרסטן שיכט אין שטויב, מאַכן פון דער ערד, אַש און פּאַרעך. און טאָמער נאָכאַמאָל אזא שװאַרצע זאַװערוכע, װי פאַריקן פרילינג?

— װאָס זשע לייגט איר פאָר?

— טראַקטערס דאַרף מען מערער, מע זאָל קאָנען די גאַנצע ערד אופּאַקערן אין האַרבסט. און זייעלקעס נײַע, ניט קיין פערדישע, נאָר גאָר אַנדערע. און גאָר אַנדערע קולטיװאַטאָרס. אָט בין איך געזעסן די נאַכט און געטראַכט, װען מע מאַכט אזעלכע זייעלקעס מיט דיסקן.

— װאָס זשע מיינט איר, נאָר איר טראַכט?

— װאָס זשע דאַרף מען טראַכטן אזוי לאַנג? מע דאַרף זיי װאָס גיכער מאַכן.

— דערצו דאַרף מען װאָס גיכער אויסבויען נײַע זאַװאָדן. אָט װעלן מיר פאַרענדיקן דעם ערשטן פינפיאָר.

די נאַכט, ווי עס טרעפט אָפט אין פריִען פרילינג, איז געווען א דורכויס פארכמאַרעטע. דער הימל איז געווען געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט וואָלקנס פון איין ברעג ביזן צווייטן. זיי זײַנען געווען פול מיט ניט קיין אויסגעדונערטן און אויסגעבליצטן, און דער גאַנצער ארום איז געווען פול מיט שטומער אָנגעדראָדלטקײַט. ערגעץ ווײַט האָט טאַקע א דונער געטאָן, נאָר אזוי שוואַך און פארדומפּן, ווי א וואָלקן וואָלט זיך איבערגעקערט אף דער צווייטער זײַט און א כראָפּע געטאָן פון שלאָף. עטלעכע גראָבע טראָפּנס זײַנען אראָפּגעפאַלן פון א וואָלקן, וואָס איבער אונדז, אראָפּגעפאַלן מיט ראַש, ווי דערשראָקן זיך פאַר דער פינצטערער נאַכט. א זײַטיקער וואָלקן האָט א שפּריץ געטאָן מיט א דינער מראַקע און שטיל זיך אָפּגעטראָגן. וואָס זשע האָט פלאָטקין געזען אזוינס אין אָט דער אָנגעוואָלקנטער פינצטערער נאַכט, ווען ס'איז ניט געווען קיין איין פײַערל, ניט אפן הימל און ניט אף דער ערד? וואָס האָט ער אזוינס געזען און שטאַרק געוואָלט, אז מיר זאָלן דאָס אויך זען? זײַנע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און ס'האָט זיך געדוכט, אז ארום איז געוואָרן אביסל ליכטיקער. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט ווייך און דערמונטערנדיק צוגעשמייכלט.

— לאָמיר זיך נאָר ספּראַווען מיטן פינפיאָר. עס וועלן זײַן נײַע טראַקטערס און אַלץ, וואָס מע דאַרף צו זיי. אונדז איז אפילע שווערער פאָרשטעלן זיך די טעכניק ביכלאַל און די לאַנדווירטשאַפטלעכע ביפּראַט פון די קומענדיקע יאָרן.

מיטן טראַקטער האָט זיך טאַקע עפּעס געטראָפן. דאָס האָט מען געקאָנט פארשטיין נאָך פונדערווײַטנס. ער איז געשטאַנען א פארכאַלעשטער, אָן אויסגעלאָשענער, און ארום אים האָבן זיך געפּאָרעט די טראַקטאָריסטן און די פריצעפּשטשיקעס.

— וואָס איז געשען? — האָט באַביצקי א פרעג געטאָן, ווי נאָר מיר זײַנען צוגעקומען.

— עט, א קלייניקײַט. דאָס מעסערל איז טרייף געוואָרן...

עליע שפּאַרבער, ועמען מע האָט מיט א יאָר צוריק ארײַנגעשטעלט אין צעטל אף אנטבאַלעגופענען, ווײַל בא אים אפן הויף האָבן ארומגעבלאָנדזעט א צענדליק געגנדז, וואָס האָבן פארמיסטיקט די גאַס מיט זייערע פּעדערן, האָט זייער געוואָלט, אז זײַן בעניאָכידל זאָל ווערן א טראַקטאָריסט. צוליב דעם איז ער אליין געוואָרן א פריצעפּשטשיק, ער זאָל שטענדיק זען פאַר די אויגן זײַן יוירעש, זאָל וויסן וואָס ער טוט, און צי הייבט ער שוין אָן עפּעס פארשטיין אינעם טראַקטער. דאָס איז טאַקע ער מיט זײַן יאַטל אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט אף די בוקערס מיט די לאַמטערנדלעך אין די הענט און נאָכגעקוקט, די גומענע טרײַבלעך זאָלן ניט פארשטאָפּט ווערן.

— וואָס פאַר א מעסערל? — האָט פלאָטקין איבערגעפרעגט.

— וואָס זשע, איר האָט גאָר ניט געהערט די געשיכטע?

עליע, וואָס האָט אף יענער פארזאַמלונג קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן, איז דאָס מאָל געווען ביז גאָר באַרעדעוודיק.

— עס באַגעגענען זיך צוויי פרײַנט. „וואָס הערט זיך עפּעס?" — פרעגט איינער. „נישקאָשע, אַלץ איז אין אָרדענונג, — ענטפערט דער צווייטער, — נאָר דאָס מעסערל אָן אוויירע. ס'איז טרייף געוואָרן, דאָס מעסערל". „וואָס הייסט, פון וואָס פּלוצעם איז דאָס טרייף געוואָרן?" „כווע, כ'האָב געמוזט מיט דעם די שקאַפּע אָפּשינדן". „אזוי גאָר? וואָס זשע האָט געטראָפן מיט דײַן שקאַפּע?" „א געוויינלעכע זאַך. געפּייגערט און שוין". „ווען, וויִאזוי?" „אָט אזוי, אינמיטנדערינען. ווען איך האָב די אלטע באָבע אפן בייסוילעם אָפּגעפירט"...

ס'האָט זיך געוואָלט לאַכן, נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט געלאַכט. עליע אליין איז געבליבן שטיין מיט אן אָפן מויל, אביסל א באַליידיקטער דערפון, וואָס מיר לאַכן ניט. ס'איז גרינג געווען פארשטיין סײַ דעם מאָשל און סײַ דעם נימשל, און אז די געשיכטע מיטן טרייף געוואָרענעם מעסערל איז דערציילט געוואָרן ניט גלאַט אזוי. דאָס האָט געהאַט א נאָענטע שײַכעס צו דעם, איבער וואָס דער טראַקטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אז די סיבע איז ניט קיין פּראָסטע און ניט איינע, אז דאָ ציט זיך א גאַנץ קייטעלע סיבעס, וואָס האָט אונדז אַלעמען געבראַכט אהער, צו דער זעליענאָפּאָליער באַלקע.

ווען דער טראַקטער האָט ענדלעך גענומען ארבעטן, און מיר אַלע, באַרויִקטע און שטאַרק פארמאַטערטע, האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, האָט פלאָטקין אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אליין.

— יעדער מענטש... באַזונדערס א קאָמוניסט דאַרף זיך פילן אזוי, גלײַך אף אים שטייט די וועלט. און עס טאָר אים קיינמאָל ניט פארלאָזן דער אומרו פאַר דער זאַך, וואָס מע האָט אים פארטרויט, פאַר דעם, וואָס עס מוז אָפּגעטאָן ווערן.

איך האָב פארשטאַנען, אז דאָס איז געזאָגט געוואָרן צוליב מיר און וועגן מיר. ער האָט אפּאָנעם זיך אָנגעשטויסן, וואָס איך האָב געקאָנט א קלער טאָן און באַשטימט לינדערן מײַן שווערן געמיט.

— און ווי גייט עס בא דיר? עס באַמבלען זיך נאָך אַלץ אין קאָפּ לידער?

— ניין, — האָב איך אָפּגעענטפערט. — איך בין איבערגעגאַנגען אַף פּראָזע.

— פּראָזע? — האָט ער ווי פאַרוווּנדערט זיך. — נו, יאָ, פאַרשטייט זיך... נאָר צו פּראָזע דאַרף מען זיך פעסט אונטערקאָווען.

די קורצע זומערדיקע נאַכט האָט ניט באַוויזן אָפּקילן די באַטאַגיקע היץ, און די ערד האָט נאָך אַלץ געעטעמט מיט איר הייסן, סאַרפּענדיקן אָטעם. מײַן פּאַנעם האָט אויך ניט אופגע־הערט צו פלאַמען און איך האָב אַלץ געפילט אַף זיך די היץ פונעם פערצענער לאַמפּ און די דורכדרינגענדיקע שאַרפקײַט פון פלאַטקינס בליק. ס'איז שוין געווען אַרום האַלבער נאַכט, ווען די שטילקײַט אַליין קאָן אַרויסרופן אַ גרויל, באַזונדערס, ווען אַפן הימל הענגט אַ זיל־בער־ווײַסע לעוואָנע, פאַרטרוימט און פאַרכאַפּט מיט איר פּרעסנדיקער עלנטקײַט, פול מיט מיטגעפיל צו די, וואָס שלאָפן ניט באַנאַכט און וועמען ס'איז אַזוי נייטיק איר קילע און שטי־לע ניט בלענדנדיקע שײַן. אין די געדאַנקען האָב איך נאָך אַלץ געשפּאַרט זיך מיטן סעקרע־טאַר פון ראַיקאָם, געפּרוווט דערווײַזן, אַז פּאָעזיע איז אײנס און סוואָדקעס עפּעס אַנדערש, נאָר מײַנע אַרגומענטן האָבן מיר אַליין זיך געדוכט ניט איבערצײַגנדיק, און איך האָב זיך גע־געבן דאָס וואָרט — אויס, מער קיין לידער שרײַב איך ניט. סוואָדקעס, בלויז סוואָדקעס! איך ווייס ניט וועגן וואָס ביליאַוועסקי האָט געטראַכט און פאַרוואָס האָט ער פּלוצעם אַרויס־געבראַכט אַזעלכע מאָדנע ווערטער.

— די לעוואָנע קלײַבט צונויף די גאַרבן פון שטילשווײַגן...

יאָ, ער איז געווען אַ פּאָעט, ביליאַוועסקי, און, קוקנדיק אַף דער לעוואָנע האָט בא אים אוודאי געדאַרפט קומען אַזאַ פּאָעטישע שורע. דאָס איז געווען אַזוי נאָענט צו מײַן אייגענער שטימונג, צו מײַנע אייגענע געפילן, כאָטש זיי האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט דער לעוואָנע. האָב איך אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אייגענעם שטילשווײַגן.

— ווען טאַגאַרן האָסטו געהערט? — האָט ער ווידער ווי אויסגעפּרווט מײַנע קענטענישן.

— וועלכן טאַגאַרן?

— ראַבינדראַנאַט טאַגאָר!

— ראַ־בינ־דראַ־נאַט טאַגאָר!, — האָב איך שווער איבערגעכאַזערט דעם נאָמען, וואָס איז מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

— אַ גרויסער אינדישער פּאָעט. דאָס איז אַ שורע פון זײַנער אַ ליד. גאַרבן פון שטיל־שווײַגן.

— די לעוואָנע קלײַבט צונויף די גאַרבן פון שטילשווײַגן, — האָב איך איבערגעכאַזערט די ווערטער, פּרוּוונדיק באַנעמען, מיט וואָס האָבן זיי מיך אַזוי פאַרקישעפט. און פאַרוואָס האָט פון זיי מיר אַזוי אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן. רעדן האָב איך ניט געוואָלט. ס'איז פּאָשעט אומעגלעך געווען אַרויסברענגען אַ וואָרט, וואָס וואָלט געוויס אויסגעזען נישטיק און אָנמעכ־טיק קעגן אָט דער איבעראַשנדיקער שורע. איין זאַך האָב איך געמוזט אַ טראַכט טאָן, אַזוינס, וואָס האָט געבראַכן דאָס, וואָס איך האָב נאַרוואָס בא זיך פעסט באַשטימט. צי וועל איך יאָ שרײַבן לידער, צי ניט, פון דער פּאָעזיע וועלן מיר אינגערגעץ ניט אהינטאָן זיך. זי איז אין אונדז, מיט איר איז פול דער גאַנצער אַרום, די גאַנצע ערד און אַפילע די ווײַטע לעוואָנע. אָט אַזוי שווײַגנדיק, יעדערער מיט זײַנע באַזונדערע געדאַנקען זײַנען מיר אַראָפּ פונעם ברייטן שליאַך און אַוועק מיטן שמאָלן סטעזשקעלע צו מוישע־יאָסיעס ציגײַנערישן טאַבער.

דאָ איז קיין נאַכט אינגאַנצן ניט געווען, און די לעוואָנע האָט געמוזט טאָן אַ באַטאַגיקע אַרבעט, צולויכטן די, וואָס אײַסעקן זיך מיטן לאַמפּאַטש, טראָגן אים צונויף אַרום דעם נאָר־וואָס אויסגעגראָבענעם פונדאַמענט פון דער קומענדיקער שטוב.

מוישע־יאָסיע און אַבע־שמועל זײַנען ביידע געווען אין די אונטערהעמדלעך, מיט פאַר־קאַטשעטע הויזן און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. מוישע־יאָסיעס שוואַרצע באָרד איז געווען אַביסל באַזילבערט און אַבע־שמועלס גרויע אין אַזאַ מאָס צוגעטונקלט, דאָס האָט זיי געמאַכט ווי פון איין עלטער. זלאַטע איז געווען די דריטע, וואָס איז נאָך אַ קורצן שלאָף, צי עפּשער אינגאַנצן אָן אים, געווען וואַך גלײַך מיט זיי. זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט אַ שטומער היסלײַוועס, געשפּאַנט אַהין און צוריק מיטן שווערן לאַמפּאַטש אין די הענט און ניט אַרויס־גערעדט קיין איין וואָרט.

— וואָס לאָזט אײַך ניט שלאָפן באַנאַכט? — האָט זיך אָנגערופן אַבע־שמועל, ווען מיר זײַנען צוגעקומען.

— מיר זײַנען געקומען צו אײַך מיט אַ דין־טוירע, — האָב איך אַ שפּאַס געטאָן.

— אַ, אַ, אַ! האָט מוישע־יאָסיע אויסגעשריגן אַ דערפרייטער און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

באַנאַכט דאַרף דער שמייכל אויסזען אַנדערש ווי באַטאָג. באַזונדערס ווען עס שמייכלען פינף מענטשן באַנאַנד.

— מיר פּראָווען כצאַס, — האָט אבֿע־שמועל זיך אָנגערופן, פאַרשטייענדיק, אַז וועגן אַ דין־טוירע איז געזאָגט געוואָרן אין אַ שפּאַס. — און איך ווייס שוין ניט, וואָס איז אַ גרעסערע מיצווע, זאָגן טילים, צי מאַכן ציגל.

יאָ, ער איז טאַקע געווען אַ שטיקל אַפּיקורס, דער געלערנטער ברודער אבֿע־שמועל.

— אַ ברייערע האָבן מיר, — האָט צוגעגעבן מוישע־יאָסיע און דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער וואָלט איצט בעפּייערעש געוואָלט כאַפּן אַ גוטן דרימל. נאָר — די ציגל.

— אַ מענטש רעדט זיך איַין אַ נאַרישקייט. — זלאַטע קאָן דאָס אים נאָך אַלץ ניט מויכל זיַין. — אַ נייַע גאַס האָט זיך אים פאַרוואָלט.

דאָס איז שוין געווען אַ קישעף פון דער נאַכט אַליין און פון דער לעוואָנע, וואָס איז געהאַנגען פּונקט איבער אונדזערע קעפּ. דער ציגייַנערשער טאַבער איז פאַרשוווּנדן, און שוין ניט מוישע־יאָסיע מיט אבֿע־שמועלן, נאָר איך אַליין טאַסקע דעם שווערן נאָך פייַכטן לאַמפּאַטש און אין מיר האַלט אין איין ברומען און פלאַטערן... יענץ אומקלאָרע און סוידעספּולע, פון וואָס עס וועט דערנאָך זיך אויספּלעכטן אַן אייגענע ליד. און צי ס'וועט דערנאָך ווערן דערפון עפּעס רעכטס, צי ניין, נאָר איך וועל אָף שטענדיק פאַרגעדענקען די קלאַנגען און רייכעס פון יענע נעכט, די אומפאַרשטענדלעכע צערודערטקייַט, ווען דו ווייסט אַליין ניט, אָף וועלכער וועלט דו ביסט און פילסט אַפילע ניט, ווי שווער ער איז, דער נאָך פייַכטער לאַמפּאַטש. און פון צווישן אַלע שאָרעכן פון פאַראַיאַריקן זומער קלינגט אין די אויערן דער מוּרמעס שטים, וואָס זינגט שטיל אונטער זיך אַליין און דער דינער ניגן אירער איז פול מיט טרויער, מיט אומעט און מיט האָפענונג.

און שוין... דער גאַנצער שווערער מעסלעס איז אַוועק, די באַטאַגיקע באַגעגעניש מיט סלאַדקאָוון, די אָונטיקע שאָען בא פלאַטקינען אין צימער, דאָס, וואָס איך האָב געלייענט און דאָס, וואָס איך האָב געהערט, מייַן פאַרלוירנקייַט און מייַנע ביזיוינעס. און אַפילע ביליאַווסקי, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד און זייַן אַקסל האָט זיך געטוליעט צו מייַנעם, האָט זיך מיר אויך געדוכט, ווי עפּעס פאַראַיאַריקס. און די לעוואָנע אַליין אויך.

אוואַדע וואָלט איך שוין געדאַרפט אַוועקלויפן צו זיך אין דאָרפראַט, אַרויסנעמען מייַן העפט און פאַרשרייַבן אַלץ — מייַנע אייגענע וואַכע נעכט פון פאַריקן זומער, ווען מיר האָבן געמאַכט לאַמפּאַטש. וועגן היַינטיקער נאַכט האָב איך דערוויַיל ניט געטראַכט. דאַן האָב איך זי נאָך ניט געקאָנט אָפּשאַצן און זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס ווערט דאָס זייַן פאַר אַ נאַכט אין מייַן וויַיטערדיקן לעבן. פריִער האָט זי געדאַרפט ווערן אַ נעכטיקע, אַ ביז גאָר נעכטיקע, אַ פיליאַריק נעכטיקע, איך זאָל זי קאָנען אופשרייַבן אַזוי, ווי איך פּרוּוו דאָס טאָן איצט אין פופציק יאָר אַרום. דאַן איז מיר פּאַשעט גרינגער געוואָרן דערפון, וואָס זי איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן און ס'איז אופגעקומען דאָס פאַראַיאַריקע. פון דער איצטיקער נאַכט האָט זיך בלויז געבאַמבלט אין קאָפּ דער נאָמען פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרן, וואָס מיר איז שווער געווען אַרויסרעדן, און די שורעס פון האָפּשטיינס ליד.

פון אַלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען
איז טונקלער טאַנען־וואַלד געדיכטער...
ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל אַצינד ניט זייַן קיין דיכטער.

7

אַ לאַנגער הונגעריקער כאַלעם. לאַנג, ווי די פּראַסטיקע וויַנטערדיקע נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז פאַרווייעט און מע זעט אַרום זיך גאַרנישט ניט, כוץ דעם פינקלדיקן שניי, און מע הערט גאַרנישט ניט, כוץ דאָס טרישטשען פון די אייגענע ביינער, דאָס קלאַפּן פון די אייגענע ציין, און אַמאָל נאָך, ווי עס וויַען די הייַמלאָזע הונגעריקע הינט.

ווי־אַזוי האָט ער פאַרבלאָנדזעט אהער, ווען און פונוואַנען? דאָס האָט ער ניט געוווּסט. אָפּטמאָל האָט זיך אים געכאָלעמט עפּעס אַ סרייפע, פונוואַנען מע האָט אים אַרויסגעטראָגן

קוים א לעבעדיקן, נאָר ווער האָט עס אים אַרויסגעטראָגן ווייסט ער ניט. ער ווייסט ביכלאַל ניט, צי איז טאַקע ענלעכס אַזוינס געשען מיט אים, צי איז דאָס ניט מער, ווי א בייזער כּאַ־לעם. אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט צווישן דער פרעמדער און פּײַנטלעכער וועלט, וואָס האָט אים די גאַנצע צײַט געהאַלטן פונדרויסן און ניט געוואָלט אַרײַנעמען אין זיך. פרעמד זײַנען אים געווען די מענטשן, וואָס האָבן אים געטריבן, ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו א שטוב, פרעמד אויך די הינט.

די מענטשן האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, די הינט זײַנען געווען בייז. טאָג און נאַכט האָט ער געמוזט פירן מיט זיי מילכאָמע. שטענדיק איז ער אַרומגעגאַנגען מיט א דרענגל אין די הענט און געפאָכעט מיט דעם אַף רעכטס און אַף לינקס. אָפטמאָל, ווען אים האָבן פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט א כאָפּטע הינט, האָט ער געדרייט זיך, ווי א דריידל, אַף איין אָרט. דאָס דרענגל האָט זיך געריסן פון די הענט, געצויגן נאָך זיך, און ער האָט געמוזט נאָכדרייען זיך אַפילע דאַן, ווען קיינער איז שוין לעבן אים ניט געווען. די צערייצטע הינט זײַנען געשטאַנען פונדערווײַטנס, אַרויסגעשטעקט די צונגען און שטיל אונטערגעוויעט. האָט ער אויך געטאָן דאָס זעלבע.

אין שטעטל האָט מען אים גערופן יאַשקע, אַף די דאָרפישע גאַסן — ליאַשקע. ער האָט ניט געקאַנט פאַרשטיין, פאַרוואָס רופט מען אים מיט אַזעלכע מאָדנע נעמען, ער ווייסט דאָך גוט, יאָ, גראַד דאָס האָט ער פאַרגעדענקט: אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען ער האָט געלעבט צווישן מענטשן, האָט מען אים גערופן יאַנקל. נאָר ווען מען גייט עס אָן און וואָס איז דער כילעק?

געווען איז ער הויך און דאַר, געטראָגן אַרומגעפליקטע רעשטלעך פון א פאָר פאַרשמאָל־צעוועטע, פאַרפלעקטע און פאַרלאַטעטע הויזן, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צוויי לאַנגע, ביינערדיקע פיס. און דורך דעם צעפּאַסעוועטן העמדל האָט מען געקאַנט איבערציילן אַלע זײַנע ריפּן. א סאַך האָט אָפּגעשראָקן זײַן לאַנג, אָפּגעצויגן פּאָנעם, וואָס האָט געגלאַנצט מיט א קויטיקער פעטקײַט, און נאָך מער די מוטנע אויגן, וואָס האָבן דורכגענומען יעדערן מיט זייער בייזן, הונגעריקן בליק.

אַף דער גאַנצער וועלט האָט ער פאַרמאָגט בלויז איין איבערגעגעבענעם פרײַנט — אָן אַלטן הונט מיט אָן אונטערגעהאַקטן פוס און מיט אָן אָפּגעבריטער זײַט, אַף וועלכער די האָר זײַנען אײַנגאַנצן אויסגעקראָכן. א הונט א שלימאַזל. איינמאָל אין לעבן געפּרוּווט אַרײַנכאַפּן זיך אין א קעלער, פונוואַנען ס'האָט אַזוי רייצנדיק געשמעקט מיט פריש פלייש און אַרויס פונדאָרטן קוים א לעבעדיקער. פונדאַן אָן האָט ער מוירע געהאַט צוקומען נאָענט צו א שטוב.

אָפטמאָל האָבן זיי זיך אײַנגעאָרדנט אַף נאַכטלעג איינײנעם. יאַשקע־ליאַשקע האָט זיך געפילט גאַנץ געמיטלעך, ווען ער האָט זיך צוגעטוליעט מיט דער פלייצע צו דער געזונטער, האָריקער זײַט פון זײַן פרײַנט. דעם הונט האָט ער א נאָמען געגעבן פאַלקאָן און יענער האָט דערפאַר קיין טײַנעס ניט געהאַט.

זיי האָבן זיך געטיילט איינער מיטן אַנדערן מיטן לעצטן ביסן. ליאַשקען פלעגט מען אמאָל א רוף טאָן אויסרייניקן א שטאַל, אָנהאַקן האָלץ, אָדער ברענגען אָן עמער וואַסער. נאָך אַזא שווערער אַרבעט פלעגט ער אַרויסגיין פון א מענטשלעכן הויף, ווי א שיקערער, קוים גע־פּלאָנטערט מיט די פיס און געטראָגן אונטער די פּאַכוועס א פאַרטריקנטן שטיק ברויט. אמאָל פרעגט פאַלקאָן אויך עפּעס קריגן, נאָר דאָס האָט געטראָפן זעלטענער.

אין יענע גוטע מינוטן, ווען זיי פלעגט זיך אײַנגעבן אָנוואַרעמען איינער דעם אַנדערן, האָט זיך זיי געדוכט, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שלעכט צו לעבן אַף דער וועלט. אין זייער קורצן און אומרויִקן שלאָף האָבן זיי געזען די זעלבע זיסע כאַלוימעס: וואַרעמע אויוונס, פעטע, נאָך ניט קיין אָפּגעהריזעטע, ביינער און צוגעפּרוירענע קאַרטאָפל, אַף וועלכע ס'האָט זיך פאַרהיט דער רייעך פון אַן עמעסדיקן באָרשטש. זיי ביידן האָבן זיך געכאָלעמט גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס באַגיסן ניט קיין הינט מיט הייסן אָקרעפּ און לײַטישע הינט, וואָס וואַרפן זיך ניט אַף מענטשן.

אין איינער א פראָסטיקער ווינטערדיקער נאַכט, ווען זיי האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט צו־טראַכטן אַף אָנוואַרעמען איינער דעם צווייטן, האָבן זיי זיך אַרויסגעקליבן פון זייער באַהעל־טעניש און אַוועק איבערן פאַרשנייטן דאָרף. פאַלקאָן איז געגאַנגען א פּאָר טריט פאָרויס, און ליאַשקע נאָך אים. זיי האָבן געשפּאַנט גלאַט אַזוי, געיאָגט פון הונגער און קעלט. געפינען עפּעס אַף שטילן דעם הונגער האָבן זיי אַפילע ניט געקלערט, נאָר אויב גיין אַזוי לאַנג, לאַנג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, קאָן מען זיך אביסל אָנוואַרעמען. מיטאַמאָל האָט פאַלקאָן זיך אָפּגע־שטעלט און אָנגעהויבן שמעקן די לופט. ליאַשקע אַליין האָט גאָרנישט ניט געפילט און אים האָט זיך געדוכט, אַז דעם הונט האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן. נאָר פאַלקאָן האָט אָנגעהויבן שפּאַ־

נען וואָס אַמאָל גיכער, דערנאָך געלאָזט זיך לויפן, אונטערטאַנצנדיק אַף די געזונטע דרײַ פיס. ערשט שפּעטער איז צו ליאָשקען אויך דערגאַנגען אַ רייעך פון פרישן באָרשטש, אַזאַ שאַרפער, ווי מע וואָלט אים געקאָכט ניט אין שטוב, נאָר אַף דער גאַס. דערנאָך האָבן זיי דערזען אַ פײַער. טאַקע אַף דער גאַס, אין איינעם אַ גרויסן הויף.

פּאָלקאַן איז געבליבן שטיין. די שרעק פאַרן אָקרעפּ איז געווען שטאַרקער פונעם הונגער. ליאָשקע איז צוגעקומען אַביסל נעענטער און אויך זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מוירע געהאַט פאַר מענטשן ניט ווייניקער פון פּאָלקאַנען. דערצו איז ער געווען זיכער, אַז די, וואָס קאָכן באַנאַכט אַף דער גאַס, זײַנען געוויס די ערגסטע אין דער וועלט. איינער פון זיי האָט אים מאַמעש געפּלעט מיט זײַן דראָענדיקן אויסגעשריי, ער זאָל בלײַבן שטיין און ניט רירן זיך פון אָרט. קוים אַ לעבעדיקן, ער האָט דאַן געקאָנט נאָר סקאַווטשען, האָבן זיי אים געכאַפּט, אַ נעם געטאָן אַף די הענט און אַרײַנגעטראָגן אין אַ גרויסן שטאַל.

דערנאָך האָט זיך אים אַ צײַט געדוכט, אַז דאָס איז געווען איינער פון יענע זיסע כאַלומעס, וואָס ער מיט פּאָלקאַנען האָבן ניט איין מאָל געזען. טאַקע דאָ אין שטאַל האָט מען אים אויסגעבעט, אײַנגעדעקט מיט עטלעכע שינעלן און דערלאַנגט אים אַ פול קעסעלע הייסן און פעטן באָרשטש. דערנאָך האָט מען אים דערלאַנגט אַ גרויסן שטיק פלייש. אַזוינס האָט ער קיינמאָל אַפילע אין כאָלעם ניט געזען.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צוקלײַבן פאַר אים אַ פּאָר הויזן, אַ העמדל, אַ פּאָר שטיוול און מע האָט געהאַלטן אין איין לאַכן. אַלץ איז געווען צו גרויס אַף אים. מע האָט אים געדרייט אַהין און אַהער, געפּרוווט אַף איין אָרט פאַרקאַטשען, אַף אַ צווייטן פאַרסטריגעווען, עס זאָל זיך ווי־ניט־איז האַלטן אַף אים. ער האָט געלאָזט טאָן מיט זיך, וואָס מע וויל און אַליין אויך געלאַכט. ס'איז אים קיינמאָל נאָך ניט געווען אַזוי וואַרעם, ער האָט ביז איצט אַפילע ניט געוווסט דעם טאַם פון זאַטקײַט און ס'האָבן נאָך קיינמאָל קיין מענטשן ניט געשמייכלט צו אים.

— ווּעסט בלײַבן בא אונדז? — האָט אים איינער געפרעגט. — מירן דיך מאַכן פאַר אַן עמעסן בודיאָנאָוועץ.

— איך וועל בלײַבן, אַוואַדע וועל איך בלײַבן. נאָר וואָס וועט זײַן מיט מײַן כאַווער?

— רוף אים אויך אַהער.

— ער וועט ניט גיין. ער האָט שטאַרק מוירע פאַר מענטשן. ווען איר קאָנט מיר געבן פאַר אים אַביסל ביינער.

פאַרהויבן די פּאָלע פונעם לאַנגן שינעל, אָנגענומען אַ מאַיאָנטעק מיט גוטע, פרישע ביינער, צו וועלכע קיין הינטישע ציין האָבן זיך נאָך ניט צוגערירט, איז ליאָשקע אַרויסגעלאָפן אַף דער גאַס.

— פּאָלקאַן, פּאָלקאַן! — האָט ער גערופן.

דער הונט, וואָס האָט געוואַרט אַף אים ערגעץ אין אַ ווינקעלע, איז אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, אונטערטאַנצנדיק אַף אַלע דרײַ פיס און צופרידן געסקאַווטשעט. נאָר מיטאַמאָל איז פּאָלקאַן געבליבן שטיין, ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד. איז ליאָשקע צוגעקומען צו אים, אַראָפּגעלאָזט די פּאָלע פונעם שינעל און אַוועקגעלייגט פאַר אים דעם גאַנצן אוצער. פּאָלקאַן האָט זיך צו די ביינער אַפילע ניט צוגערירט. בלויז צוגעטוליעט זיך מיט דער מאָרדע צום שינעל און אופגעהויבן צו אים זײַנע אָנגעברויגעזטע, פײַכטע אויגן. דאָס סקאַווטשען האָט יאַנקל ניט שטענדיק פאַרשטאַנען, נאָר זײַן בליק האָט ער שוין לאַנג אויסגעלערנט. ער האָט געוווסט, ווען ער דריקט אויס טיפן ווייטעק, ווען ער איז פול מיט פאַרדראָס אַף דער שוידערלעכער אומגערעכטיקײַט, וואָס הערשט אין דער וועלט, און ווען ער שטראַלט מאַמעש אַרויס דאַנקבאַרקײַט און טרײַשאַפט. איצט זײַנען פּאָלקאַנס פײַכטע אויגן געווען פול מיט אופגעבראַכטקײַט, מיט פאָרוווּרף: אַזוי, הייסט עס, באַגייט מען זיך מיט אַ פרײַנט? און אַף וועמען לאָזטו מיך איבער?

— פּאָלקאַן, דו מוזט דאָך פאַרשטיין...

נאָר דער הונט האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט ברויגעזלעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ פּאָכע געטאָן מיטן עק און אַוועק. יאַנקל איז געבליבן ווי געפּלעפּט. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ הונט, אַפילע אַזאַ קלוגער, ווי פּאָלקאַן, זאָל פאַרמאָגן אין זיך אַזויפיל מענטשלעכן פאַרשטאַנד און מענטשלעכן ווייטעק.

— פּאָלקאַן, פּאָלקאַן! — האָט ער אויסגעשריגן און געלאָזט זיך לויפן נאָך אים. דער הונט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אַף צוריק און געלאָזט זיך לויפן, אַנטלאָפן פון אים, ווי פון אַ פרעמדן. איז יאַנקל אַרײַנגעלאָפן אין הויף אַף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם וואַרע־

מען שינעל, די גרויסע שטיוול, דאָס גאַנצע אָנטאָן און צוריק ארופגעשלעפּט אַף זיך דאָס ביסל שמאַטעס.

— איך קאָן ניט, — האָט ער, ווי אַנטשולדיקט זיך. — ער וויינט, פאַלקאָן, אָן מיר וועט ער אומקומען.

וואָס וואָלט געשען, ער זאָל יענע נאַכט געווען קאָנען דערשטיקן אין זיך דעם ראַכמאָנעס־געפיל צו פאַלקאָנען, דעם געפיל פון אוילע, וואָס ער באַגייט בענעגייע א נאָענטן כאַווער, זאָל זײַן, אַז דאָס איז ניט מער, ווי א פּאַשעטער הונט? וואָס וואָלט געשען מיט אים, ער זאָל געווען בלײַבן אין ווארעמען שינעל און אוועק מיט דער רויטאַרמײַשער טייל, וואָס האָט באַגינען פאַרלאָזט דאָס דאָרף? נאָר ער וואָלט קיינמאָל זיך ניט מויכל געווען דעם געפיל פון פאַראַט. ער האָט דאָך ניט געקאָנט וויסן, אַז אין עטלעכע נעכט ארום וועט פאַלקאָן פאַרקאַטשענייעט ווערן. נאָר סײַווי, אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט, כאָטש פּאַרוואָס — ווייסט ער אַליין ניט. פּונקט ווי ער קאָן ניט דערקלערן זיך אַליין, פאַרוואָס האָט ער אינמיטן דער נאַכט איבערגעלאָזט די אייגענע שטוב, זײַן יענטלען, און ווידער אוועק בלאָנדזשען איבער דער וועלט. דער זעלבער טערעץ — אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט. כאָטש גוט, וואָס אין כאַשטשעוואַטע האָט מען אים א גאַנצן ווינטער געשלעפּט אין ליקבעז און אויסגעלערנט אביסל לייענען און שרײַבן. האָט ער געקאָנט איבערלאָזן יענטלען א צעטעלע. וועט זי וויסן דאָס, וואָס זי דאַרף וויסן.

דאָס צעטעלע האָט ער געשריבן ניט אַזוי פאַר יענטלען, ווי פאַר זיך אַליין. די ווערטער פונעם צעטעלע האָט ער מיטגענומען מיט זיך, ווי דאָס האַלבע לעבל ברויט. ביידע זאַכן האָבן אים געוואַרעמט, געשטילט דעם הונגער און צוגעגעבן מוט. דאָס האָט געהייסן, אַז ער בלאָנדזשעט ארום ניט גלאַט אַזוי, נאָר ער זוכט עפּעס פאַר זיך, זוכט א מיטל ווי־אַזוי אויסהיילן דעם קאָפּ. אַזוי האָט ער דערקלערט אומעטום, ווו אים איז אויסגעקומען איבערנעכטיקן, אָדער, ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווו איז דאָ אַזא אָרט, ווו מע קאָן געפינען ארבעט אַפן גאַנצן ווינטער. זאָל זײַן סאַמע די שווערסטע, אבי פאַרדינען אַף א גוטן דאָקטער. געפרעגט איינעם, געפרעגט א צווייטן, און אַלע איינס און דאָס זעלבע.

— וואָס הייסט ווו? אַפן דניעפּראָבוי! ארבעט דאָרטן — פאַר טויזנטער. מיט שווערקײַט איז מען פאַרזיכערט. און דאָקטוירים וועט ער דאָרטן אויך געפינען.

יעדערער, ווי נאָר ער האָט געקאָנט, האָט אים אויסגעמאָלט דעם וועג, וווהין גיין, וווהין פאַרקערעווען, ער זאָל טרעפן פּינקטלעך אַפן דניעפּראָבוי. איז ער געגאַנגען און טאַקע פּינקטלעך געטראָפן.

ער האָט ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר א דניעפּראָבוי. טויזנטער מענטשן גראָבן א מוירעדיקע גרוב, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער און טיפער. קוקסטו פון אויבן אראָפּ, זעען די מענטשן אויס, ווי פּיצינקע כײַעלעך, וואָס יאָגן ארום אהין און צוריק. קוקסטו פון אונטן ארויף איז נאָך ערגער. מע דאַרף שטאַרק צוזשמורען די אויגן, די זון זאָל ניט אַזוי בלענדן, און די מענטשן זעען אויס ווי פייגעלעך, וואָס פליִען ארום צווישן הימל און ערד. און ער אַליין אויך. אָט איז ער פונונטן צווישן די כײַעלעך און אָט איז ער פונויבן צווישן די פייגעלעך. ער יאָגט מיטן האַנטוועגעלע ארויף און אראָפּ, גיסט זיך אַפּ מיטן זיבעטן שוויס, נאָר צוליב וואָס איז אָט דאָס טאַסקען, צוליב וואָס אָט דאָס פליִען ווייסט ער ניט.

— וואָס זשע וועט זײַן דערנאָך? — פרעגט ער בא זײַן בריגאַדיר, א מענטש שוין אין די מיטעלע יאָרן, א גוטע נעשאַמע, וועמען אַלע האָבן גערופן טימאָפיי איוואַנאָוויטש. האָט ער אים אויך אַזוי גערופן. גערופן ווען געדאַרפט און ווען ניט געדאַרפט. ער האָט אַלעמאָל געדאַרפט אים זען פאַר זיך, ער האָט געמוזט האָבן א מענטשן מיט וועמען ער זאָל זיך פילן אביסל היימישער צווישן אָט דעם יאָגנדיקן אוילעם. און אַלעמאָל, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז פון אָט דער יאָגעניש הייבט זיך בא אים אָן דרייען דער קאָפּ, האָט ער געשריגן מיט אַן איבערגעשראָקענער שטים:

— טימאָפיי איוואַנאָוויטש, טימאָפיי איוואַנאָוויטש!

ער ווייסט אַליין ניט, פאַרוואָס האָט אים געדאַרפט ווערן היימלעכער דערפון, וואָס טימאָפיי האָט פאַרמאָגט א קלײַנדיק פּאָנעם, וואָס ער איז געווען א נידעריטשקער און וואָס זײַן געדיכטע טשופּרינע איז שטענדיק געווען אביסל צעפּאַטלט און א פּאָר הערעלעך האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זײַן פאַרשוויצטן שטערן. גראָד דערמיט האָט דער בריגאַדיר אים אויסגעזען צוטריטלעכער, היימישער. אין איינעם א מידן פאַרנאַכט האָט יאַנקל זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסדערציילט אים זײַן סאָד און זײַן טרוים. טימאָפיי האָט לײַכט צוגעשמייכלט און געשויבערט מיט די פינגער זײַנע פאַרשוויצטע האָר.

— מע דארף דיך טאקע היילן, — האָט זיך אָנגערופן טימאָפּיי איוואַנאָוויטש. — שטארק היילן דעם קאָפּ. טאקע היינט וועסטו בא מיר אוועק אין דער אָוונט־שול.

— און א דאָקטער? — בעט זיך יאַנקל. — ווען וועלן מיר גיין צו א דאָקטער?

— א דיַגע דיר, מיר וועלן זיי אָפּזוכן, די דאָקטוירים.

א גוטע נעשאָמע, אָט דער טימאָפּיי איוואַנאָוויטש, און די קליַינע אָפּן פּאַנעם? וואָס קאָנען זיי שאַטן? פּארקערט, אָט... בא יענטלען איז אויך א קליינינקיק פּאַנעם. איז וואָס? זי איז א גוטע, יענטל. און זאָל ער נאָר אויסהיילן דעם קאָפּ... אזוי טראַכט בא זיך יאַנקל און פארשטייט ניט, וואָס פּלוצעם האָט אים טימאָפּיי איוואַנאָוויטש א פרעג געטאָן.

— וויפל ביסטו אַלט?

— איך ווייס ניט.

— אָט האָסטו דיר, — שמייכלט דער בריגאַדיר. — און פונוואַנען ביסטו?

ווייסט ער אוודע ניט וואָס צו ענטפערן. ער ווייסט ניט, וואָס מע מיינט דערמיט.

— נו, ווו ביסטו געבוירן געוואָרן?

פארשטייט ער ווידער ניט, יאַנקל. ביז איצט האָט אים קיינער אַזעלכע פראַגן ניט גע־שטעלט, און ער ווייסט ניט, וויאזוי צו ענטפערן אף זיי. נאָר פון אים, פון טימאָפּיי איוואַנאָ־וויטשן, איז ניט אזוי גרינג אָפּטשעפּען זיך.

— נו, ווי הייסט די שטאָט, צי דאָס שטעטל...

— יאָ, יאָ, אוודע א שטעטל. נאָר דעם נאָמען ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט געברענט.

— אויך מיר א סימען. א סאך שטעטלעך האָבן געברענט. נאָר וואָס איז געווען פאַר דעם? דיַין מאַמע... א מאַמע איז דאָך געווען?

שטייט ער, יאַנקל, פּינטלט מיט די אויגן און גריבלט זיך אין זיקאָרן. ער גריבלט זיך אקשאָנעסדיק און ווייטעקלעך, אזוי ווייטעקלעך, אַז דער שטערן ווערט פון סאַמע קנייטשן און שטארק פארשוויצט. ער דארף פריַער אויסקלאָרן פאַר זיך די פראַגע: צי איז געווען בא אים א מאַמע, צי ניין. נאָר דער מויעך איז האַרט, ווי א שטיין, און ס׳איז אים זייער שווער דורכקלאַפּן און דערקליַיבן זיך צו יענעם לאַנגאַניקן. גראַבט ער, ווי מיט א לאָפּעטע, און עס הייבט אים אַזש אָן שווינדלען אין די אויגן. מיטאמאָל האָט עפּעס א סאַרפּע געטאָן און ווי אָפּגעבריט. גליַיך עפּעס ט׳יף אין מויעך האָט געטליִעט א האַלאָוועשקע פון יענער אמאָליקער סרייפע און האָט איצט זיך צעפלאַקערט מיט א העלן פיַיער. און פון יענער זיַיט סרייפע! שריַיט ער אויס א דערציטערטער און א דערפרייטער.

— יאָ, יאָ, געווען, געווען א מאַמע!

נאָר טימאָפּיי איוואַנאָוויטשן איז דאָס ווייניק. ער מוז וויסן אַלץ.

— וווהין זשע איז זי אַהינגעקומען?

— זי איז געווען קראַנק, זייער קראַנק, די מאַמע. האָט מען געדארפט האָבן א דאָקטער. זייער א גרויסן דאָקטער.

— איז וואָס זשע?

יאַנקל רײַבט ווייטעקלעך דעם שטערן, פרעסט שטארק צונויף די אויגן און פארבײַסט די ליפּן. אף א וויַילע האָט דאָס פּאַנעם זיך פארקרימט פון ווייטעק. און ער האָט זיך א ריס געטאָן, ווי געקליבן זיך אַנטלויפן.

— וווהין איז? באַרויק זיך! — האָט טימאָפּיי איוואַנאָוויטש אים א נעם געטאָן פאַרן אַקסל.

— די סרייפע, — האָט יאַנקל אַרויסגעשטאַמלט און א פארשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — אַז איך ווייס ניט... איך ווייס ניט! — האָט ער אויסגעשריגן מיט פארדראָס. — מיר האָט זיך געדוכט, אָט, אָט... נאָר ס׳האָט זיך אַלץ אויסגעמישט. די סרייפע און די מאַמע. עפּעס פלאַמט און פלאַקערט, און איך זע מער גאָרניט.

— און נאָך קינדער זיַינען בא איַיך געווען? א ברודערל, א שוועסטערל...

— א שוועסטערל? ווי קומט צו מיר א שוועסטערל? ניין, קיין שוועסטערל איז ניט גע־ווען. קיינמאָל ניט.

— און א ברודערל?

— א ברודערל? יאָ, א ברודערל... דאָס קאָן עפּשער זײַן. עפּשער יאָ, און עפּשער ניט. איך ווייס ניט.

— וואָס זשע איז געווען וויַיטער?

— וואָס וויַיטער, וואָס וויַיטער? — בייזערט זיך יאַנקל. — וויַיטער איז געווען פּאָלקאָן. זייער א געטריַיער הונט. און ווען ניט ער, וואָלט איך געוואָרן א בודיאָנאָוועץ. נאָר זאָגט

אליין, ווי האָב איך אים געקאָנט איבערלאָזן, פאַלקאנען? ער איז געווען אזא קראנקער און אזא עלנטער. דערנאָך בין איך ווידער געבליבן אליין. ביז יענטלען.

— וועלכע יענטל?

— וואָס הייסט וועלכע? טאקע מײַן יענטל. דאָס שטעטל האָט אונדז כאסענע געמאכט. זי איז אויך געווען אזא, ווי איך, א קײַלעכיקע יעסוימע. דאָס האָבן מיר שוין אינײנעם, אין סטעפּ, א שטוב אויסגעבויט. זי איז א גוטע, יענטל, זייער א גוטע. און א גרויסע בעריע. נאָר ווי קאָן זי... ניין, זי איז ניט שולדיק. האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט.

— יאָ, א געשיכטע, — רעדט ארויס טימאָפיי איוואנאָוויטש. — נאָר פאל בא זיך ניט אראָפּ. מיר וועלן דיך אויסהיילן. א דאָקומענט האָסטו? א ספּראַווקע, צי וואָס?

א מאָשל, ווי קומט צו אים א דאָקומענט? סײַדן יענער, פון זאגס. איז ער בא יענטלען.

— שרײַב איר אָן, זאָל זי דיר ארויסשיקן א ספּראַווקע.

— און אָן אדרעס?

— אפן אדרעס פון אײַער יי׳שעוו.

— ווי קומט צו אונדזער יי׳שעוו אָן אדרעס?

— אָבער א נאָמען, א נאָמען האָט אײַער יי׳שעוו?

— ער האָט נאָך ניט קיין נאָמען. עפּשער האָט ער שוין איצט, נאָר איך ווייס ניט.

— נו, מיילע. — טימאָפיי איוואנאָוויטש רײַבט שטארק דעם שטערן און פארקלײַבט זיך ווידער מיט די פינגער אין דער געדיכטער טשופרינע. מיר וועלן עפּעס צוטראכטן. איך וועל שוין אליין אָנשרײַבן דײַן ביִאָגראפיע.

— וואָס איז דאָס אזוינס?

— ווי פארשטייסטו ניט? יעדער מענטש דארף האָבן א ביִאָגראפיע, אָנגעשריבן אף פּאַ־פּיר. ווער ער איז און פונוואנען ער שטאמט. נו, וויבאלד דײַן ביִאָגראפיע האָט שטארק אָפּגע־ברענט, דארף מען זי ביסלעכווײַז אופשטעלן. אָבער זאָג דעם עמעס, ארבעטן האָסטו ליב?

— אָ, דאָס קאָן איך. וויפל איר ווילט.

— אויב אזוי וועסטו האָבן א גוטע ביִאָגראפיע. ווען דו קאָנסט נאָך געפינען א פּאָר איידעס...

— איידעס? — בא יאנקלען האָט דאָס אויסגעזען נאריש. — צו וואָס זוכן א פּאָר איידעס? גאנץ כאשטשעוואטע קאָן איידעס זאָגן. און דער נײַער יי׳שעוו אויך.

איין איידעס האָט אינגיכן זיך געפונען טאקע דאָ, אפן דניעפּראָבוי, אין דער מוירעדיק טיפער גרוב, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן נאָך טיפער. וועגעלעך יאָגן ארוף און אראָפּ און עס הילכט אָן אופהער א געמיש פון טויזנטער שטימען, א פײַפעניש, א גרילצעניש און א קוויטשעניש. ווי זשע קאָן מען דאָס אויסמײַדן, אז אמאָל זאָל זיך ניט פארטשעפּען א וועגעלע פאר א וועגעלע, און בײדע זאָלן בלײַבן שטיין, ווי צוגעזאָטן צו דער ערד? אמאָל גייט עס צו שאַ־שטיל, יעדערער פארשטייט, אז זוכן דעם שולדיקן איז ניט שײַעך, אמאָל ווערט דער־פון א שטיקעלע יאָמטעוו, א סיבע אף אָנלאכן זיך און אויסטוישן זיך מיט עטלעכע פריילעכע וויצן, און אמאָל, ס׳הענגט אָפּ פון דעם, ווער מיט וועמען ס׳האָט זיך צונויפגעטשעפּעט, האלט עס בא פּעטש אויך. לויט דעם, ווי יענער באָכער האָט אָנגעשטעלט אף אים זײַנע בייזע אויגן, ווי ער האָט אזוי הויך און דראָענדיק א סאָפּע געטאָן, איז יאנקל גרייט געווען צום סאמע ערגסטן. בא אים האָבן פון זיך אליין זיך צונויפגעדריקט די פויסטן. און פלוצעם...

— יאנקל, ווי קומסטו אהער, יאנקל?

האָט יאנקל א כאפּ געטאָן דאָס וועגעלע און פּעסט זיך אײַנגעקלאמערט אין די הילצערנע הענטלעך. ס׳האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ, און ער האָט מוירע געהאט, ער זאָל זיך ניט אָנהייבן קײַקלען בארג־אראָפּ.

— וואָס זשע, דו דערקענסט מיך ניט? דאָס בין איך, שימקע... קאלמען דעם באָנדערס.

פונוואנען האָט יאנקל געקאָנט וויסן? ער האָט געקאָנט דאָס שטעטל בלויז פונדרויסן. אין די הײַזער האָט מען אים ניט ארײַנגעלאָזט, אפילע ווען ער איז שוין אונטערגעוואקסן. נאָר דעם דרויסן קען ער גוט. דעם טומלדיקן מארק, די ראשנדיקע און קלינגענדיקע קאוואליוקע, וואָס איז אויך מערסטנטייל א דרויסנדיקע מיט אירע קוזניעס און שטעלמאשינעס מיטן צעיור־שעטן הירזשען פון פערד און ניט ווייניקער צעיושעטע זידלערײַען. קאלמען באָנדער איז אויך געווען א דרויסנדיקער. א גאנצן טאָג האָט ער ארומגעשפּאנט צווישן זײַנע פּעסער אין איין העמד, ארומגעטאנצט פון איין פאס צום אנדערן, דאָ א קלאפּ געטאָן מיטן האמערל איבער אן אײַזערנעם רייף, דאָ א גיי געטאָן מיט דעם איבער א הילצערנער קלעפּקע, און פון דעם ארומקלאפּן האָט זיך אויסגעשפּילט א פריילעך ניגנדל. יאנקל האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז

ניט איין מאָל געשטאַנען לעבן די פּעסער, זיך אײַנגעהערט אינעם מאָדנעם ניגנדל, און בא אים אינווייניק האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלעמען דער ליידיקער מאָגן.

— שימקע קאַלמען דעם באַנדערס! — האָט ער אויסגעשריגן, מיטאַמאָל דערפילט א שנײַדעניש אין מאָגן. — דאָס ניגנדל!

— וואָס פאַר א ניגנדל?

— פון די ליידיקע פּעסער. ס׳האָט אפילע איצט א שניט געטאָן. קומסטו אהער גלײַך פון כאַשטשעוואַטע?

— פונוואַנען דען? און איך בין ניט אליין. מיכײַלאָ גאַווריליענקאָ איז אויך דאָ. אונדז ביידע האָט געשיקט דער קאָמסאָמאָל. און דיך ווער האָט געשיקט?

נאָר דערציילן, ווער ס׳האָט אים, יאַנקלען, געשיקט אהער, ריכטיקער, וואָס האָט אים געבראַכט אהער, איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן.

— שימקע, קום שוין מיט מיר צו אונדזער בריגאַדיר. ער דאַרף דיך נייטיק האָבן.

— דײַן בריגאַדיר? צוליב וואָס דאַרף ער מיך?

— זאָלסט זײַן אן איידעס.

— וועגן וואָס?

— איך ווייס אליין ניט. נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אז איך מוז האָבן צוויי איידעס.

— וועגן וואָס איידעס זאָגן?

— טאַקע וועגן דעם... אז איך קאָן ניט וויסן. אז מיר קאָנען ביידע ניט וויסן.

אויסגעהערט די פאַרפּלאָנטערטע דערציילונג וועגן דעם, פאַרוואָס זיי ביידע קאָנען ניט וויסן, און אויך דאָס ביסעלע, וואָס ביידע ווייסן יאָ, איז טימאָפּיי איוואַנאָוויטש געוואָרן מאָלע גדולע. ער האָט פריילעך צוגעסמאָצקעט מיט זײַנע צעטראָסקעטע ליפּן, די פאַרשטויבטע רויטלעכע אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט פון טײַנעג, און ער האָט אליין ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט די הענט. פריִער געריבן זיי איינע אין דער אנדערער, דערנאָך גענומען קלאַפּן די כעוורע אין די פּלייצעס.

— אײַ גוט, אײַ וואויל, טאַקע זייער וואויל, — האָט ער, ווי באַלעקט זיך. — און איר ביידע זײַנט זייער ווילע כעוורע. און דו, יאַנקל, ביסט דאָך א באָכער מיט א סטאַזש. מיט אן עמעסן ארבעטער־סטאַזש. און אפילע מיט א באַטראַקישן. און האָסט שוין א גוט שטיקל ביָאָגראַפיע. וועסטו טאַקע הײַנט אָנשרײַבן א מעלדונג אין פּראָפּאַריין. א מעלדונג און א אווטאָביָאָגראַפיע.

— וועגן וואָס זאָל איך שרײַבן?

— וועגן דעם, וואָס דו ווייסט און וועגן דעם, וואָס דו ווייסט ניט. ווײַל דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, איז אויך זייער וויכטיק.

שימקען אליין איז אויך געפעלן געוואָרן די געשיכטע. האָט ער גענומען קלאַפּן יאַנקלען אין פּלייצע, געטאַנצט ארום אים, ווי זײַן טאַטע ארום די פּעסער, געטאַנצט און האַלב־שפּאַסנדיק, האַלב־לויבנדיק אביסל זיך נאָכגעקרימט דעם בריגאַדיר:

— ביסט שוין א באָכער מיט א סטאַזש און מיט א ביָאָגראַפיע. איצט וועט אונדז זײַן א סאַך פריילעכער. זשיוויאָם!

זיי האָבן זיך ארײַנגעריסן אין מײַן הײַנטיקן, דאָרפּראַטישן טאָג מיט אלע זײַנע דײַגעס און הריזענישן. ארײַנגעריסן זיך, ווי א וויכער, און אפּסנײַ צערודערט סײַ דאָס פּאַראַיאָריקע, סײַ דאָס ביז גאָר לאַנגאָניקע. און געשען איז דאָס ניט אין יענע מינוטן פון ביינהאַשמאָשעס, נאָר אינמיטן העלן טאָג. און אופגעקומען זײַנען זיי ניט אין מײַן צעשויבערטן זיקאָרן, נאָר טאַקע באַשײַמפּערלעך, מאַמאָשעסדיק. יאַנקל מיט יענטלען! זי האָט אן עפן געטאָן די טיר פון דאָרפּראַט, צוגעקומען צו מײַן טישל, ווי פון הימל אראָפּ, און איך האָב געמוזט אין איין אויגנבליק דורכמאַכן א שווערן און לאַנגן קפיצאַס־האַדערעך אהין און צוריק. איך האָב געמוזט אף א ווײַלע ארײַנקומען צו מאַלקע דער טיקערן, וואָס וווינט לעבן דער אלטער באָד און אויסהערן איר געשיכטע וועגן פאַרשיידענע שידוכים, קעדיי מיר דערוויַיזן, אז יענטל מיט יאַנקלען זײַנען א זיוועג פון גאָט. איך האָב געמוזט דורכמאַכן דעם גאַנצן שווערן זומער ארום די באַראַקעס, ווען זיי ביידע האָבן געבאַטראַקעוועט בא אײַזיקן, ביז יענער נאַכט, ווען יאַנקל האָט ניט געסטײַעט, און אויך די ווינטערדיקע זאַווערוכע געמוזט דורכמאַכן, און אלץ, וואָס מיט יענטלען איז געשען דערנאָך. יענטל האָט פאַר דער צײַט זיך שטאַרק געענדערט, יאַנקלען דערקען איך אינגאַנצן ניט. איך קען אים, לאָזט זיך אויס, ביכלאַל, זייער ווייניק. ער דאַרף ערשט אָנהויבן דערציילן וועגן זיך פונעם אָנהייב ביזן סאָף, ענטפערנדיק אף מײַנע פילצאָליקע פראַגן. איך האָב געפילט א באַשטימטע רעכט אף זיי, דאָס האָבן מיר דאָך איינענעם, איך מיט יענטלען, אים אויסגעזוכט, ווו די וועלט האָט א ברעג, דאָס האָב איך דאָך געבעטן גיטלען

אים אָפּזוכן, און דאָס איז ער געקומען מיר אָפּגעבן א גרוס פון איר. פאַרשטייט זיך, אַז ניט נאָר צוליב דעם גרוס איז ער געקומען, ער האָט אליין מיך געוואָלט זען און נאָך מער — זיך אליין ווײַזן. זיך, איניינעם מיט יענטלען. באַזונדערס איניינעם מיט יענטלען. דער פאַריקער זומער האָט אונדז ענג צונויפגעבונדן און איבעררײַסן דאָס קייטעלע איז אומעגלעך. און ס'האָט גראָד גוט... גוט, וואָס עס קאָן זיך ניט איבעררײַסן.

זיי זיצן ביידע לעבן מײַן טישל, יאַנקל און יענטל. מיט יענטלען איז מיר גרינגער, נאָר יאַנקל... ערשטנס די שטים. זי האָט ווי אויסגעלײַטערט זיך, אַראָפּגעשווענקט פון זיך יענע פאַרדומפּנקײַט, פאַרהלושעטקײַט, די שטענדיקע צוגעקילטקײַט. און די אויגן... קאָנען דען אויגן ווערן גרעסער, ווי געווען? געשען איז געוויס עפּעס אַנדערשס. פריִער זײַנען זיי געווען האַלב־צוגעמאַכט, אײַנגעשרומפּן, פאַרשלאָפן, און ערשט איצט האָבן זיי זיך צעעפנט און קוקן אַף דער וועלט אָן יענער שרעק און אונטערטעניקײַט. זיי קוקן גאָר אַנדערש אַף דער וועלט און אַף זיך אליין, מיט א נײַ־אויפגעקומענעם געפיל פון אייגענער ווירדע, ערשט איצט באַנומען, אַז כוץ אַלע איבעריקע זאַכן, איז ער אליין אויך עפּעס ווערט. א מענטש מיט מענטשן גלײַך!

יענטל קוקט מיט אויסגעבענקטע אויגן אַף איר געפינס, אַף יאַנקלען, שלינגט יעדער וואָרט זײַנס, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, באַוויליקנדיק און שמייכלענדיק, ווי זי אליין וואָלט אויך אײדעס געזאָגט, אַז יאָ, אַזוי איז עס טאַקע געווען. און כאָטש דער שמייכל איז זייער א גוטער, א נאָכעסדיקער, טוט אין אירע אויגן אַלע מאָל א גלאַנץ א טרער. זי מאַכט זיך פון דעם ניט וויסנדיק, גלײַך ס'איז קיין שום טרער ניטאָ. זי טוט נאָר א פיר מיט די פינגער איבער די אויגן, ווי זי וואָלט אָפּגעטריבן א פליג. דאָס וואָס יאַנקל דערציילט, איז פאַר איר שוין קיין נײַס ניט, נאָר זי הערט דאָס אַלץ אויס מיט דער זעלבער פאַרכאַפּונג, און ס'איז צו זען, אַז זי האָט דערפון שטאַרק האַנאָע. זי האָט האַנאָע פון ביידע זאַכן: פון דעם, וואָס זי הערט דאָס נאָכאַמאָל, און נאָך מער פון דעם, וואָס איך הער דאָס. און ווער ווייסט, עפּשער קומט איר דערבײַ אויך אויף דער פאַראַיאָריקער זומער מיטן ווינטער איניינעם, ווען פריִער מיט יאַנקלען, דערנאָך אָן אים, האָט זי זיך געפילט עלנט און פאַריאָסעמט. דערפאַר איז איר איצטיקער גע־ווינס א צווייענדיקער, א דרײַענדיקער. זי האָט געפונען ניט איר פאַראַיאָריקן יאַנקלען, נאָר גאָר אַן אַנדערן, אַזאַ, וועמען מע קאָן אַף אַן עמעסן ליב באַקומען. יאַנקל האָט דערציילט וועגן זיך אײנדערהייד און זי, צושאָקלענדיק און צושמייכלענדיק, האָט בײַסמײַסע דערציילט וועגן

זיך אָן ווערטער, בלויז מיטן פריילעכן גלאַנץ אין די אויגן און מיטן פּאָנעם, אַף וועלכן די דריבנע קלײַנענדלעך האָבן זיך צעפלאַמט, גלײַך זי איז געשטאַנען לעבן א הייסן אויוון.

— וועגן ברודערל דערציייל, — זאָגט יענטל אונטער, און ס'איז צו זען, אַז איר אליין ווילט זיך נאָכאַמאָל איסהערן די אומגעוויינלעכע געשיכטע.

— נו, יאָ, אוואדע... וועגן ברודערל! — יאַנקל שמייכלט אויך און מע קאָן זיך אָנשטויסן, אַז די מײַסע וועגן ברודערל וואָלט ער געקאָנט דערציילן הונדערט מאָל אין טאָג.

וואָס האָט עס אים אַזוי א יאָג געטאָן זוכן א מענטשן, וועגן וועמען ער האָט קיינמאָל ניט געהערט און ביכלאַל ניט געוווּסט, צי ער איז דאָ אַף דער וועלט? ס'איז בא אים בלויז געווען א סאָפּעק און ער האָט ניט געקאָנט זאָגן זיכער, צי האָט ער געהאַט אַמאָל א ברודערל צי ניין. וועגן א שוועסטערל האָט ער געוווּסט פעסט, קיין שוועסטערל איז ניט געווען. מיט א ברודערל איז געווען ניט אינגאַנצן קלאָר. עפשער יאָ און עפשער ניט. און ווידער טאַקע איבער דער סרייפע. אַלעמאָל, ווען ער האָט געפּרווּט א גריבל טאָן זיך אין זײַן זיקאָרן, איז אופגעקומען די סרייפע און אין איר סאַרפענדיקן פלאַם איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלץ. האָט ער טאַקע ניט געוווּסט. נאָר ווען שימקע איז איינמאָל געקומען צו לויפן און געזאָגט, אַז ער האָט געהערט אויסרופן א פאַמיליע, וואָס איז קימאַט ענלעך אַף זײַנער, פּוסטילניק, צי פּאָסטילניק, האָט עס אים, ווי אָפּגעבריט. כאַטש, וואָס פּוסטילניק און ווער פּאָסטילניק. צי האָט שימקע טאַקע געהערט, צי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן. טויזנטער מענטשן יאָגן מיט די וועגעלעך אַראָפּ און אַרויף: וועגעלעך מיט ערד, וועגעלעך מיט שטיינער, וועגעלעך מיט זאַמד און וועגעלעך מיט צעמענט. און מאַלע־וואָס עמעצער האָט אויסגערופן. עפשער האָט מען גאָר געמיינט אים, יאַנקלען אליין? נאָר שימקע שווערט זיך מיט אַלע שוועס. ער האָט אליין געהערט, און גע־ווען איז דאָס גאָר אַף אַן אַנדער באַצירק.

האָט יאַנקל שוין רוען ניט געקאָנט. אים איז פּאַשעט נייטיק געווען אָפּזוכן דעם מענטשן, וואָס טראָגט פּונקט אַזאַ פאַמיליע ווי ער. זאָל דאָס זײַן א ברודערל, זאָל דאָס זײַן א ווײַטער קאָרעוו, זאָל דאָס זײַן א ווילד־פרעמדער. האָט ער עטלעכע פאַרנאַכטן נאָך דער אַרבעט איבער־נעם מיט שימקען אַרומגעשפּאַנט צווישן די צוזאַמענוווינונגען, פון איין צימער צום צווייטן, און אומעטום די זעלבע פראַגע: צי האָט מען ניט געזען, צי האָט מען ניט געהערט. ניין, קיי־נער האָט ניט געזען און קיינער האָט ניט געהערט. איינער האָט גראָד געזאָגט, אַז ער האָט יאָ געהערט, נאָר וווּ און ווען געדענקט ער ניט.

— זעסט? — האָט שימקע זיך דערפרייט. — ניט נאָר איך האָב געהערט.

— איז וואָס?

— איז דאָס א סימען, אַז ער איז דאָ! זאָגסט דאָך אַליין.

— וואָס זאָג איך? וואָס קאָן איך זאָגן, אַז איך ווייס ניט?

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? ווי קאָן עס א מענטש זײַן אינגאַנצן אָן ברידערלעך? איך האָב פינף, זאָלסטו ניט האָבן כאָטש איינעם?

שימקע האָט אַקשאָנעסדיק אים אײַנגערעדט, אַז ער מוז ערגעץ האָבן א ברודערל. און ווען זיי האָבן ענדלעך געפונען דאָס יאַטל מיט דער פאַמיליע פּוסטילניק, א באָכערל, א פעסט־געפּאַקטס, דער קאָפּ פעסט אַרײַנגעשרויפט אין זײַן ברייטער פּלייצע, די קליינע געלע איי־געלעך פאַרקערט, שוואַך צוגעקלעפּט און האַלטן אין איין אַרומטאַנצן. א באָכערל, וואָס איז מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף אים, דעם לאַנגן דראָנג, איז ער צוגעקומען צו אים און געפרעגט מיט א פעסטער זיכערקײַט:

— דו ביסט מײַן ברודערל?

דאָס באָכערל — די געלע אייגעלעך האָבן האַסטיק זיך צעפינטלט, ווי געקליבן זיך אינ־גאַנצן אַרויסטאַנצן — האָט דערשראָקן פאַריסן דעם קאָפּ אַרויף.

— איך ווייס ניט, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

דער שטילער און איבערגעשראָקענער „איך ווייס ניט” האָט א קלונג געטאָן פאַר יאַנקלען מיט הונדערטער גלעקעלעך. טאַקע... אַזוי דאַרף עס טאַקע זײַן. ער ווייסט ניט, אוואַדע ווייסט ער ניט. ער אַליין ווייסט אויך ניט. זייביידע ווייסן ניט. פרעגט שוין יאַנקל ווײַטער, ווי טיי־מאָפיי איוואַנאָוויטש האָט אים אויסגעפרעגט.

— ווי רופט מען דיך?

— שמערל.

— און א מאַמע?

— וואָס א מאַמע?

— א מאַמע, פרעג איך, איז געווען?

פאַרוואָס האָט ער גראָד געפרעגט וועגן דער מאַמען און ניט וועגן טאַטן, דאָס ווייסט ער ניט. ער האָט געפרעגט ניט אַזוי בײַ שמערלען, ווי בײַ זיך אַליין. און דאָס, וואָס שמערל האָט געענטפערט, האָט אים נאָך מער אונטערגעהעצט.

— איך ווייס ניט, — האָט שמערל געענטפערט.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט? אַ מאַמע האָט דאָך געמוזט זײַן!

— געוועזן, אַוודאי געוועזן, — ענטפערט אָפּ שמערל, ווי שולדיק פאַר עפּעס. — נאָר זי איז געוועזן קראַנק... יאָ, זי איז געוועזן זייער קראַנק.

יאַנקל האָט דערפילט, ווי יענע ווײַטע סרייפע האָט ווידער זיך צעפלאַקערט אין אים, און דאָס גאַנצע פּאָנעם פלאַמט פון היץ.

— וואָס זשע איז געוועזן? וואָס איז געוועזן מיט דער מאַמען?

יאַנקלען האָט זיך געדוכט, אַז קאַפּט ער זיך אָן פאַר דעם קייטעלע, וואָס גליטשט זיך די גאַנצע צײַט אַרויס פון די הענט. דער שטילער פלאַטער איז אַריבער אין אַ גרויל, און ער האָט איבערגעפרעגט מיט אַ בייזן אומגעדולד:

— וואָס זשע איז געוועזן מיט דער מאַמען?

נאָר שמערל איז אויך בייז געוואָרן.

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? פונוואַנען זאָל איך ווייסן? זי האָט געלעבט, געלעבט, די מאַמע, דערנאָך האָבן אַלע ניט געסטײַעט. און מיך האָט מען אַוועקגעגעבן אין אַ קינדערהיים.

זיי זײַנען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, פול ניט האָפענונג און פאַרצווייפלונג, צווי כעוורע צווישן טויזנטער אַזעלכע, וועמען ס'האָט פאַרטראָגן אַהער אין קעסלגרוב פון דער קאָמענדיקער עלעקטראָסטאַנציע, און געסטאַרעט זיך אָפּזוכן כאָטש וועלכע־ניט־איז שפּורן, זאָל זײַן פון ווײַטער קרויוועשאַפט. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי געקאָנט אַרויספירן אויף אַ וועג, איז געוועזן די קראַנקע מאַמע. נאָר ווייניק קראַנקע מאַמעס זײַנען דאָן געוועזן? שימקע איז געשטאַנען דערנעבן, אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען פון אומגעדולד, אַרײַנגעשפּרונגען צווישן זיי, ווי געפרוווט אַ נעם טאָן זיי פאַר די הענט און אָנשרײַען אויף זיי: „נו, שוין, זוכט זיך שוין אָפּ, דערקענט זיך שוין!" נאָר דאָס אָפּזוכעניש האָט ווידער זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענט.

— אַ כאָלעם, אַ שיינער כאָלעם, — האָט יאַנקל אַרויסגערעדט.

— פאַרוואָס אַ כאָלעם! — האָט שימקע זיי ביידע געטרייסט. — אָט וועט איר זען. ווו וווינסטו, שימקע?

— אין צענטן באַראַק.

— און איך אין זיבעצעטן, — האָט יאַנקל מיט ווייטעק אַרויסגעזיפצט, גלײַך דאָס, וואָס איינער פון זיי וווינט אין צענטן און דער צווייטער אין זיבעצעטן, שליסט אינגאַנצן אויס זייער קרויוועשאַפט.

און די צווייטע נאַכט... ניין, ס'איז געוועזן טאַקע די זעלבע. זי האָט בלויז זיך אַריבערגעקליבן אין דער צווייטער העלפט, ווען מע הייבט שוין אָן רעכענען דעם נײַעם טאָג. אַלע פײַערלעך אָפּן ייִשעוו האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן, בלויז לעבן יעדן באַראַק האָט געברענט אַ קליין לעמפּעלע, קעדיי יעדערער זאָל קאָנען זען דעם נומער פונעם באַראַק. געשלאָפן אין די באַראַקעס איז מען געשמאַק, אָופּוועקן עמעצן איז געוועזן ניט פון די גרינגע זאַכן, און יאַנקל איז באַזונדערס געוועזן באַרימט מיט זײַן פעסטן שלאָף. ער איז טאַקע רעכט געשלאָפן, ווען שמערל האָט זיך אַרײַנגעגריסן אין זיבעצעטן באַראַק, אָופּגעוועקט אַ פּאָר צענדליק כעוורע, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו יאַנקלען, אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, קימאַט אַראָפּגעשלעפּט אים פון געלעגער און אַרויסגעשפּטשעט מיט אַ הייסן פלאַטער, פון וועלכן ס'האָט יאַנקלען באַשלאָגן אַ היץ.

— קום שוין אַרויס אינדרויסן. איך האָב זיך דערמאָנט.

— וואָס האָסטו זיך דערמאָנט?

יאַנקל האָט געריבן די אויגן, געסטאַרעט זיך וואָס גיכער פאַרטרײַבן דעם שלאָף און אויך דעם שרעקלעכן כאָלעם, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזען. ווידער די סרייפע פון יענע ווײַטע יאָרן, ווען אַלץ איז אָפּגעברענט געוואָרן.

— איך האָב זיך דערמאָנט אין דער מאַמען, — האָט שמערל גערעדט, ווי אין אַ פיבער. — און דעם טאַטן אויך. זי איז געוועזן שטאַרק קראַנק, די מאַמע. מע האָט געדאַרפט ברענגען אַ דאָקטער פון קאַמענעץ, נאָר קיין געלט איז ניט געוועזן. קום, קום שוין אַרויס אינדרויסן.

זיצן זיי ביידע אויף די טרעפּלעך פונעם זיבעצעטן באַראַק. דאָס קליינע לעמפּעלע אונטער דער סטריכע באַלויכט קוים דעם נומער, און פונעם נאָענטן טײַך ציט מיט אַ שנײַדנדיקער פײַכטקײַט. צי ס'איז זיי טאַקע קאַלט געוואָרן, צי ס'האָט זיך זיי בלויז אויסגעוויזן, נאָר דער

גרויל האָט זיי געצוווּנגען ענגער צוטוליען זיך איינער צום אַנדערן, כאָטש זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט, צי האָבן זיי מיט וואָס צוטוליען זיך. נאָר שמערל, גראָד שמערל, וואָס איז געווען ייִנגער פון אים אַף אַ יאָר דריי און איז אין יענער סרייפּעדיקער צײַט געווען נאָך גאָר אַ קינד, האָט פאַרגעדענקט זייער אַ סאַך.

— די מאַמע איז געווען סאַקאָנעסדיק קראַנק. זי האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן. האָט מען געדאַרפט אַראָפּברענגען אַ גרויסן דאָקטער, נאָר קיין געלט איז ניט געווען. און אָן געלט, האָט מען געזאָגט, פאָרט ער ניט, דער דאָקטער. האָט דער טאַטע גענומען דעם זייגער...

— וועלכן זייגער? — פרעגט יאַנקל.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? מיסטאָמע איז געווען באַ אונדז אַ זייגער, עפּשער אפילע אַ גאָלדענער. האָט דער טאַטע גענומען דעם זייגער און אַוועקגעטראָגן צו באַרעך דעם שנײַדער פאַר אַ מאַשקן. נאָר באַרעך האָט אַנגעשריגן אַפּן טאַטן.

— וואָס זשע האָט ער געדאַרפט אַף אים אַנשרײַען?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? נאָר באַרעך האָט אַנגעשריגן אַפּן טאַטן: „וואָס דאַרף איך, רעב זוסיע, אײַער מאַשקן? פאַר מיר איז גענוג אײַער וואָרט".

— שאַ, שאַ. — יאַנקל כאַפּט אָן דאָס געפונענע ברודערל פאַר די הענט. — ווי האָסטו געזאָגט? רעב זוסיע? יאָ, יאָ, זוסיע. דער טאַטע האָט טאַקע געהייסן זוסיע.

— ווי דען? אוואדע זוסיע. מע האָט אים נאָך גערופן זוסיע קויהען. פאַרוואָס ווייס איך ניט. ער איז דאָך געווען אַ מולייער!

— זוסיע קויהען, זוסיע קויהען... יאַנקל כאַזערט עטלעכע מאָל איבער דעם נאָמען מיטן צונאָמען, רודעוועט מיט אים, ווי מיט אַ גרינג און שאַרף לאַפּעטקעלע, און הייבט ביסלעכווייז אָן פאַנאַנדערגראָבן דעם פאַרשטיינערטן אָנגעוואַלגער איין שיכט נאָכן אַנדערן. אַלץ איז זייער שטאַרק פאַרלעגערט, צונויפגעפּרעסט, און מע דאַרף יעדע מינדסטע זאַך אַרויסגראָבן, אַרויסרײַסן מיט די נעגל.

— זוסיע קויהען, זוסיע קויהען, — כאַזערט יאַנקל איבער, כאַזערט עס אויס, ווי זייער אַ ווערטפולן געפינס. — ער איז געווען אַ נידעריטשקער, מיט אַ רויטער באָרד. איאָ, מיט אַ רויטער באָרד? עפּשער איז די באָרד אַליין געווען ניט אַזאַ רויטע, נאָר דער טאַטע... ער איז פון קאָפּ ביז די פיס געווען אין רויטער ליים און אין רויטער זאַמד. און ס'האָט שטענדיק געשמעקט פון אים מיט סאַזשע.

שמערל באַקוקט יאַנקלען אָן איבעראַשטער און טוט אַ צי מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערשמעקט יענץ זייער ווײַטע.

— יאָ, טאַקע, מיט סאַזשע... און די מאַמע... אוי, זיך דערמאָנט! די מאַמע האָט מען גערופן זעלדע.

— זעלדע, זעלדע! — שרײַט יאַנקל אויס און טוט אַ וויש מיט דער האַנט דעם פאַרשוויצטן שטערן.

איצט קאָן ער שוין אָן שום סאַפעק ארומנעמען דאָס געפונענע ברודערל.

— וואָס זשע איז געווען ווײַטער? — בעט ער זיך.

— האָט דער שנײַדער אַנטליען דעם טאַטן געלט און מע האָט אַראָפּגעבראַכט דעם גרויסן דאָקטער. יענער האָט אַ טאַפּ געטאָן באַ דער מאַמען דעם דויפּעק און איז גלײַך אַרויס אײַנדרויסן. „רעב זוסיע, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב דאָ ניט וואָס צו טאָן. איין גאָט..."

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — וווּנדערט זיך יאַנקל.

— איך ווייס אַליין ניט. איך האָב ביז הײַנט אויך ניט געוווּסט. נאָר פלוצלינג... איך ווייס אַליין ניט וויאַזוי... נאָר די מאַמע איז ניט געשטאָרבן. זי איז געזונט געוואָרן, האָט אַנגעהויבן אַרומגיין איבער דער שטוב און אפילע אַנגעהויבן עסן. סעכערלעך מיט פּוטער. סעכערלעך איז געווען באַ אונדז נאָך פּוטער, נאָר פּוטער האָב איך צום ערשטן מאָל געזען נאָך דער מאַמעס קרענק.

עס ברענט דאָס לאַמטערנדל איבערן זיבעצעטן נומער... און פונעם נאָענטן טײַך ציט מיט אַ פײַכטער קעלט. און דער גרויל... באַ ביידן איין גרויל און איין פיבער. שמערל פינטלט מיט די אויגן און רעדט, און רעדט... ער האָט מוירע אַנשווינדן ווערן, דאָס אַלץ זאָל ווידער ניט פאַרשווינדן.

— איך ווייס אַליין ניט, נאָר אָט! איך זע איצט אַלץ אַזוי קלאָר! די מאַמע איז געזונט געוואָרן, נאָר אין אַ וואָך אַרום, אין אַ וואָך, צי אין צוויי וואָכן אַרום. יענע באַנדע... די פּעטליוראָוצעס, וואָס זײַנען אַנגעלאָפן פון פּראָסקוראָוו. זיי האָבן אונטערגעצונדן דאָס שטעטל און אַלעמען אויסגעהאַרגעט. און וויאַזוי מיר זײַנען לעבן געבליבן, ווייס איך ניט. דאָס טאַקע ווייס איך ניט. נאָר די סרייפע... איך זע זי אַלעמאָל אין כאָלעם.

— איך אויך, — רופט זיך אָן יאנקל. — אפילו היינט, ווען דו האָסט מיך געוועקט, האָב איך זי אויך געזען. נאָר וואָס איז געווען ביז איר האָב איך ניט געוווּסט.
— און די שכנים אונדזערע געדענקסטו אויך ניט?
— ניין.
— און דאָס ריטשקעלע?
— דאָס ריטשקעלע? א שמאָלס אזא און א גלאנציקס. און די שטיינדעלעך אויך אזעלכע. גליטשיקע און גלאנציקע, יאָ? און דאָס וואסער איז געווען קאלט, ווי אייז...
— ריכטיק! און לעבן דעם ריטשקעלע איז געווען א גרויסער שטיין. ווייבער האָבן אַף אים אויסגעקלאפט דאָס געוועש. און אביסעלע העכער... נו, יאָ, אויב דו געדענקסט דאָס ריטשקעלע, דארפסטו דאָך געדענקען כאסיען אויך. איר שטיבל...
— כאסיעס שטיבל! — כאפּט אונטער יאנקל. — שאַ, כאסיע! איר שטיבל איז געשטאנען נעבן מארינעס. שאבעס פלעגט מארינע מעלקן כאסיעס קו און זונטיק, ווען מארינע איז געגאנגען אין קלויסטער, פלעגט כאסיע פאשען מארינעס.
— און דער בארנבוים, — שלאָגט אים שמערל איבער. — ער איז געוואקסן צווישן ביידע שטיבלעך. האלב צווייגן איבער מארינעס דאך און האלב איבער כאסיעס. און ווען מע האָט געדארפט אראָפּנעמען די בארן, זיינען זיי ביידע ארוף אַף זייערע דעכער, געריסן און געצײלט, ס'זאָל זיין גלייך אַף גלייך. און כאנע־שיינדל די נאשערן געדענקסטו?
— די קאץ? — יאנקלס אויגן גלאנצן פון פרייד און פון גליק, וואָס בא אים אליין האָט זיך ארויסגעכאפּט אזא פלוצלינגדיקע דערמאָנונג. ער כאפּט ארום שמערלען און נעמט אים קושן. און צום ערשטן מאָל רעדט ער ארויס אזוינס, וואָס מע זאָגט א קלענער ברודערל:
— אוי, שמערעלע! ווי האָסטו דאָס אַלץ פארגעדענקט, שמערעלע?
— נו, יאָ, אזוי האָט מען טאקע גערופן כאנע־שיינדלס קאץ. א שרעקלעכע נאשערן געווען. ניט געווען קיין איין שטוב, וווּהין זי זאָל ניט געווען ארײַנקריכן. האָט עמעצער זי געפּאקט, גוט אָנגענעריקט, און זי איז קוים א לעבעדיקע פארקראָכן אהיים. נאָר א קאץ איז דאָך א קאץ, איז זי געבליבן לעבן. נאָר דער האלדז איז בא איר געוואָרן אויסגעדרייט. האָט מען איר א נאָמען געגעבן — קריוואָשעיכע.
— א קאץ א קריוואָשעיכע! — שרייט יאנקל אויס און דריקט נאָך פעסטער צו צו זיך זיין שמערעלען.
— ניין, — דערקלערט שמערל, — די קאץ האָט מען טאקע גערופן כאנע־שיינדל די נאשערן. און כאנע־שיינדלען אליין האָט מען אָנגעהויבן רופן קריוואָשעיכע.
איצט האָבן זיי ביידע אָן אופהער דערמאָנט זיך אלע מאָל עפּעס אנדערשס, פארכלינעט זיך מיטן שטראָם פון די אייגענע דערמאָנונגען, פארשיקערט פון די אלע אופטרייסלענדיקע זעונגען, ווען אפילו א קאליוזשקעלע, דאָס בלאָטיקע קאליוזשקעלע לעבן דער באָד, האָט בא ביידן ארויסגערופן אנציקונג. יאנקל איז געזעסן א געפלעפטער, און ס'איז אים אליין שווער געווען צו גלייבן, אז ער זעט דאָס אַלץ: די אײַנגעהויקערטע שטיבעלעך, די שמאָלע געסעלעך, די אלטע באָד און דאָס קליינע שולעכל... דעם טאטן מיט זיין רויטער באָרד, די מאמע מיט אירע שטילע אײַנגעהאלטענע קרעכצן און דאָס ריטשקעלע, וואָס האָט געוואָרקעט, ווי א טויב באטאָג און באנאכט... אַלץ, אַלץ, וואָס איז אזוי אומדערווארט ארויסגעשווומען פון זייער וויטער לאנגאָניקייט, פון זייער פארלעגערטער פארגעסנקייט, אזוי ווייט, אז ס'איז אים שווער געווען באשטימען, צי איז דאָס טאקע אַלץ געווען, צי זיי זיצן ביידע און טראכטן דאָס אויס. און גראָד דערפאר, וואָס ער האָט אזויפיל יאָרן ניט געוווּסט וועגן דעם, ניט געהערט, ניט געפילט און אפילו ניט געטראכט, ווייל ווי קאָן מען טראכטן וועגן דעם, וואָס מע ווייסט ניט, האָט דאָס אַלץ מיטאמאָל אזוי א זעץ געטאָן אין אלע זיינע אייוורים מיט אזא נאגעניש און פרעסעניש, מיט אזא הארצקלאפעניש און בענקעניש, אז ס'איז אים אפילו שווער געווען אָפּזוכן בא זיך ווערטער אַף אָפּשאצן, אויסדריקן דאָס אלעס.
— אוי, וואָלט איך געוואָלט, מיר זאָלן אמאָל אראָפּקומען אהיים, אין אונדזער שטעטעלע, זיך דורכגיין מיט יענע געסעלעך, — רעדט ער אויס שטיל, ווי א נײַעם, גרויסן טרוים.
— ניטאָ דאָך, ניטאָ יענץ שטעטעלע. ווייסט דאָך, ס'איז אָפּגעברענט געוואָרן!
— אָבער דאָס ריטשקעלע! — פאָדערט יאנקל.
— סײַדן דאָס ריטשקעלע, — איז מאסקים שמערל.
— און דער גרויסער שטיין דערנעבן?
— נו, יאָ, דער שטיין עפּשער אויך.
— און מארינעס שטיבל?
— איך ווייס ניט... ס'איז געשטאנען זייער נאָענט לעבן כאסיעס...

פאַר זײַן גאַנץ פאַרפלאָנטערט לעבן, וואָס זעט זיך אים, ווי דורך אַ געדיכטן, מילכיקן נעפּל, אַ לעבן פול מיט שטרויכלונגען, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָפּן אוילעם האַטויהו און אַליין ניט געוווּסט, ווער ער איז און צוליב וואָס ער לעבט אױף דער וועלט, האָט ער אין יענער ערשטער נאַכט, אַ באַלויכטענע, אַ דורכגעלויכטענע אױף דורך און דורך מיט יענער ווײַטער סרייפע, צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן טראַכטן און באַנעמען זיך אַליין אױף גאָר אַ נײַעם אויפן. מעגלעך דערפון איז געקומען דאָס פרייִדיקע מיטן ווייטעקלעכן אינײַנעם, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסזיפּצן זיך מיט אַ זיפץ, וואָס איז פאַר אים אַליין געווען אומבאַקאַנט. און מעגלעך דערפאַר האָבן בא אים זיך אַרויסגעכאַפּט ווערטער, וואָס האָבן אים אויסגעזען, ווי ניט זײַנע:

— אָט האָבן מיר זיך געפונען, צוויי האַלאָוועשקעס, אַרויסגעכאַפּט פון אַ סרייפע.

— נאָר מיר? — האָט שמערל אָפּגעענטפערט. — אַ גרויסע סרייפע דאָן געווען אױף דער ערד.

די נאַכט האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אָפּטרעטן, און דער נײַער טאָג האָט געגעבן צו וויסן וועגן זיך מיט אַליאַרמירנדיקע גרילצרײַען פון די טראַמוויײַען און שטילע פּלעסקע־רײַען פון וועסלעס. ערגעץ ווײַט האָט מיט אַ בייזן צולאָכעס זיך אַרײַנגעריסן אהער אַ הייזע־ריקער האָנען־קריי און פון דער נאָענטסטער קוזניע האָבן ווי קלויסטער־גלעקער זיך צע־קלונגען טעלעכע האַמערס. ביידע ברידערלעך, פעסט אַרומגענומען איינער דעם אַנדערן, האָבן ניט געוואָלט זיך זעגענען מיט דער נאַכט.

— הײַנט אין אָוונט וועל איך קומען צו דיר, — האָט יאַנקל שטיל אַרויסגערעדט, — וועלן מיר ווײַטער זיך דערמאָנען. געדענקסט, ווי דער טאַטע האָט אונדז ביידן אָנגעשמיסן?

טימאָפיי איוואַנאָוויטש, אויסגעהערט די געשיכטע, וויאַזוי יאַנקל האָט געפונען זײַן ברו־דערל און וויאַזוי זיי ביידע האָבן זיך דערמאָנט אינעם טאַטן, אין דער מאַמען און אַפילע אין דער קאָץ — כאַנע־שײַנדל די נאַשערן, האָט אַרומגעכאַפּט יאַנקלען, אַ טרייסל געטאָן פאַר ביידע אַקסלען און אַפילע געפּרוווט אים אַ הייב טאָן.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט ער אַרויסגערעדט אָן אַנציקטער, — דו זעסט כאָטש וואָס פאַר אַ בײַאָגראַפיע בא דיר באַקומט זיך?

און שימקע, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן אייגענער געפינס, האָט אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד און אויסגעשריגן אָפּן פולן קאָל:

— זשיוויאָם!

ס'איז געווען צו זען, אַז ס'איז ניט נאָר יענטל האָט האַנאָע פון זײַן דערציילונג, נאָר יאַנקל אַליין אויך. און דאָס איז געווען ניט קיין הוילע האַנאָע, נאָר אַ הייסער פאַרלאַנג אָפּסנײַ איבערלעבן יענע זעלטענע מינוטן, ווען אַלץ איז פאַר אים אַרופגעשוווּמען, ווי אופגעשטאַנען טכ׳יאַס־האַמייסים. און ער אַליין אויך.

— ווו זשע איז ער איצט, שמערלע? — האָב איך געפרעגט.

— מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אינדערהיים, — האָט געענטפערט יענטל. עמעצער דאַרף דאָך בלײַבן אינדערהיים.

— זײַנט איר ביידע געקומען אין אורלויב?

— ניין, ניט אין אורלויב — דאָס ענטפערט שוין יאַנקל. — טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט...

— נאָכאַמאָל טימאָפיי איוואַנאָוויטש און ווידעראַמאָל טימאָפיי איוואַנאָוויטש. — יענטל בייזערט זיך קלוימערשט אױף יאַנקלען, נאָר איר שמייכעלע ווײַזט, אַז ס'איז אָן סאַקאָנעס. — ער האָט מיר שוין פאַרדולט דעם קאָפּ מיט טימאָפיי איוואַנאָוויטשן. אױף יעדער שריט און טריט: טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געצייצעט, טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געגעבעטן און טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געוואָרנט. מע קאָן מיינען, אַז קיין העכערס פון אים איז שוין ניטאָ.

— נאַרעלע, ווער דאַרף העכערס? — יאַנקל טײַנעט אײַן מיט איר אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך דורכגעשמועסט בא זיך אין שטוב. ווען דו קענסט טימאָפיי איוואַנאָוויטשן... ער איז ניט בלויז אַ בריגאַדיר, ער איז, ווי זאָל איך עס אײַך זאָגן... פאַר מיר איז ער, ווי אַן אייגענער טאַטע, און פאַר אַלעמען.

— איז וואָס זשע האָט ער געזאָגט, טימאָפיי איוואַנאָוויטש?

— ווען מע האָט אָנגעהויבן שאַפן אַרבעטער־בריגאַדעס אױף מיטהעלפן די קאָלווירטן צוגרייטן זיך צום שניט, האָט טימאָפיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, מיר זאָלן זיך פאַרשרײַבן אין אַן אַרבעטער־בריגאַדע. וועלן מיר זיך דורכפאָרן אַהיים און זיך זען מיט יענטלען. נאָר ער

האָט טאַקע געוואָרנט, טימאָפּיי איוואַנאָוויטש, מיר זאָלן אַרבעטן אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט פאַרשעמען די דניעפּראָבויער.

פאַרוואָס זשע האָט מיך פּלוצעם אַזוי אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן? זאָל זײַן אַז פּונעם געדאַנק, אַז איצט לייזט זיך ענדגילטיק זייער ווײַטערדיקער גורל? אָדער יאַנקל קערט זיך אום אין קאָלווירט, אָדער יענטל פאָרט אַוועק אין שטאָט. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז געשען זאָל דאָס ערשטע, נאָר איך האָב שטאַרק געצווייפלט אין דעם. האָט מיך נאָך מער געוווּנדערט, ווי גענוי און דורכגעטראַכט ער האָט געענטפערט אויף מײַן פראַגע. דערווײַל בלײַבט יענטל אין קאָלווירט, ווײַל אין האַרבסט דאַרף ער גיין אין דער אַרמיי. און ווען ער וועט זיך אומקערן, וועט ער זי פאַרנעמען אין שטאָט אַרײַן. אַנדערש קאָן דאָס שוין ניט זײַן. דער דניעפּראָבוי איז זײַן נײַע היים. דאָ האָט ער געפונען זײַן ברודערל, דאָ געפונען טאַטע־מאַמע, דאָ געפונען זיך אַליין. און טימאָפּיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך לערנען. און יענטל אויך. אַלע דאַרפן איצט זיך לערנען.

ווער האָט דאַן געקאָנט וויסן, אַז עס וועט זײַן ניט אַזוי, ווי מיר ווילט זיך און ניט אַזוי, ווי יאַנקל אַליין פּלאַנירט. ער וועט זיך ניט אומקערן ניט אין קאָלווירט און ניט אויפן דניעפּראָבוי. ער וועט אַוועק אין אַ מיליטערישער שול און פאַרבלײַבן אין אַרמיי אויפן גאַנצן לעבן. מיט וואָס האָט ער אַזוי אויסגענומען בײַ זײַנע קאָמאַנדירן?

נאָך יענעם זומערדיקן טאָג האָט יעדערן זיך אַלץ געזען גאָר אַנדערש. יענטל האָט מער פון אַלעמען ניט געקאָנט לײַדן די אומדערוואַרטע פּאַוזע, וואָס האָט געשמעקט מיט אומעט. האָט זי איבערגעריסן אונדזער שווײַגעניש מיט נאָך מער אומדערוואַרטן.

— איר ווייסט צוליב וואָס מיר זײַנען געקומען? מיר זײַנען געקומען אײַך אײַנלאַדן צו אונדז צו גאַסט.

— אויף ווען?

— אויף הײַנטיקן שאַבעס. איר וועט קומען?

פול מיט שטויבונג, מיט אַ געמיש פון פרייד און אומעט און מיט פיל אַנדערע זאַכן, אין וועלכע ס׳איז מיר דערווײַל שווער געווען פאַנאַנדערקלײַבן זיך, האָב איך אָפּגעענטפערט:

— איך וועל קומען, איך וועל אומבאַדינגט קומען!

8

יאַנקל האָט ניט געדאַרפט אַרומגיין איבערן יישעוו און איבערדערציילן יעדערן זײַן געשיכטע. ס׳איז געווען, ווער ס׳זאָל דאָס טאָן אָן אים. ס׳איז געווען גענוג, אַז יענטל זאָל דאָס איין מאָל דערציילן באַם סעפּאַראַטאָר, וווּהין זי איז אַוועק איבערזײַען די מילך פונעם אָוונטיקן געמעלק. די מילכיקע פּאַטשט האָט געאַרבעט אָן איבערשלאָגן, און מע האָט דאָס גלײַך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער אַלע הײַזער. און אַפילו ווען יענטל זאָל גאָרנישט ניט געווען דערציילן, איז גענוג געווען דאָס, וואָס יאַנקל האָט פּלוצעם זיך אַ יאַווע געטאָן אויפן יישעוו, דערצו נאָך ניט אַליין, נאָר מיט אַ ברודערל, וועגן וועמען קיינער האָט ביז איצט ניט געוווּסט. דערצו איז יאַנקל אַליין אינגאַנצן ניט געווען ענלעך אויפן פאַראַיאָריקן: אין אַ פּאָר שוואַרצע הויזן, אין אַ קרעמעווע העמדל מיט אַ צוגעטשעפּעטן קאַלבער און אין אַ פּאָר געלע שיך מיט שמאָלע נעז און געפּוצטע שטעך. און ניט אַזוי די הויזן מיטן העמדל, און ניט אַזוי די געלע שיך, ווי יאַנקל אַליין, אַן אויסגעגלײַכטער, אַ שטאָלטנער, מיט אַ געמאָסטענעם שפּאַן און מיט אַ דרייסטן בליק אין זײַנע ברייט צעעפנטע אויגן. דאָס אַליין איז געווען גענוג, ער זאָל אַרומגעוואַקסן ווערן מיט אָן אַ שיר געשיכטעס, איינע שענער פון דער אַנדערער און איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. באַזונדערס, ווען ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זעלטענער דערציילער, ווי פּישל שוסטער, וואָס קאָן עטלעכע מעסלעסן אָפּלעבן אָן אַ פּיצל ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער, אַבי ער זאָל האָבן וועגן וואָס צו דערציילן און דער אוילעם זאָל ווילן הערן.

יאַנקל אַליין האָט פּאַשעט ניט געהאַט ווען צו דערציילן. ער האָט געדאַרפט פּינקטלעך אויספּילן דאָס, וואָס טימאָפּיי איוואַנאָוויטש האָט אים אָנגעזאָגט און דאָס, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַלע אַרבעטער־בריגאַדעס פאַרן אַרויספאָרן אין די קאָלווירטן. זיי דאַרפן מיטהעלפן אָפּרעמאָנטירן דעם אינווענטאַר, זען, אַז בײַ יעדער קאָלווירטניק זאָל זײַן אַלץ, וואָס מע דאַרף צום שניט — אַ ווילע, אַ האַרבליע, זעק און אַנדערע קלייניקײַטן. און דערצי־

קער — פאַרזיכערן אַ פעסטע אַרבעט־דיסציפּלין אַף אַלע באַצירקן. זיי פאָרן דאָך ווי פאָר־שטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס און דאַרפן באַרעכטיקן דעם הויכן נאָמען!

ער, יאַנקל, דער פאָרשטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס!

ער כאַפּט זיך אויף אַ גרויסן פאַרטאָג, גאַנוועט זיך אַרויס פון דער שטוב שטיל־שטיל, ער זאָל ניט אופוועקן יענטלען פאַר דער צײַט, שטעלט זיך אַוועק לעבן נידעריקן פּלויטל פון שיטערע ברעטער און נעמט באַקוקן דעם אייגענעם הויף, אַף וועלכן עס מרוקעט פון שלאָף די קו, די ברייטע גאַס פונעם יִשעוו, וואָס האָט ניט באַוויזן פאַר דער נאַכט אויס־עטעמען ביזן סאָף די נעכטיקע היץ, און פּרוּווט דאָס אַלץ באַטראַכטן אַף זײַן אייגענעם, ניט אינגאַנצן געוויינלעכן אויפן. זינט יענער נאַכט, ווען ער איז אַפּגעזעסן מיטן ברודערל אַף דער שוועל פונעם זיבעצעטן באַראַק און אַרויסגעצויגן פון דער פאַרשווונדענער צײַט איין געשעעניש נאָך דער אַנדערער, האָט ער באַקומען אַ דורשט צו פאַרשיידענע טראַכטענישן. אַמאָל ווערט אים דערפון היימלעך און וואַרעם, אַמאָל באַשלאָגט אים אַ היץ, און אָפטמאָל ווערט אים אומדערטרעגלעך גרויליק. נאָר אָן די טראַכטענישן קאָן ער שוין ניט. איצט האָט ער געמוזט פאַר זיך פּינקטלעך אויסרעכענען די צײַט פונעם פאַריקן זומער. ווען ער איז געקומען אַהער, וואָס האָט ער דאָ באַוויזן אָפּטאָן און ווען איז ער פונדאַנען אַוועק. אַלץ מאָלט זיך אים, אַז געשען אַזוי לאַנג, אַז עס מישן זיך צונויף די דושנע נעכט פונעם פאַריקן זומער און דעם ענגן באַראַק, מיט יענע ווײַטע ווינטערדיקע נעכט, ווען ער און דער הינקענדיקער הונט פאַלקאָן האָבן איינעם געהונגערט און געפרוירן. און יענטל אַליין אויך. יענע פאַראַ־יאָריקע יענטל און אַלץ וואָס איז געווען צווישן זיי, דוכט זיך אים, ווי אַ ווײַטער, ווײַטער כאַלעם.

שטייט ער און באַקוקט דעם יִשעוו, וואָס דאַרף אַפּסניי אופלעבן אין זײַן זיקאָרן, ווי זייער לאַנג אָפּגעבראָנט שטעטל, ווי זײַנע אומגעקומענע עלטערן, ווי זייערע אַמאָליקע שכיי־נים, מיט זייערע נעמען און צונעמען, מיט אַלץ זייער קאַפּויערדיקן און אומגלייבלעכן. נאָר יענץ איז אָפּגעבראָנט, פאַרניכטעט, אומגעקומען, און דער יִשעוו איז דאָ, דער סטעפּ איז אויך דאָ און יענטל אויך. און אַלץ אַרום, באַ וואָס ער און יענטל האָבן פאַריקן זומער אַזוי שווער געהאָרעוועט און שטומערהייט איבערגעלעבט יעדערער פאַר זיך, יעדערער אַף זײַן אויפן, ווי צוויי ביז גאָר פרעמדע מענטשן, איז אויך דאָ.

ער שטייט לעבן פּלויט, טוט אַלעמאָל אַ פּיר מיט דער האַנט איבערן ריין־אויסגעגאָלטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אַפּסניי געדאַרפט זיך איבערצײַגן, אַז אַלץ איז טאַקע געווען אַזוי, ווי ער מאָלט זיך, נאָר אַלץ איז שוין פאַרבײַ. אָט דער ריין אויסגעגאָלטער קאָפּ, וואָס איז ניט נאָר פונדרויסן, נאָר, ווי טימאָפיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, אויך פון אינווייניק געוואָרן לויטערער. און יענטל... דער איקער טאַקע יענטל. ווי האָט זי עס נעכטן געזאָגט? ניין, געזאָגט האָט זי גאָרניט, זי האָט בלויז אַרויסגענומען פונעם שאַפּקעלע דאָס פּאַפּירל, אַף וועלכן ער האָט יענע נאַכט אָנגעדראַפּעט די עטלעכע ווערטער און אים דערלאַנגט:

— נאַ, לייען כאָטש איבער, וואָס דו האָסט יענע נאַכט אָנגעשריבן.

איז ער געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט. אים האָט זיך מער פון אַלץ געדוכט, אַז יענע נאַכט איז אַוודע געווען זייער לאַנג. ווי זשע האָט עס יענטל אַזויפיל יאָרן געקאָנט אָפּהיטן אַזאַ שטיקל פּאַפּיר. קוקט ער זיך אײַן אין די קרומע שורעס, פּינטלט מיט די אויגן, זשמורעט זיי צונויף מיט ווייטעק און ס'איז אים אַליין אַ כידעש. ס'איז אים שווער צו גלייבן, אַז דאָס האָט ער טאַקע אָנגעשריבן די ווערטער. ער פּילט בלויז, ווי עס פּלאַמט דאָס פּאָנעם, ווי אין האַלדז הייבט אָן צו וואַרגן. איז גוט, וואָס יענטל... אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן ריין אויסגעגאָלטן קאָפּ און שטיל אַרויסגערעדט:

— אוי, דורען, דורען...

אין דער מינוט, וואָס ווערט זיך אים שטענדיק מאָלן, ווי איינע פון די שווערסטע און גליקלעכסטע מינוטן אין זײַן לעבן, האָט דער „דורען, דורען" אַ קלונג געטאָן פאַר אים, ווי דאָס סאַמע שענסטע לידעלע. האָט ער אָפּגעענטפערט אַ דערפרייטער, אַ דערמונטערטער, מיט אַ פּײַכטן גלאַנץ אין די אויגן.

— יאָ, מיר זײַנען ביידע געווען נאַריש.

— אוי, ווי נאַריש, — האָט יענטל איבערגעכאַזערט און איר האַסקאָמע איז געווען פאַר אים דער גרעסטער לוין פאַר אַלץ.

נאָך די ראַשיקע באַגינענס אַפּן דניעפּראַבוי, נאָך דעם פאַרטויבנדיקן טומל אַרום די באַראַקעס, די בעכיפּאַזנדיקע פרישטיקן אין דער גאַרקיך און די יאָגענישן אַף דער אַרבעט, האָט די היגע שטילקײַט אים אויסגעזען ביז גאָר אומגעוויינלעך, גלײַך ער זעט דאָס און פּילט דאָס צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַ פריִער און שטילער באַגינען, וואָס ניט ער וועקט, נאָר

קאָן אפסניי איינשלעפערן. דער טאָג קומט אָן ניט געיילט, פּאַרזיכטיק, און מע זעט מאַמעש, ווי ער גייט אַף די שפּיץ פינגער, ער זאָל ניט אופוועקן עמעצן פאַר דער צייט. עס מאַלע־גיירעט שלעפעריק די זאַטע קו אַפן הויף און טוט אַלעמאָל א טיפן זיפץ פול מיט בעהיימישן טייַנעג, ערגעץ כראַמטשען פערד, וואָס מע האָט אַרויסגעפירט אַף נאַכט אין סטעפּ. די וואָלקנ־דלעך אַפן הימל דרעמלען אויך אַזוי, ווי זיי וואָלטן באַוויזן צו זאַט אָנפּאַשען זיך, ליגן איינגענורעט די קעפּ און פאַרבויגן אונטער זיך די באַרוועסע פיסלעך. עס גלאַנצט בלענדנ־דיק דאָס באַטויעטע גראָז און עס שמעקט, עס שמעקט ביז קאַפּדרייעניש, ביז האַרצפּלאַטער־ניש... מיט וואָס, מיט וואָס קאָן עס אַזוי שמעקן דער סטעפּ?

דעם גאַנצן פּאַראַיאַריקן זומער, ווען ער האָט דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, איז ער געווען אַזוי פאַרהאַרעוועט, פאַריאָגט און דערשלאָגן, אַז ער האָט ניט געהאַט ווען אַרומקוקן זיך און ווען א טראַכט טאָן. ער האָט דאַן ביכלאַל ניט געוווּסט, וואָס הייסט טראַכטן. איז די וועלט פאַר אים געווען ווי איין אויסגוס, און אַלץ האָט געשמעקט פאַר אים אַלצייגס, געשמעקט בלויז מיט דעם, וואָס עס פילט שטענדיק א הונגעריקע בריָע. איז ער איצט געשטאַנען, באַ־קוקט דעם וווּנדער פון א געוויינלעכן באַגינען, דורשטיק געשלונגען די רייכעס, וואָס ער האָט אין לעבן ניט געפּילט, און ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס האָבן אים פּלוצעם זיך גע־שטעלט טרערן אין די אויגן. צי פון די ביטערע דערמאָנונגען, צי פונעם געדאַנק, אַז אָט גייט ער שוין אַרום איבער דער וועלט העכער צוואַנציק יאָר און ערשט היינט באַמערקט, ווי שיין זי איז.

און עפּשער זיינען די טרערן געקומען איבער אַנדערע סיבעס, און דער טאַם זייערער איז אויך געווען אַן אַנדערער. ער האָט זיך דערמאָנט דעם נעכטיקן אָוונט, ווי זיי האָבן שטיל אונטערגעשושקעט זיך אין זייער אַלקערל, דאָס קלענערע ברודערל, שמערעלע, זאָל ניט דערהערן. אין אַלקערל איז געווען שטאַרק טונקל; דאָס פענצטערל איז געווען צו קליין, עס זאָל אַריינלאָזן אַהער אביסל איבעריקע שיין פון דער ווייטער לעוואָנע, דאָס שמאָלע בעטל איז שוין געווען פאַרבעט, און פון די ווייסע ציכעלעך, פונעם ליילעך, וואָס איז קימאַט א גאַנץ יאָר געלעגן אויסגעפּרעסט אינעם שאַפּקעלע, האָט געשמעקט מיט אַזא אויסגעבענקטער ציכטיקייט און היימלעכקייט, אַז באַ יאַנקלען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. נאָר אויסטאָן זיך האָט באַ אים קיין מוט ניט געסטייעט. ניט באַ אים און ניט באַ איר. נאָך אַלעמען, נאָך דעם, וואָס ביידע האָבן אַזויפיל איבערגעלעבט, זיך אָנגעליטן און אָנגעבענקט פאַר די לאַנ־גע, אומבאַגרייפלעך לאַנגע כאַדאָשים, האָט זיך ביידן געדוכט, אַז זיי האַלטן ערשט באַם סאַמע אָנהייב און דאַרפן א טראַכט טאָן, וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. באַ ביידן איז געווען א געפיל, אַז אַלץ, וואָס איז געשען מיט זיי פאַריקן זומער, איז געשען אויסער זייער ווילן און קעגן זייער ווילן. און ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז געווען אין דעם אומווירדיקס, ניט מענטשלעכס. שטייען זיי איצט איינער קעגן אַנדערן, ווי כאַסן־קאַלע באַיס זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט און ציטערן פאַר שרעק, עס זאָל ניט געזאָגט ווערן אַזוינס, דער שידעך זאָל זיך ניט צעפאַלן. זיי זיינען געשטאַנען, באַקוקט איינער דעם אַנדערן באַ דער קנאַפּער שיין פון דער ווייטער לעוואָנע און קוים איינגעהאַלטן די פּלאַטערניש. יענטלען איז דערבײַ דורכ־געלאָפן א געדאַנק, אַז ס'איז גאָר ניט דער יאַנקל, ער איז מיט גאָרניש ניט ענלעך אַפן פּאַראַיאַריקן, און דער געפיל פון פרעמדקייט האָט געשראָקן און אָפּגעשטויסן. מעגלעך, אַז טאַקע קעדיי איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז דער זעלבער יאַנקל, האָט יענטל אַרויסגעשעפּ־טשעט:

— ווו ביסטו געווען בייס דער זאַווערוכע?

— וועלכע זאַווערוכע? — וווּנדערט זיך יאַנקל.

— וואָס הייסט וועלכע? — יענטל צוימט די שטים, די ווערטער זאָלן זיך ניט אַרויסרייסן מיט קיין גוואַלד. — דריי טעג מיט דריי נעכט האָט געזאַווערוכעוועט. ס'האָט פאַרשאָטן אַלע הייזער. און איך בין אַלע מאָל געלאָפן פון דער שטאַל אַהיים און געשריגן אין דער וועלט אַריין: „יאַנקל, ווו ביסטו ערגעץ, יאַנקלי?". מיר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז דו בלאָנדזשעסט אַרום איבערן סטעפּ און קאָנסט, כאַלילע, פאַרפרוירן ווערן.

— נו?

— דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס יאַנקל האָט געקאָנט אַרויסריידן. אים האָט אויך זיך געוואָלט שרייען, גוואַלדעווען.

— וואָס „נו, וואָס נו?" — באַ יענטלען איז דאָס א מין נאָכקרימעניש. א שטיקעלע כויזעק. — איך בין אַלע מאָל געלאָפן אַהיים, אונטערגעוואַרעמט די מילך און אופגעזאָטן א טאָפּ מיט אַקרעפּ. טאָמער טראָגט עס דיך אָן.

גיי ווייס, ווי עס רעדן צווישן זיך כאַסן־קאַלע, וועלכע ווערטער זאָגן זיי איינער דעם אַנדערן און וואָס מאַכט זיי אַזוי היימיש, אייגן, ליב... ער וועט דערנאָך ניט איין מאָל שפּעטן איבער זיך, נאָר גראָד יענטלס נאָכקרימען זיך האָט אים איבערצײַגט, אַז ער איז אָך אַן עמעצן בא זיך אינדערהיים. און יענטל אַליין... צום ערשטן מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט, פֿאַר דעם שווערן, לײַדנספֿולן יאָר נאָך זייער לעפּישער כאַסענע... פֿונוואַנען זשע נעמט ער זיך, דער געפֿיל פֿון לײַבלעך־אייגנס, אַזוינס, וואָס איז טײַערער פֿונעם לעבן? זיי האָבן ביידע דערפֿילט דאָס זעלבע, ביידע געוועןפֿאַרכאַפּט מיט אָט דעם וווּנדערבאַרן געפֿיל, דערפֿון זײַנען עפּשער געקומען ווערטער, וואָס האָבן דערנאָך יאַנקלען אַליין אויסגעזען ניט אײַנ־גאַנצן נאַטירלעך. ביז איצט האָט ער אַפֿילע ניט געוווּסט, צי עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער אָך דער וועלט.

— איך בין געגאַנגען צו דיר, יענטל...— האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, שושקענדיק און צוגעפּאַלן מיט די ליפּן צו איר פֿאַרהוילטן אַקסל.— איך בין די גאַנצע צײַט געגאַנגען צו דיר. דורך אַלע שנייען, פֿרעסט און זאַווערוכעס. אוי, זאָלסט געוווּסט זען, וואָס אין קאַטלאַ־וואַן האָט זיך אָפּגעטאָן בייס יענער זאַווערוכע. ס'איז דען צו פֿאַרגלײַכן? טױזנטער מענטשן!

און יענטל, פֿירנדיק מיט דער האַנט איבער זײַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, אָף וועלכן די דריבנע הערלעך האָבן אַביסל געשטאָכן און אַביסל געקיצלט, האָט כליפּענדיק איבערגעכאַזערט:

— אוי, דורען, דורען...

שטייט ער, יאַנקל, לעבן נידעריקן פּלויט, באַקוקט די נאָך פֿאַרשלאָפֿענע גאַס, קוקט זיך אײַן אין דעם, וואָס ער האָט ביז איצט ניט באַמערקט, הערט זיך אײַן אין דעם, וואָס ער האָט ביז איצט ניט געהערט און אין די אויערן האַלטן אין איין קלינגען יענטלס ווערטער:

— אוי, דורען, דורען.

— אוי, דורען, דורען.

זיי קלינגען ווי אַ שיין לידעלע, וואָס טוט אַזוי אַ נעם באַם האַרצן, אַז ס'ווילט זיך אַזש וויינען. ער ווישט אויס מיט דער האַנט דאָס רעכטע אויג, דערנאָך דאָס לינקע און טוט אַ פֿיר מיטן צונג איבער די ליפּן.

די ערשטע שטראַלן פֿון דער אָנקומענדיקער זון האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעוועקט אַלץ דאָס לעבעדיקע, און אַלץ האָט זיך צעפּײַפּט, צעהירזשעט, צעמרוקעט, צעגרילצט. די פֿערד, וואָס מע האָט געפֿירט פֿון דער באַנאַכטיקער פּאַשע, די קי, וואָס האָבן האַכנאָעדיק אָפּגעגעבן זייער מילך, די עפּקערדיקע גרילצערס צווישן די אָנגעגאָסענע זאַנגען, די שטילע טויבן אונטער די סטריכעס און די טומלענדיקע שפּערעלעך אָף די דעכער.

ער איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט מיטן אײַנקוקן זיך און אײַנהערן זיך, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי יענטל האָט אָנגעהויבן פּאָרען זיך אָפן הויף. יענטל האָט זיך אירע סימאָנים און אירע אייגענע וועקערס. אַזאַ דריבנע פּלאַטערל, וואָס רײַסט זי אַרויס פֿון שלאָף, ווען די נאַכט אַליין האָט נאָך ניט באַוויזן אויסשלאָפֿן זיך. זי דאַרף זייער אַ סאַך באַווײַזן פֿאַר די יאָגנדיקע מינוטן פֿון פֿריִען באַגינען. זי דאַרף אָנפּויען און אויסמעלקן די אייגענע קו און קומען אָף דער פֿערמע די ערשטע. זי איז דאָך די עלטסטע מעלקערן און טאָר קיינמאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן.

— זע,— האָט ער אַרויסגערעדט אַ דערשטוינטער און אַ שמייכלענדיקער,— דו ביסט שוין דאָ?

— ווו דען זאָל איך זײַן?— האָט יענטל אָפּגעענטפֿערט פּונקט מיט אַזאַ שמייכל. דער שמייכל האָט זיך געהאַלטן אָף זייערע פּנעמער און אין זיי, ווען יענטל האָט אַוועקגע־שטעלט אָפן טיש אַ קריגל וואַרעמע מילך, אָנגעגאָסן אין די גלעזער, אָנגעשניטן עטלעכע ריפּטלעך ברויט, און ווען אַלע דרײַ האָבן זיך גענומען פֿאַרן פֿריִען פֿרישטיק. זיי האָבן גע־זופּט די מילך און געשמייכלט, אָפּגעביסן אַ שטיקל ברויט און ווידער געשמייכלט, און צע־לאַכט זיך אָפן פּולן קאָל, ווען שמערעלע, שוין אויך אַ באָכער פֿון אַ יאָר אַכצן, האָט פֿאַר־גאַפֿט באַקוקט יענטלען, וואָס פּראַוועט אַזוי געניט באַם טיש, און זיך אָנגערופֿן.

— האָב איך טאַקע אַן עמעסדיקע, אַ לעבעדיקע שוועגערן?

דער שמייכל האָט זיך געהאַלטן אָף זייערע פּנעמער אויך דאַן, ווען זיי זײַנען אַרויס אָף דער גאַס און אַוועק צום קאָלווירטישן הויף. יענטל האָט געוואָרפֿן פֿריילעכע, גאַדלעס־דיקע בליקן צו יעדן פּלויט, לעבן וועלכן זי האָט עמעצן באַמערקט, זײַענדיק זיכער, אַז אויך פֿון יעדן פֿענצטער, פֿון אונטער די קורצע פֿאָרהענגלעך קוקט מען אַרויס אָף זיי.

צווישן די שנײַד־מאַשינעס און ווייעלקעס, דרעש־שטיינער און אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס דאָס האָט געהייסן דריבנע אינווענטאַר, און וואָס איז געווען ניט ווייניקער נייטיק פֿאַרן שניט, האָט יאַנקל זיך געפֿילט ניט ווי קיין גאַסט, ניט ווי קיין צוגעשיקטער, נאָר ווי בא זיך

אינדערהיים. ער האָט ניט וויניקער פונעם היגן אוילעם געהאַט צו טאָן מיט דעם פּאַריקן זומער, און יעדער שרײַפּעלע, יעדער רעדעלע האָט זיך אים אײַנגעקריצט אין מויעך מיט זײַן באַזונדערן גריליק און מיט זײַן באַזונדערן סקריפּ. און אַוודע האָט ער נאָך פאַראַיאָרן געמוזט וויסן מער פון אַנדערע, ווו צודרייען און ווו אָפּדרייען און וואָס קוועטשט מער אָף די אַלע מאַשינעריעס, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל. אײַזיק האָט דאָך מיט אַלע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צום סטעפּ, מיטן זייען און מיטן שנײַדן, מיטן פאַליען און מיטן דרעשן זיך פאַרלאָזט אָף אים, און ער האָט געמוזט אַלץ וויסן און אַלץ קאָנען. איז דאָס געווען אים גוט באַקענט און ער איז גלײַך געוואָרן די צווייטע האַנט בא ייִסראָעל דעם סטעלמאַך, וואָס איז געווען אויך אַ שטיקל שמיד. יאַנקל האָט מיט דער זעלבער געניטקייט געאַרבעט מיטן האַמער, מיט דער האַק, מיט דער זעג און מיט פאַרשיידענע שליסלען, גרינג זיך ספּראַוועט מיט אַלע צודרייענישן און אָפּדרייענישן. נאָר דעם היגן אוילעם האָט געכידעשט יאַנקל אַליין, וואָס איז פאַר אַ קורצער צײַט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער: מענערישער, ערנסטער, סאָלידער. האָט יעדערן זיך געוואָלט אַ קוק טאָן אָף יאַנקלען אַליין און אָף זײַן אַרבעט. דערצו האָבן אַלע געדאַרפט באַקוקן דאָס געפּונענע ברודערל שמערעלען, וואָס האָט פאַרכאַפּט און געכידעשט יעדערן ניט וויניקער, ווי יענע האַלב־פאַרפרוירענע דראַכווע, וואָס האָט זיך באַוויזן אָפן פאַרשנייטן ייִשעוו נאָך דער זאַווערוכע. און, צי יאָ געדאַרפט, צי ניט, איז אַלע מאָל עמעצער צוגעקומען צום פלאַץ, ווו עס איז געווען אויסגעשטעלט דער אינווענטאַר, אַרום וועלכן עס האָט זיך געפּאָרעט ייִסראָעל מיט זײַנע באַהעלפער.

— אַ גרוס דעם אַרבעטער־קלאַס! — שרײַט אויס סימכע מיט זײַן הייזעריקער שטים, און אַלע דאַרפן דאָס אופנעמען, ווי אַ נײַעם וויץ.

— ראַבאָטשי קלאַס! — זינגט אַרויס פּישל און דאָס דאַרף אָפּוואַרפן די צווייטײַטיקײַט פון סימכעס וויץ.

כאַים־בער, וואָס כאַפּט אָפּ דעם שאַכריס אין גאַנג, שפּאַנענדיק צו זײַן פּורל, אָף וועלכן ער דאַרף אָפּפירן די מילך צו דער מאַלאָטשאַרקע, האָט זיך זײַן אייגענעם שפּאַס, וואָס דאַרף אַרײַנעמען אין זיך סימכעס וויץ און פּישלס אַנציקונג. באַקוקנדיק, ווי יאַנקל אָרודוועט אַזוי געניט מיט די שליסלען און מיט די האַמערס, רעדט ער אַרויס פאַר זיך אַליין:

— ניטאָ אין דער וועלט קיין זאַך, וואָס דער מענטש זאָל ניט קאָנען דערגרייכן. אַבי ער האָט אַ קאָפּ אָף די פּלייצעס.

ער טוט דערבײַ אַ פּאָכע מיטן בײַטשל אַזוי, אַז דאָס דינע בײַטש־שטעקל בייגט זיך אײַן אין אַ האַלבן קרײַז און דאָס דאַרף הייסן: אויב ער, אַ געוועזענער מעלאַמעד, האָט געקאָנט אויסלערנען זיך האָבן צו טאָן מיט די פערד, איז וואָס איז דער כידעש?

אײַזיק איז אויך געקומען אַ קוק טאָן אָף יאַנקלען. ער אַליין וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם, נאָר פעסיע האָט אים רוען ניט געלאָזט. זאָל ער אַ קוק טאָן אָף אים און זאָל ער איר דערנאָך זאָגן. זי וואָלט אַליין צוגעגאַנגען, נאָר זי האָט געגעבן אַ שוווע, אַז איר פוס זאָל ניט זײַן אָפן קאָלווירטישן הויף. וואָסי שײַעך יאַנקלען, וויל זי זײַן פּאָנעם ניט אָנקוקן, זי וויל אַפילע זײַן נאָמען ניט הערן, נאָר זי וויל זייער וויסן, ווי זענען עס אויס די, וואָס ווערן פאַרפאַלן אָף אַ יאָר און גיבן זיך דערנאָך אַ יאַווע אַראָפּ. ווײַל אויב אַזאַ יאַנקל... ס'איז דען צו פאַרגלײַכן? זייער מירל! אַזאַ געלערנטע און אַזאַ קראַסאַוויצע!

באַ אײַזיקן אַליין איז דער כעזשבן געווען אַביסל אַן אַנדערער און ניט אַזאַ פּראָסטער. געווען אַ צײַט, ווען ער האָט געמיינט, אַז דאָס רעדל האָט זיך געטאָן אָף צוריק און אײַנגיכן וועט ער מיט צעבעלמאַנען ווידער זיך נעמען פאַר זייערע געשעפטן און דעקן דעם העזעק, אין יענע צען פורלעך ווייץ האָט דאָך ער, אײַזיק, געהאַט אַ גרעסערן כיילעק ווי שימען דרייפוס. אַ כיטרע מענטשעלע, אָט דער שימען! ער האָט שטענדיק ליב פאָרן אָף יענעם רײַטנדיק און ניט איין מאָל אַפילע אָפּגעכוימלט אים, אײַזיקן, כאָטש ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן דער מענטש, וואָס זאָל אים קאָנען אָפּנאַרן. נאָר ער האָט אָפּאָנעם אַ טאָעס געהאַט, אײַזיק. פאַראַן גרעסערע קנאַקערס פון אים. ער האָט ביכלאַל אַ טאָעס געהאַט, אײנעם סאַמע איקער. דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן אַהין און אַהער, נאָר פונעם גאַנצן דרייעניש האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. האָט שוין מיכל מיט זײַן מעריון געמוזט אויקער זײַן. און שימען? ניין, שימען איז דערווײַל אינערגעץ ניט אַוועק, נאָר די צוויי באָנים זײַנע האָט ער ערגעץ אַריבערגעפּעקלט. איז דאָס שוין אַ גוטער סימען. דער היגער אוילעם נעמט זיך דערפון וויניק צום האַרצן.

פאָרזעצונג קומט

סימפּאָניע פונעם וועג

אַרײַנפיר: דאָס פינטעלע ליד

דער מענטש איז געפורעמט — א גליד צו א גליד,
אין אים איז באהאלטן דאָס פינטעלע ליד.

געגני צווישן קאָפּ און דעם הארץ, אינדערמיט —
א בערגעלע שניי מיטן פינטעלע ליד.

די זון טרעט ניט אָפּ און איז גוואלדיק צעגליט,
ס'צעגייט און צעשמעלצט זיך דאָס פינטעלע ליד.

דאָס בלוט קילט זיך אָפּ, און די הויט זיך פארציט —
קײַן זייכער, קײַן סליאד פון דעם פינטעלע ליד.

בלויז אויב אינעם הארצן וועסט געבן א שניט,
דאַן ווידער וועט אופגיין דאָס פינטעלע ליד.

דו זײַ ניט קיין קאמצן און זײַ ניט געהיט,
לאָז פינטלען, לאָז פינקלען דאָס פינטעלע ליד.

צום קאָפּ פון דעם הארצן א שורע זיך ציט —
סע שטעלט זיך אין גאַרגל דאָס פינטעלע ליד.

א פונקט, צי א קאָמע — איצט ארט עס אונדז ניט —
בארים זיך, פּאָעט, מיטן פינטעלע ליד.

ניט זאָג, אז ביסט מאט, און ניט זאָג, אז ביסט מיד,
שטעל אופּעט א בארג ארום פינטעלע ליד.

1. באלד

א אופּרײַס אין גאלאקטיקעס. א שטויס אין גאָר דער אלוועלט.
א איבערדרייעניש. א פײַער־פינצטערניש. די שטערן — שטויב און פונקען.
די טעפּעניש, די הייכעניש — צונויפגעמישט. און באלד וועט
געלאָזט ווערן דער זייגער פון דער צײַט. און שטאָף וועט זינקען.

און שטאָף אין שטאָף וועט זינקען...

אין אָט דעם טיפן טהאָם וועט זײַן מײַן וועלט,
און עפּשער וועט זי זײַן אין יענעם.
אין אָט דעם בראנד וועט מײַן גאניידן זײַן.
אין אָט דער לויטערקײַט — מײַן גענעם.

2. דערוואַרטונג

דו וועלט פון מענטשן מיט באָדן ווייכסטן, מיט פעלדזן האַרטסטע —
מיט ראַכוועס ברייטסטן, מיט ווינקלען נאָך וועמען בענקסטו, אַף וועמען וואַרטסטו?
ענגסטע —
אַף וועמען וואַרטסטו, נאָך וועמען בענקסטו? באַלד וועט ער אופשטיין
פון ערד פון דײַנער, פון דער אַדאָמע,
דו וועלט פון מענטשן אליין דיר אָנרופן זײַן נאָמען...

3. ליכט

דער ערשטער אָנזאָג: וועגן ליכט, איך בין פון דעם געריכט ביז טרערן.
די ערשטע דײַגע: ליכט זאָל ווערן. אָ, גרויסער גאָט, ווי וואָלט איך דאָ
איך האָב אַף דעם זיך ניט געריכט, געזעען אָן ליכט, אַז ביסט ניטאָ?

4. אין וועג

דער ציל איז מיר באַוווּסט,
און טאָמער ניט — איך פרעג.
דער וועג איז בא דעם פוס,
דער פוס איז אַפן וועג.

דרײַ מיליאָנען יאָר
מײַן שפור זיך ציט און ציט.
א דאָר קומט נאָך א דאָר,
און איך בין אַלץ ניט מיד.

איך שפאַן און שטיי ניט אָפּ,
אַט בין איך ווײַט, אַט נאָנט.

גלײַך ווי די זון, דעם קאָפּ
שפאַר אָן באַם האָריזאָנט.

דאָס גיין איז ניט קיין לוסט
און אויך ניט קיין געיעג.
דער וועג איז בא דעם פוס,
דער פוס איז אַפן וועג.

ס'האָט יעדער שפאַן א מיין,
און יעדער שפאַן איז נײַ.
כ'וועל מירצעשעם דערגיין
און גיין וועל אַפּדאָסנײַ.

5. אָנהייב

גלײַך פון דער אייביקײַט עס שלאָגט אַרויס דער קוואַל.
די שטאַמפּאַטערס געגליכן זײַנען צו די קאַלטע שקיִעס,
וואָס האָבן ניט קיין אייגן אָרט, נאָר זײַנען איבעראַל —
אָט לעשן זיי זיך אויס, אָט ברענען ווידער אָן מעניִעס.

זיי וועלן אייביק ברענען אין א יעדן דאָר.
צו זוכן לאַנג מײַן אָנהויב איך פאַרשפּאָר.

6. פ ר ו י

באַם ראַנד פון דײַנע וועלטן שטיין געבליבן בין איך,
ניט וויסנדיק ווו אײַן, ווו אויס. ווי קומט עס, פרוי,
דו זאָלסט אַליין צו מיר אַראָפּברענגען דעם ניט פאַרגינער,
כאָטש אופריכטיק דו זאָגסט, אַז האָסט מיך ליב אַזוי.

דערלאָפן בין איך קוים צו דײַנע גרינע וועלדער,
זיך אָפּגעשטעלט, דעם אָטעם איבערכאַפּן בא דעם ראַנד,
און מיטאמאָל דערפילט זיך פון א נאָזיר עלנטער,
כאַטש כ'בין דערלאָפן, בין דערגאַנגען, האָב דערשפּאַנט.

דער הימל שווײַגט. געהיימע שטערן שעמערירן.
אין דײַנע וועלטן וועל איך זיך פאַרלירן...

7. ד ע ר ' י נ ע ר י נ ג

איך בעט אײַך, רעב מאַלעך, שטעלט אָפּ זיך א ווײַלע
און טוט מיר א טױווע — זאָגט, ווו איז דער וועג.
צי כ'דאַרף צום געבוירן קיין ליובאַר זיך אײַלן,
צי ווערן געבוירן אין כמעלניק איך מעג.

זאָגט אונטער מיר, מאַלעך, ווי אויסקלײַבן עפּעס,
ווי גיין מיטן וועג, וואָס ניטאָ און פאַראַן —
צי פאָרן קײַן קרים צו די ייִדן אין סטעפּעס,
צי עפּשער אין טײַגע קיין ביראָבידזשאַן.

אוועלכע פײַנטלעכע פעסטונגען שטורעמען,
אין גרױזאַמע צײַטן זיך לאָזן וווהין —
גיין מיט מאַלינאָווסקין באַפרײַען מאַנדזשוריע?
בא זשוקאָוון דינען און גיין אָף בערלין?

דאָס אַלץ איז געווען שוין. רעב מאַלעך, א דאַנק.
עס וועט אײַער אײַצע מיר דינען אָף לאַנג.

8. ל אַ מ י ר

לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר טאָן די זאַך פאַרקערט.
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
גיין מעכאַדעש זײַן די ערד.

אָפּטאָן לאָמיר אַפּצולאָכעס
דעם געשריבענעם געבאָט.
לאָמיר זיך באַגיין אָן לוכעס,
קלאַל ניט אײַנפירן קיין גאָט.

לאָמיר אים ניט שאַפן פריזער,
ניט פאַרלייקענען דערנאָך

(שוין געהאַט געגוג פאַרפירער
אָף דער אַלטער ערד, אין טאָך).

און ווען גאָרנישט וועט ניט שטיקן
די נעשאָמע און דעם גוף,
ווילן מיר פון הימל שיקן
צו די מיטמענטשן א רוף:

לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
געבן אונדזער צײַט דאָס רעכט.
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
שענער לעבן אָף דער ערד!

9. ש אָ ל ע ם א ו ן ק י ע ם

טאָמיד דער מענטש איז אין וועג אָף זײַן ערד.
ס'רײַבט אים די פּלייצע א זעקל מיט קריוודע.
אומעטום זוכט ער דאָס מענטשלעכע רעכט —
שאָלעם און קיִעם.

נעסטעט זײַן גײַסט און זײַן מי און זײַן זעל
דאָ אָף א וואָלקן און דאָרט אָף א קריִע.

טאָמיד א טיקן ער זוכט פאַר דער וועלט —
שאָלעם און קיִעם.

נאָר צוליב דעם וועט דער מענטש אָף זײַן ערד
קיינעם ניט בעטן, פאַר קיינעם ניט קניִען.
אָפּנעמען וועט ער מיט קויעך זײַן רעכט —
שאָלעם און קיִעם.

10. קאָסמאָס

פון הימל איך קוק אף דער ערד...
געוויס וואָלט מײַן טײַערער רעבע
געפּאַסקנט: אזוינס איז ניט רעכט,
שעלוי קעדערעך האַטעווע.

ס׳איז אָבער בעפּיירעש אזוי,
און ריכטיק איז דאָס, וואָס עס דאַכט זיך:
די ערד פונדערווײַטנס איז בלוי,
דער הימל אין קאָסמאָס שווארץ איז.

ווען כ׳קוק פונעם הימל אראָפּ
מיט ליכטיקע אויגן גאַגאַרינס,
פאַרדרייט זיך פון גליק אזש דער קאָפּ,
אין האַרץ ווערט געמיטלעך און וואַרעם.

ס׳איז עפּעס אזוי, ווי איך וואָלט
פון קרוין צו די וואָרצלען געוואַקסן.
א קײַנעוודיק קינד — אונדזער וועלט,
איך נעם זי אַרום בײַ די אַקסלען.

און פּאַסקן, אז אַלץ איז פאַרקערט —
א מעסער איך האַלט בײַ דעם קלינגל.
קום, מענטש, פון דעם קאָסמאָס אַהער,
אין ענגען אין ערדישן ווינקל!

11. באַשטענדיקייט

גענוג שוין כקירען, פילאָסאָ׳פן,
אין ביכער דינע און פּילבענדיקע.
מײַן אָנהייב איז אין די אײן־סאָפן,
דערפאַר איך וועל זיך שוין ניט ענדיקן.

מײַן שטאַם כ׳האָב קיינמאָל ניט פאַרביטן,
פון שנאָרערײַ איך ווייס קיין ערגערס.
געשטראָפט איז דער, וואָס שטעקט אין מיטן,
געבענטשט איז דער, וואָס קומט פון ערגעץ.

12. יוגנט

איך גיי און איך גיי — אָט אַרויף, אָט אַראָפּ,
צו שפּיצן באַמי זיך דערלאַנגען.
יוגנט, לאָז מיך שוין אָפּ,
האַלט ניט מיט צוואַנגען.

מײַן גוף איז אוועק פון דעם גאָרטן שוין לאַנג,
לעם פּרוכטן־בוים זיצט די נעשאָמע
און פּירט א פאַרטרויליך געשפּרעך מיט דער שלאַנג,
מיט אָט דער פאַרפלוכטער כאַוואָמע.

איך לעב אף דעם פעלד, ווו א קאָפּ נאָך א קאָפּ
עס פאַלט אין די גרויסע גערانגלען.
יוגנט, לאָז מיך שוין אָפּ,
האַלט ניט מיט צוואַנגען.

עס גלייבט זיך שוין קוים, אז אזויפיל כ׳בין אַלט,
ווי אינעם פּאַפּיר איז פאַרצייכנט.
עס טרעפט, אז אף מיר קוקט דאָס אייגן געשטאַלט
און אזעסדיק זאָגט מיט א שמייכל:

יוגנט, האַלט מיך נאָך צו
א קלייניקע ווײַלע.
שטראָף ניט מיט רו,
לאָמיר ניט אײַלן.

נאָכוואָרט: היי!

אין ביידע הענט איך שופער איַין מיַין הויך געשריי:
היי!
היי!
היי!
אין אלע זיַיטן פון דער וועלט — היי!
צו אלע הערצער ווענדע איך זיך: — טוט א צאפּל!
זאָל דורכלויפן א פונק — פון הארץ ביז דעם שוואַרצאַפּל!

ס'איז ערעוו־מאַרגן. היי, ס'איז ערעוו־מאַרגן!
די טעמפּלען זיַינען פול מיט קלאנג פון אָרגל.
אף לאָנקעס גייט דער שניט. אין פעלדער דויערט דער פּאַרזיי.
היי!
א שוימענדיקע כוואַליע, וואָס איז ברוינזנד,
אונדז טראָגט אוועק צום פאָלגנדן יאָרטויזנט.

אין ביידע הענט איך שופער איַין מיַין הויך געשריי:
היי!
היי!
היי!
די נייַע צען יאָרהונדערטער וועלן זיך שליסן,
און נאָך איין אָקעאַן פון טויזנט יאָר איבער דער ערד וועט זיך צעגיסן.

איך בין שוין גרייט.
דער מענטש איבערן לעבן גייט און גייט.

בוזי מילער

זיי דאַרפֿן וויסן

(נאָוועלע)

עזרע בענדעצקי מיט זײַן אַלטיטשקער האָבן געגעסן אָונטבערויט. זינט זיי זײַנען ביידע — פריִער זי און נאָכדעם ער — ארויס אף פענסיע, זינט די מיזינקע זייערע האָט דאָ נִיט לאַנג כאַסענע געהאַט און האָט, פונקט ווי די עלטערע צוויי טעכטער מיט זייערע מישפּאָכעס, טאַקע דאָ אין שטאָט געלעבט באַזונדער, זײַנען זיי געבליבן אַליין און פלעגן פרישטיקן, עסן מיטיק און וועטשערע אינעם קליינעם קיכל, ווּ עס איז ניטאָ, ווי זיי האָבן געזאָגט, ווּ זיך א דריי צו טאָן. נאָר פאַר די עלטערע לײַט איז עס געווען גענוג.

אויך איצט איז מען געזעסן באַם קליינעם טישל, א באַדעקטן מיט בלויען פלאַסטיק, און געגעסן. וואָס קאָן מען עסן, ביפראַט נאָך אינאָוונט, אַז מע איז באַלאָדן מיט קאָלעריי קרענק און מע מוז אָפּהיטן די דיִעטע? האָט מען פּוילבלעך געלייגט אין מויל צוביסלעך ווינעגרעט און פּאַרטרונקען מיט קעפיר.

עזרע האָט בלויז באַוויזן אָפּזופּן פון זײַן גלאָז, האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר.

ווער זאָל עס זײַן? עמעצער פון די קינדער, פון די אייניקלעך? א שכיינע?

עזרע איז אַוועק עפענען, אַוועק ווי ער איז געווען, אין איין מײַקע. טאָמער איז עס א שכיינע אָדער עמעצער א פרעמדער, האָט ער א טראַכט געטאָן, איז ניט באַקוועם אַזוי פאַר זיי זיך באַווײַזן. נאָר קעדיי ניט לאָזן לאַנג שטיין דעם, וואָס האָט געקלונגען, האָט ער באַלד געעפנט.

אף יענער זײַט טיר איז קיינער ניט געווען. ס'הייסט, עס זײַנען יאָ געשטאַנען עטלעכע קינדער, נאָר אף זיי האָט עזרע קיין אַכט ניט געלייגט. א גאַנצן טאָג לויפן דאָ אַפּ און אויף אַרום קינדער איבער די טרעפּ.

— איר ווייסט ניט, ווער האָט דאָ אַקאָרשט געקלונגען? — האָט עזרע א פרעג געטאָן.

— דאָס האָבן מיר געקלונגען.

— איר?

— יאָ.

עזרע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די כעוורע. צוויי מיידעלעך, ניט קיין גרויסע, און א ייִנגעלע, עטוואָס העכער פון זיי. ניט זעלטן טרעפט: פאַרבײַלויפנדיק, טוען ווײַסעכוורעניקעס א קלונג אין טיר און מע ווערט ניט... פאַרוואָס זשע זײַנען אָט די ניט אַנטלאָפן?

— וואָס זשע, איר האָט שוין קיין אַנדער אַרבעט ניט? — האָט עזרע א פרַעג געטאָן שטרענג.

— פאַרוואָס, — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל, — מיר טוען גראָד אַן אַרבעט.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט טוט איר?

— מיר זוכן וועטעראַנען.

— וועטעראַנען?

— יאָ.

— אַוועלכע?

— מילכאָמע־וועטעראַנען.

— צוליב וואָס?

— מיר דאַרפן מיט זיי שמועסן.

— און...

— און פאַרשרײַבן וואָס זיי דערציילן.

— צוליב וואָס פאַרשרײַבן?

גערעדט האָט די גאַנצע צײַט דאָס ייִנגל. ביידע מיידעלעך האָבן בלויז מיטן בליק באַשטעטיקט אַלץ, וואָס ער זאָגט. אף דער לעצטער פראַגע האָבן געענטפערט די מיידלעך. ביידע מיטאַמאָל:

— מיר זײַנען סליעדאָפּיטן.

— רויטע סליעדאָפּיטן, — האָט צוגעגעבן דאָס ייִנגל.

דער שמועס איז געפירט געוואָרן אַזוי: עזרע שטייט פון דער זײַט האַלבאָפענער טיר, די כעוורע — פון יענער זײַט.

דאָס ייִנגל:

— באַ אײַך אין דירע וווינט עפּשער אויך א מילכאָמע־וועטעראַן?

— ניין, ניטאָ דאָ קיין וועטעראַנען, — און עזרע האָט פאַרמאַכט די טיר.

— ווער איז עס געווען? — האָט א פרעג געטאָן די פרוי, ווען ער איז צוריק אַרײַן אין קיך.

— אייסעך...

— פאַרט?

— קינדער.

— וואָס האָבן זיי געוואָלט?

— זיי פרעגן זיך נאָך אַף וועטעראַנען.

— אַף וועלכע?

— אַף מילכאָמע־וועטעראַנען.

— וואָס זשע האָסטו זיי געענטפערט?

— ניטאָ דאָ, האָב איך זיי געזאָגט, קיין וועטעראַנען.

— און דו? — האָט מיט כידעש אַ קוק געטאָן אַף עזרען די פרוי. — און דו אַליין?

— איז וואָס?

— וואָלסטו מיט זיי אַ שמועס געטאָן. די קינדער דאַרפן דאָך עס צוליב עפּעס.

פּאַרטראַכטערהייט האָט עזרע צוגערירט זיך צום קעפיר, עטוואָס אָפּגעזופּט און צוריק אַוועקגעשטעלט די גלאָז.

— זיי דאַרפן גאָרניט וויסן, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס הייסט?

— גענוג, וואָס מיר וויסן. — און נאָך אַ קליינער פּויזע: — מיר וויסן שוין פאַר זיי אויך.

די פרוי האָט באַמערקט: מיט עפּעס האָט די באַגעגעניש באַ דער טיר אופגערודערט עזרען. ער איז אַוועק אין צווייטן צימער, זיך דאָרט אַ דריי געטאָן, צוגעגאַנגען צום טעלעוויזאָר, נאָר ניט איַינגעשלאָסן אים, ווי ער טוט עס געוויינלעך, געזאָגט:

— כ׳וועל זיך דורכגיין אַ ביסל.

— נו־נו, — האָט געענטפערט די פרוי. — גיי זיך דורך.

איבער דער טונקעלער אָוונטיקער גאַס האָט עזרע לאַנג געשפּאַנט, נאָר געזען האָט ער זיך ניט דאָ, אין דער שטאָט, וווּ ער וווינט שוין אַ סאַך יאָרן, נאָר גאָר ווייַט פונדאַנען — ווייַט אין רוים און אין צייַט.

...די ביינער האָט דורכגענומען אַ קרירע. אין שניי איַינגעגראָבן איז מען געלעגן אין ווייַסע מאַסקכאַלאַטן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט און ס׳איז געוואָרן הייס... ער האָט אָן אופהער געשטעפּט פון זייַן קוילנוואַרפער. באַ דער זייַט — פלעשער מיט ברענשטאָף. יענע פלעשער האָט מען געשלייַדערט אין די פייַנטלעכע טאַנקען...

שפּעטער, ווען ער איז אַ פאַרוווּנדעטער געלעגן אין שפּיטאָלן, איז צו אים דערגאַנגען: דאָרט, הינטער מאָסקווע, האָט דער סוינע געכאַפּט אַ רעכטן קלאַפּ.

דערנאָך — אַ סאַרפּענדיקער זומער באַם דאָן. אַ הייסער שטויב האָט געבלענדט די אויגן, געקריצט אַף די ציין. אונדזערע טיילן זייַנען אָפּגעטראָטן. דער סוינע האָט זיך געריסן צו סטאַלינגראַד. ניט געמיינט האָט עזרע פון יענעם גענעם אַרויסצוגיין אַ לעבעדיקער, נאָר — אַרויס. שפּעטער — באַם קורסקער בויגן. דאָרט האָט ער מיט זייַן קעגנטאַנק־ביקס אונטערגעקלאַפּט דרייַ פייַנטלעכע טאַנקען. ווייַטער איז עס אַוועק שוין פריילעכער — איינער נאָכן אַנדערן האָבן גענומען הילכן סאַליוטן לעקאָוועד אונדזערע באַפרייַטע שטעט. דערנאָך — די גרענעץ...

ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן: אין אַ דייַטשישער שטאָט האָט מען געטראָפן אַ לאַגער, וואָס די היטלעראָווצעס האָבן ניט באַוויזן צו פאַרניכטן. ניט קיין מענטשן — סקעלעטן. אין געשטרייַפטע קליידער — סקעלעטן. ניט צו דערקענען ווו מאַנצל, ווו פרוי... בלויז די אויגן האָבן געפלאַקערט: טאַקע? האָט טאַקע געגומען אַ סאָף? יעדן סאָוועטישן סאָלדאַט האָט מען געקושט, אַף קאָלערליי לעשוינעס געדאַנקט.

עזרע זעט, ווי אָט ערשט קומט עס פאָר: אַף אים איז אַרופגעפאַלן אַן אויסגעדייוועטע זקיינע, די קורץ געשוירענע האָר — אַש. זי האָט זיך פאַרכלינעט מיט טרערן און מיט ווערטער, וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען... אַ נייַנצניאָריק מיידל איז עס געווען, אַ ייִדיש מיידל פון סאָלאָניקי. אַלע אירע אייגענע זייַנען דאָ אומגעקומען. זי איינע האָט זיך דערוואַרט אַף די באַפרייַער...

בערלין. אָט ווו אומקומען האָט זיך ניט געוואָלט... נאָר וויפל זייַנען נאָך אומגעקומען אין בערלין. נאָכדעם אין פּראָג. דאָ האָט עס אים אויך פאַרוווּנדעט, צום דריטן מאָל פאַר דער מילכאָמע, און שווער. אַ האַלב יאָר איז ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָלן.

פּאַמעלעך האָט עזרע בענדעצקי געשפּאַנט איבער דער אָוונטיקער גאַס. לאַנג פאַרלאָפענע שלאַכטן האָבן פון אַלע זייַטן אים געהילכט אין די אויערן...

שוין פון לאַנג האָט ער דאָס אַלץ בוילעט זיך ניט דערמאָנט. הייַנט האָבן עס אַרויסגערופן באַ אים דאָס ייִנגל מיט די צוויי מיידלעך. וועטעראַנען זוכן זיי... אַ קוים מערקבאַרער שמייכל האָט אַ ריר געטאָן עזרעס ליפּן, — סליעדאָפּיטן... וואָס זאָגסטו אַף זיי?

פאַרוואָס האָט ער אָבער פאַרמאַכט פאַר די כעוורע די טיר? געטאָן האָט ער עס קימאַט ווי אומבאַטראַכט, נאָר זייַנע טייַמים דערצו האָט ער געהאַט, און פאַר זיך אַליין האָט ער איצטער אין געדאַנק זיי איבערגעכאַזערט. ערשטנס: וואָס וועט ער זיך שטעלן דערציילן אָט די קינדער וועגן יענער שרעקלעכער צייַט — וואָס וועלן זיי פאַרשטיין? צווייטנס: צוליב וואָס דאַרפן זיי עס? צוליב וואָס? דריטנס: אויב שוין יאָ דערציילן, דאַרפן עס טאָן מענטשן, וועלכע זייַנען באַגאַנגען אַ בעעמעס גרויסע העלדישקייַט, אַזאַ, וואָס עס איז ווערט, מע זאָל זי פאַרשרייַבן אין דער געשיכטע. און ער? ער האָט אַף דער מילכאָמע בלויז ערלעך געטאָן זייַן זאַך. וווּהין געשיקט — געגאַנגען, וואָס מע האָט באַפוילן — געטאָן. ניט מער. אַזעלכע, ווי ער, זייַנען געווען מיליאָנען.

פאָרגעקומען איז עס אַ פּאָר וואָכן פאַרן יאָמטעוו פון זיג.

און אָט איז געקומען דער יאָמטעוו.

דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן אַ לויטערער. די נאַטור אַליין האָט ווי אַ סטאַרע געטאָן זיך, אַז דער הימל זאָל זייַן נאָך אַ קאַפּעלע בלויער, און די ערד נאָך אַ קאַפּעלע גרינער, איידער אין אַנדערע טעג. און די מענטשן...

קיין איין אלטער מאן, קיין איין קינד זײַנען דאכט זיך, אין שטוב ניט פארבליבן. אופגעלייגטע, אויסגעפוצטע, צעשטראלטע, איז מען זיך צונויפגעקומען אהער, צום בלענדיק ווײַסן אבעליסק, וואס איז געשטאנען דא, אין צענטער שטאט, צום אנדענק פון די אומגעקומענע. מיטן גאלד פון די אויסיעס האט זויבער גע־בלענדט דער אבעליסק. די הימלשע בלויקײַט, ווי די אייביקײַט, האט געשטראמט איבער אים מיט רויכיקע וואלקנדלעך אין דער מיט.

אף די טרעפ באם אבעליסק זײַנען געשטאנען קינדער, די הענט פארהויבן אין א פּיאנערישן סאליוט, און דער ווינט האט געשפילט מיט די שפיצן פון זייערע האלדזטוכן.

פון דער רעכטער זײַט פונעם אבעליסק זײַנען געשטאנען מילכאמע־וועטעראנען. די זון האט זיך געשפיגלט אינעם זילבער פון זייערע האר, אין זייערע ארדענס און מעדאלן. לינקס האט זיך דערהויבן אן אימפּראוויזירטע טריבונע. איינער נאכן אנדערן זײַנען אף איר ארופגעגאנגען רעדנער.

עס האבן געשפּילט ארקעסטערס, געהילכט לידער.

אף אלץ און אלעמען האט גערוט דער אפּשײַן פון יענעם שוין ווײַטן טאג, ווען די גאנצע וועלט האט, ווי איין מענטש, פריידיק איבערגעכאפּט דעם אטעם: אויס! מילכאמע — אויס! שאלעם...

דער מיטינג האט זיך פארענדיקט. עזרע בענדעצקי האט גענומען זיך דורכשלאגן א וועג צווישן אוילעם. ערגעץ האט ער דא פארלוירן זײַן אלטיטשקע מיט די טעכטער. דעם וועג האט פּלוצעם אים פארשטעלט א ייִנגל. יענער האט ניט אראפּגענומען פון אים א פארכידעשטן בליק.

בענדעצקי האט זיך אופגעשטעלט.

— וואס קוקסטו אף מיר אזוי?

— אזויפיל ארדענס באַ איַד! און מעדאלן!

— באַ מיר איינעם? זע, וואס עס טוט זיך ארום...

— זײַנען זיי דאך אלע — וועטעראנען, האט געזאגט דאס ייִנגל.

— און איר?

— איר זײַט דען אויך א וועטעראן?

בענדעצקי האט זיך אנגעבויגן:

— שא נאר... ביסטו ניט יענער באכערעץ, וואס האט געקלונגען צו מיר אין טיר?

— יענער.

— האסט זיך נאכגעפרעגט אף מילכאמע־וועטעראנען?

— יא.

— איַ־איַ, האט א מאך געטאן בענדעצקי, — האסטו מיך געכאפּט, אויב אזוי, באַ א ליגן?

— געכאפּט, — און מיט א טאן, ווי ער זאל האבן רעכט דערויף, האט דאס ייִנגל א פרעג געטאן:

— פארוואס האט איר טאקע מיך אפּ...

ער האט געוואלט זאגן: „אפּגענארט", נאר האט זיך פארכאפּט:

— פארוואס האט איר טאקע ניט געזאגט דעם עמעס?

— נו, יא. דעמלט איז דאס באכערל געווען אין א טונקל־וואכעדיק רעקל, אצינד — אין א שניי־ווײַסער בלוזע מיט א רויטן האלדזטוך, האט ער אים ניט דערקענט. מיטאמאל האט ער זיך דערפילט אזוי, ווי דאס קליינע ייִנגל, דערבײַ א פארשולדיקט ייִנגל. זאל זײַן גאר ער אליין, עזרע.

— ווי רופט מען דיך? — האט ער געפרעגט.

— גאריק.

— פארשטייסט, גאריק, ס'האט זיך טאקע באקומען ניט גוט...

— נאר פארוואס? — האט יענער אנגעשטעלט א מאנענדיקן בליק. בענדעצקי האט פארשטאנען — מע דארף ענטפערן. דער אוילעם האט געווירבלט ארום, פון אלע זײַטן האט מען זיי געשטויסן, האט דער עלטערער אנגענומען דאס ייִנגל באַ דער האנט און אפּגעגאנגען מיט אים אין א זײַט.

— פארשטייסט, גאריק, — האט ער געזאגט, אנבייגנדיק זיך צו אים, — וועגן וואס האבן מיר, סאלדאטן, דארט, אפן פראנט, אין יענער שרעקלעכער צײַט, געקלערט, ווי מיינסטו?

— ווי גיכער צעקלאפּן דעם סוינע, — האט געענטפערט דאס ייִנגל.

— ריכטיק. און צוליב וואס?

— וואס הייסט, קעדיי פאריאגן אים פון אונדזער ערד...

— און נאך?

גאריק האט אף א ווײַלע זיך פארטראכט.

— קעדיי איר, אונדזערע קינדער און קינדסקינדער, — האט פארגעזעצט בענדעצקי, — זאלן שוין מער קיינמאל פון אזוינס ניט וויסן. — און ער האט צוגעגעבן: — פארשטייסט, פאר דעם טאקע האבן מיר זיך געשלאגן, אז איר זאלט ניט וויסן...

בענדעצקי איז אנשוויגיק געווארן. גאריק האט אויך א לענגערע ווײַלע געשוויגן. דערנאך האט ער א קוק געטאן אפן עלטערן מענטשן, אף זײַנע ארדענס און מעדאלן, און צווישן דעם ייִנגלס ברעמען האט זיך אײַנגעקארבט און אקשאנעסדיק קנייטשל.

— סײַווי דארפן מיר וויסן, — האט ער געזאגט און זיך געלאזט לויפן. לויפנדיק שוין, זיך אויסגעקערט: — מײַן ריי אין ערן־קאראול!

עזרע האט דערזען: צוזאמען מיט אנדערע פּיאנערן איז גאריק געשטאנען צופוסנס פונעם הויכן אבעליסק, די האנט פארהויבן אין א סאליוט.

ער איז גערעכט, — האט, דורכשלאגנדיק זיך א וועג צווישן אוילעם, געקלערט עזרע, — זאלן זיי קיינמאל ניט איבערלעבן דאס, וואס מיר האבן איבערגעלעבט. נאר וויסן דארפן זיי...

ריווקע רובין

וואָוטשיק

1. די קוויטן וועט אופעסן דער וואָלף

די באָבע איז געווען אַ מענטש מיט אַ נאָמען. זי האָט געלייענט לעקציעס און געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם וויאַזוי מע דאַרף דערציִען קליינע קינדער. וואָוטשיק האָט ניט געוווּסט, אַז זײַן באָבע איז אַ מענטש מיט אַ נאָמען. נאָר אַלצייִנס האָט ער זי געפאָלגט. ער איז געווען אַ שטיל און וויל קינד. וואָס מע האָט אים געגעבן, דאָס האָט ער געגעסן. גערן געלאָזט שפּילן מיט זײַנע שפּילצײַג די קינדער פון די שכיינים, צו דער באָבעס ביכער און קסאָוויאַדן קיינמאָל זיך ניט צוגערירט. אויסער דעם געזאָגטן איז עפּשער קעדײַ נאָך צו דערציילן וועגן וואָוטשיקס טעווע צו פאַרטראַכטן זיך, איידער ער ענטפערט אויף אַ וועלכער־ניט־איז פראַגע. דער מעכאַבער צווייפלט, צי דאַרף די דאָזיקע טעווע פאַררעכנט ווערן צווישן דעם קינדס טוגנטן. וואָס איז שייעך זײַן ניט־איבער־קלײַבערישקײַט אינעם עסן, זײַן טיילן זיך מיטן שפּילצײַג, זײַן אָפּגעהיטקײַט אין אָנרירן דאָס, וואָס מע טאָר ניט — אַזעלכע מײַלעס איז ניט אָפּצושאַצן. דאָס פאַרטראַכטן זיך אָבער פונעם פּיריאָריקן וואָוטשיק צווינגט אויך דעם מעכאַבער צו פאַרטראַכטן זיך, וואָס פאַראַ גוירל דערוואַרט זײַן גאָר יונגן פּערסאָנאַזש. צי וועט פון אים מיט יאָרן אַרויסקומען אַ באַדאַכטער, פּראַקטישער מענטש, אָדער, כאָלילע, גאָר אַ „טשודאַק". און די, וואָס ווערן געקרויִנט ווי טשודאַקעס, איז געקרויִנט ווערן זיי טאַקע, די קרוין אָבער זיכערט זיי גאַנץ זעלטן אַ גלאַטן שליטוועגס אין לעבן.

צו דעם איז נאָך אָבער ווײַט. ווען מיר דערווײַל דערציילן, וויאַזוי וואָוטשיק און זײַן באָבע האָבן פאַרבראַכט „אין פּוּלער געמיינזאַמער פאַרשטענדעניש", ווי ס'איז אָנגענומען צו באַריכטן וועגן די באַגעגענישן פון דיפּלאָמאַטן, עטלעכע זומערדיקע כאַדאָשים, ביז... ביז איבער דער ווערענדע פון דער זומער־וווינונג האָבן, ווי אַ וויכער, דורכגעטראָגן זיך אייניקע געשעענישן, וואָס מיר ווייסן ניט ווי פאַר וואָוטשיקן, נאָר פאַר דער באָבען זײַנען זיי געווען בעעמעס אופטרייסלענדיק.

וואָוטשיקס ראַציאָן איז בײַ דער באָבען געוויינלעך געווען אויסגערעכנט אויף אַ וואָך פאָרויס. די באָבע האָט זיך געהאַלטן בײַ איר מעטאָדע. דאָס עסן דאַרף זײַן געשמאַק, נאַרהאַפט און פאַרשיידנאַרטיק. אין יענעם טאָג איז בײַ איר געווען פאַרנאָטירט שוואַרץ אויף ווײַס — מילכיקע קליסקעלעך. האָט זי אָפּגעקאָכט פאַרן אייניקל אין אַ קליין עמאַלירט פענדעלע מילכיקע קליסקעלעך. ביז יענעם פינצטערן טאָג, זאָל אונדז דערלויבט זײַן אַזוי אים אָנצורופן, כאָטש די זון האָט געשפּילט אין יעדער שײַבעלע פון דער באַגלאָזטער וועראַנדע, איז בײַ דער באָבען מיטן אייניקל, אויף וואָס מיר האָבן שוין אָנגעדײַט פריִער, אַלץ געגאַנגען קעשורע. ווי זשע דען? די באָבע איז דאָך געווען אַ מעטאָדיסט. געלייענט לעקציעס, געשריבן אַרטיקלען, נו, דאָס ווייסן מיר שוין... בלײַבט אונדז נאָר צוצוגעבן, קעדיי דער לייענער זאָל דערפילן די גאַנצע שאַרפקײַט פון געשעענעם, אַז די באָבע האָט ניט געקאָנט צורזען, עס האָט בײַ איר אַרויסגערופן מאַמעש אַ פיזישן עקל, בייס אַ קינד פון דרײַ־פיר, אָדער אַפילע פון גאַנצע זיבן יאָר פאַרשטופּט היִנטער דער באַק אַ ביסן און די מאַמע ווערט צעריסן שרײַענדיק, אָדער זי בעט ראַכמים, עס זאָל דעם ביסן צעקײַען און אַראָפּשלינגען.

בעקיצער, די באָבע האָט אָפּגעקאָכט מילכיקע קליסקעלעך, דאָס אייניקל האָט זיך באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אויף זײַן שטולכל בײַ זײַן אייגענעם נידעריקן טישל, און, ווי ס'האָט אים געלערנט די באָבע, אָנגענומען מיטן לעפל איין קליסקעלע מיט אַ ביסעלע מילך. ס'איז שווער צו זאָגן, איבער וואָס פאַראַ סיבע האָט דער לעפל אויפן וועג צום מויל פאַרהאַלטן זיך אין דער לופטן. מיר ווייסן נאָר, אַז וואָוטשיק האָט מיט אַן אומדערוואַרטן נײַגער גענומען אין איר זיך אײַנקוקן, פונקט ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערזען אַ מילכיקע קליסקעלע. דערנאָך האָט ער פאַרקוועטשט דעם לעפל אין פויסט, דאַפקע פונקט קאַפויר צו דעם, ווי די באָבע האָט אים געלערנט צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן איידעלן כייפעץ, צוגעטראָגן דאָס געקעכץ צום מויל און... פּלוצעם איז די רעכטע באַק בײַ אים אויפגעלאָפן מיט אַ געשווילעכץ, וועלכע האָט אין איר גרויס אי־

בערגעשטיגן דאָס קליסקעלע, וואָס איז הינטער איר פאַרשוווּנדן.

פון איבעראַשונג האָט די באָבע אַף א ווײַלע פאַרגעסן, אַז זי איז א מעטאָדיסט און געפרעגט, ווי עס פרעגן אין ענלעכע פאַלן געוויינלעכע מאַמעס און באָבעס — ניט קיין מעטאָדיסטן:

— וואָווטשיק, ווער האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי צו עסן?

די פראַגע איז געווען א נאַטירלעכע. מיר ווייסן אַלע, אַז אַלץ, וואָס עס טוען ניט רעכט אונדזערע גוטע, שיינע, געראָטענע קינדער, לערנען זיי אָפּ פון עמעצן. אַניט, פונוואַנען וואָלט זיך דאָס ניט רעכטע צו זיי גענומען?

וואָווטשיק האָט געקוקט אַף דער באָבען מיט א פּאָר לויטערע בלויע אויגן און געשוויגן. די באַק איז דאָך בא אים געווען געשוואָלן, הײַנט ווי האָט ער געקענט ענטפערן? עפענען דאָס מויל, ווען די באַק איז געשוואָלן, ווי א באַרג, איז גאָרניט פון די גרינגע זאַכן, דאָס פאַרשטייט מען.

דערווײַל איז די באָבע געקומען צו זיך:

— אויב דו ביסט זאַט און ווילסט ניט עסן, דאַרף מען ניט.

זי האָט רויִק צוגענומען פון טיש דאָס טעלערל מיט די קליסקעלעך און פאַרייִנוועגס פאַרכאַפּט די גרויסע זאַפטיקע באַר, וואָס איז געלעגן אַף א טעסעלע דערנעבן.

די באַר האָט דאָס אייניקל באַגלייט מיט א פּאָר פאַרבענקטע אויגן. וואָווטשיקס באַאָבאַכטונגען איבערן לעבן האָבן שוין צו יענער צײַט דערגרייכט אַזא גראַד, ער זאָל וויסן, אַז די פאַרשווונדענע באַר פאַרמאָגט א זעלטענע געוווינהײַט צו זײַן זיס. די באָבע האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק ניט פון דעם פאַרבענקטן בליק, ניט פון דער געשוואָלענער באַק. ווי געוויינלעך נאָך מיטיק, דערצו איז נאָך דער וועטער געווען אַן אויסגעשפּילטער, האָט זי געלייגט דעם אייניקל שלאָפן אין גאַמאַק.

אין א שאָ אַנדערהאַלבן אַרום האָט וואָווטשיק, א פריש אויסגעשלאָפענער, זיצנדיק אויפן ברעג פון גאַמאַק און באָמבלענדיק מיט די פיסלעך, הילכיק אויסגערופן:

— באָבע, איך וויל א באַר.

— א באַר קומט נאָך קליסקעלעך. אָט מאָרגן וועל איך דיר אָפּקאָכן אַף מיטיק...

די ראָזע אויסגערוטקײַט איז ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט געוואָרן פון וואָווטשיקס פּענעמל.

— איך וויל ניט, — איז ער אַרײַן דער באָבען אין די רייד (ביז יענעם טאָג האָט וואָווטשיק קיינמאָל ניט איבערגעשלאָגן קיין דערוואַקסענע). איך וועל מאָרגן אויך ניט עסן קיין קליסקעלעך.

— פאַרוואָס?

וואָווטשיק האָט זיך פאַרטראַכט. דאָס ווייסן מיר דאָך שוין, אַז ניט באַדאַכטערהייט האָט וואָווטשיק אַף קיין פראַגעס ניט געענטפערט. דאָס מאָל האָבן אַפילע די פיסלעך זײַנע זיך פאַרטראַכט. אָן באַוועגונג געבליבן הענגען אין דער לופטן. נאָך עטלעכע ווײַלעס טראַכטן, האָט וואָווטשיק מיט זיכערקײַט אַרויסגעטראָגן זײַן פּסאַקדין די קליסקעלעך:

— זיי זײַנען גליטשיקע.

— — — — — — — — — — — — — —

דעם פאַל מיט די קליסקעלעך האָט די באָבע קורץ פאַרנאָטירט אין איר אַרבעטס־העפט. קיין גרויסן ווען פון דעם ניט געמאַכט. און דאָך האָט זי אַף מאָרגן ניט געקענט בא זיך פּויעלן ווידער דערלאַנגען וואָווטשיקן דאָס דאָזיקע געקעכץ.

נאָך מיטיק, ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, נאָך דער זאַפטיקער באַר, האָט אָבער וואָווטשיק אַליין דערמאָנט דער באָבען דאָס, וואָס זי האָט עלעהיי ווי פאַרגעסן.

— באָבע! — האָט ער אויסגערופן מיט זײַן הילכיק קעלכל, — דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז הײַנט וועסטו מיר געבן קליסקעלעך.

א פּאָר לויטערע בלויע אויגן האָבן זי אומשולדיק אָנגעקוקט און געוואַרט אַף אַן ענטפער. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך שיר ניט אַרויסגעכאַפּט בא דער באָבען איז געווען: „קיין מילך ניט געסטײַעט...", נאָר דאָ האָט זי דערפילט, צי עפּשער האָט איר זיך עס אויסגעדאַכט עפּעס ענלעכס צו כויזעק אין וואָווטשיקס אומשולדיקן בליק. האָט זי אין געדאַנק א פּאַטש געטאָן זיך אַליין איבער די ליפּן: „נאָר ניט קיין ליגן"... באַהערשט, ווי געוויינלעך, האָט זי געזאָגט:

— קליסקעלעך געפעלן דיר ניט, וועל איך זיי דיר מער ניט געבן.

אַזוי איז די באָבע מיט ווירדע, נאָר דאָך אָפּגעטראָטן. מעגלעך, אַז דאָס האָט געפאָדערט די סטראַטעגיע פון דערציִונג. און סטראַטעגיע, ווי מיר ווייסן, זעט פיל ווײַטער פון דער געוויינלעכער טאַקטיקע. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער געלערנטער באָבען איז געקומען אויפן זינען אַן ענלעכער פאַל, ריכטיקער געזאָגט, אירער א דורכפאַל, וועלכן זי האָט פאַרנאָטירט אין איר אַרבעטס־העפט מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק. און מע דאַרף איר אָפּגעבן דאָס גערעכט, זי האָט זיך ניט געשעמט צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן דורכפאַל אין איינעם אַן אַרטיקל.

ס'איז געווען א מײַסע מיט דער אַלעמען באַוווּסטער מײַסע „דאָס רויטע היטעלע". וואָווטשיקס מאַמע, דער באָבעס דאַן פּיריאָריק טעכטערל, האָט געזאָלט אַף א פרימאָרגן אין קינדערגאָרטן אויסשפּילן די ראָל פונעם „רויטן היטעלע". רויטע מעשטעלעך האָט דאָס קינד געהאַט. א רויט בערעטל אויך. ס'איז געווען געננוג צונייען צו דעם פון ביידע זײַטן סטענגעס און אויסבינדן זיי אונטערן קין אין א ברייטן שלייף, עס זאָל פון דעם בערעט ווערן א היטעלע. א שטרויען קוישל אַף צו טראָגן דורכן וואַלד די מאַטאָנעס דער מײַסעדיקער באָבען איז אויך געשטאַנען גרייט אַף דער

סאָפּקע בא דער וואַנט. געפֿעלט האָט נאָר דאָס קליידעלע.

א מוסטער האָט די איצטיקע וואָוטשיקס באָבע, זײַן מאמעס מאמע, פאר זיך געהאט — א פראנצויזישע אויסגאבע פון פעראָס מײַסעלע. איז זי אָפגעזעסן קימאט א גאנצע נאכט און אופגענייט פון ווײַסן ציץ מיט רויטע קווייטן פונקט אזא טראַדיציאָנעל־פּייזאַניש קליידעלע, ווי ס'איז געווען אָנגעמאָלט אין דעם ביכל. אויבן ענג פארשנורעוועט, אונטן ברייט צעפאלדעוועט. און לאנג ביזן טראָט. פון פארנט א ווײַס פארטעכל און שוין. גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. אף מאָרגן אָבער האָט דאָס קינד אָפגעזאָגט זיך דאָס קליידל אָנצוטאָן. די מעשטעלעך — יאָ, דאָס היטעלע — יאָ, אָנהענגען אפן עלנבויגן דאָס קוישעלע — יאָ. נאָר דאָס קליידעלע מיט די רויטע קווייטן — ניט. די מוטער פונעם קינד איז געווען מיד, ניט אויסגעשלאָפן. און די אומזיסט פארלאָרענע צײַט — געשטאַנען אין דער ריי נאָך ציץ — געגנייט... ס'איז איר אויך געווען א שאָד די ארויסגעוואָרפענע עטלעכע רובל, וואָס זײַנען איר גאָר ניט אזוי גרינג אָנגעקומען... דערייקער, וואָס טוט מען? איבער דער אומפארשטענדלעכער אקשאָנעס פון איר טעכטערל זאָל אראָפּגעריסן ווערן דער פרימאָרגן אינעם קינדערגאָרטן, ווו זי אליין ארבעט אלס דערציערן?

— פארוואָס? — האָט זי זיך געערגערט. — קוק זיך אײַן, ס'איז דאָך פונקט ווי אין ביכל.

דאָס טעכטערל האָט זיך א זײַטל געטאָן אף דער קאַרטינקע, און פונקט ווי זי וואָלט פון איר ארויסגעלייענט דעם ענטפער, מיט זיכערקײַט ארויסגעזאָגט:

— די קווייטן וועט אופעסן דער וואָלף!

דער פרימאָרגן אינעם קינדערגאָרטן איז ניט אראָפּגעריסן געוואָרן. די רויטע מעשטעלעך, דער רויטער בערעט מיט די צוויי סטענגעס, פארבונדן אונטער דער קין אין א ברייטן שלייף, דאָס שטרויענע קוישל אפן עלנבויגן האָבן זייער גוט געפּאסט צו דעם קורצן ווײַסן קליידעלע פונעם קינד. דאָס „רויטע היטעלע“ האָט זיך זיכער געהאלטן אף אירע נאקעטע שטײַפע פיסלעך און אויסגעטײַנעט זיך מיטן וואָלף אפן שענסטן אויפן. ניט אומזיסט האָט שוין אין א צוויי יאָר ארום אָפגעשטעלט זיך אף איר דאָס געניטע אויג פון א קינאָ־רעזשיסער.

ס'וואָלט געווען אן אוולע פון אונדזער זײַט, ווען מיר באהאלטן אויס פון אונדזערע לייענער נאָך איין מערקווירדיקן פאקט: דעם אומכיין צו קווייטן אינעם אָנטאָן האָט „דאָס רויטע היטעלע“ פארהיט אף שטענדיק. אָט דאָ ניט לאנג צוריק האָט וואָוטשיקס מאמע זיך אומגעקערט פון גאסטראָלן קיין אויסלאנד. האָט דער מעכאבער פון די דאָזיקע שורעס צווישן אנדערן פארפירט מיט איר א רייד וועגן הײַנטיקע מאָדעס דאָרט. „די אבסטראַקציע האָבן שוין זינט היפשע עטלעכע יאָר — האָט געענטפערט וואָוטשיקס מאמע — ארויסגעשטויסן מאמאָשעסדיקע הירשן, הינט, הענגער... קווייטן זײַנען אויך איצט אין דער מאָדע, — האָט זי צוגעגעבן, — אָבער ניט קיין גרויסע. אינמיטן ווינטער טוט מען אָן א ציצן קלייד מיט פיצינקע קווייטעלעך. עפשער ווילט איר א קוק טאָן מײַנע „שמאָכטעס“?”

קען מען דאָך מיינען... ניין, צווישן אין דער פרעמד געקויפטע עטלעכע קליידער, איז ניט בענימצע געווען קיין איין קווייט — ניט קיין געמאָלטע, ניט קיין גענייטע, ניט קיין געהאַפטענע, ניט קיין געשטיקטע.

וואָס איז שײַעך וואָוטשיקן, וועלכער איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק אלט געוואָרן נײַנצן יאָר, איז ער ניט אזוי קאָנסעקווענט אין איניען פון געשמאַק, ווי זײַן מאמע. עמעס, קיין מילכיקע קליסקעלעך האָט דער מעכאבער ניט געזען, ער זאָל עסן, אָבער קליסקעלעך אין א פײַנער פליישיקער יויך — ער האָט זיי פארשפּאָרט צו צעקײַען. זיי האָבן, ווײַזט אויס, אראָפּגעגליטשט זיך בא אים פונקט אהין, ווו מע דארף. בעקיצער, וואָוטשיק האָט געפּאקט די קליסקעלעך אף ביידע באקן און קיין איינע פון זיי איז ניט אופגעלאָפן מיט קיין געשווילעכץ.

2. ער זאָל עס פארגעסן

די בעהאדראָגעדיקײַט אין אויסלייגן די געשעענישן האָט געוויס געליטן פון אונדזער אָפּווײַכן אָן א זײַט. מיר לאָזן אָבער איבער פאר זיך די האָפענונג, אז דער לייענער וועט אונדז דעם דאָזיקן בלויז פארגעבן. מיר האָבן דאָך געמיינט זײַן טויווע. אונדזער קאַוואָנע איז געווען ניט צו פארביטערן קיינעמס געמיט. זאָל מען ניט מיינען, אז פון דעם קאָנפליקט צווישן וואָוטשיקן און דער באָבען איז ארויסגעקומען ווער ווייס וואָס פארא בייז.

קערן מיר זיך איצט אום מיט א גרינג הארץ צוריק אף דער זומער־וווינונג. פון דער געשעעניש מיט די קליסקעלעך טיילט אונדז אָפּ אנערעך א כוידעש צײַט. דעם הימל איבער וואָוטשיקן און זײַן באָבען פארכמאָרעט ניט קיין מינדסט כמארעלע, סײַדן עס גייט א רעגן.

וואָוטשיק איז, ווי געווען, א שטיל און וויל קינד. ער פאָלגט די באָבע. און די באָבע פארשרײַבט אין איר ארבעטס־העפט: „די אקשאָנעס בא א נאָרמאַל אנטוויקלט קינד איז גאנץ אָפט א רעזולטאט פון אונדזער אקשאָנעס. ס'איז גאָרניט קיין מוז, אז מיר, דערוואקסענע, זאָלן קעסיידער בלײַבן גערעכט“.

אין איינעם א טאָג... אלץ אין דער וועלט געשעעט אין איינעם א טאָג. די אויבנגעבראכטע ווערטער וועגן קינדערשער אקשאָנעס האָט די באָבע פארשריבן גאנץ פרי. וואָוטשיק איז נאָך געלעגן אין בעט אפן רוקן. פון ביידע זײַטן פון זײַן קאָפּ האָבן גערוט אפן קישן זײַנע פארהייבענע צעעפנטע דלאָניעס. די לאנגע

וו׳עס האָבן בא אים עטוואָס געציטערט, ווי זיי וואָלטן זיך געז׳שעווט מיט זיך אליין, צי איז די וועלט ווערט צו באשאָנקען ווערן מיט דער בלויקייט און ליכטיקייט פון וואָוטשיקס אויגן.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אלע קליינע וואָכעדיקע טועכצן — מיטן וואַשן זיך, מיטן פרישטיק עסן — איז די באָבע ארויס מיט וואָוטשיקן פאַרן טויער. עמעצער האָט דאָ אָפּגעקאָסיעט דאָס גראָז. צי האָט יענער געהאַט א גוט הארץ און געטאָן עס צוליב די קינדערסוועגן (ניט שטענדיק איז גוט צו שפּילן אינעם גראָז), אָדער ער האָט גאָר פאַרזאָרגט לעהאבע זײַן ציג, אזוי אָדער אנדערש, האָט דאָס פּליכעוואטע שטיקל ערד ערלעך געדינט די קינדער פאַר א מין וועלאָסיפּעדן־איפּאָדראָם. וואָוטשיק איז געווען צווישן זיי דער קלענסטער. טאקע דער קלענסטער, נאָר א מענטש א זעלבשטענדיקער. ער פלעגט זיכער א נעם טאָן דעם וועלאָסיפּעד פאַר די הערנער און ארויספירן אים פאַרן טויער. דאָס מאָל איז מיט אים ארויס די באָבע.

סאָף אווגוסט. די זון שײַנט און ווארעמט, נאָר א פּאָנעם האָט זי פון אן אָפּגעפרעמדטער קרויווע: „אז איך קלײַב זיך גאָר ערגעץ אנדערש. איך בין אײַך מויכל דעם הימל״. פאַר וועמען האָט זי דאָ, אייגנטלעך, צו שײַנען, אז אין מאָסקווע הייבט זיך אָט־אָט אָן דאָס נײַע לערניאָר?

דאָס געסל איז פאַרשטילט און פּוסט. בײַשכיינעס, פאַררוקט טיף אין הויף, שטייט א צווייגאָרנדיק הויז מיט פאַרקלאַפּטע לאָדן און טירן. ערגעץ בילט מיט פּראָפעסי׳אָנעלער טאקיפעס א הונט. ווי ס׳ווײַזט אויס, פלײַסט ער זיך אָנצושרעקן די לאַסט־מאַשין, וועלכע האָט אין מיטן העלן טאָג אוועקגעריבט אלע שטובכפייצים פון זײַנע באלעבאטים. און עפּשער זאָגט אים דאָס הארץ, אז אים אליין וועט מען אויך באלד ארײַנפּעקלען אין דער זעלבער מאַשין און אוועקפירן ערגעץ אין אויסרײַסעניש.

באטראכטנדיק די פּוסטע גאַס, האָט די באָבע באַפעסטיקט זיך אין דער דייע, אז ביזן אומקערן זיך קיין מאָסקווע, וועט זי וואָוטשיקן מער אליין פון הויף ניט ארויסלאָזן. מיט וועמען צו שפּילן זיך איז אלציינס ניטאָ און די לאַסט־מאַשינעס... ניין, ניט קעדײַ.

וואָוטשיק איז ניט געווען געניגט ארײַנצוקוקן אין דער ווײַט. ער האָט געלעבט מיטן הײַנטיקן טאָג. ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן — מיט דער איצטיקער שאָ, אָדער אפילו מינוטן. אין די איצטיקע מינוטן איז די גאנצע וועלט פאַר וואָוטשיקן געווען אײַנגעפּרעסט אין זײַן שטײַפער גרויער פּילקע. און זײַן אייניציקער באגער איז געווען, זי זאָל ארײַנפאלן צו אים אין די הענט, ווען די באָבע גיט זי צו אים א וואָרף.

— נא, פוטבאָליסט, כאַפּ!

א מאנצבלש קאָל... ווו איז די באָבע? וואָוטשיק האָט פאַריסן דעם קאָפּ, צעעפנט אין דער גאנצער ברייט די אויגן און דערזען קוידעם א שפּראָנזשקע פון א לעדערנעם פּאַס. האָט ער נאָך מער פאַריסן דעם קאָפּ און דאן שוין דערזען א גאנצן מיליצי׳אָנער מיט א סאך בלישטשענדיקע קנעפּ און א סאך בלישטשענדיקע ציין.

מאָלט אײַך, א מיליצי׳אָנער האָט וואָוטשיק אין זײַן לעבן געזען ניט איינעם, נאָר אין פּאָנעם האָט ער זיי ניט ארײַנגעקוקט. צום פּאָנעם דאַרף מען זיך ערשט דערקלײַבן, אָבער דאָס שטעקעלע, מיט וועלכן א מיליצי׳אָנער, אן אויסגעקליידטער אין ווײַסע הענטשקעס, גיט א מאך אין דער לופטן און אלע מאשינעס בלײַבן שטיין, אָדער זיי צעטראָגן זיך מיט אימפּעט, אזא שטעקעלע איז עפּעס ווערט... איינמאָל איז אפילו א מיליצי׳אָנער ארײַן צו זיי אין שטוב. וואָוטשיק האָט אָבער ניט געוווּסט אקוראט, צי איז ער א מיליצי׳אָנער, צי ער האָט נאָר דעם אָנבליק פון א מיליצי׳אָנער, ווײַל דער טאטע און די מאמע האָבן אים אָנגערופן דאָ סערזשאנט, דאָ אוטשאסטקאָווי, און געווען איז ער אן אלטער. ניט ווי די, מיט די שטעקעלעך. דער מיליצי׳אָנער, וואָס האָט וואָוטשיקן א נאָמען געגעבן „פוטבאָליסט״, איז געווען א יונגער און א פריילעכער. ער איז זייער געפעלן געוואָרן וואָוטשיקן. דעריבער, קעדיי די באקאנטשאַפט זאָל אָף אן עמעס געשלאָסן ווערן, האָט ער באדאכט ארויסגעזאָגט:

— איך בין וואָוטשיק.

— גיב מיר דײַן פּילקע, וואָוטשיק, וועל איך דיך אויסלערנען שפּילן אין פוטבאָל. דאן וועסטו זײַן א פוטבאָליסט. אנו, — האָט דער מיליצי׳אָנער געגעבן א קאָמאנדעווע, — גיב א שטויס מיטן רעכטן פוס, קוק, אָט אזוי, ווי איך. ווײַז נאָר, ווו איז דײַן רעכטער פוס? נו, נו, די פּילקע האַלטסטו מיט דער רעכטער האנט? נו, איז נידעריקער א ביסל דער רעכטער פוס. שטארקער, שטארקער קלאַפּ, פויל זיך ניט. אָט אזוי, מאָלאָדיעץ! זײַ געזונט, פוטבאָליסט, זאָלסט פאָלגן די באָבען...

דער מיליצי׳אָנער האָט שוין געהאַט פאַרקערעוועט הינטערן ראָג אָף א צווייט געסל, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָף צוריק:

— באַבוסיא, איך האָב הײַנט כאסענע!

די באָבע, ווי זי וואָלט זיך פון פרי׳ער געריכט אָף אזא בסורע, האָט גערן צוגעווונטשן:

— זאָל זײַן מיט מאזל!

בא אײַך מאכט זיך אזוי, איר כאַפּט זיך אוף אינדערפרי מיט א שטיין אפן הארצן און א גאנצן טאָג גייט אײַך שוין אלץ קידער־ווידער. די הענט ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן, שטומע ליאַליעס, די פיס — א פּאָר נארישע סטויפּעס און דער קאָפּ, אוי, דער קאָפּ איז ווי א פּוסטער הליאק, אויסגעזײַט ביז א טראָפּן. וואָס איז די סיבע דערפון? סיבעס קענען זײַן א סאך. ס׳ראָוו ניט קיין פריילעכע. ס׳טרעפט

אָבער, אז קיין שום סיבע קאָנט איר ניט אָנרופן. אָט אַזוי, ווי דאָס ווערטל זאָגט: „אופגעשטאנען אף דער לינקער זײַט". ס'איז א סוואָרע, אז דאָס דאָזיקע ווערטל האָבן אויסגעטראכט מאָרעשכוירעניקעס. פאַרוואָס זאָל מען ניט זאָגן „אופגעשטאנען אף דער רעכטער זײַט"?

און אינדערעמעסן, ס'מאכט זיך פונקט פארקערט. פון גאנצפרי שמייכלט צו אײַך דער טאָג, זאָגט אײַך צו אלע גליקן, צו וואָס איר זאָלט זיך ניט נעמען, געראָט אײַך. וואָס עס טוען אוף די הענט, איז מיטן אויג ניט צו כאפּן. און באלד די הענט טוען, קענען שוין אויך די פיס ניט שטיין, ווי געליימטע. נאָר אלצײַנס בלײַבן זיי הינטערשטעליק אנטקעגן דעם קאָפּ, וועלכער ווערט מאמעש צעשפּארט פון אײַנפאלן און האמצאָעס. מוז מען דעם קאָפּ פאָלגן. און אז מע פאָלגט דעם קאָפּ, טוט מען אלץ מיט קאָפּ און ס'באקומט זיך א מעכײַע. אין אזא טאָג איז גוט צו פארטראכטן א נײַע דירע, אויב אײַער אלטע טויג אף קאפּאָרעס. אָט, אנטקעגן אײַך בויט זיך א הויז. איז וואָס ארט דעם הייבקראן, אז ער וועט אף א ווײַליטשקע אָפּלייגן אין א זײַט די גרויע פּליטע, וואָס ער האלט אין די ציין, אויך מיר א מײַכל, און ער וועט בעסער אריבערטראָגן דורך אײַער באלקאָן אפן באלקאָן פון דעם נאָך ניט אינגאנצן פארטיקן הויז אײַער טיש, אײַער בעט, אײַער שאפע... ווײַטער וועט איר זיך שוין אליין אן אייצע געבן. אריבערטראָגן דאָס מעבל פון באלקאָן אין די צימערן פון דער נײַער דירע איז ניט קיין גרויסע טירכע.

אָט אזא האָקוס־פּאָקוס־טאָג האָט זיך געמאכט בא וואָוטשיקן און זײַן באָבען, ווי מיר האָבן עס שוין באשריבן, אין איינעם א סאָף־אווגוסט־טאָג אף דער זומער־ווױנונג הינטער מאָסקווע. פון גאנצפרי א מיליציאָנער, וואָס לערנט שפּילן אין פוטבאָל און דערצו האָט ער נאָך כאסענע... נו, קען אזא טאָג קאליע ווערן? מיט וויי אין הארצן מוזן מיר מודיע זײַן — יאָ, ער קען.

— — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען ליכטיק און ליכטיק. און מיטאמאָל, אין איין רעגע, די באָבע איז נאָר ארויס צום פלומפּ נאָך אן עמער וואסער, איז אין אָט־אָ דער רעגע געוואָרן טונקל. ביז זי האָט דערטראָגן דעם עמער פון פלומפּ צום גאנעק, איז געוואָרן ניט נאָר טונקל, נאָר אויך קיל. בעקיצער, דער אינדרויסן איז ארײַנגעפאלן אין געפענקעניש פון א פלוצעמדיקער קאלטער דעמערונג. אזא אָנהייב אָוונט האָט געפּאסט פאר נאָיאבער, ניט פאר אווגוסט. כאָטש אווגוסט שטייט אף דער שוועל פון הארבסט, כאָוועט ער נאָך אין זײַן בוזעם א שפּאָר ביסל ווארעמקײַט. טאָמער אין דער געדיכטעניש פון די ביימער־קרוינען גאנוועגען זיך ארײַן באזונדערע געלע בלעטער און אויב אפילע זיי נעמען זיך געלבן צופוסנס פון די ביימער, אינעם גראָז, זײַנען זיי אלצײַנס מאָלע כיין — שפּילעוודיקע זון־שפּליטערס אינעם גרינס. מער ניט, וואָס מיר, דערוואקסענע מענטשן, באלאָדענע מיט לעבנס־דערפארונג, באצוווּנגענע פון דעם סייכל־האיאָשער (ניט שטענדיק איז ער גאָר אזוי סייכלדיק, דער סייכל־האיאָשער, ס'מאכט זיך, ער פארפירט אין דער קרום, וואָס קרומער קען ניט זײַן), איז אָט, מיר ווייסן, אז נאָך זומער מוז קומען דער הארבסט. פאַרײַסן מיר דעם קאָפּ אינדערהייך, אָדער מיר נייגן אים אין דער נידער און ווי נאָר מיר דערזעען א געלע בלאט, גיט אונדז א ציי בא דער נעשאָמע. מיט א שטיקל געפאלנקײַט טוען מיר א זאָג צו עמעצן אָדער בעיין ברײרע צו זיך אליין: „ע־ע־ע"... דער דאָזיקער „ע־ע־ע" מיינט: „מיר האָבן געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן, נאָר וואָס איז די אײַלעניש?"

די באָבע האָט אראָפּגעלאָזט דעם עמער אפן אונטערשטן טרעפּל און ער איז צוזאמען מיט די ברעטער פונעם גאנעק פון איר אָפּגעטראָטן. און זי אליין איז געבליבן שטיין, אן אײַנגעהילטע אין דער שטילער כאשכעס און ס'האָט זיך איר געדאכט, אז פונקט ווי דער עמער, איז זי אין איר צעשווומען געוואָרן פארלאָרן די אייגענע פּאָנעם־צוגן און די וואָג פונעם לײַב. געדויערט האָט עס ניט מער, ווי עטלעכע רעגעס, נאָר אין אָט־אָ־די עטלעכע רעגעס האָט זיך די באָבע געכאפּט, אז הײַנט האָט א זײַטיקער מענטש צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אָנגערופן זי „באבוסיא". טאקע יענער, דער יונגער פריילעכער מיליציאָנער. און דאָ האָט ווי פון ערגעץ פון דער ווײַט דערטראָגן זיך צו איר וואָוטשיקס קאָל:

— באָבע, ס'וועט זײַן א רעגן, עמעס? א גרויסער, גרויסער רעגן.

די כמארע, וואָס איז געהאנגען איבערן קאָפּ, איז געבליבן א כמארע. קיין פּיצל קלאָרקײַט. נאָר וואָוטשיק, אָט איז ער, גאָר נאָענט. ער שטייט אין דער אָפענער טיר פון דער וועראנדע און פרייט זיך לעכאטכילע מיטן „גרויסן, גרויסן רעגן", וואָס וועט ערשט זײַן, און דעם פולן עמער וואסער האָט די באָבע דערזען פון דער נאָענט אפן אונטערשטן טרעפּל פונעם גאנעק און זיך אליין, וואָס מיט איין ריר מיט די אקסלען, האָט זי זיך אָפּגעטרייסלט פון די פּענטעס פון דער פריצײַטיקער דעמערונג. „אוי, עפּשער וועל איך נאָך באווײַזן ביזן רעגן צולויפן צו דוסיען נאָך מילך", האָט זי שוין גאָר וואָכעדיק א טראכט געטאָן און פארזאָגט וואָוטשיקן, ער זאָל ניט ארויסגיין פון שטוב, אפילע פון גאנעק ניט אראָפּ.

— אָט האָסטו דיר די פארביקע בלײַערס, פּאפּיר, אויב דו ווילסט מאָלן. אויב ניט, שפּיל זיך מיט די נײַע קוביקלעך.

דער רעגן האָט געטראָפן די באָבע צוריקוועגס. דער בידאָן מיט מילך האָט זיך געוויגט אין איר לינקער האנט צום טאקט פון איר שנעלן גאנג און דער אָפענער שירעם אין דער

רעכטער האנט האָט זיך געפּליַיסט, ווי א פּאַראַשוט, א שווים טאָן אין דער לופטן און ערגעץ אַראָפּלאָזן זיך מיט איר צוזאַמען אין דער נידער. ווען זי איז מיט האסטיקע טריט אַריַין אין הויף, האָט אָנטקעגן איר א פּלי געטאָן פֿונעם גאַנעק איינער פֿון וואָוטשיקס נײַע קוביקלעך און נאָך אים א צווייטער. זי האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרוווּנדערן זיך, ווי וואָוטשיק איז פאַרשווונדן אַף דער וועראַנדע, באַלד אומגעקערט זיך און איינס נאָך איינס א שליַידער געטאָן נאָך צוויי קוביקלעך אַף דער ערד, איינעם נאַסן גראָז. שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, דערצו נאָך האָט דער רעגן געפּויקט אין דעם בלעכענעם דאַך, האָט וואָוטשיק ניט באַמערקט, אַז די באָבע איז געקומען. און ווען שוין יאָ באַמערקט, האָט ער מיט סימכע איר אָנגעזאָגט:

— באָבע, איך בין פֿון גאַנעק ניט אַראָפּגעגאַנגען.

— און איצט וועסטו אַראָפּגיין, — האָט אַף דעם געענטפערט די באָבע, — טו אָן די שטיוועלעך און דעם רעגנמאַנטל און קלײַב צונויף די קוביקלעך, וואָס דו האָסט צעוואָרפֿן.

וואָוטשיק האָט שוין פאַרגעסן די צײַט, ווען עמעצער זאָל אים העלפֿן אויסטאָן פֿון זיך די מאַלבושים אָדער אָנטאָן זיי. ער האָט עס גערן געטאָן אַליין. דערצו האָט מען אים צוגעווינט אין קינדערגאָרטן. עמעס, דאָרט האָט אַמאָל געטראָפֿן, אַז בא דער דערציִערן האָט ניט געסטײַעט קיין געדולד צו וואַרטן און ווילנדיק־ניט־ווילנדיק האָט זי אַמאָל פאַרבונדן באַם קינד דאָס שאַלעכל אַפֿן האַלדז, אַראָפּגערוקט דאָס היטל פֿונעם נאַקן אַפֿן שטערן. די באָבע האָט פֿון אַזעלכע קונצן ניט געוואָלט וויסן. האָט דאָס אויסטאָן און אָנטאָן זיך בא וואָוטשיקן אינדערהיים אָפּגענומען היפּש מער צײַט, ווי אין קינדערגאָרטן. ביז וואָוטשיק האָט אַרופֿגעצויגן אַף די פֿיס זײַנע גומענע שטיוועלעך און דעם רעגנמאַנטל, און דאַן ערשט אַרומגענומען מיטן קאַפּיושאָן דעם קאָפּ מיטן געשטריקטן היטעלע, איז דעם רעגן דערעסן געוואָרן צו פּויקן אין דעם בלעכענעם דאַך. פּויל, ווי נאָר פֿון יויצע וועגן, האָט ער נאָך געלאָזט פֿאַלן באַזונדערע טראָפּנס, פֿון וועלכע ס׳האָט זיך שוין אויסגעלײַכט דאָס ליכטיקע פּאַסיקל אַף א ווײַטן עק הימל.

מיט דער זעלבער זשוואָווער פרייִלעכקײַט, מיט וועלכער וואָוטשיק האָט דאָ ניט לאַנג געשלײַדערט די קוביקלעך פֿונעם גאַנעק, איז ער איצט געלאָפֿן הין און צוריק פֿון דער וועראַנדע אַפֿן הויף, פֿון הויף אַף דער וועראַנדע, און אין יעדער האַנט צו איינעם, זיי אויפֿגעקליבן. די טרעפּלעך פֿון דער וועראַנדע האָבן דערבײַ באַקומען אַן אויסזען, ווי מע וואָלט זיי געשטעלט פּאַקן און ווי אַפּצולאָכעס האָבן די פּאַקן זיך גוט צוגענומען. געווען איז עס דערפֿאַר, וואָס וואָוטשיקן איז ניט אײַנגעפֿאַלן אויסצומײַדן די קאַליוזשעס אין הויף. פאַרקערט, ער האָט זיי גערן געבוויטעט מיט די שטיוועלעך, געשפּריצט אין אַלע זײַטן מיט וואַסער.

די פּאַקן האָט די באָבע ווי ניט געזען. מײַלע, מאָרגן אינדערפֿרי וועט מען אַלצייִנס דעם גאַנעק דאַרפֿן אויסוואַשן. זי האָט נאָר געפֿרעגט:

— נו, ווי וועסטו זיך איצטער לערנען לייענען, אַז די אויסיעס אַף די קוביקלעך זײַנען בא דיר צעווייקט געוואָרן?

אין וואָוטשיקן איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן די פֿרייד פֿון פאַרמעסטן זיך און פֿון וואַרפֿן, פֿון מישן מיט די שטיוועלעך דאָס וואַסער אין די קאַליוזשעס. ביסלעכווײַז אָבער איז די שטימונג בא אים געפֿאַלן. ער האָט דערפֿילט, אַז די באָבע איז מיט אים ניט צופֿרידן. האָט ער דאָס קריגעלע מילך, נאָך וואַרעמע פֿונעם פרישן געמעלק, אויסגעטרונקען אינדערשטיל, נאָך א ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— באָבע, איך וויל זיך לערנען לייענען. איך וועל אַליין אָנמאָלן א קו, און א הונט, און א גאַנדז...

די באָבע האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי זי איז שוין געזעסן מיט וואָוטשיקן באַם טיש און צוזאַמען מיט אים געפּלײַסט זיך ראַטעווען די קוביקלעך. זי האָט אָנגעשניטן קוואַדראַטע פּאַפּירלעך. וואָוטשיק האָט אַף זיי געמאָלט, זי האָט מיט מאַטערניש אַרײַנגעשריבן אינעם געמעלעכץ אַן אָס און צוגעקלעפּט דאָס פּאַפּירל צו דעם קוביקל. די אַרבעט איז געגאַנגען אַזוי געשמאַק, אַז די באָבע האָט פאַרזען די צײַט, ווען וואָוטשיק האָט שוין געזאָלט ליגן אין בעט. אַף אַזאַ אויפֿן האָט וואָוטשיק געווונען בא דער נאַכט גאַנצע צוועלף מינוט. פֿון דעם איז געדרונגען, אַז גוטע מײַסים ווערן באַלוינט.

אַף מאָרגן איז געווען א טאָג, ווי א טאָג. זומער. ליכטיק און וואַרעם. ווען ס׳איז אָבער געקומען די צײַט צו גיין נאָך מילך, האָט זיך דער דרויסן, ווי ס׳וואָלט געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, פאַרטונקלט, פּונקט ווי נעכטן. ס׳וואָלט, אייגנטלעך, קיין בייז ניט געווען, ווען די באָבע נעמט וואָוטשיקן מיט זיך, ווי געוויינלעך. ניט אומזיסט זאָגן דאָך די ענגלענדער — ס׳איז ניטאָ קיין שלעכטער וועטער, ס׳איז דאָ שלעכט אָנטאָן. וואָוטשיק, ווי מיר האָבן זיך שוין דערקונדיקט, האָט געהאַט וואָס צו אָנטאָן אין א רעגן אויך. די באָבע האָט עס געוווּסט בעסער פֿון אונדז. איז וואָס איז געווען אַזוי צו כאַפּן זיך פאַרן בידאָן און פאַרן שירעם? עפּשער האָט בא דער באָבען, פּונקט ווי בא די דערציִערנס אין קינדערגאָרטן, ניט געסטײַעט קיין געדולד צו וואַרטן ביז וואָוטשיק וועט זײַן גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, ווערן פאַרטיק אַרום און אַרום און עפּשער האָט גאָר עפּעס א שעד א שטורכע זי געטאָן אונטערן אָרעם: „טו פּונקט קאַפּויר, ווי דו פאַרשטייסט”. וועמען פֿון אונדז איז אַזאַ שטורך ניט באַקאַנט? מע זאָל זיך פאַרטראַכטן, קומען אויף קימאַט אַלע טאָעסן אין אונדזער לעבן אָט אַף

אַזאַ אויפֿן. איז וואָס פֿאַראַ טײַנעס קען מען האָבן צו דער באָבען, אַז אַפֿילע פֿאַרזאָגן וואָרט־טשיקן ווי צו פֿירן זיך, האָט זי אויך פֿאַר־שפּאָרט. ער איז איר אַליין פֿאַרלאָפֿן דעם וועג:

— באָבע, איך וועל שפּילן אין פֿוטבאָל.

און אָט האַלט ער שוין פֿאַרדריקט אין די הענט זײַן שטײַפֿע גרויע פּילקע.

— און טאָמער אַ רעגן?

— וועל איך זיך לערנען לייענען.

צו וואָוטשיקס קאָנסטרוקטיווער פּראָגראַם האָט די באָבע ניט געהאַט וואָס צוצוגעבן. איז כאָטש ס'איז נאָך עפּשער געווען אַ ביסעלע צו פֿרי, איז זי מיט אַ גיכן טראָט אַרויס פֿון הויף. „דער פּאַסטעך איז קיין מענטש ניט? — האָט זי מיט רעכט אַ טראַכט געטאָן. — ער וועט זיצן אין פֿעלד און וואַרטן אַפֿן גוס־רעגן?”

דאָ האָט זי דאָפּקע געטראָפֿן. דער פּאַ־סטעך איז געווען אַ מענטש פֿון בלוט און פֿלייש. ריכטיקער וועט זײַן — פֿון הויט און ביינער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אַכציקיאָריקן זאָקן. אַפֿילע אין אַ גוטן וועטער, ווי נאָך זון־פֿאַרגאַנג האָט אויסערן טולופּ און דער קוטשמע פֿון אים זיך שוין גאָרנישט ניט אַרויסגע־זען. נו, וועט ער זיך לאָזן אויסגעווייקט ווערן פֿונעם רעגן? ער האָט זיך דאָס מאָל ניט גע־קליבן צו וואַרטן, ביז איינע אַ מאַיעסטעטישע קו וועט זיך פֿויל אופֿהייבן פֿון איר גרינעם געלעגער מיט אַ זאַטן „מו” און נאָך איר וועט אוועקשפּאַנען אין דער אָוונטיקער לופֿטיקײַט פֿון דעם נאָך ניט פֿאַרגאַנגענעם אויסגעוואָ־רעמטן טאָג די גאַנצע טשערעדע.

די באָבע איז געקומען צו דער מילכיקערן פּונקט צו דער צײַט. פֿאַר איר אין די אויגן האָט דוסיע ווייך און איידל אָפּגעוואַשן די אײַ־טערס בא דער קו און גענומען זי מעלקן. די באָבע איז געשטאַנען דערבײַ, געקוקט אַף דער שטיל־טריפֿנדיקער מילך, אַף די בלויליכע פּע־כערלעך אינעם מעלק־שעפֿל, וואָס איז געוואָרן אַלץ פֿולער.

אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקײַט פֿון פֿאַר אַ רעגן איז בא דער באָבען אין דימיען פּלוצעם אופֿגעקומען אַ רויק־פֿליסנדיקער טײַך און אַף זײַן אויבערפֿלאַך איז געשווומען אַ ווײַסער האַנטעך.

...ס'איז געווען באַם זון־פֿאַרגאַנג אין אַ הייסן זומער־טאָג. די איצטיקע באָבע און די דעמלטיקע אַכטיאָריקע שיפּרעלע האָט זיך גע־פּליעסקעט אין טײַך. די הענט פֿאַרגראָבן אינעם זאַמדיקן דעק, האָט זי מיט די פֿיס געפּאַטשט איבערן וואַסער אין דער פֿולער זיכערקײַט, אַז זי שווימט. ווען זי האָט שוין געהאַט זיך אָנ־געטאָן, איז איר אײַנגעפֿאַלן אויסצושווענקען אין טײַך דעם האַנטעך, מיט וועלכן זי האָט זיך אַרומגעווישט. און געטאָן האָט זי עס פּונקט אַזוי, ווי די מאַמע שווענקט דאָס גרעט אין מולטער — געפֿירט מיטן האַנטעך הין און צו־ריק איבערן וואַסער. ווען זי האָט זיך גענומען דעם האַנטעך אויסדרייען, האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז ער איז צו אַ לאַנגער. וואָס מער זי האָט געדרייט, אַלץ ווייניקער האָט זי זיך גע־קענט אַן אײַצע געבן מיטן רעשט.

ניין, מאַמעשע, ניין,
דו ווייסט ניט, וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך ניט פֿאַרשטיין...

שיפּרעלע האָט זיך אַרומגעקוקט, קיינעם ניט דערזען, און אין דער זעלבער רעגע איז איבערן אויבערפֿלאַך פֿונעם וואַסער אוועקגע־שווומען אַ לאַנגע ווײַסע סטענגע — איר האַנ־טעך. מיט אַ שטילן „אוי” האָט זי זיך געלאָזט אים נאָכיאָגן. מיטאַמאָל דערפֿילט אַ שטויס, ווי עמעצער וואָלט אַרויסגעשלאָגן דעם באָדן פֿון אונטער אירע פֿיס און איז געבליבן הענגען אינעם וואַסער. אין דער רעגע האָט זי קלאָר דערזען אַ שיפֿל, אַ באָכער אַף די וועסלעס און אַ מיידל אַנטקעגן אים מיט אַ האַנט אַן אַראָפּ־געלאָזטע אינעם וואַסער און באַלד איז אַלץ פֿאַרשוווּנדן. און אין דעם „באַלד” איז שיפּרע־לען אונטערגעקומען אונטער דער האַנט עפּעס שטעכעדיקס. זי האָט זיך אין דעם אײַנגעקלאַ־מערט, טעלכע רעגעס געהאַנגען אַזוי אָן אָטעם, דערנאָך פּאַוואָליע גענומען זיך אויס־דרייען מיטן פּאָנעם צום ברעג. די שפּיץ פֿינ־גער פֿון די פֿיס האָבן אומגעריכט זיך אַ גראַבל געטאָן אינעם צעווייקטן באָדן פֿונעם טײַך. ניט אָפּלאָזנדיק פֿון זיך דאָס שטעכיקס, האָט שיפּ־רעלע דערפֿילט דעם באָדן שוין אונטער דעם גאַנצן פֿוס־טראָט. טעלעכע שפּאַן אין דער ריכ־טונג צום ברעג און דאָס געוויקס, וואָס האָט דאָ ערשט נאָכגיביק געגייגט זיך צו שיפּרעלען, געלאָזט זיך מיטשלעפּן, האָט מיט האַסט אַרויס־געריסן זיך פֿון אירע הענט, אויסגעגלײַכט זיך, ווי אַ פּרוזשינע און אָט איז עס שוין גאָר אײַנ־דערווײַט. דאָס וואַסער האָט שוין אָבער גע־גרייכט שיפּרעלען בלויז ביזן גאַרטל. זי האָט עס בוילעט געזען, נאָר אַלציינס האָט איר אין נאַקן געבלאָזן דאָס בייז. מיט די לעצטע קוי־כעס האָט זי געשטויסן פֿון זיך מיט די קני דאָס וואַסער און בעהאַלעדיק געלאָפֿן צום ברעג.

— זע נאָר, האָסט זיך געבאָדן אינעם אָנ־טאָן? — האָט זיך פֿאַרוווּנדערט די מאַמע. פֿאַר־וווּנדערט און גלײַך זיך דערשראָקן. — ס'איז דיר ניט קאַלט?

שיפּרעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין”, איבערגעטאָן זיך, געזעצט צום טיש. די פֿרישע הירזשענע קאַשע ערשט פֿונעם דרײַפֿוס איז איר ניט געקראָכן אין האַלדז, ס'איז איר אויך ניט אײַנגעגאַנגען די הייסע גלאָז טיי, פֿאַרזיסט מיט סאַכאַרין, און דאָ איז געקומען דאָס ערגסטע: די מאַמע איז אַרײַן פֿון קיך, פּלוצעם זיך געכאַפּט:

— און ווו איז דער האַנטעך? איך האָב דאָך דיר געגעבן אַ האַנטעך.

בא שיפּרעלען האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן און ווײַטער האָט זי גאָר אופֿגעלעבט.

ס׳איז ניט געבליבן וואָס צו באַהאַלטן, איז דער געפיל פון שולד פון איר איינגאַנצן אָפּגעטאָן געוואָרן. פּאַרקערט, איצט האָט זי געוואָלט ריידן, ריידן... נעמען די מאַמע פאַר אַ שוטעף. דערציילן, ווי אַזוי זי האָט געשווענקט דעם האַנטעך און ווען זי האָט אים גענומען אויס־דרייען, איז ער פון איר אוועקגעשווומען, און ווי אַזוי זי האָט זיך נאָך אים געיאָגט און איז געבליבן הענגען אינמיטן טײַך. און וועגן דעם שיפל האָט זי געוואָלט דערציילן דער מאַמען, ווי אַזוי דאָס מיידל האָט עס אונטערגעיאָגט מיט דער האַנט און דער באָכער מיט די וועס־לעס...

די מאַמע האָט אָבער געוואָלט וויסן איינס: ווו איז דער האַנטעך? אויב שיפּרעלע האָט אים פאַרגעסן אָפן ברעג, וועלן זיי לויפן אים זוכן.

— מאַמע, דער האַנטעך איז ניט אָפן ברעג. ער איז אוועקגעשווומען מיטן וואַסער ווײַט־ווײַט.

ווידער אַ שולדיקע און אַ דערשראָקענע האָט שיפּרעלע געקוקט אַף דער מאַמען, וועל־כע האָט אין אַנגסט פאַרבראָכן די הענט. און פאַרבראָכן האָט זי די הענט דערפאַר, וואָס צוזאַמען מיטן האַנטעך איז אוועקגעשווומען דער לאָבן ברויט, אַף וועלכן זי האָט אים גע־קענט אויסבײַטן. ס׳איז מילכאָמע אַף דער וועלט. אין שטוב איז ליידיק. „ניטאָ מיט וואָס אַ מויז צו דערווערגן“ — האָט שיפּרעלע דער־טראַכט מיט דער מאַמעס ווערטער איר צאַר. און איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ ביטע־רער כאַראָטע.

שיפּרעלעס מאַמע האָט אין קיין שול קיינ־מאָל ניט געלערנט, אין קיין גימנאַזיע — וואָ־דע ניט. שיפּרעלע האָט יאָ געלערנט. אין ערשטן קלאַס פון שיינדלסאָנס אָנפאַנג־שול פאַר מיידלעך. האָט זי אַמאָל דערציילט דער מאַמען, אַז פאַר שלעכט אויפפירן זיך אין קלאַס שטעלט די לערערקע אין ווינקל. פאַלט אײַן דער מאַמען, וואָס האָט ביז דער מײַסע מיטן האַנטעך, קיינמאָל מיט אַ פינגער ניט אָנגע־רירט קיין קינד, דאָסמאָל צו באַשטראָפן שיפּ־רעלען. ווי אַזוי? שטעלן זי אין ווינקל, ווי עס טוט די לערערקע אין שול. אין יענעם ווינקל בײַ דער צאַנקנדיקער שײַן פון דעם פּיצל קע־ראָסין־לעמפּל איז אויסגעוועבט געוואָרן די כאַראָטע און ס׳איז אויפגעקומען אַ פאַרדראָס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס ערשטע, וואָס די באָבע האָט דערזען, אַרײַנקומענדיק אין הויף, זײַנען געווען די קו־ביקלעך, פּונקט ווי נעכטן אין דער צײַט, צע־וואָרפענע אַף דער ערד. מער ניט, וואָס קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. דאָס גראָז איז נאָך עטוואָס געווען באַפּײַכט פון טוי. וואָוטשיק איז ווי קיינמאָל גאָרנישט געזעסן אַף דער ווע־ראַנדע בײַ זײַן טישל און געמאָלט. די באָבע איז צו אים צוגעגאַנגען. אַף וואָס פאַר אַ פּאַ־פּיר מאָלט ער עס, וואָוטשיק? צוגעגאַנגען און פאַרשטיינט געוואָרן. אינדערקרים אַרויסגערי־סענע זײַטלעך... פון איר אַרבעטס־העפט... און באַמאָלט אַזוי, אַז ס׳איז קעדײַ אין דעם זיך צו שפּיגלען. די באָבע איז דאָפּקע געווען אַ מיוון אַף דער האַרמאָניע, נאָך וועלכער רײַפע קינסטלער יאָגן זיך צענדליקער יאָרן, און דעם קינדס אומדערפאַרענע האַנט ברענגט זי אַרויס אַמבעסטן פּונקט דאַן, ווען קיינער לערנט אים נאָך ניט מאָלן. די באָבע וואָלט זיך געוויס פאַרקוקט אָפן יאַם פון רויט־גרין־געלב־בלויע קאָלירן, ווען אין אים וואָלטן ניט דערטרונקען געוואָרן אירע אייגענע געטאָקטע אויסיעס.

— פאַרוואָס האָסטו ווידער צעוואָרפן די קוביקלעך? — האָט זי זיך געצווונגען צו פרעגן מיט אַ באַהערשטער שטים.

וואָוטשיק האָט געשמאַק געאַרבעט, אַפילע דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן צו דער באָבן.

— איך האָב אָנגעמאָלט נײַע קאַרטינקעס פאַר די קוביקלעך. יענע זײַנען ניט קיין גוטע.

בײַ דער באָבן האָט איבערגעכאַפּט דער אָטעם:

— ווער האָט דיר דערלויבט צו נעמען מײַן פּאַפּיר?

ערשט איצט האָט וואָוטשיק אויפגעהויבן די אויגן צו דער באָבן. זיי זײַנען געווען בלוי און לויטער... נאָר צי דאַכט זיך איר עס, ווי־דער האָט די באָבע אין זיי דערזען עפּעס ענ־לעכס צו כויזעק.

אין עטלעכע רעגעס אַרום, וואָס איז שײַעך צו ריידן, איז שוין וואָוטשיק ניט געזעסן באַם טיש, ניט געמאָלט קיין גרינע געגנדן און קיין בלויע הענער. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן דער באָבן און פון די אויגן האָבן זיך אים געגאָסן טרערן. מע קאָן ניט זאָגן, אַז ער האָט געוויינט, ווײַל אַף אַ קאָל האָט ער אַפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן... נאָך מער, מיטן ווײַז־פינגער פון דער רעכטער האַנט, האָט וואָוטשיק זיך פאַרדריקט דאָס מויל. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ דריטע ליפּ וואָלט אים אויסגעוואַקסן, און זי, די דריטע ליפּ האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און לאָזט ניט די פריערדיקע צוויי אַרויסזאָגן דאָס פאַרהאַסטע „איך וועל ניט מער“. די באָבע האָט קלאָר ניט פאַרגעסן, ווי גאָר ניט לאַנג האָט זי דאָס דאָ־זיקע „איך וועל ניט מער“ אויסגעלאַכט אַף אַ סעמינאַר פון פאַרשול־דערציִערנס. זי האָט אויך בוילעט געזען פון דער זײַט סײַ זיך, סײַ וואָוטשיקן. אָט שטייט זי איבער אים אַ גרויז־סע, אַ געזונטע און צווינגט אים טאָן דאָס, וואָס ער וויל ניט טאָן. וואָוטשיקס דריטע ליפּ, זײַן איינציק געווער, האָט שיר ניט אַרויסגערופן קיין טרערן אויך בײַ דער באָבן.

אַך, וואָוטשיק, וואָוטשיק... ווען ער ווייסט, אַז דער באָבן גייט גאָר ניט אָן אַזוי דער העפט, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, ווען ער ווייס, אַז ער האָט בײַ דער באָבן אָפּגענו־מען די זיכערקײַט אין דעם, וואָס זי האָט אין דעם העפט געשריבן. אין דער מינוט, וואָס זי האָט דערזען די אינדערקרים אַרויסגעריסענע זײַטלעך, איז איר אַ וועלט אונטערגעגאַנגען, ווי פון דינאַמיט אויפגעריסן געוואָרן.

וואָוטשיק האָט פון דעם אַלעמען ניט געוווּסט. האָט ער פּראַקשנט קעגנגעשטעלט זײַן ווילן דער באָבעס אַזוי לאַנג, ביז... ס'איז אַ כאַרפּע צו זאָגן, נאָר דעם עמעס קען מען ניט לייקענען, ביז... די באָבע האָט אַ צערייצטע אַרײַנגעשטופּט אים אינעם שטעלכל לעבן גאַנעק און פאַרלייגט מיט אַ שפּענדל די טיר. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דערנאָך האָט זיך פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר אַרויסגעריסן אַן אײמעדיקער געשריי:

— באָבע, עפן, איך וועל ניט מער...

ווי אַ באַנומענע האָט די באָבע אַ שלײַדער געטאָן דאָס שפּענדל אָן דער ערד, צעפּראַלט די טיר פונעם שטעלכל, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אָף די הענט, אויסגעקושט זײַן פאַרוויינט פּנעמל.

— — — — — — — — — — — — — —

וואָוטשיק האָט מיט גרויס כיישעק אויסגעטרונקען דאָס קריגעלע מילך פונעם פרישן אָוונטיקן געמעלק. ווען די באָבע האָט אים דערלאַנגט אַ צוקערקע צו פאַרבײַסן, האָט ער שוין אויסגעזען ווי אײַנגאַנצן געטרייסט.

פאַרן שלאָף האָט ער, ווי געוויינלעך, אַליין זיך אויסגעטאָן און אַקוראַט צונויפגעלייגט, ווי די באָבע האָט אים געלערנט, דאָס העמדל, די הויזן, די טרוסיקלעך. אײַנגעשלאָפן איז ער די מינוט. די באָבע איז געשטאַנען אַ היפּשע צײַט בײַ זײַן געלעגער און געקוקט אָפן קינדערשן פּנעמל, וואָס איז פאַר יענעם אָוונט ווי קלענער געוואָרן. וואָוטשיק האָט אין שלאָף אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, נאָר דאָס טשמאַקען, וואָס האָט קעסיידער פאַרשאַפט אַלעמען אַ שטוב נאַכעס, האָט זיך דאָס מאָל ניט באַקומען. דאָס מויל האָט אַרויסגעלאָזן אַ שטילן שלוכץ. די ווי:עס באַם קינד האָבן דערבײַ עטוואָס אַ ציטער געטאָן און דער באָבען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הינטער זיי איז פאַרבאָרגן אַ ניט אויסגעוויינטער צאַר. אַליין אַ קלענער געוואָרענע האָט זי פאַרדריקט מיט ביידע דלאָניעס די באַקן און אַרויסגעשעפּטשעט ווי אַ שפּרוך:

— ער זאָל עס נאָר ניט געדענקען! ער זאָל עס פאַרגעסן!

3. פאַרוואָס וויל די שטוב ניט פאָרן?

זינט יענעם אָוונט האָט זיך אין דער באָבעס לעבן פיל געענדערט.

ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז זי איז עלטער געוואָרן אָף פופצן יאָר. און באַלד זי איז עלטער געוואָרן אָף פופצן יאָר, וועט פאַר קיינעם קיין כידעש ניט זײַן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אויך וואָוטשיק איז עלטער געוואָרן פונקט אָף אַזוי־פיל יאָר. אויסער דער מאַמען און דער באָבען האָט אים שוין קיינער וואָוטשיק ניט גערופן. אַז אַ מענטשן פאַלט אײַן אַזוי אויסצוצי:ען זיך אין דער הייך, איז ווער־עמען וועט עס אײַנפאַלן אָנצורופן אים מיט אַזאַ מין פּיצלקינד־נאָמען? עמעס, ווען איר פאַרבײַסט צו אים דעם קאָפּ, ווי ער האָט מיט פופצן יאָר צוריק פאַריסן דעם קאָפּ צו דעם מיליציאָנער, וואָס האָט זיך געקליבן כאַסענע האָבן און פאַרייניוועגס אַ לערן געטאָן וואָוטשיקן שפּילן אין פוטבאָל, וועט איר באַשאַנקען ווערן מיט דער זעלבער בלויקײַט און לויטערקײַט, וואָס נאָר וואָוטשיקס אויגן פאַרמאָגן אַזוינס.

די באָבע האָט יענעם אָוונט זיך געפילט ניט מיט אַלעמען. עפשער אַ ביסל ניט געזונט און עפשער מיד. איז זי שוין צו צען אַזייגער געלעגן אין בעט מיט אַ בוך אין דער האַנט. אין דעם בוך, ווי־ײַזט אויס, האָט זי קיין באַזונדער טאַם ניט געפילט. האָט זי אים גאָר אײַנגיכן אַראָפגעלאָזט אָף דער קאָלדרע, מיט וועלכער זי איז געווען צוגעדעקט. שטיל איז געווען אין איר אײינזאַמען צימער. און אַ ביסל איבעריקס ליכטיק. אַ טאָרשער צוקאָפנס, אַ לאָמפּ אונטער אַ גרינעם אַבאַזשור אָפן שרײַב־טיש און אויך די ליוסטרע אינדערהייך האָט זי פאַרגעסן אויסשליסן. יעדער ווינקעלע אין צימער איז געווען באַלויכטן און דאַפקע פון דער ליכטיקײַט איז צו איר געפלאָסן אַ בענקשאַפטלעכער אומעט. אַ גוט באַקאַנטער. שוין היפּשע עטלעכע יאָר, וואַרפט זיך דער אומעט אָף איר פלוצעם אַרוף, דריקט זי צו דער ערד און אַלץ אַרום ווערט ביז איבל דערווידער.

מיט איין שטאָך העכער אין דעם זעלבן הויז וווינט איר טאָכטער מיטן מאַן, מיטן זון. וואָלט זי עפשער געדאַרפט זאָגן צוויי ווערטער אין טעלעפאָן. אָט שטייט ער דאָך, דער אַפּאַראַט אין בעט, בײַ איר רעכטער האַנט. ווען זי טוט עס, וואָלט אין עטלעכע רעגעס אַרום אויך אין דעם קלײנעם פּאָדער־צימער, וואָס שוואַרצט זיך אין דער אָפענער טיר, אַ בליץ געטאָן שײַן. ס'האָט דען אַ ווערט בײַ אַ יונגע מענטשן אַראָפּלויפן פון עטלעכע טרעפּ? נאָר ניין. דאָרט, בײַ איר טאָכטער, איז יעדערער מיט עפּעס פאַרנומען. בלײַבט דער באָבעס האַנט ליגן אָפן האַלבן וועג צו דעם טרײַבל. איצט ווייס זי שוין, אַז דער אומעט קומט צו איר ניט פון דער צו שאַרפער ליכט, נאָר פאַרקערט, פונעם ניט באַלויכטענעם פּאָדער־צימער. איז דאָך דאָס צו פאַריכטן. אַראָפּלאָזן די פיס פון בעט... צוויי טריט... אָנשטאָט דעם פאַרמאַכט זי גאָר די אויגן. סטאַם אַזוי. ניט צום שלאָפן.

...באָבע, גיב מיר. איך וויל אַליין...

וואָוטשיק האַלט אין איין איבערשטעלן די פיסלעך אין די העלע פעטראָווע וואָליקלעך. ס'איז אים שטאַרק נייטיק וואָס גיכער אַרײַן אין שטוב. אָפשליסן די טיר וויל ער אָבער נאָר אַליין. די באָבע נעמט וואָוטשיקן אָף די הענט. ער שטעלט אַרײַן דעם שליסל אין דער שלאָסלאָד, גיט אַ דריי, ווי אין דער לאַסט־מאַשין, וואָס דער טאַטע האָט אים ערשט נעכטן געקויפט, און די טיר עפנט זיך. נאָר וואָוטשיקס פּנעמל איז גאָלע פאַרדראָס:

— באָבע, פאַרוואָס וויל די שטוב ניט פּאַרן? באָבע, די שטוב איז קאַליע געוואָרן...
— — — — — — — — — — — —

צי האָט זיך עס די באָבע דערמאָנט, אָדער ס'האָט זיך איר געכאַלעמט? אויב זי איז יאָ געשלאָפן, איז ניט מער, ווי עטלעכע רגעס. „צוויי יאָר אַלט געווען" — האָט אָפּגעטאַקט דער וואַכער מויעך און... „ווען עס גיט איצט א קלונג דער טעלעפאָן..."

עס איז צו איר ניט באַלד דערגאַנגען, אַז עמעצער קלינגט צו איר אין דער טיר. און ווען דערגאַנגען, האָט זי דעם קלונג טאַקע באַלד דערקענט. אין איין רגע איז זי שוין געווען בא דער טיר.

— וואָוטשיק, דו? וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, באָבע. דו האָסט זיך שוין געלייגט? א גוטע נאַכט.

— וואַרט צו. אָט עפן איך. כ'וועל נאָר אָף זיך עפּעס אַרופכאַפּן.

— ניין. מע דאַרף ניט. — וואָוטשיקס מע־נעריש, שוין געשטעלט קאָל האָט א ציטער גע־טאָן פון אַנטוישונג. — איך האָב דיר נאָר גע־וואָלט ווײַזן... נאַדעזשדאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר געשענקט... א הינטעלע... א טאַקסע...

דאָס הינטל, ווי די באָבע האָט עס אוועק־געשטעלט אין דער מיט פון איר בעט, אַזוי איז עס געבליבן שטיין, אַן אַרומגעהאַנגענס פונעם קאָפּ ביז די קורצע פיסלעך מיט לאַנגע שוואַר־צע פּאַסמעס האָר. עס האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין פּיצל נײַגער צו דעם, וווּהין דער גורל האָט עס אים פאַרוואָרפן. עס איז דעם געווען גוט אונטער זײַן צודעק. אַלצייַנס האָט עס זיך געפילט אַלס „א הונט מיט אויערן", האַגאַם די אויערן זײַנען געווען פאַרבאָרגן פון דער וועלט. פון זײַן גאַנץ וואַרעם צאַפּלדיק גופל האָבן זיך געזען בלויז די אויגן און דאָס אויך קוים־קוים. זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורך דער האָר־געדיכטעניש, ווי דורך א שפּאַלט.

איז דאָס הינטל געשטאַנען אַפן בעט צווישן דער באָבען און דעם אייניקל און ביידע האָבן פון דעם אַנגעקוואָלן. לאַשטשענדיק דאָס הינטל, האָט דער באָבעס האַנט שיר ניט פאַר־בלאָנדזשעט צו וואָוטשיקן און אומגעקערט זיך צום רוקן פון דער טאַקסע, ווײַל... ווײַל טאַמער כאַזערט זיך איבער דער קוים מערק־באַרער קער אָן א זײַט, ווי צו באַפרײַען זיך, בייס זי האָט אים דאָ ניט לאַנג א גלעט געטאָן איבער דעם שיין פאַרקעמטן קאָפּ.

דאָס אייניקל איז אוועק מיטן הינטל, ווי מיט אַן אייפּעלע אָף די הענט. די באָבע האָט אויסגעלאָשן די ליכט, אײַנגענומען א שלאָף־טאַבלעטקע. א באַרויִקטע, א דערוואַרעמטע איז זי געלעגן אין בעט און א שמייכל האָט פון צײַט צו צײַט באַרירט אירע ליפּן: „א קאָפּ־מענטש... א מאַטעמאַטיקער... איר קליינטשינ־קער וואָוטשיק..." דער שלאָף איז צו דער באַ־בען געקומען ניט גיך. איז זי געלעגן און אַלץ איבערגעקליבן אין געדאַנק וואָוטשיקס נײַנצנ־יאָריק לעבן: „א זעלבשטענדיקער אויסגעוואַקסן. צו עלף יאָר געבראַכט אהיים א נײַס — ער איז אַריבער אין א מאַטעמאַטישער שול. און אין אוניווערסיטעט? אַליין געגרייט זיך. אָן קיין שום רעפעטיטאָרס".

דעם אייניקלס זעלבשטענדיקײַט האָט זיך פּלוצעם א קער געטאָן צו דער באָבען גאָר מיט אַן אַנדער זײַט. דער שטאָלץ איז פאַרביטן גע־וואָרן מיט ראַכמאָנעס. ניט קיין וווּסיק באַ־כערל האָט זי געזען פאַר זיך, נאָר א פּיצל, דעם קלייניקן וואָוטשיקן. „א פאַרוואָרלאָזט קינד... ווער האָט זיך, מישטיינס געזאָגט, מיט אים פאַרנומען? די מאַמע — דאָ א רעפעטיציע, דאָ גאַסטראָלן. דער טאַטע קעסיידער פאַרנו־מען אין זײַנע כעזשבוינעס און צייכענונגען... זי, די באָבע, פלעגט מיט אים פאַרברענגען די זומער־כאַדאָשים, און אַזוי, אָן דער וואַרעמקײַט פון א היים. פון דרײַ יאָר אָן פינף טעג אין דער וואָך אין קינדערגאָרטן". „קיין בייז ניט, — האָט די באָבע באַלד דערווידערט זיך אַליין. — טאַקע דערפאַר איז ער אַזוי זעלבשטענדיק. — און ווי א שטאָך אין האַרצן: זעלבשטענדיק... די נײַס מיט דער מאַטעמאַטישער שול... האַ־לעווײַ ווײַטער אַזוי, ווער ווייס אָבער, וואָס פאַרא נײַס ער קאָן נאָך צוטראָגן איצט, א דערוואַקסענער? די ניסיוינעס, שטרויכלונגען, וואָס קענען טרעפן אָף וואָוטשיקס וועג זײַ־נען אַלץ אַנגעוואַקסן אין דער באָבעס דימיען. און פּונקט ווי די געפאַר וואָלט שוין געשטאַ־נען בא דער טיר, איז איר האַרץ יעדעס מאָל צונויפגעדריקט געוואָרן פון אומרו.

לאַכט ניט פון דער באָבען. דער אומרו פון עלטערע מענטשן איז א פּרוכט פון דערפאַרונג. ווער עס איז אויסגעשטאַנען דרײַ מילכאָמעס, ווייס, ווי ציטעריק עס איז דעם מענטשנס לײַב און לעבן. לאַכט ניט פון דער באָבען. דער אומרו פון עלטערע מענטשן איז א פּרוכט ניט נאָר פון דערפאַרונג. ער איז א פּרוכט פון ליבע.

דער מעכאַבער פון דער דאָזיקער דערצײַ־לונג איז מיט דער באָבען גוט באַקענט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס זי באַומרויִקט זיך פאַר וואָוטשיקן. בעטעווע איז זי אַן אָפּטימיסטקע, האָט זי געטראַכט, געטראַכט ביז ס'האָט זי אַרומגענומען א שטילע פרייד: וואָס פאַרא ליכ־טיק קינד דאָס איז. נישקאָשע, ס'וועט אַלץ זײַן גוט: אין איר האַלב־שלאָפנדיקן מויעך האָבן זיך צונויפגעמישט דאָס וווּסיקע באַ־כערל מיטן הינטעלע אָף די הענט און דאָס פּיצל קינד בא דער אופגעשלאָסענער און דאָך שטום־שטייענדיקער טיר: „באָבע, פאַרוואָס וויל די שטוב ניט פּאַרן?"

וועגן וועמען, אייגנטלעך, איז די דערצײַ־לונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „וואָוטשיק"? קען זײַן, דער לייענער האָט א גרונט אַזוי צו פרעגן — עפּשער איז זי גאָר וועגן דער באָבען. אָף דעם וועלן מיר ענטפערן — וועגן ביידן. מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק איז די באָבע אַליין געווען א „וואָוטשיק". דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן אויך וועגן דעם מעכאַבער.

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע

— וועגן קינדער?

— יאָ, וועגן קינדער.

דעם לעצטן האָבן מיר אַרײַנגענומען צו זיך אין וואַגאָן אַ געל ייִנגעלע מיט אַן אויס־געצויגין אומעטיק נעזל. אַ שטאָטיש ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס — זיבן, אין אַ ווײַסער מײַקע, מיט ווײַסע טרוסיקלעך. איינער אַליין, ווער ווייס פונוואַנען און וויאַזוי איז ער פאַר אונדז אופגעקומען אין דער סאַמע מיט פון אַ קנופּ רעלסן, ווו דער צוג איז פּלוצעם שטיין געבליבן. דאָס ייִנגעלע האָט שטום צו אונדז אַרופגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן, נאָך מער אומעטיקע, ווי זײַן אויסגעצויגן נעזל. געדיכט פּאַרמישט אַף בלוי, האָבן זײַנע אויגן אונטער די ווײַסע ווײַעס אויסגעזען קימאַט ווי שוואַרץ. מיר האָבן שנעל אַרופגעהויבן דאָס ייִנגעלע צו זיך און פאַרשפּאַרט די טיר פון אינוווייניק. מיר זײַנען געווען זיכער — ער איז דער לעצ־טער.

ווי נאָר דער צוג בלײַבט שטיין, צי אין־מיטן פעלד, צי אַף אַ סטאַנציע, ווערט אונדזער וואַגאָן פאַרוואַנדלט אין אַ מיטלאַלטער־לעכער פעסטונג. אַלס הענג־בריק דינט אונדז דאָס לייטערל, וועלכן מיר לאָזן אַראָפּ נאָר צוליב די נייטיקסטע באַדערפעניש, ציִען עס באַלד צוריק און פאַרהאַקן מיט האַסט די טיר. וועלכע ריכטונג וועט אויסקלײַבן אונדזער צוג — צי וועט ער זיך לאָזן פאָרויס צו דער אויסגעטרוימטער שטאָט מיטן מאָדנעם נאָמען באַרנאַול, צי וועט ער פאַרקערעווען אַף רעכטס אָדער אַף לינקס און עפּשער וועט ער זיך גאָר אומקערן צוריק אין אונדזער ברענענדיקער שטאָט — ניט מיר ווייסן עס, ניט די מענגע מענטשן, וועלכע גייט אין אָנגריף אַף אונדזז פונקט, ווי מיר, גלייבן זיי אוודאי, יעדער מענטש גלייבט אין דעם ביזן לעצטן אָטעם, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ שטײַפער קנופּ, וואָס זאָל ניט לאָזן זיך פאַנאַנדערקניפּן, געוויס אַזוי, אָבער מיר מוזן באַשיצן אונדזער פעסטונג. זי איז צו געדיכט באַפעלקערט. אַפילו די סאַמע ייִנגסטע קינדער אין וואַגאָן זײַנען גרייטפּייק צום קאַמף. זיי האָבן זיך גאָר פון דעם געמאַכט אַ שפּיל. „מע גייט! מע גייט!" — זאָגן זיי אָן מיט גדולע. מיר, די דערצי־ערנס, איך און מײַן שוועסטער, כאַפּן אויף אַ היפּש ביסל רישעס אין זייער גדולע. נאָר מיר דולדן עס. מיר אַליין זײַנען דען ניט קיין רעשאָ־ים? האָבן מיר דען אַרײַנגענומען אין וואַגאָן כאָטש איין מאָ־מע מיט אַ פּיצל אַף די הענט? בלויז קינדער, איינזאַמע, פאַרלאָרענע נעמען מיר צו זיך. אי דאָס נאָר די ערשטע עטלעכע טעג, שפּעטער האָבן מיר זיך געמאַכט הארץ קיינעם אין וועג ניט צו באַמערקן. איז דאָס געלע ייִנגעלע, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, געווען דער לעצטער. און דער צוג, פונקט ווי ער וואָלט אומיסטן אַף

אים געוואָרט, האָט זיך באַלד אַ ריס געטאָן פון אָרט. אַ קינד האָט זיך הויך צעוויינט. מיס־טאָמע האָט עס צעבײַלט דעם שטערן פון דעם אומגעריכטן ריס. אַ צווייט קינד האָט, פּאַר־קערט, הילכיק געיובלט: „מיר פאָרן! מיר פאָרן!", „מיר פאָרן, מיר פאָרן" — האָט שמײַ־דיק אָפּגעקלאַפּט מיט די בופערס דער צוג אַ מין טשעטשאָטשקע־טאַנץ. אָפּגעקלאַפּט און ווי־דער שטיין געבליבן.

מאָדנע, ווען דער צוג גייט, האָט איבער אונדז קיין שליטע ניט דאָס געפּיל פון סאַקאָ־נע. פעלדער, וועלדער, הײַזער, טעלעגראַף־סלופּעס דערלאַנגען אונדז זיך אַליין, ווי אַף אַ טעלערל. זיי לויפן אַנטקעגן. זיי זײַנען אונדז גערן. בלײַבט די געפאַר הינטערשטעליק.

שטעלט זיך אָבער דער צוג אָפּ, און קי־מאַט קעסיידער דאָ, ווו ס'וואָלט אים גאָר קיין מאָל אין כאָלעם ניט געקומען צו בלײַבן שטיין, שטעלט זיך אָפּ אויך עפּעס אינוווייניק אין אונדז. באַ דער פאַרמאַכטער טיר, אין דער טונקלקײַט און דושנעקײַט ווערן מיר פאַר־וואַנדלט אין איין גרויסן אויער, אָנגעשפּיצט צום הימל: האַ, עס רוישט ניט? און אויב עס רוישט, איז עפּשער ניט אַזוי נאָענט? אין די מינוטן זײַנען מיר אַלע אין איין עלטער, די קינדער און מיר. און עפּשער זײַנען די קינדער גאָר עלטער פון אונדז. אייניקע פון זיי זײַנען געוויס פילגעפּרוּווטער. ניט אַזוי די, פון דעם קינדערהיים, ווי די, וועלכע מיר האָבן אונטער־געקליבן אין וועג, די פאַרלאָרענע. פון די על־טערע קינדער האָבן מיר געוויס ניט וואָס צו באַהאַלטן. שוין צום סאָף פון דעם ערשטן טאָג האָבן מיר זיי אויסגעזעצט אַפן דיל אין אַ קרײַז, צוגעגרייט... דעריקער, זיי זאָלן פאַר־שטיין, אַז צוזאַמען מיט אונדז טראָגן זיי די אַכרײַעס פאַר די ייִנגערע פון זיך.

דער אויספּרווו איז געקומען ערשט אַפן דריטן טאָג. נאַכט. דאָס קליינוואַרג, מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פון שלאָף, וויינט נאָר ווײַנען און שרײַען. די עלטערע שפּרינגען פון דער טעפּ־לושקע אין דער נידער. צוזאַמען מיט אונדז כאַפּן זיי אונטער אַף די הענט די ייִנגערע, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט אינעם קרײַז אַפן דיל. דער הימל איז צעאַקערט מיט פאַסן פײַער. דערזעען מיר אַ וועלדל אינדערנאָענט און לאָזן זיך אַהין לויפן. אַזוי צוויי מאָל אין דער קור־צער זומערדיקער נאַכט. און ביידע מאָל קערן מיר זיך אום אין אונדזער ליבער, היימלעכער טעפּלושקע. אָט זײַנען מיר אַלע. מיר זײַנען דאָ, און זי איז דאָ. זי שטייט, זי וואַרט. דער גאַנצער צוג שטייט, אַ פאַרשטומטער, אַן אויס־געלאָשענער, אָבי ער שטייט. אַנטקעגן דער טיר פון דער טעפּלושקע הענגט אַ לאַמטערן. ער האָט זיך אויסגעלאָשן פונקט אין דער רע־גע, ווען מיר האָבן גענומען שפּרינגען אַף דער

ערד. שוואַרצט ער זיך אויך איצט אַפן סטויף, ס'האָט אים גאַרנישט געשאַדט, אַלץ ווי געווען. ניט אונדז האָט מען געמיינט...

פאַרטאָג האָט מען עפּשער יאָ אונדז געמיינט, אָדער אונדז, אָדער עמעצן בישכיינעס. א סימן, אונדזער לאַקאַמאָטיוו איז צעשעדיקט. אָט איצטער וועלן מיר ערשט שטיין. איך ווייס ניט, ווי מײַן שוועסטער, ווי די קינדער, נאָר מיר איז שוין דאָס שיטערע וועלדל באַם וועג שטאַרק דערווידער. א גאַרנישט און מאַכט זיך גרויס. אַף זײַנע שפּיצן פאַלן שוין אַפילע די בליקן פון דער ערשט אופגייענדיקער זון. א גדולע אַף דעם... פונקט ווי עס וואָלט טאַקע געקענט פון עפּעס באַשיצן. ווען וועלן מיר שוין פון דעם פּאַטער ווערן?.. א פאַרשפּראַכן וועלדל, פאַרשפּראַכענע רעלסן... „קינדער, — דערהער איך מײַן שוועסטערס קאָל, — גיכער אין דער טעפּלושקע! מאַרש, מאַרש, קינדער, שלאָפן, גיכער שלאָפן!" — מיר וואַלגערן זיך אַלע אַוועק אַף די הילצערנע נאַרעס. די מיידלעך — אַף דער נאַרע פון רעכטס, די יינגלעך — אַף דער נאַרע באַ דער הינטערשטער וואַנט, דאָס קליינוואַרג — אַף דער גאָר נידעריקער, אונטער דער רעכטער, דער מיידלשער.

דער גאַנצער וואַגאָן שלאָפט ביז האַלבן טאָג. מיר וואָלטן געשלאָפן נאָך, ווען ניט דער רודער פונעם צוג. ער האָט זיך געריררט. אַוועק, אַוועק, אַוועק... מיר האָבן זיך די ערשטע אופגעכאַפּט, איך און מײַן שוועסטער. מיר האָבן געעפנט די טיר אין דער גאַנצער ברייט. א מין היץ... דער הימל — א בלויער, א ריינער. אויסגעשפּרייט זיך, ווי אַף אייביק. ווער דען קען שטערן זײַן רו? און די זון האָט זיך באַזעצט אַף אים אויך, ווי אַף אייביק, סאַמע אויבנאָן. א פאַרשײַטע זון, א זון — א ברען. זאָל זי, זאָל זי, ס'איז גוט. דער צוג טראָגט אונדז אין דער ווײַט מיט א טראַסק, מיט א פײַף, א לאַקאַמאָטיוו, ווײַזט אויס, האָבן מיר שוין אויך. אַניט, פונוואַנען וואָלט זיך דאָ גענומען דער פײַף? מיר פאָרן. מיר פאָרן קיין באַרנאַול, דאָרט איז ניטאָ קיין מילכאָמע. דאָרט, זאָגט מען, וואַקסן ליכטיקע, ווײַסע בערעזעס. דאָרט, זאָגט מען, באָדן זיך די פיס אין ווייכן, קרוקע זאַמד, פונקט אַזאַ ווײַסן, ווי די בערעזעס. מע דאַרף גאָר ניט קיין שיך. און עסן — דעריקער פיש — עס, וויפל דו ווילסט...

מע קען ניט זאָגן, אַז פאַר די געציילטע טעג פון מילכאָמע האָבן מיר שוין באַוויזן זיך אויסצוהונגערן. עסן גיט מען אונדז. מע טראָגט צו צום וואַגאָן, אָדער אונדזערע דעזשורנע באַקומען עס אַף די סטאַנציעס אין די עוואַקאָפּונקטן. נאָר וואָס מער עס דערווײַטערט זיך פון אונדז די סאַקאָנע, אַלץ מער וואַקסט אין אונדז דאָס לעכצעניש נאָך עסן. נאָר מע וואַרט, וואָס וועט מען געבן... מיר האַלטן אין איין גרייטן די עמערס, די שיסלען, טאַמער... קוים לעקט מען אַרום פון אינווייניק און פון אויסווייניק די לעפל, קוים ווישט מען אַרום ביז ריין מיט א זאַרגזאַם פאַרהיט שטיק ברויט דעם דעק און די ראַנדן פון די שיסעלעך, ווײַל מען שוין ווידער עסן. ווען איך מיט מײַן שוועסטער לערנען זיך, ווי פריִער, אַפן ביִאָלאָגישן פאַקולטעט, וואָלטן מיר עפּשער אַנטדעקט א נײַעם רעפלעקס — דאָס אויסטיילן זיך פון מאָגן־זאַפט אונטערן רויש פון די באַן־רעדער. מײַן שוועסטער פרעגט מיך איינמאָל איבערשטיל:

— דו געדענקסט די שוואַלבן־נעסט אונטער דער סטרעכע?

— אַף דער זומער־וווינונג?

— געדענקסט, די שנאָבלען באַ די אייפעלעך...

— שטענדיק אָפן. קעסיידער געוואָרט אַף דער מאַמען מיט שפּײַז.

מײַן שוועסטער פאַרטראַכט זיך אַף א ווײַלע:

— באַ די שוואַלבן, — זאָגט זי, — האָט עס אויסגעזען זייער רירנד.

— יאָ, נאָר באַ מענטשן וואָלט געווען גלײַכער, עס זאָל זײַן אַנדערש.

באַ די ווערטער מײַנע פאַרלאַנגזאַמט דער צוג זײַן גאַנג און מיך גיט אומדערוואַרט א צי באַם האַרצן: „וואָס, א סטאַנציע?" אָט כאַפּ איך שוין די עמערס.

די שנאָבלען זײַנען קעסיידער אָפן און צו דעם איז קיין אייצע ניטאָ. מיר מוזן טאָן אַלץ, זיי זאָלן האָבן וואָס צו פּיקן. וויפל וועלן מיר נאָך זײַן אין וועג — דרײַ, פיר וואָכן און עפּשער גאַנצע פינף? באַ אַזאַ כעזשבן פאַרלירט די טעפּלושקע איר „דערוויילקײַט". זי ווערט אונדזער היים. יעדער היים פאָדערט אוועלכן־ניט־איז לעבנס־סיידער. מיִען מיר זיך מיט אַלע קויכעס אַזאַ מין לעבנס־סיידער אײַנצושטעלן: מיר דערשלאָגן זיך, די קינדער זאָלן כאָטש איין מאָל אין טאָג וואַשן די הענט און דאָס פּאָנעם. די עלטערע ייִנגלעך כאַפּן אַפילע אַמאָל אַרײַן א פּליוך פון דעם פלומפּ איבערן נאַקעטן לײַב. אין דאָס אונדז קנאָפּ. מיר ווילן די קינדער זאָלן הערן מײַסעס, וואָס אונדז האָט גאָר ניט אַזוי לאַנג צוריק אונדזער מאַמע אויסגעטרייענט פון די ביכלעך. מיר געדענקען די מײַסעס אַף אויסווייניק. מיר קענען זיי דערציילן. מיר ווילן די קינדער זאָלן פירן קאַראַהאָדן אין דעם זיך ווייגנדיקן צוג. פאַר א צענדליק קינדער (די סאַמע קליינע וועלן מיר נעמען) וועט זיך געפינען אָרט. און אָט האַלטן זיי זיך שוין פאַר די הענט, דרייען זיך אין א קרײַז און זינגען:

Баба сеяла горох,
Прыг-скок, прыг-скок...

בייסן אונטערשפּרינגען ווערט פון דעם קאַראַהאָד א געפלאָכטענער קוילעטש פון קני און עלנבויגנס. די קליינע באַמערקן אַפילע ניט די ענגשאַפט. אונטער זייערע פיס שפּרייט זיך א גראַמער פּלאַץ אַפן הויף באַ טאַטע־מאַמע, אָדער אין קינדערגאָרטן. «Прыг-скок, прыг-

«скок, прыг-скок» — קרימט אונדז עמעצער איבער. יענער „עמעצער" וויל ניט לײַדן די באָבע, וואָס זעצט זיך צו, בײַסט איבער און זײַט שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק איר ארבעט. א לייצים־כאָר זינגט וועגן איר מיט בייזן פאַרגעניגן א שפּאָגל־נײַ לידל, אָן ערשט צוגעטראכטס:

Горох взошел не густо,
У бабы в брюхе пусто, пус-то...

צעפּאלט זיך דער קאַראַהאָד. און דאָס «Пусто, пусто» האלט אין איין אָנוואקסן. עס קומט פון דער טיף פון וואגאָן. מיר זעען: איבער א פּאטלאטן קאָפּ הייבט זיך אוף א פּאַרשמאָלצענע קאָרט און א ברודיקע האנט גיט א פּאטש מיט איר איבער דער נארע. די קאָרט באגלייט א מעטאלענער קלאנג: א קנעפּל, צי א מאטבייע? פונוואנען נעמט זיך אהין די מאטבייע? «Прыг-скок» — רופט אויס שוין גאָר אָן א ניגן דער פּאטלאטער קאָפּ. און מע לאכט. עס לאכן ייִנגלעך. עס לאכן מיידלעך. די זעלבע ייִנגלעך און די זעלבע מיידלעך, וועלכע האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק אונטערן געוואָי פון סירענעס אינדערנאַכט פון א גויסעסדיקער שטאָט טרײַ געשלעפּט אף זיך דאָס קליינוואַרג צום שיטערן וועלדל.

זאָלן מיר עמעצן פון זיי באשטראָפן? וויאזוי? און פאַרוואָס? די שולדיקע זײַנען מיר דאָך, איך און מײַן שוועסטער. אזוי טראכטן מירביידע. מיר ווייסן ניט, וואָס טוט מען מיט א פאַלגעפּאַקטן וואגאָן קינדער פון פינף יאָר ביז פערצן.

די הינטערשטע נארע האָט בילכערע געשפּטן, ווי צו לעצעווען איבער דעם קליינוואַרג און זייערע מישטיינסגעזאָגט „דערציִערנס". האלט זיך שוין דער הו־הא באם אויסלעשן אין עמעצנס, ווי פון יויצע וועגן, פוילבלעך געלעכטערל. און שוין. אויס. שטיל.

אונטער יאנקעלעס וויגעלע
שטייט א קלאָר־ווײַס ציגעלע...

דאָס געלע ייִנגעלע... ער האָט זיך ניט געדרייט מיט אונדז אינעם קאַראַהאָד, ס'איז צו אים ניט דערגאנגען די לעצאָנעס פון דער הינטערשטער נארע. צוגעטוליעט די דארע פּלייצקע צו דער וואנט, פאַרשטעקט אין א ווינקל אפן דיל, ציט ער זיך בענימעסדיק זײַן אייגענעם ניגן. איצט איז שוין דער וואגאָן אינגאנצן פאַרשטומט געוואָרן. אפילע דער פּאטלאטער קאָפּ האָט פאַרכידעשט אָנגעשפּיצט די אויערן און די צווייטע פאַרשמאָלצעוועטע קאָרט אין זײַן האנט איז אף א ווײַלע געבליבן הענגען אין דער לופטן. ערשט דאן האָט זיך דאָס געלע ייִנגעלע געכאפּט, אז ער זינגט איינער אליין. האָט ער, א דערשראָקענער, ארונטערגענומען די פּיס אונטער זיך און נאָך שטײַפער צוגעדריקט זיך צו דער וואנט, בא וועלכער ער איז געזעסן. אינדערהייך האָט די קאָרט פאַרט א שמיץ געטאָן איבער דער הילצערנער נארע. נאָר געלאכט האָט שוין קיינער ניט. און קיין איבעריקע רייד האָט מען אויך ניט געהערט.

אין וואגאָן האָט זיך ארײַנגעשלײַכט א בענקשאפט, א ביז איצט פאַרטײַעטע און פאַרבאָרגענע. אין עטלעכע טעג ארום האָט די דאָזיקע בענקשאפט אונדז שיר ניט דערפירט צו א קאַטאסטראָפע. דעם אופבראויז האָט ארויסגערופן איינס א מיידל אין א בלויען בערעטל. שוין א היפּש מיידל און פאָרט א קינד.

וואָס ווייסן מיר וועגן די קינדער, וועלכע מיר פירן אין דער געבענטשטער שטאָט באַרנאול? וואָס ווייסן מיר וועגן זייערע בענקשאפטן? מיר האָבן א צעטל, ווו עס זײַנען פאַרשריבן די נעמען און די פאמיליעס פון די דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים. דאָס צעטל האָט אין גרויס אײַלעניש ארײַנגערוקט אין מײַן שוועסטערס האנט איינער א מענטש. ווער ער איז געווען, דער מענטש, ווייסן מיר ביז איצט ניט. איך האָב נאָר פאַרגעדענקט, וויאזוי ער האָט מיט א היפּשן נאָזטיכל געהאלטן אין איין ווישן די רינוועלעך שווייס, וועלכע זײַנען גערונען פון אונטער דעם מיליטערישן דאשעק איבער זײַן ניט יונגן פּאָנעם. יאָ, א מיליטערישער איז ער געווען געוויס, נאָר מיר האָבן נאָך דאן ניט געוווּסט, ווי אונטערצושיידן א סערזשאנט פון א פּאָלקאָוונִיק. ס'איז געווען נאָך בא אונדז אין שטאָט, אפן פּעראָן. דעם טאטן מיט דער מאמען האָבן מיר קוים ארײַנגעפּעקלט אין א וואגאָן, עמעצער א שטארקערער האָט אונדז אָפּגעשטויסן און מיר זײַנען אויסגעבליבן.

— מיידלעך, — האָט א זאָג געטאָן דער, מיט די רינוועלעך שווייס אפן ניט יונגן פּאָנעם, — אָן שטייט א טעפּלושקע מיט א רויטארמייער בא דער טיר. טאָ לויפט אהין. די טעפּלושקע וועט מען צונאָגלען צו א באַן, וועט דער רויטארמייער באלד אוועקגיין. אף אָט די פּאפּירן וועט איר קריגן שפּײַז פארן קינדערהיים. — שוין אין גאנג האָט ער צוגעגעבן: — סטודענטקעס, יאָ? נישקאָשע, איר וועט זיך ספּראווען.

די פּאפּירן זײַנען געווען אפילע מיט א שטעמפּל און געדרוקט אף א שרײַב־מאשינקע. די קינדער, וואָס מיר האָבן אונטערגעקליבן אין וועג, האָבן מיר פאַרשריבן אין די זעלבע פּאפּירן, שוין מיט דער האנט, און צווישן די שורעס, אז ס'איז ענג אין וואגאָן, מעג דעם צעטל אוודאי זײַן ענג.

אָט אף אזא אופן זײַנען מיר געוואָרן דערציִערנס. ווו זײַנען אהינגעקומען די עמעסע דערציִערנס? דאָס האָבן זיי דאָך באשטאט די קינדער אין דעם מיסטאמע מיט מאטערניש אויסגעקעמפטן און עפּשער אויסגעווײַנטן וואַגאָן. דאָס האָבן זיי דאָך, מעגלעך, שוין פון אונטער די רויִנען פון דעם געוועזענעם קינדערהיים צונויפגעשלעפּט דאָס ביסל שפּײַז אף די נאָענטסטע טעג. ווער ווייס, וווּהין עס האָט זיי פאַרטראָגן און צי זײַנען זיי שוין ביכלאל ערגעץ דאָ... אָט, דאכט זיך, זײַנען מיר געווען אזוי אָפּגעהיט, קיינעם מער נאָענט ניט צולאָזן.

אין וואגאָן איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו עטעמען. און דאָך איז איין מענטש אונדז צוגעקומען. טאַקע זי, דאָס מיידל אינעם בלויען בערעטל. פון די אונטערגעקליבענע אין וועג איז דאָס געלע ייִנגעלע בעעמעס געווען דער לעצטער. דאָס מיידל איז געווען ניט פון די, וואָס וואַרטן, אַז עמעצער זאָל באַשטימען זייער גורל. זי איז אַליין געקומען. זי האָט איינגענומען אונדזער פעסטונג. געווען איז עס אַזוי: אַף איינער א סטאַנציע איז אַריבער די עמערס מיט באָרשטש, וועלכע צוויי ייִנגלעך האָבן אַרופגעהויבן אין וואגאָן, אויסגעוואַקסן א בלוי בערעטל.

— ווּהין פאָרט איר? — האָט געפרעגט דאָס בערעטל און א פאָר שטאַרק אָפּגעבערענטע באָרוועסע פיס שטייען שוין אין וואגאָן.

— קיין באַרנאַול, — האָבן מיר געענטפערט.

— קיין באַרנאַול? דאָס פאַסט מיר.

אָט אַזוי האָט זי זיך באַוויזן אין אונדזער וואגאָן מיט איר פאַריסן נעזל אַפּן קוילשוואַרצן פּאָנעם, א וווּקסיקע און א קרעפּטיקע. זי איז א ווײַלע געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, א צי געטאָן מיט די ברייטלעכע באַזלעכער די לופט און, ווי דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויפן פון באַקאַנען זיך, אָנגעשריִען אַף די ייִנגלעך:

— אָנגעפּליוכעט אַף דער פּאָדלאָגע... אומצוכטן!

איר שאַרף אויג האָט באַלד דערטאַפּט א שמאַטע אין א ווינקל פון וואגאָן. זי האָט געשיקט אויסגעווישט דעם פעטלעכן קרײַז אַפּן דיל, אויסגעגלײַכט זיך און צוגעגעבן שוין אָן רוגזע, נאָר מיט א שטילן פאָרוואורף:

— איין לעפל באָרשטש איז אויך אָן אָווייִרע הײַנטיקע צײַטן... מע פאַרגינט זיך עס... פאַרגיסן גאָר...

אינאָוונט, ווען מיר האָבן געלייגט די קינדער שלאָפן, האָט דאָס בלויע בערעטל געזאָגט צו מיר מיט מײַן שוועסטער:

— גייט שלאָפט זיך אויס, ביידע! הײַנט וועל איך דעזשורען. — און מיט בייזקײַט: — פויזען, ווי פליגן אַף דער וואַנט. עס שלאָגט צום האַרצן...

מיר האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. אוועקגעוואַלגערט זיך, און אָט שלאָפן מיר שוין. מיך האָט אָבער גאָר גיך אויפגעוועקט עפּעס אַן אומקלאָרער שאָרך, א מין ראַנגלעניש אינדערשטיל. איך האָב זיך אומרויִק אויפגעזעצט. דאָס בלויע בערעטל האָט עמעצן געשלעפּט פאַר א פוס פון אונטער דער נאַרע אין דער טיף פון וואגאָן. «С-сука!» — האָט זי געשיפּעט מיט צאָרן. פאַר מײַנע אויגן האָבן זיך דורכגעטראָגן צוויי פאָר פיס. איין פאָר האָט זיך פלינק אַרופגעוואָרפן אַף דער נאַרע, די צווייטע איז פאַרשוווּנדן אַף רעכטס. דערזען מיך זיצנדיק, האָט דאָס בלויע בערעטל קימאַט מיטן זעלבן צאָרן, ווי אָט ערשט האָט זי געשיפּעט אַף די צוויי פאָר פיס, אויך אַף מיר זיך אָנגעבייזערט:

„שלאָפט! ניטאָ וואָס צו קוקן!"

זעקס פאַרטאָג האָט מײַן שוועסטער פאַרביטן דאָס בלויע בערעטל. ניט דער ראָש אַף די עטלעכע סטאַנציעס, ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט דער דופטיקער רייעך פון דער פרישער הירזשענער קאַשע, פאַרפּראָוועט מיט א געלבלעכן פעטס, האָבן זי ניט אויפגעוועקט. נאָר קוים איז זי אויפגעשטאַנען, איז זי באַלד געוואָרן דער נייטיקסטער מענטש אין וואגאָן. א קוק אַף רעכטס, א קוק אַף לינקס... און געפונען. א מיידל ניט פונעם קינדערהיים. יענע האָט מען באַוויזן אָפּשערן די האָר פאַרן זעצן זיך אין צוג. און די האָט גאַדלעסדיק געטראָגן אַף דער פּלייצע א דיקן בלאָנדן צאָפּ.

— הײַנט וועט דאָס קליינוואַרג דעם גאַנצן טאָג זײַן אַף דײַן אַכרײַעס, — האָט דאָס בלויע בערעטל געווענדט זיך צום בלאָנדן צאָפּ. — זע, זיי זאָלן עסן אַקוראַט. טאָמער בעבלעך, זאָלן זיי ניט שפּראָצן פון זייערע נעזער. — פּלוצעם האָט זי ווייך אַרומגענומען דאָס מיידל באַם האַלדז, צוגעצויגן צו זיך און, ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף מיר (איך האָב דאָך אַלציינס געוווּסט...) שטיל געזאָגט:

— Дуреха ты, дуреха... С него как с гуся вода, а тебе слезы глотать...

אָפּגעזאָגט, און דער קאָפּ איז שוין בא איר ערגעץ אַנדערש. א ווּנק געטאָן און צוזאַמען מיט צוויי ייִנגלעך אַראָפּגעשפּרונגען גלײַך פון דער וואגאָן־פּלאַטפאָרמע אַפּן פעראָן. אומגעקערט האָבן זיי זיך, די ייִנגלעך — מיט עטלעכע ברעטער אונטער די אָרעמס און דאָס בלויע בערעטל מיט אַן אָפּגעקראָכענער צעראַטע, פאַרוואָרפן אַפּן לינקן אַקסל און מיט עפּעס א קיילע אין די הענט. און מיטאַמאָל — א פּראַכטצוג. די קינדער פאַרבלײַבן אַף יענער זײַט. און דער צוג איז א לאַנגער און גיין גייט ער פּאַמעלעך, וואגאָן נאָך וואגאָן, ציט ער זיך, אַן אָנגעלאָדענער מיט אײַזן. וואָס איז עס פאַרא אײַזן ווייסן מיר ניט. נאָר מיסטאַמע וועט עס ערגעץ צוניץ קומען. דער צוג גייט דאָך אַף מײַרעוו, פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון אונדז. נאָר זאָל ער שוין דורכגיין, גיכער, גיכער, זאָל ער אויפהערן צו טאַראַראַכקען אָן א סאָף און אָן ענד. נאָר אָט איז שוין דורך דער לעצטער וואגאָן. און זיי גייען, די ייִנגלעך — מיט די ברעטער, און דאָס בלויע בערעטל מיט דער אָפּגעקראָכענער צעראַטע און מיט דער קיילע, אַן אַרומגעקלעפּטער מיט פאַרטריקנטער בלאָטע. אונדז, מיר מיט מײַן שוועסטער, קריכן די אויגן פון קאָפּ אַרויס, און זיי, ווי עס זעט אויס, קומט גאָר ניט אַפּן זינען, אַז אונדזער צוג האָט זיך זײַנע קאַפּריזן. אָט כאַפּט ער זיך און לאָזט זיך אויך גיין.

דאָס בלויע בערעטל האָט איר קיילע אונטערגעהאַלטן פאַרן דעק, עטוואָס אויסשטעלנדיק זי פאַרויס, קעדיי ניט צו פאַרברודיקן דאָס קליידל. די בלאָטע האָט אַליין פון זיך גע־

קרישלט זיך אונטער די פינגער, און דאָס בלויע בערעטל איז איר געקומען צוהילף, געריסן שטיקער. האָט די קיילע גאָר גיך זיך געלאָזט דערקענען — א פרימוס, אן עמעסער פרימוס, מער ניט וואָס די זײַטן זײַנען בא אים אײַנגעפאַלענע און דער קאָליר איז א מיסע־מעשונעדיקער — פאַראַסטעט־גרין.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן די ייִנגלעך אויסגעמײַסטרעוועט פון די ברעטער א טישל. דעם פרימוס האָט דאָס בלויע בערעטל איבערגעגעבן דעם בלאָנדן צאָפּ:

— נא, שײַער אים אויס, ער זאָל בא דיר גלאַנצן.

און יענע האָט געשײַערט. און דערנאָך האָבן זיי ביידע פאַרשפּרייט די צעראַטע אפן טישל, אוועקגעשטעלט אף אים עטלעכע עמערס און א קוישל מיט געפּעס. דעם פרימוס דערווײַל באַשטאַט אונטערן טישל.

— מע דאַרף נאָך קריגן א ביסל גאַזע, — האָט מיט א פאַרזאָרגטן פּאַנעם א זאָג געטאָן דאָס בלויע בערעטל צום בלאָנדן צאָפּ.

— אוואַדע, טאָמער ווערט עמעצער ניט געזונט, — האָט יענע באַדאַכט אונטערגעכאַפּט, — וועט כאָטש זײַן ווו א ביסל וואַסער אופזידן.

איך מוז זיך מודיע זײַן, אז קוקנדיק אף די מיידלעך, ווי:אזוי זיי האָוועןעס צוזאַמען און שמועסן זיך דורך אזוי פאַרטרוילעך, בין איך מעקאַנע געווען דעם בלויען בערעטל. ווי וואָלט געווען, ווען אף מײַן גורל פאַלט אויס די פאַבריקע נאכט אַרויסצושלעפּן פון אונטער דער נאַרע פאַר די פיס די פּערצניאַריקע שיינהייט מיטן בלאָנדן צאָפּ? צי וואָלט איך איר עפּעס געזאָגט אף מאָרגן אינדערפרי? איך וואָלט זיך געשעמט איר אין די אויגן צו קוקן, ווי איך וואָלט דאָ גאָר געווען אין עפּעס שולדיק. און טאָמער וואָלט איך שוין יאָ געזאָגט, וואָלטן עס טאָקע געווען די נייטיקע ווערטער, וואָס מע דאַרף? און אויב אפילע יאָ, אויב טאָקע די נייטיקע, וואָלט דאָס מיידל אלצײַנס געקוקט אף מיר מיט אירע בלויע אומשולדיקע אויגן, פונקט, ווי דאָס, וואָס איך זאָג, האָט פאַר איר א ווערט, און אינדערעמעסן געגודעט זיך. „ס'איז דאָ וואָס צו הערן — קײַ און שפּײַ". פאַרוואָס איז עס אזוי? איך בין דאָך עלטער פון דעם בלויען בערעטל. אף א יאָר דרײַ געוויס און מײַן שוועסטער — נאָך מער.

פאַרבײַ דעם צוג טראָגט זיך דורך א וואַלד. א זון־העזעלע פון צווישן דעם גרינס פאַלט אפן בלאָנדן צאָפּ און, א דערשיטערטע, דערזע איך אין אים בוילעט ווײַסע פינטעלעך. וואָס פאַרא כאַכאָמעס עס זײַנען געווען די דערציִערנס פונעם קינדערהיים... אלעמען, אלעמען, אונטער דער נול־מאַשינקע. אויב ווײַסע פינטעלעך זעען זיך שוין אָן אפילע אף א בלאָנדן צאָפּ... בישטיקע הייב איך אָן פאַנאַנדערנעמען מיט די פינגער פּאַסמע נאָך פּאַסמע מײַנע אייגענע שווארצע האָר. עמעס, איך זע נאָר די עקן. דערווײַל, דאכט זיך, ריין. מע דאַרף זיך צוקוקן צו די קינדערשע קעפּלעך. ווער ווייס, ווען מיר וועלן זען א באָד. און צי וועט שוין א באָד העלפן... גאַזע... ניט פאַרן פרימוס. קינדערשע קעפּלעך נייטיקן זיך שוין אין גאַזע.

דעם גאַנצן טאָג יענעם האָב איך זיך געפּײַניקט מיטן געדאַנק וועגן די ווײַסע פינטעלעך. פאַרנאַכט־צו האָבן שוין בא מיר אין די אויגן געפינטלט רויטע פלעקן אף קינדערשע לײַבער. קעדיי צו וויסן וועגן פלעק־טיפוס איז ניט נייטיק געווען צו פאַרענדיקן דעם ב:יאַלאָגישן פאַקולטעט. איך האָב אים טאָקע ניט פאַרענדיקט — די מילכאָמע האָט מיר דאָ צוגעדינט. די שוועסטער האָט דאַפקע יאָ אים פאַרענדיקט, נאָר קיין דיפּלאָם ניט באַוויזן צו באַקומען. וועגן דעם פלעק־טיפוס ווייסן מיר ניט ווייניק אָן דיפּלאָמען. געגנוג געלייענט און גענוג אָנגעהערט זיך...

מיר האָבן לעצטנס דעראָבערט אן אייגן ווינקל אין וואַגאָן, — איך און מײַן שוועסטער. די דריטע איז געווען דאָס בלויע בערעטל. אָן איבעריקע רייד האָט זי זיך צו אונדז פאַרייניקט און מיט רעכט. זי איז, קען זײַן, געווען מער דערצ:יערן, ווי מיר ביידע צוזאַמען גענומען. די קינדער האָבן זיך גערן אונטערגעוואָרפן איר ווילן, ווי מע נעמט אָן פאַר רעכט די אויבערהאַנט פון א מאַמע אין דער מישפּאָכע. ווײַל א מאַמע זעט אלץ, ווייס אלץ און געפינט זיך אַן אייצע, וואָס עס זאָל ניט טרעפן. אף א מאַמען קען מען זיך שטענדיק פאַרלאָזן. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי אין דעם בלויען בערעטל געפונען א זייערס גלײַכן. אין איר אנטשיידנקײַט און אפילע אין איר בייזערן זיך איז געווען אויך עפּעס קינדערשס, א מין שפּיל, אין וועלכער זי אליין האָט זיך קיין מינדסטן כעזשבן ניט אָפּגעגעבן. איז אָט, אינאָוונט, אויסצ:יענדיק זיך אפן דיל אין אונדזער ווינקל לעבן דעם שפּאָגל־נײַעם טישל, איז צו מיר געקומען א פעסטער באַשלוס: מאָרגן, מאָרגן אָפּשערן אלעמען, ביז איינעם. גאָר אָן ראַכמאָנעס. בעסער וואָלט איך פאַרגעסן דאָס וואָרט ראַכמאָנעס, וואָס האָט מיר געטויגט ביז מײַנע אכצן יאָר. הײַנט דאַרף איך עס ניט. מײַן האַרץ האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהײַט, צו יונג איז עס געווען, אזוי צונויפגעדריקט ווערן פון ראַכמאָנעס, ווי הײַנט. אָפּשערן די קינדער, די פאַרלאָרענע אין וועג, הייסט אָפּנעמען בא זיי א שטיק פון דעם זייכער פון א היים, פון די לעצטע ברעטער, וואָס זײַנען אזוי אומגעריכט אוועקגעשווומען פון אונטער זייערע פיס. אוי, א ראַכמאָנעס, נאָך א מין ראַכמאָנעס... און ווידער, דער בלאָנדער צאָפּ... באַלד פאַלגט זי אונדז... אפילע אויב מיר וועלן די ערשטע פאַרבייגן פאַר דער נולמאַשינקע איך — מײַן גלאַטן און מײַן שוועסטער — איר קוטשעראַווון קאָפּ. איין אייצע איז דאָ: דאָס בלויע בערעטל זאָל מיט איר איבערריידן...

אינדערפרי זאָגט מיר מײַן שוועסטער, מיר

זאָלן נאָך א ביסל איבערוואַרטן. ס'איז פאַר אונדז קיין סאָד ניט, אַז באַרנאָול וועט אופ־נעמען בלויז דעם קינדערהיים. און די איבע־ריקע קינדער... ניט איין מאָל האָט מען שוין אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר פירן קאָנטראַ־באַנדע. דאָס לאָזט זיך אויסלייענען צווישן די שורעס. ס'איז ניט קיין גרויסער קונץ, זאָגט מען אונדז, אַרײַנצושרײַבן אין צעטל, וועמען סע מאַכט זיך נאָר. די קינדער ניט פון דעם קינדערהיים וועט מען באַ אונדז צונעמען. מע וועט זיי אײַנאָרדענען באַזונדער. מע וועט נאָך זוכן זייערע עלטערן אויך. געוויס איז עס א גלײַכע זאַך. און דאָך זײַנען מיר געווען גרייט ווערן זיך ביז לעצט קעגן דער צעשיידונג. און הײַנט טראַכטן מיר שוין וויאַזוי פאַרגיכערט מען זי. מיסטאָמע וועט אויסקומען אין דעם נאָענטסטן עוואַקאָ־פּונקט דערציילן אין וואָס עס גייט. זיי האָבן זיך זייערע מיטלען. עפּשער וועט מען זיך דאָרט באַגיין אפילע אָן דער נול־מאַשינקע. נאָר דאָס בלויע בערעטל זאָל דערווײַל פון גאָרנישט ניט וויסן, פאַרזאָגט מיר די שוועסטער, ווײַל באַ איר איז געטראַכט און געטאָן. און דאָס בלויע בערעטל זיצט זיך דער־ווײַל אין א ווינקל אָפּן דיל מיטן געלן ייִנגע־לע. דאָס ייִנגעלע קוקט אַף איר מיט זײַנע טונקעלע אויגן פון אונטער די ווײַסע וויִעס און שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ און אַף ניין. עפּעס דערציילט ער איר אפילע. אַזאַ שטיל קינד... מיר האָבן פון אים קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסציִען. בייסן דערציילן קוקט ער שוין ניט אָפּן בלויען בערעטל. ער האַלט די אויגן אַראָפּ־געלאָזן צום אייגענעם טרויעריק אויסגעצוי־גענעם נעזל.

דעם זעלבן אָוונט נאָך, ווען די קינדער זײַנען שוין געשלאָפן, האָט דאָס בלויע בע־רעטל איבערדערציילט מיר מיט מײַן שוועס־טער דאָס, וואָס עס האָט איר פאַרטרויט דאָס געלע ייִנגעלע. זײַן מאַמע האָט ניט געקענט לויפן. בייס די דײַטשן האָבן געוואָרפן זייערע באָמבעס, אַזוי האָט ער דערציילט, זײַנען זיי געבליבן אין שטוב... אַז מע וואָרפט באָמבעס, האָט ער דערציילט, איז זייער שרעקלעך. זײַ־נען זיי געזעסן אײנינקע אַליין אין שטוב און די מאַמע האָט אים שטאַרק אַרומגענומען. מי־טאָמאָל האָט זי אים אָפּגעלאָזט און ער זעט — זי שרײַט, די מאַמע. דאָס מויל איז באַ איר אָפֿן און זי שרײַט. נאָר וואָס זי שרײַט, הערט ער ניט. און אַזוי שרײַענדיק, האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אָפּן בעט און צוגעדעקט מיט א לײַלעך די פיס. און דאָ איז א שויב אַרויסגע־פלויגן פונעם פענצטער, דורכגעטראָגן זיך איי־בער זייערע קעפּ, צעשאָטן זיך אַף פיצלעך. דאַן האָט ער אויך גענומען שרײַען. האָט אים די מאַמע ווידער אַרומגעכאַפּט מיט די הענט, צוגעדריקט צו זיך. די ליפּן זײַנען באַ איר געווען פאַרבלוטיקט. זי האָט זיי גע־ביסן מיט די ציין. דאָס איז, קעדיי ניט צו שרײַען, האָט ער דערקלערט, ווײַל אַניט וועט ער דאָך אויך שרײַען.

ווען די דײַטשן האָבן אופגעהערט צו וואַרפן זייערע באָמבעס, האָט אים די מאַמע געהייסן אַרײַנרופן אין שטוב די מומע פעסל. „און דו בלײַב דערווײַל דאָרטן, מיט פריידע־לען", אַזוי זאָגט די מאַמע. גייט ער צו דער מומע פעסל. אין איין קאָרידאָר האָבן זיי גע־וווינט. קען ער צו דער מומע פעסל ניט צוקו־מען. ניטאָ קיין טיר, נאָר שטיינער, א גאַנצער באַרג. קערט ער זיך אום. די מאַמע גיט אַף אים א קוק און דאָס פּאָנעם איז באַ איר ווײַ־סער פון דעם לײַלעך. פאַלט ער צו צו איר מיט א געוויין: „מאַמע, איך וויל ניט קיין ברו־דערל! מאַמע, איך דאַרף ניט קיין שוועסטערל! מאַמע, שטאַרב ניט!" „גוט, מײַן קינד, — האָט געזאָגט די מאַמע, — איך וועל ניט שטאַרבן. מיר איז שוין בעסער". נאָר א שערל, בעט זי, ער זאָל איר ברענגען פון דעם צווייטן צימער און דערנאָך זאָל ער דאָרט א ביסל זיצן, וועט שוין אַלץ זײַן גוט. קומט ער מיטן שערל, פאַר־וואַרפט די מאַמע דעם קאָפּ אָפּן קישן און מער רעדט זי שוין ניט.

— אַט פונקט אַזוי האָט ער עס מיר אַלץ דערציילט, מיט די זעלבע ווערטער, — פאַרזי־כערט אונדז דאָס בלויע בערעטל. — וואָס פאַ־רא קלוג ייִנגעלע דאָס איז און א גוטס... א גאָלדענע נעשאָמע...

די באַוועגלעכע נאָזלעכער פון איר פאַריסן נעזל האָבן א ציטער געטאָן און מיט א טיפן שלונג האָט זי הייזעריקלעך צוגעגעבן:

— איין זאַך, זאָגט ער, קען ער ניט פאַר־שטיין, צוליב וואָס האָט די מאַמע אײנמיטנדער־רינען געבעטן באַ אים דאָס שערל. וואָס קוקט איר אַף מיר אַזוי, — צעבייזערט זיך פּלוצעם דאָס בלויע בערעטל, — ווײַל איך רייד, ווי אַן אַלטע? וויאַזוי, האָט איר געוואָלט, זאָל איך ריידן. מײַן ייִנגסט ברודערל האָב איך מיט די אייגענע הענט באַ מײַן מאַמען צוגענומען, אָן אַן אַקושערקע, אָן א באָבע אפילע, און א לע־בעדיקס... אַט אַזוי... ווען איז דאָס געווען? דעם 22־טן יוני. איר געדענקט אַזאַ טאָג?

ניט קוקנדיק אין אונדזער זײַט, ווי זי וואָלט זיך מיט אונדז צעקריגט אַף טויט, האָט זי זיך אויסגעצויגן אָפּן דיל און באַלד גענומען שטיל אונטערכראָפּען. מיר האָבן אויך אײַנגע־מאָסטעט זיך אַף נאַכטלעגער. ערשט דאָס בלויע בערעטל זעצט זיך אויף און רוימט אונדז אײַן: „איך וועל אים פון זיך ניט אָפּלאָזן. ווו איך וועל זײַן, דאָרטן וועט ער זײַן. און איר, ווי איר ווילט זיך..." און דאָ איז זי אַף אָן עמעס אײַנגעשלאָפן.

אַף מאָרגן איז געווען א טאָג ווי א טאָג. דער צענטער טאָג פון אונדזער נעסיע. די קינ־דער זײַנען געזעסן רויִק און געזופט דאָס גע־קעכץ, וואָס דער גוירל האָט זיי צוגעשיקט אַף דער ערשט פאַרלאָזטער סטאַנציע. אָפּגעגעסן, האָט דאָס בלויע בערעטל מיר אָנגעזאָגט:

— הײַנט וועל איך זיך טרעפן מיט מײַן מאַמע.

באַ מיר האָט פון איבעראַשונג אָפּגענומען דאָס לשון און זי שטייט שוין באַ דער אָפּענער טיר און מע זעט, זי וואַרט. ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה און דאָס בלויע בערעטל רירט זיך ניט פון אָרט. זי וואַרט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן, שטיל צוגעשאַרט זיך, געוואָלט זי אָנעמען באַם אַקסל. אין דער רגע האָט פון הינטער אַ הויכן סטויג באַוויזן זיך אַ ברוין פערדל, נאָך וועלכן ס׳האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ פור, ווי מיט פליגן אויף אַ טעלער אַ באַזעצטע מיט מענטשלעכע קעפּ. דאָס בלויע בערעטל האָט אויפגעציטערט, אַ ציגעטאָן זיך מיטן גאַנצן גוף פאָרויס, צוגעטראָגן ביידע הענט צו די ווינקלען פון מויל און גענומען רופן: „מאַמע מאַ־אַ־מע!״

דאָס פערדל, וואָס אָט ערשט, דוכט זיך, האָט עס זיך פאַרמאָסטן אויסצוגלייַכן זיך מיטן צוג איז געוואָרן קלײן, נאָך קלענער. דערנאָך איז פון אים פאַרבליבן בלויז אַ מאָרדע און אַ פּאָר פאָדערשטע פיס. ס׳האָט אויסגעזען, אַז עס שפּאַנט גאָר אויף צוריק. „מאַמע! מאַ־אַמע!״ האָט זיך אַלץ געריסן ווי פון אַ הויכריידער דאָס שטאַרקע נידעריקע קאָל פונעם בלויען בערעטל. פּלוצעם האָט זיך צו איר פאַררייניקט אַ שאַרפער קינדערשער דיסקאַנט. דאָס געלע יינגעלע, אָן אָנגעשטרענגטער, מיט אָן אויסגעצויגענעם האַלדז, האָט ער באַנאַנד מיטן בלויען בערעטל גערופן: „מאַמע!״ און אָט איז שוין דער גאַנצער וואַגאָן קינדער אויף די פיס. אַלע רופן, אַלע שרייַען אין איין קאָל: „מאַמע!״ און דער צוג לויפט. און די טיר איז אָפן אין דער גאַנצער ברייט, ס׳איז גענוג עמעצער זאָל צופעליק אָנדריקן פונהינטן אויף אַ צווייטנס פּלייצע, און...

די טיר גיט אַ פּאָר פון רעכטס אויף לינקס, פאַרהאַקט זיך מיט אַ טראַסק, אין וואַגאָן איז טונקל. דער געשריי רייַסט זיך איבער. דאָס בלויע בערעטל וואַרפט זיך אויף מייַן שוועסטער, שלעפּט צו זיך צוריק די טיר. אַ פאַרצווייפלטע כאַפּ איך דאָס מיידל פאַר די אַקסלען, דריי זי אויס מיטן פּאָנעם צו די קינדער, סיי די, פון דעם קינדערהיים, וואָס פיל פון זיי האָבן זייערע מאַמעס עפּשער גאָר קיינמאָל ניט געזען און די איבעריקע, וועלכע זייערע מאַמעס שטייען נאָך, ווי לעבעדיקע, פאַר די אויגן. ערשט איצט איז צו דעם בלויען בערעטל דערגאַנגען, וואָס פאַראַ כאַסענע זי האָט דאָ אָפּגעשפּילט. זי האָט ווילד אָנגעקוקט די קינדער:

— וואָס האָט איר זיך דאָ אַלע אויסגעשטעלט?

אויף דער פראַגע האָט דאָ קיינער ענטפערן ניט געקאָנט. זייַנען די קינדער געבליבן שטיין, קוקנדיק אין דערוואַרטונג אויפן בלויען בערעטל. ווי עפּעס אָפּטרייַבנדיק פון זיך, האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— קינדער, גייט אויף אייַערע ערטער! — האָט זי, ניט ווי איר שטייגער איז, שטיל געזאָגט און צוגעטראָגן אַ בסורע: — באַלד וועט מען שוין אונדז געבן עסן. — און שוין גאָר וואָכעדיק: — ווער איז הייַנט דעזשורנע?

דער לעצטער איז אָפּגעטראָטן פונעם בלויען בערעטל דאָס געלע יינגעלע. איך ווייס ניט, צי האָט ווער אין וואַגאָן, אויסער מיר באַמערקט, ווי איידל, מיט איין ריר, האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, און ער האָט מיט דאַנקבאַרקייַט געשענקט איר אַ בליק פון זייַנע טרויעריקע אויגן.

דערנאָך האָבן געקלונגען די עמערס. דערנאָך האָט מען געזופּט פון די שיסעלעך. דערנאָך האָט עמעצער אונטערגעזונגען אַ לידל און אַ צווייטער האָט געלאַכט. דערנאָך האָט אַ יינגל אַ צופּ געטאָן אַ מיידל פאַר אַ צעפּל און זי האָט אים אָנגערופן: „כוליגאַן!״ דערנאָך האָבן צוויי יינגלעך איבער עפּעס צעבוצקעט זיך. כ׳האָב אויפגעכאַפּט אַפילו דאָס גנייִווישע פּאַטשן פון קאָרטן אויף דער הינטערשטער נאַרע. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען באַ דער אָפענער טיר, האָבן שוין דאָ אַלע פאַרגעסן.

דאָס בלויע בערעטל איז ווי געוויינלעך געווען אומעטום פול, צוזאַמען מיט אונדז אייַנגעשטעלט אינעם וואַגאָן אַ לאַד.

— אויף יענער פור איז געווען מייַן מאַמע, — האָט זי אינעם סאַמע צעווישן פונעם „לאַד״ מיט זיכערקייַט מיר פאַרטרויט אויפן אויער. — אָט, מיט די קינדער, צי אָן...

דעם זעלבן אָוונט, אַ זומערדיק־ליכטיקן האָט אויף איינער אַ גרויסער רוישיקער סטאַנציע פון אונדזער וואַגאָן אוועקגעשפּאַנט דאָס בלויע בערעטל, און צוזאַמען מיט איר — דאָס געלע יינגעלע אין דער ווייַסער מייַקע מיט די ווייַסע טרוסיקלעך. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן זיי צו פאַרהאַלטן, נאָר מייַן שוועסטער האָט מיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט אַ מאָדנע סוואָרע:

— עפּשער איז טאַקע אויף יענער פור געווען איר מאַמע?..

אין דער זעלבער רגע האָט זיך צו מיר דערטראָגן: — „טאַכטערקע״! — אַ פאַרצווייפלטפריידיקער רוף פון דער לאַנג פאַרשוווּנדענער פור צום בלויען בערעטל. דער רוף האָט אָפּגעקלונגען הילכיק, ווי אין אַ פּוסטן כאַלאַל און אייַנגעזונקען אין מייַן שוועסטערס שטילן „עפּשער״.

מיר זייַנען אַ היפּשע ווייַלע געשטאַנען באַ דער אָפענער טיר, ביז אַן אַנטקעגנגייענדיקער צוג האָט ניט פאַרשטעלט פון אונדז די צוויי קינדערשע פיגורן. די שוועסטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר אויגן, ווי קייַלעכדיקע שיסעלעך, אָנגעגאָסן מיט טרערן און מיט די איינע ליפּן אויסגעזונגען:

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע...

◇ ◇ ◇

א היימיש קאָל

* * *

אף א פעלד אָן אָפּגעקילטן
ליגט א שווארצע קראָ.
מיט בלוטן אויסגעפלעקט
זײַנען פעדערן פון פליגלען,
לעם געלעגער לעם איר טויטן
איז קיינער איצט ניטאָ.
בלויז א ליידיקייט א שווארצע
האָט אף פעלדער זי באַרינגלט.
איינזאם ליגט די קראָ זיך
און באזונדער אירע פליגלען.
זוך איך צווישן וועלדער
א היימיש קענטלעך קאָל,
עפשער וועלן פויגלען קומען זי באגלייטן.
פרעג איך בא דעם בארג,
פרעג איך בא דעם טאָל:
וואָס פלעכט איר ניט קיין קרענצעלע
פון לעבעדיקע קוויטן?

א קראָ איז דאָך געשטאָרבן
דארף מען זי באגלייטן.
ענטפערן די פויגלען:
א קראָ, וואָס האָט אין שלאכטפעלד,
באם שלאכטמאָן, דעם באפרײַער,
וואָס געפאלן איז אין שלאכט,
אויסגעפיקט די אויגן,
ארומגעלעקט די ביינער
פון זײַן צאפלדיקער ברוסט
צוליב מערדערישן גלוסט,
איז ווער דארף זי באגלייטן?
זאָגן פויגלען מיט פארדראָס:
פאר איר בלוט-דאָרשט אפן שלאכטפעלד
פאר איר מערדערישן גלוסט,
זאָל די קראָ זיך וואלגערן
לעם א וועלקנדיקן קוסט.

* * *

אלץ וואָס די ערד דעקט צו
ווערט דאָך אייביק פארפאלן,
אזוי האָט מײַן זיידע, אף דעם היילקן אָרט, מיר געזאָגט,
ווען ער האָט די אלטיטשקע זײַנע,
מײַן טרײַינקע באָבע, באהאלטן,
און מיט קאלטער צעגראָבענער ערד
פארשאָטן, פארטאָפּטשעט איר גרוב.
נאָר איך האָב נאָך דעמלט מיט קינדערשן ציטער פארשטײַן
דערוווידערט מײַן אלטיטשקן זיידן,
אז ניט אלץ, וואָס די ערד האָט פארדעקט,
ווערט אף אייביק פארפאלן.
גיב א קוק, זאָג איך, זיידע, אף יענעם דערבײַיקן פעלד,
וואָס ווערט אזוי ווארעם מיט שטראלן באהעלט,
ווען ס׳וואָלטן די קערנער
געקאָנט כאָטש א ביסעלע ריידן,
זיי וואָלטן געקומען אצינדער אונדז ביידן דערציילן,
אז זיי, אָט די קערנדלעך קליינע, וואָס ליגן
ניט ווײַט פון איר קייווער,
פארדעקט מיט דער זעלביקער ערד,
ברענגען ארויס פאר דער וועלט דאָך וווּקסיקע זאנגען,
ווען ס׳וואָרעמט זיי אויסעט דער ערדישער צודעק,

עס זאָל זייער רעַספּעקט ניט ווערן צעשטערט.
ניט אַלץ, וואָס די ערד האָט פּאַרדעקט,
ווערט אַף אייביק פאַרפאַלן,
האָב איך מײַן זיידן געטרייסט
און עטוואָס פאַרגרינגערט זײַן שווערן געמיט...
אונטער ערדן פּאַרדעקטע ליגט זײַן טרײַע באַהאַלטן,
און פאַרגראָבענע קערנער, ניט ווײַט פון איר קיווער,
שפּאַרן ארויס זיך מיט בלימעלעך צווײַט.

* * *

ווי שווער איז מיר שטענדיק מיט איר זיך געזעגענען,
בעט איך זי אָפטמאָל: ניט גיי מיך באַגלייטן,
מײַן האַרץ ווערט דערפרייט, ווען דו קומסט מיך באַגעגענען,
אַפילו אָן פרישע צעוואַקסענע קווייטן.
איז גיי מיך ניט קיינמאָל באַגלייטן,
ווײַל געזעגענען הייסט דאָך מיט דיר זיך צעשיידן.

* * *

וואָס הערסטו יאָם ניט אוף צו בושעווען,
וואָס וואַרפן כוואַליעס דיך און מאַרדעווען,
איך בין געקומען מיט אַ האַרץ אַ פּאָשעטן
מיט דײַנע שטראָמען נערן זיך און האַדעווען,
און דו, דו הערסט ניט אוף צו בושעווען
און הערסט ניט אוף זיך מאַרדעווען.
איז ווער באַאומרויִקט דײַן טיף, דײַן גרויזאַמע
און ווער דײַן קלאָרקײַט הערט ניט אוף צו בויטעווען?..
שוין ניט דאָס ערשטע מאָל קומען ווינטן ברויזנדע,
דײַן רו באַפאַלן זיי, דײַן שטילקײַט רוידפּן.
נאָר ס'וועט דײַן שטאָלצקײַט זיך פון דעם ניט מינערן,
דיך מעגן מאַרדעווען די גרעסטע וויכערן,
עס מעגן שטורעמס אַף דײַן ראַכוועס לוירערן,
נאָר דײַן טיפע קלאָרקײַט וועט אַף אייביק דויערן.

זאַלמען ליבינזאָן

דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

א כוידעש אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק

ניט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפובליק. געפאָרן בין איך מיט וויסנשאפטלעכע צילן. מע האָט מיך, ווי א פאָרשער פון דער קלאסישער דײַטשישער ליטעראטור, אײַנגעלאדן אף א קאָנפערענץ, געווידמעט דעם 250־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן דײַטשישן שרײַבער און קונסט־טעאָרעטיקער גאָטהאָלד עפראַים לעסינג. כוץ דעם, האָב איך זיך אין די לעצטע יאָרן פארנומען מיט דער שאפונג און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט פון אן אָנגעזעענעם פאָרשטייער פון דער פראָגרעסיווער דײַטשישער קולטור פון XX יאָרהונדערט — אלפרעד קורעלא. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן, און איך האָב זיך געוואָלט באקאָנען מיט זײַן ליטעראַרישער יערושע.

אָבער איך האָב זיך געשטעלט אויך אן אנדער אופגאבע — פּאָשעט א קוק טאָן, ווי עס זעען אויס די הײַנטצײַטיקע דײַטשן, וועלכער איז זייער לעבנס־שטייגער, זייערע אינטערעסן, געדאנקען. קימאט פיר יאָר בין איך געווען אפן פראָנט, געקעמפט מיט דער היטלעריסטישער ארמיי, און ווי בא אלע אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, זײַנען אָט די יאָרן טיף פארקריצט בא מיר אין זיקאָרן, אין הארצן, אין דער נעשאָמע. יעדערער ווייסט, אז די דײַטשן פון דעם לאנד, וווּהין איך בין געפאָרן, זײַנען שוין גאָר אנדערע, זיי גייען מיט אונדז צוזאמען און בויען א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט. אָבער... קיינער קען ניט פארגעסן און וועט קיינמאָל ניט פארגעסן, וואָס עס איז געשען מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק. וועל איך טאקע אָנהייבן מיט א לירישער אָפּנייגונג, דערציילן וועגן א צופאל, וועלכער האָט מיט מיר געטראָפן אין די ערשטע כאדאָשים פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

א דערמאָנונג וועגן אָקטיאבער 1941

דעם 20 יון 1941 האָב איך אף דער קאטעדרע פון מײַרעוו־ליטעראטור אין מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען (דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע איז דעמלט געווען ייִצכאָק נוסינאָוו) פּאָרגעלייענט דאָס ערשטע קאפּיטל פון מײַן קאנדידאטישער דיסערטאציע וועגן דער דראמאטורגיע פון „שטורעם־ און דראנג־פּעריִאָד" (אזוי איז אין דער געשיכטע פון דער דײַטשישער ליטעראטור אָנגערופן די ליטעראטור פון די 70־ער יאָרן פון XVIII יאָרהונדערט). דאָס איז געווען מײַן אקאדעמישער באריכט אלס אספּיראנט. צו דער צײַט האָב איך פארענדיקט דעם צווייטן קורס פון מײַן אספּיראנטור און זיך געקליבן פאָרן קיין איזשעווסק לייענען לעקציעס פאר די הינטערוויגלער. אָבער, ווי ס'איז גוט באוווּסט, האָט דער קומענדיקער זונטיק, וואָס איז אויסגעפאלן אפן 22 יון, צעשטערט אלע אונדזערע פּלענער.

איבער דעם, וואָס כ'בין א קורצזיכטיקער, האָט מען מיך באפרײַט פון מיליטער־דינסט. אָבער ווער האָט נאָכן 22־טן יון געטראכט וועגן אזעלכע קלייניקײַטן — צי דו ביסט א מיליטערמאן, צי ניט? דאָס גאנצע סאָוועטישע

פאָלק איז געוואָרן גרייט זיך קעגנשטעלן דעם סוינע. איך האָב אויך אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין וואָיענקאָמאַט, מע זאָל מיך שיקן פרייוויליק אַפן פראָנט. און אײַנגיכן בין איך געוואָרן פאַררעכנט אין דער אָפּאָלטשעניע, וועלכע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פאָרמירן. אַזוי ווי איך, צווישן אַנדערע סטודענטן, אַספּיראַנטן, דאָצענטן און פּראָפעסאָרן פונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט געוואָרן אַ קריגער פונעם צווייטן פאָלק (פּינפטע דיוויזיע) פון דער מאָסקווער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע. דער פאָלק איז באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון מענטשן אינטעלעקטועלע, אַנערעך אַ העלפט אָפּאָלטשענצעס האָבן געהאַט הויכע בילדונג. דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג איז געווען אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש דובאָוויקאָוו — שוין דאַן אַ באַוווסטער ליטעראַטור־פאָרשער, דער אויטאָר פון אַ שול־כרעסטאָמאַטיע פון רוסישער ליטעראַטור.

די לאַגע אַף די פראָנטן איז געוואָרן אַ געפערלעכע, און שוין אין סאָף יול זײַנען מיר אָנגעקומען אַפן מײַרעוור־פראָנט, געגראָבן קעגנטאַנק־ריוון, זיך געגרייט אָפּשטעלן אַן אָרדנטלעכן אָנגריף פון די פאַשיסטן.

אין די ערשטע אָקטיאָבער־טעג, ווען די היטלערישע האָרדעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף מאָסקווע, זײַנען די אָפּאָלטשענצעס אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די שלאַכטן. אָפּשטעלן אָבער דעם אָנגריף פון די פאַשיסטישע טאַנקען־אַרמייען זײַנען מיר ניט געווען בעקויעך, דער סוינע האָט דורכגעריסן אונדזער פראָנט, און מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַרומרינגלונג.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר באַשטימט דורכגיין די פראָנט־ליניע און זיך פאַרייניקן מיט אונדזער אַרמיי. עס איז לײַכט איצט צו זאָגן — דורכגיין די פראָנט־ליניע. אָבער וויאַזוי? אַרום און אַרום, איבער אַלע וועגן, האָבן זיך באַוועגט אַף מיזרעך דײַטשישע טיילן, אײַלנדיק אויסצופילן דעם פיורערס באַפעל — אײַננעמען מאָסקווע. מיר האָבן אויך געאײַלט וואָס גיכער אָנשליסן זיך צום קאַמף. ס׳איז אָבער געשען אַזוי, אַז איך און מײַן קאַווער וואַניאַ האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף אַ פאַרמאַסקירטן באַוואַכונגס־פּאָסט פון אַ דײַטשישער טייל, און מיר זײַנען אַזוי־אַרום אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש.

אין סוכיניטשי — אַ שטעטל, דאָרעמדיקער פון סערפּוכאָוו, האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין דער שול־געבײַדע, וועלכע איז געווען פול מיט געפאַנגענע. מיר האָבן קוים געקראָגן אַן אָרט אַפן דיל. דערהערט, אַז אַ דײַטשישער אונטעראָפיצער פון דער וואַך גייט אַרום און פרעגט: „ווער קען דײַטש?", האָט וואַניאַ אָנגעוויזן אַף מיר.

דער אונטעראָפיצער האָט געזאָגט:

— וועסט זײַן בא מיר אַן איבערזעצער. ווען כ׳וועל דאַרפן, וועל איך דיך רופן...

באַלד האָט מען אונדז אַלעמען אויסגעשטעלט, קעדיי אָפּפירן אין אַ לאַגער. איך בין געגאַנגען מיט דעם דײַטשישן אונטעראָפיצער אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע. מיר האָבן זיך צערעדט. ער פרעגט בא מיר פונוואַנען כ׳קען דײַטש, זאָג איך, אַז איך בין אַ וויסנשאַפטלעך, פאַרנעם זיך מיט דער דײַטשישער ליטעראַטור. דאָס האָט בא אים אַרויסגערופן נײַגער. פּלוצעם פאַרט צו אונדז צו אַ דײַטשישער מאָטאָציקליסט (אַף זײַן מאָטאָציקל אַ שילדל — „פעלדזשאַנדאַרמעריע") און גיט איבער אַ באַפעל אומקערן זיך צוריק קיין סוכיניטשי.

אַף צוריקוועגס זאָגט מיר דער אונטעראָפיצער:

— מיר וועלן באַלד זײַן אין מאָסקווע, און דיר וועט זײַן גוט. איך איבערזעצער נייטיקן מיר זיך, דו וועסט האָבן אַרבעט.

אָבער אַ קוק געטאָן אַף מיר אויפמערקזאַמער, טוט ער אַ פרעג:

— דו ביסט אַ יודע? דאָס איז שלעכט.

ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו דער שול־געבײַדע, האָט ער מיר אומגעריכט פאָרגעלייגט:

— ווילסט, וועל איך דיך אַרויסלאָזן...

— אַוואַדע.

— נו גיי, איך וועל דיך שפּעטער רופן צו זיך.

פאַרנאַכט דערהער איך זײַן קאָל:

— דעם איבערזעצער!

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו אים, זאָגט ער:

— נו, קום.

פרעג איך בא אים:

— עפּשער קאָן איך מיטנעמען מײַן פרײַנט?

ער האָט זיך אַף אַ רעגע פאַרטראַכט און געענטפערט:

— רוף אים אויך.

איך גיב עס איבער מײַן וואַניען, מיט וועלכן כ׳האָב זיך שטאַרק באַפרײַנדעט פאַר די דרײַ וואָכן וואָגלעניש. פאַרשטייט זיך, מיר ריזיקירן מיטן לעבן, אָבער ער איז מאַסקים. דער אונטעראָפיצער האָט אונדז אַרויסגעפירט פונעם שול־הויף, דורכגעגאַנגען מיט אונדז עטלעכע גאַסן און אַפן ראַנד פון דעם שטעטל באַוויזן מיט דער האַנט:

— גייט אַהין, אין וואַלד. דאָרט זײַנען נאָך פאַראַן אײַערע...

איך גיב אים די האַנט, באַדאַנק און פרעג, ווי עס איז זײַן נאָמען און פונוואַנען ער איז. ענטפערט ער מיר:

— קעלערמאַן, פון נירנבערג.

ער האָט זיך אומגעקוקט און איז אַוועק צוריק. מיר זײַנען אויך אַוועקגעגאַנגען, אָבער מיט איין אויג האָב איך אַ קוק געטאָן אַף צוריק — באַם דײַטש איז געווען אַן אויטאָמאַט, און ער האָט געקאָנט גלײַך שיקן אין אונדז אַ לענטע מיט קוילן. נאָר ניין, ער איז שטיל אַוועקגעגאַנגען, און מיר אויך.

אין וואַלד האָבן מיר אײנגיכן באַגעגנט אַ
קלײנע גרופּע רויטאַרמײער בעראַש מיט אַ
לײטענאַנט. זײ האָבן זיך געקליבן דורכרײַסן די
פראָנט־ליניע און פאַרײניקן זיך מיט דער רויט־
טער אַרמײ. די אויסשפּירער האָבן נאָך עט־
לעכע טעג זוכענישן געפונען אַ זומפּיק אָרט,
וווּ די דײַטשן זײַנען נאָך ניט געווען. מיר זײַ־
נען בעשאָלעם דורכגעגאַנגען די געפּערלעכע
ערטער, און לעם אַ טײַכל, וואָס איז שוין גע־
וועזן פאַרפרוירן, דערזען פונדערווײַטן אַ פּאָר
רויטאַרמײער. דאָס איז געווען דעם צענטן
נאָיאַבער. מע האָט אונדז גלײַך אָפּגעשיקט אין
אַ רעזערוו־פּאָלק. אין סאָף נאָיאַבער זײַנען
מיר שוין ווידער געווען אויפן פראָנט.

אזוי האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן אַ
דײַטשישער אונטעראָפיצער (נאָך דער מיל־
כאָמע האָב איך ניט איין מאָל געפּרוּווט געפי־
נען מײַן רעטער, זיך געווענדעט וועגן דעם אין
קאָמיטעט פון מילכאָמע־וועטעראַנען, אָבער קיין
שום ידיעס ניט באַקומען — צו ווינציק זײַנען
געווען מײַנע אָנווײַזונגען וועגן אים. ביזן סאָף
פון דער מילכאָמע זײַנען בײַ מיר געווען ניט
ווייניק אַנדערע מערקווירדיקע געשעענישן,
אָבער דער צופאַל אין אָקטיאַבער 1941 איז
קיינמאָל ניט אַרויס פון זינען.

אין גאַנג פון דער מילכאָמע האָט מען
אונדז ניט איין מאָל אויפגעקלערט, אַז מיר
קעמפן ניט קעגן דעם דײַטשישן פאָלק, נאָר
קעגן דעם פאַשיזם. ביז איצט געדענק איך די
ווערטער: „היטלערס קומען און גייען אַוועק,
דאָס דײַטשישע פאָלק און די דײַטשישע מעלו־
כע וועלן בלײַבן”. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז
מע טאָר ניט שטעלן קיין גלײַכצייכן צווישן
דעם פאַשיזם און דעם דײַטשישן פאָלק, און
כ'האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איבערצײַגן,
אַז עס זײַנען פאַראַן ניט ווייניק דײַטשן, וועג־
מען עס איז דערווידער די פאַשיסטישע ראַסן־
אידעאָלאָגיע.

אַלפרעד איוואַנאָוויטש

אין אַ שמועס מיט דער יוגנט, ווען זי
האָט זיך צונויפגעזאַמלט אויפן בערלינער פּע־
סטיוואַל, האָט אַלפרעד קורעלאַ איבערגעגעבן,
אַז געוויינלעך אויף דער פראַגע פון אַן אַנקעטע
וועגן זײַן פּראָפעסיע ענטפערט ער: „ליטעראַ־
טאָר”, אָבער דער ענטפער, האָט ער פאַרגע־
זעצט, אַנטשפּרעכט ניט דעם גאַנצן עמעס. ער,
קורעלאַ, האָט ווירקלעך פיל געשריבן, אַרויס־
געלאָזט ניט ווייניק ביכער, אָבער דאָס אַלץ
איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זײַנער אַן אַנדע־
רער טעטיקייט — פון דער טעטיקייט, וואָס
וו. אי. לענין האָט אָנגערופן „פּראָפעסיאָנעלער
רעוואָליוציאָנער”. אַן אַנדערס מאָל האָט קו־
רעלאַ דערמאָנט די ווערטער פון דעם גרויסן
פראַנצויזישן שרײַבער ראָמען ראָלאַן וועגן זײַן
ערשטער „באַגעגעניש” מיט באַרעך שפּינאָזעס
ווערק: „ס'זײַנען פאַראַן איבערלעבונגען און

באַגעגענישן, וואָס מע קאָן זיי פאַרגלײַכן מיט
בליצן, וועלכע באַלײַכטן העל דעם וועג”... אָט
אַזאַ ראָליע האָט אינעם לעבן פון אַ. קורעלאַ
געשפּילט די באַגעגעניש מיטן ראַטנפאַרבאַנד,
ריכטיקער געזאָגט — מיט דער אָקטיאַבער־רע־
וואָליוציע.

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסער מאָס
צופעליק, אומדערוואַרט, אָבער יעדער צופאַל,
זאָגן די פילאָסאָפן, איז אַ באַווײַז פון אַ גע־
זעצמעסיקייט. אַזוי איז עס אויך דאָס מאָל גע־
ווען.

דײַטשלאַנד אין מאַרט 1919. די רעאַקציאָ־
נערע קויכעס צערעכענען זיך אַכזאָריעסדיק
מיט יענע, וואָס האָבן מיט עטלעכע כאָדאָשים
צוריק אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. די נאָרוואָס
געגרינדעטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַר־
באָטן. די פאַרבינדונגען מיט מאָסקווע — דעם
צענטער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָ־
נערער באַוועגונג — זײַנען איבערגעריסן. אין
אָט אַזאַ אומגעבונג האָט דער יונגער דײַטשי־
שער קאָמוניסט אַלפרעד קורעלאַ מיט זײַנעם אַ
כאַווער באַקומען אין בערלין אַן אויפטראָג:
דערקלײַבן זיך קיין מאָסקווע און איבערגעבן
לענינען צוויי בריוו פונעם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער אומלעגאַלער דײַטשישער קאָמפּאַרטיי.

ס'איז געווען אַ ביז גאָר שווערע שליכעס.
אין אונדזער לאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן
דער בירגערקריג, אַלע מינים פאַרקער מיט די
מײַרעוו־לענדער זײַנען איבערגעריסן געוואָרן,
אָבער די יונגע קאָמוניסטן האָט זיך אײַנגעגע־
געבן גויוווער צו זײַן די שטערונגען אין וועג.
אַ גאַנצן כוידעש האָט זיך געצויגן די רײַזע,
מע קאָן זאָגן — אַ גאַנץ „אַוואַנטיוריסטישע”
(וועגן איר האָט אַ. קורעלאַ אויספירלעך דער־
ציילט אין זײַן בוך „אויפן וועג צו לענינען”,
לויט וועלכן ס'איז אין דער דײַטשישער דעמאָ־
קראַטישער רעפּובליק געשאַפן געוואָרן אַ קי־
נאָ־פילם). ענדלעך זײַנען זיי אָנגעקומען קיין
מאָסקווע און איבערגעגעבן דעם געהיימען
בריוו. אין יענע טעג, אין סאָף אַפּרעל 1919,
איז אין מינכען פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַ־
וואַרישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. און אויף
וויפל אַלפרעד קורעלאַ האָט פריִער געלעבט
אין מינכען, האָט לענין אײַנגעלאַדן אים צו
זיך, כדי דערוויסן זיך איינציקע פּראָטים פון
דער באַוואַרישער רעוואָליוציע. דער שמועס
מיטן אָנפירער פון דעם סאָציאַליסטישן סאָ־
וועטנלאַנד האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן
אײַנדרוק אויפן יונגן דײַטשישן קאָמוניסט און
באַשטימט דעם גאַנצן גאַנג פון זײַן ווײַטער־
דיקן לעבן.

בײַסן שמועס האָט וולאַדימיר איליטש זיך
דערוווּסט, אַז אַלפרעד קורעלאַ האָט צום סאָף
פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אָנטיילגע־
נומען אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַווע־
גונג, און ער האָט אים דעריבער געראָטן זיך
אײַנשליסן אין דער אַרבעט צו גרינדן דעם
קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. לענין
האָט אים געהאָלפן, קורעלאַן, זיך פאַרבינדן

מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פונעם רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, און באַלד האָט מען דעם יונגן דײַטשישן קאָמוניסט אײַנגעשלאָסן אין דער קאָמיסיע אָף צוגרייטן די פראָגראַם און דעם סטאַטוט פון „קים”. אָפן ערשטן קאָנגרעס פונעם יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל איז אַלפרעד קורעלאַ געווען אַ דעלעגאַט פונעם רוסלענדישן קאָמיוג....

אַזוי האָט זיך קורעלאַ באַגעגנט מיט אונדזער לאַנד, דערפון האָט זיך אָנגעהויבן זײַן ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט.

עטוואָס מער פון דרײַ כאַדאָשים האָט קורעלאַ אין 1919 געווינט אין מאָסקווע (פריִער אין קרעמל, דערנאָך אין אַ גאַסט־הויז אָף טווערסקאַיאַ). ער איז בײַגעווען אָף דער פײַערונג פונעם ערשטן מײַ, געזען די דעמאָנסטראַציע אָפן רויטן פּלאַץ, אָנגעשריבן וועגן דעם אַ גלענצנדיקע פאַרצייכענונג, וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „ראָטע פאַנע”. די אָנפירער פונעם רוסלענדישן קאָמיוג האָבן אים גערופן אַלפרעד איוואַנאָוויטש.

קימאַט פינף יאָר האָט קורעלאַ געאַרבעט אין אויספירקאָם פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. אין יענער צײַט איז אים אויסגעקומען צו זײַן קימאַט אין אַלע אייראָפעיִשע לענדער — אין איטאַליע, פראַנקרײַך, ענגלאַנד, האָלאַנד, סקאַנדינאַוויע (אַגעוו, האָט ער אין די יאָרן שנעל אויסגעלערנט רוסיש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, ענגליש). ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע יוגנט־פאַרבאַנדן. ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען אָנטיילנעמען אין פאַרשיידענע קלאַסןשלאַכטן, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין די אָדער יענע לענדער. שפּעטער האָט מען אים באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון דער צענטראַלער פאַרטיי־שול פון דער פראַנצויזישער קאָמפאַרטיי (צווישן די טאַלמידים זײַנען דאָרט געווען אין יענע יאָרן זשאַק דיוקלאָ, לוי אַראַגאָן און אַנדערע אָנגעזעענע טוער פונעם פּראָגרעסיוון פראַנקרײַך).

אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן לעבט קורעלאַ ווידער אין מאָסקווע, אַרבעט אין אויספירקאָם פון קאָמינטערן און באַטייליקט זיך גלײַכצײַטיק אין דער בויונג פון דער נײַער סאָוועטישער קולטור. אַ געוויסע צײַט איז ער געווען פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטיילונג אינעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון רספסר, געאַרבעט אינעם קולטור־סעקטאָר פון דער רעדאַקציע „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פראַוודאַ”, געווען טעטיק אַלס זשורנאַליסט און פובליציסט. אין מאָסקווע גייען אַרויס זײַנע ביכלעך: „די לימודים פון גענוע און האַאַג”, „דער צווישנפעלקערלעכער פראָלעטאַריאַט באַשיצט פססר”, „צי וועט זײַן אַ נײַע מילכאָמע?”. אין אַ לײַדנשאַפטלעכער און שאַרפער פאָרם פראָקלאַמירן זיי די פרידלעכע אויסערן־פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־רעגירונג, דעקן אויף דעם עמעסן פאַרצעף פון דער פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער.

אין די סאָוועטישע אַרכיוון, אין פאַרשיידענע סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן (קורעלאַ האָט זיך געדרוקט אין „פראַוודאַ”, „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פראַוודאַ”, „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ”, „נאַ ליטפּאָסטו” אַ. אַנד.) האָב איך געפונען אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, וועלכע באַווײַזן, ווי ענערגיש ער האָט געשטיצט יענע שטרעמונגען אין דער סאָוועטישער קונסט, וועלכע זײַנען אומיטלבאַר געווען פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. אַלפרעד קורעלאַ איז געווען איינער פון די איניציִאַטאָרן פון דער קינסטלערישער פאַראייניקונג „אָקטיאַבער”. אונטער דער דעקלאַראַציע פון דער נײַער פאַראייניקונג שטייען די נעמען פון אַ רײ אָנגעזעענע קינסטלער: די ברידער וועסנין, מ. גינזבורג, אַ. דיינעקאַ, אַי. מאַצאַ, ד. מאָאָר, ס. אײַזנשטיין און אַנדערע, ווי אויך ד. ריווערע — דעמלט אַ יונגער מעקסיקאַנישער קינסטלער און אַ. קורעלאַ.

אַ. קורעלאַ האָט געשריבן וועגן דער נייטיקײַט פון דערציִען באַ די פאָלקס־מאַסן אַן עכטן קינסטלערישן געשמאַק. אין דער צײַטונג „קאָמסאָמאַלסקאַיאַ פראַוודאַ” האָט ער אָנגעהויבן אַ קאָמפּאַניע קעגן פיליסטערישע קלייןבירגערלעכע שטרעמונגען אין דער קונסט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין דער צײַט פון נעפּ, אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען פון זעלבסטעטיקע קינסטלער. אָף איינער אַזאַ אויסשטעלונג האָט ער אײַנגעלאַדן מאַקסים גאָרקין. אין אַ בריוו פונעם 5 יון 1929 צום בארימטן פראָלעטאַרישן שרײַבער האָט ער געשריבן, אַז דער קינסטלער לעזוויִעוו, וועמענס ווערק ס׳זײַנען אויסגעשטעלט, איז געווען אָפּן סאַמע דעק פונעם לעבן, אַ גאַנעוול, אַ פאַרוואָרלאָזטער. קורעלאַ האָט אים אויסגעפונען אין אַ הינטערמאָסקווער קאָלאָניע פאַר געוועזענע פאַרברעכער. אַגעוו, פון אָט דער אײַנלאַדונג האָט זיך אָנגעהויבן דער בריוו־אויסטויש צווישן אַ. קורעלאַ און מ. גאָרקי. אין יול 1935 האָבן זיי זיך פערזענלעך באַגעגנט און געשמועסט אין גאָרקיס וווינונג.

אומקערנדיק זיך קיין דײַטשלאַנד ווערט קורעלאַ איינער פון די אָנפירער פון דער געזעלשאַפט „פרײַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד”, רעדאַגירט די „איליוסטרירטע אַרבעטער־צײַטונג”, פאָרט אוועק אָף אַ קורצער צײַט קיין איטאַליע, ווו ער באַאָבאַכטעט דאָס לעבן פונעם איטאַליענישן פאָלק אונטער דער פאַשיסטישער הערשאַפט און שרײַבט דערנאָך אָן אַ סאַטירישן בוך „מוסאָליני אָן אַ מאַסקע. דער ערשטער רויטער רעפּאָרטיאָר אין איטאַליע”. אָפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס קעגן מילכאָמע און פאַשיזם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אַמסטערדאַם אין 1932, האָט מען קורעלאַן אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פונעם צווישנפעלקערלעכן קאָמיטעט פאַרן קאַמף קעגן מילכאָמע און פאַשיזם. בעראָש פונעם קאָמיטעט זײַנען געשטאַנען אַנרי באַרביוס און ראָמען ראָלאַן. קורעלאַ האָט זיך באַפרײַנדעט מיט די

צוויי באַרימטע פראַנצויזישע שרײַבער, אַקטיווע אַנטימילכאָמע־קעמפער. וועגן אַנרי באַרביוסן האָט ער אָנגעשריבן אַ גלענצנדיק אַרטיקל.

אַנציקט איז געווען אַלפרעד קורעלאַ פון געאָרגי דימיטראָווס אויפירונג בײַם דעם לײַפּציגער פּראָצעס. שפּעטער ווערט ער אַ רעפערענט בײַ דימיטראָוון. די באַגעגענישן מיטן בולגאַרישן רעוואָליוציאָנער האָבן אים באַגײַסטערט צו שאַפן, אינאיינעם מיטן האָלענדישן קינעמאַטאָגראַפיסט יענס איווענס, אַ קינאָ־פילם וועגן דעם לײַפּציגער פּראָצעס. דעם סצענאַרי האָבן זיי פאָרלויפיק באַוויזן דימיטראָוון, וועלכער האָט געראַטן, זיי זאָלן זיך אָן אייצע האַלטן מיט מאַקסים גאָרקין. גאָרקי האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם סצענאַרי און געמאַכט אַ רײַ באַמערקונגען. די שפּעטער פּרנעם פילם האָבן דערנאָך איבערגעאַרבעט זייער ווערק און נאָכאַמאָל געשיקט דעם סצענאַרי גאָרקין. יענער האָט אײַנגעלאַדן קורעלאַן צו זיך אַהיים און געגעבן געשמועסט מיט אים וועגן דעם קינפּטיקן פילם, וועלכער איז אונטערן טיטל „די קעמפער“ אַרויס אויף די עקראַנען שוין נאָך גאָרקיס טויט. דאָס איז געווען אַ קעמפערישער אַנטיפאַשיסטישער פילם, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין אים האָבן געשפּילט אַזעלכע גרויסע אַרטיסטן, ווי אַלעקסאַנדער גראַנאַך (אין דער ראָל פון געאָרגי דימיטראָוו), ניקאָלײַ אַקימאָוו און אַנדערע.

קורעלאַ האָט אויך אָנגעשריבן אַ בוך „דימיטראָוו קעגן הערינגן“. אויפן סמך פון דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן און פּערזענלעכע אײַנדרוקן האָט ער געשאַפן אַ הערלעך געשטאַלט פון אַ קאָמוניסט, וועלכער האָט געפירט אַן אומבאַרעכמאָנעסדיקן גערענגל מיטן פאַשיזם און אָפּגעהאַלטן איבער אים אַ זיג.

ווען די היטלערישע האָרדעס זײַנען אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אַלפרעד קורעלאַ גלײַך געקומען אין דער פּאָליט־פאַרוואַלטונג פון דער רויטער אַרמיי און געמאָלדן, אַז ער איז גרייט זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפער קעגן דער פאַשיסטישער אינוואַזיע. צוזאַמען מיט אַנדערע דײַטשישע שרײַבער־אַנטיפאַשיסטן (עריך ווײַנערט, פרידריך וואָלף, יאָהאַנעס בעכער, ווילי ברעדעל און אַנד.), איז ער געווען פאַרעכנט אין דעם אַזויגערופענעם זיבעטן אָפּטייל פון דער פּאָליט־פאַרוואַלטונג פון דער רויטער אַרמיי, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם דײַטשישן מיליטער. אַלפרעד קורעלאַ האָט געשריבן און רעדאַגירט פלוגבלעטלעך, סאַטירישע לידער, אויפרופן, וועלכע מע האָט פאַרשפּרייט צווישן דער היטלערישער אַרמיי, אַנאַליזירט דאָקומענטן, סאָלדאַטישע בריוו, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די סאָוועטישע זעלנער. מיט ספּעציעלע בריגאַדעס פלעגט ער אַרויספאָרן אויפן פראָנט — הינטער סטאַלינגראַד, אויפן קורסקער בויגן — און דאָרט דורך ראַדיאָ זיך ווענדן צו די דײַטשישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן אויסקערעווען דאָס געווער קעגן די, וועלכע האָבן זיי געשיקט שיסן אין די סאָוועטישע אַרבעטער און פּויערים.

ווען צווישן די דײַטשישע געפאַנגענע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג פאַר אַ פרײַע און דעמאָקראַטיש דײַטשלאַנד, האָט קורעלאַ זיך גלײַך אָנגעשלאָסן אין איר. מע האָט אים באַשטימט פאַרן שטעלפאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „פרײַעס דויטשלאַנד“. דאָרט האָט ער אָפּגעדרוקט אַ רײַ קעמפערישע אַנטיפאַשיסטישע אַרטיקלען און סאַטירישע לידער.

אינגיכן נאָכן זיג האָט זיך אָנגעהויבן דער „קאַלטער קריג“, און אַלפרעד קורעלאַ איז ווידער אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פונעם אַנטיאימפּעריאַליסטישן פראָנט. זײַן מיסיע האָט ער געזען אין פאַרטיידיקן די דערגרייכונגען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלכע האָבן געבראַכט צום וועלט־היסטאָרישן ניצחון איבער דעם היטלערישן פאַשיזם. ער פאַרעפנטלעכט צוויי ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּובליציסטישע ביכער: „איך לעב אין מאָסקווע“ און „מיזרעך און מײַרעוו“. פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידיי פון דערנענטערונג צווישן די קולטורן פון פאַרשיידענע פעלקער, זעצט ער איבער אויף דײַטש אַ רײַ ווערק פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן — בעלינסקי, גערצען, טשערנישעווסקי; פון די סאָוועטישע שרײַבער — מ. גאָרקי, ס. טרעטיאַקאָוו, ע. באַגריצקי, אי. ערענבורג, ק. פּאַוסטאָווסקי, ווס. ווישנעווסקי, א. טוואַרדאָווסקי, מ. איסאַקאָווסקי און אַנד. אַדאַנק זײַן איניציאַטיוו איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דײַטשישע איבערזעצונג פון טאַראַס שעווטשענקאָס „קאָבזאַר“, פונעם אַרמענישן עפּאָס. ער האָט איבערגעזעצט דעם ציקל ייִדישע פאָלקסלידער, וועלכע ס'האָט געשאַפן דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש.

באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פאָרט קורעלאַ אַריבער אין זײַן היימלאַנד, און דאָרט, אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זײַן לעבן, האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט זײַן טאַלאַנט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און בויער פון דער נײַער דײַטשישער סאָציאַליסטישער קולטור. ער פאַרעפנטלעכט צוויי ראָמאַנען, אַ רײַ דערציילונגען, מע ווײַלט אים אויס פאַר אַ קאַנדידאַט אין די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ פונעם צק פון דער דײַטשישער סאָציאַליסטישער אייניקייטס־פּאַרטיי, און ער ווערט דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע באַם צק.

אין 1975, אויפן אַכציקסטן יאָר פון זײַן לעבן, איז אַלפרעד קורעלאַ געשטאָרבן. לויט אַ ספּעציעלער באַשטימונג פון דער רעגירונג פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַרכיוו פון זײַן ירושה. דער אַרכיוו, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט, געפינט זיך אין זײַן געוועזענער וווינונג.

די מיטארבעטער פונעם ארכיוו פארעפנטלעכן די מאטעריאלן פון א. קורעלאס ליטעראַרישער יערושע. נאָרוואָס איז ארויס די צווייטע אופלאגע פון א זאמלונג פון זײַנע ארטיקלען אונטערן נאָמען „פאר וואָס האָבן מיר געקעמפט". עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק צוויי בענדער פון זײַנע בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן צו דער פרוי אין דער צײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. די דאָזיקע און א סאָך אנדערע ארכיוו־דאָקומענטן האָב איך באקומען א מעגלעכקײַט צו שטודירן. אפן גרונט פון זיי האָב איך שוין אָנגעשריבן א גרויס ארטיקל „קורעלא און די סאָוועטישע ליטעראטור", וואָס איז אָפגעדרוקט אינעם דײַטשישן וויסנשאפטלעכן זשורנאל „ווײַמארער בײַטראגע".

אָבער כוץ דעם, וואָס כ'האָב געארבעט אין קורעלא־ארכיוו און אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ וועגן לעסינגן, בין איך אויך געווען פארנומען מיט פאָרשן דאָס לעבן אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק. כ'האָב זיך באקאנט מיט פיל דײַטשן, געשמועסט מיט זיי וועגן פארשיידענע אקטועלע פראגן, באזוכט קונסט־אויסשטעלונגען.

„אנטיפא־79"

אין די ערשטע טעג נאָך מײַן קומען קיין בערלין האָב איך דאָ און דאָרט באמערקט אין די גאסן די אפישעס „אנטיפא־79". די דײַטשן זײַנען שפאָרזאמע מענטשן, זיי האָבן ליב פאָרקירצונגען, אבריעוויאטורן, און ניט באהאוונטע קאָנען צומאָל ניט פארשטיין דאָס אָדער יענץ ארטיקל אין א צײַטונג, ווו עפעס איז באצייכנט בלויז מיט די ערשטע בוכשטאבן. אָבער דאָ איז דער טײַטש געווען קלאָר: אנטיפאשיזם אין יאָר 1979, ווײַל ווײַטער איז געשטאנען: „פלענארע זיצונג פון דער קונסט־אקאדעמיע פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק. די טעמע: „קונסט אין קאמף קעגן פאשיזם — הײַנט און נעכטן". מיט גרויס אינטערעס האָב איך אָנגענומען די אײַנלאדונג צו באזוכן די זיצונג.

אז אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק איז דער היטלערישער גײַסט אויסגעראָטן, האָב איך, זיך, נאטירלעך, פארגעשטעלט. אין דער צײַט פון דער מילכאָמע איז מיר קלאָר געוואָרן, אז אין דײַטשלאנד זײַנען פאראן קויכעס, וועלכע זײַנען ניט מאסקים מיט די היטלעריסטן און קעמפן מיט פארשיידענע מיטלען קעגן אים. אָבער... אָך, דאָס הארבע וואָרט „אָבער"! — ווי איז עס געשען, אז אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָט אין סאמע צענטער פון אייראָפּע, אין לאנד פון פּאָעטן און פילאָסאָפן, ווי מע האָט עס גערופן, ראפּטום זיך ווידער אײַנגעשטעלט די מיטלעלטערלעכע בארבארישקײַט? ס'איז דאָך אן אומבאשטרײַטבארער היסטאָרישער פאקט, אז ניט געקוקט אפן העראישן ווידערשטאנד מיצאד די בעסטע פאָרשטייער פונעם פאָלק, איז די היטלערישע מאכט געווען אראָפּגעוואָרפן ניט דורך אײַנערלעכע, נאָר דורך אויסערלעכע קויכעס, די סאָוועטישע ארמיי האָט צעשמעטערט דעם אזויגערופענעם „דריטן רײַך" און אופגעהויבן די רויטע פאָן אפן רייכסטאג.

איך דערמאָן זיך, אז ניט איין מאָל איז אין א ריי קינסטלערישע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען נאָך דער מילכאָמע, געשטעלט געוואָרן די פראגע: ווו איז געווען דאָס פאָלק, ווען אין גאנצן לאנד האָט געבושעוועט דער היטלערישער טעראָר? אף דער גאָר ניט לײַכטער פראגע האָבן די בעסטע דײַטשישע שרײַבער געענטפערט זעלבסטקריטיש. גלײַך נאָכן ניצאָכן האָט דער באוווּסטער דראמאטורג פרידריך וואָלף, דער מעכאבער פון דער וועלטבארימטער אנטיפאשיסטישער פיעסע „פּראָפעסאָר מאמלאָק", אָנגעשריבן א דראמע, וועלכע ער האָט סימבאָליש אָנגערופן „וואָס דער מענטש האָט פארזייט..." אין איר באשולדיקט ער א גרויסן טייל דײַטשן אין שווײַגנדיק באאָבאכטן די רעציכעס פונעם פאשיזם און זיך אפילע באנוצן מיט די פרוכטן פון זײַנע פארברעכנס. צוויי טיף־באדײַטנדיקע עפיגראפן שטייען אין דער דראמע נאָכן טיטל. איינער — ראָמען ראָלאנס ווערטער: „די, וועלכע לאָזן צו דאָס בייזע, זײַנען פונקט אזעלכע פארברעכער, ווי די, וואָס טוען עס". און דער צווייטער עפּיגראף איז גענומען פון דער ביבל: „און דאָס פאָלק איז געשטאנען און געקוקט..." דעם הויפּט־געדאנק פון דער פּיעסע און פון א סאָך ענלעכע ווערק קאָן מען פאָרמולירן אזוי: די, וואָס זײַנען ניט באגאנגען קיין פארברעכנס מיט די אייגענע הענט, זײַנען אויך שולדיק, ווײַל זיי האָבן צוגעזען די פאַרברעכנס גלײַכגילטיק און פאסיוו.

אָט איז נאָך א ווערק פון די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן: „יעדערער שטארבט אן און פאר זיך". דער אווטאָר, האנס פאלאדא, איז א באוווּסטער, נאָך פון די דרײַסיקער יאָרן, דײַטשישער שרײַבער. פאלאדא האָט ניט נאָכגעפאָלגט דעם בײַשפּיל פון דער מערהײַט דײַטשישע שריפטשטעלער, ניט עמיגרירט, נאָר געבליבן אין אינערלעכער עמיגראציע אין זײַן לאנד. ער האָט ווייניק אין דער צײַט פונעם פאשיזם זיך געדרוקט, דערנאָך באגריסט דאָס קומען פון דער סאָוועטישער ארמיי, וועלכע האָט אים באשטימט אלס ערשטן קאָמענדאנט אין זײַן ווין־שטאָט. באלד נאָך דער מאפּאָלע פונעם פאשיזם האָט ער ארויסגעלאָזט דעם אויבנדערמאָנטן ראָמאן, אין וועלכן ער האָט באוויזן, ווי פּאָשעטע דײַטשן — א סטאָליער מיט זײַן ווײַב — האָבן אָנגעהויבן פירן א דויערנדיקן געראנגל מיט דער היטלערישער מעמשאָלע. זייער קאמף איז געווען א גאנץ איינפאכער — זיי האָבן געשריבן און פארשפּרייט אנטיהיטלערישע פּאָסט־קארטלעך. מער פון

צוויי יאָר האָט זיי די געסטאַפּאָ געזוכט און סאָפּקאָלסאָף געכאַפּט. האַנס פאַלאַדאַ האָט באַוויזן, אַז דאָס דײַטשישע פאָלק איז לאַכלוטן ניט געווען אייניק מיטן פאַשיזם. אָבער אויך זײַן ראָמאַן איז דורכגעדרונגען מיט אַ טרויעריקן געדאַנק, אַז דאָס אײַנציקע, וואָס מע האָט געקאָנט פאַרהיטן אין די צײַטן פונעם אכזריותעסדיקן היטלערישן טעראָר, איז דאָס אייגענע מענטשלעכע געוויסן. יעדערער האָט געקאָנט בלויז דערגרייכן איינס — מיט ווירדע שטאַרבן.

און ווי איז די לאַגע איצט? וועלכע אויספירן פון דעם ניט ווײַטן אָוואָר האָט דאָס דײַטשישע פאָלק געמאַכט, באַזונדערס דאָ, אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק? אַזעלכע פראַגן האָבן געווירבלט אין מײַן מויען, ווען איך בין געגאַנגען אַף דער זיצונג אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. אין פאָיע איז געווען אַ גרויסע אויסשטעלונג פון אַנטיפאַשיסטישער קונסט: פּלאַקאַטן, געמעלן, פלוגבלעטלעך, לידער, אונטערערדישע אויסגאַבעס, יעדיעס וועגן אַקטיוויטעטן פון אַנטיפאַשיסטן אין פאַרשיידענע לענדער. דאָס אַלץ האָט מען מיט גרויס מי צוזאַמענגעקליבן.

דעם פאָרטראַג האָט געהאַלטן דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע קאָנראַד וואָלף (דער זון פון פרידריך וואָלף), אַן אָנגעזעענער קינאָרעזשיסער. נאָך אים זײַנען אַרויסגעטראָטן דער מיטגליד פון פּאָליטבוראָ, סעקרעטאַר פון צק פון דער סאָציאַליסטישער אייניקייטס־פּאַרטיי פּראָפעסאָר קורט האַגער, די שרײַבער — מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע גיונטער רייקע, ווילהעלם גירנוס און אַנדערע. אַלע האָבן זיי אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט דאָס פאָלק פאַרשטאַנען די דורכגעלעבטע טראַגעדיע און צערעכנט זיך מיטן פאַשיזם. אינעם זיג איבער דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע האָבן אַ גרויסן בײַטראָג אַרײַנגעבראַכט אַלע מינים פון קונסט, אָבער עס שטייט נאָך פאַר אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אַף איבערדערציִען די מאַסן אין אַנטיפאַשיסטישן גײַסט, ביפראַט אַז די דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז ניט איזאָלירט, זי איז דער פאָרפּאָסט פון דער סאָציאַליסטישער וועלט אַף דער דײַטשישער ערד.

די איצטיקע פאַשיסטן פאַסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען. דער, וואָס טרומט הײַנט וועגן אַ מלחמה צווישן די צוויי סאָציאַלע סיסטעמען — דער קאַפּיטאַליסטישער און דער סאָציאַליסטישער — דענקט פאַשיסטיש. פאַקטיש נוצט מען אויס אין אונדזערע טעג די זעלבע פאַשיסטישע לאָזונגען פון אַנטיסאָוועטיזם און אַנטיקאָמוניזם. אויך אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַשיסטישער לאָזונג, וועלכן די היטלעריסטן האָבן פאַרבונדן מיט דער ראַסן־טעאָריע און אָנגעווענדט אין אַ גיגאַנטישער פּראַקטיק. קאָנראַד וואָלף האָט אין זײַן פאָרטראַג אַף דער פלענאַרער זיצונג פון דער קונסט־אַקאַדעמיע אויסגערופן, אַז צום קאָוועד פון דער דײַטשישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז זי געווען פרײַ פון דער פּעסט פון אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם. אונדזערע קלאַסיקער, האָט ער געזאָגט, האָבן טאָמיד באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ קלאַסן־פראַגע, און די גאַנצע געשיכטע פון אַנטיפאַשיסטישן ווידערשטאַנד איז וועגן דעם אַ פאַרגלויבלעכער איידעס.

איבעררעכענענדיק די באַדײַטנדיקע דערגרייכונגען פון דער דײַטשישער אַנטיפאַשיסטישער קונסט, האָט קאָנראַד וואָלף אָנגערופן אויך דאָס מוזיקאַלישע ווערק „די ייִדישע כראָניק” — אַ מין אָראַטאָריע, וואָס עס האָבן געשאַפן נאָך אין 1960 זעקס קינסטלער: דער דיכטער יענס גערלאַך, די קאָמפּאָזיטאָרן פּאַול דעסאַו און רודאָלף וואַגנער־רעגעני (דדר), באָריס בלאַכער (מערב־בערלין), קאַרל האַרטמאַן און האַנס ווערנער (פעדעראַטיווע דײַטשישע רעפּובליק). מײַנע פרײַנט אין בערלין האָבן מיר דערנאָך געשענקט אַ פּלאַסטינקע, אַף וועלכער ס'איז פאַרשריבן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס מאַכט אַ קאָלאָסאַלן עמאָציאָנעלן אײַנדרוק. די אָראַטאָריע אַנטהאַלט אַ פּראָלאָג „וועגן די שטומע רופן”, צוויי טיילן — „געטאָ” און „אויפשטאַנד” מיט צוויי שטאַרקע לידער („אָ, ערד, באַדעק ניט מײַן בלוט” און „אין יאַנוואַר־אײַז טליִעט דאָס פײַער”). זי פאַרענדיקט זיך מיטן עפּילאָג „דאָס געשעעט הײַנט”. אין דער מוזיק הערן זיך טיפּיש־ייִדישע פאָלקס־מאָטיוון, טראַגישע און דערהויבענע קלאַנגען. דער כאָר, ווענדנדיק זיך צום צושויער, זינגט: „שולדיק איז אויך דער אומשולדיקער, ווען ער וואָרנט ניט וועגן דער שולד”, און דערנאָך גייט אין פינאַל אַ רוף: „זײַט וואַכזאַם!”.

די קונסט איז געווען און וועט בלײַבן אַ שטאַרק געווער אין קאַמף קעגן פאַשיזם — דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פונעם אופרוף, וועלכן די אָנטיילנעמער פון דער זיצונג האָבן אָנגענומען. איך וועל ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון דעם דאָזיקן אופרוף: „די עלטערע פון די מיטגלידער פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פירן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם אין דער ווײמאַרער רעפּובליק און אין שפּאַניע, אין די נאַציסטישע טפיסעס און קאָנצלאַגערן. נאָך דער באַפרײַונג פונעם היטלערישן רעזשים האָבן מיר אַלע, דערונטער אויך די ייִנגערע, ניט אופגעהערט צו באַקעמפן די גײַסטיקע רעשטן פון דער צוועלפיאָריקער באַרבאַרישקײַט, זאָל עס זײַן אַנטיסעמיטיזם אָדער נאַציאָנאַלע אויסשליסלעכקײַט. דאָס ווערט באַוויזן אין אונדזערע ווערק. פאַשיסטישע און פּראָפאַשיסטישע שטרעמונגען פון אַלע מינים האָבן אין אונדזער לאַנד קיין שום שאַנסן ניט, ווײַל עס קאָן ניט זײַן קיין סאָציאַליזם אָן אַנטיפאַשיזם, און מיר פירן אונדזער קאַמף קעגן פאַשיזם, ווי אַ קאַמף פאַר אַ הומאַניסטישער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און דערגרייכן דעם סאָציאַליזם אַלס אַ לעבעדיקע ווירקלעכקײַט אין פולער אכרײַעס פאַרן יונגן דאָר.

מיר זעען: דער פאַשיזם טראָגט פאַרשיי־

7*

דענע מאסקעס, ער נוצט אויס כאאָטישע געפילן... מיט אונדזער לאנד גרענעצט א דײַטשישע מעלוכע, ווו עס ווערן פאָרגעזעצט די היטלערישע נאצי׳אָנאליסטישע טראדיציעס, ווו מע שענקט פרײַהײַט די מײַדאנעק־מערדער. עס איז ניט ווײַט נאָך אין דער פארגאנגענהײַט די צײַט, ווען ס׳האָבן זיך געמאָלדן די לעבן־געבליבענע און געשוואָרן: קיינמאָל ווידער! איצט, אין 1979, אין בערלין, נאָך פיר און דרײַסיק יאָר אָפהיטן, ניט אָן סאקאָנעס, דעם שאָלעם אין אייראָפע, דערמאָנען מיר פאר זיך אליין און דערמאָנען אלעמען וועגן דעם!"

דער דאָזיקער אופרוף און די גאנצע פארזאמלונג האָבן באוויזן, אז די בעסטע פאָרשטייער פון דער דײַטשישער קולטור זײַנען גרייט פאָרזעצן דעם געראנגל קעגן דעם פאשיזם.

ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז געווען די קינסטלערישע טייל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָונט. דער זאל איז געווען געפאקט, עס זײַנען געקומען פיל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן לײַדנשאפטלעך רעאגירט אף דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אף דער בינע. דאָס איז געווען ניט קיין טעאטראלע פאָרשטעלונג, האָגאם אין איר האָבן אָנטיילגענומען שוישפילער. אפן עקראן האָט מען רעפראָדוצירט אויסצוגן פון כראָניקאלע קינאָ־פילמען און פאָטאָ־בילדער — א מין פאָרזעצונג פון דער טאָג־זיצונג. אָנגעהויבן האָט א פאָפולערער זינגער — ריינהאָלד אנדערט. ער איז ארויס מיט א גיטארע און אויסגעפילט א ליד וועגן פאָטערלאנד, די ווערטער און מוזיק האָט ער אליין פארפאסט. געזונגען האָט ער וועגן דעם, אז די מענטשן אין זײַן לאנד האָבן אופגעוואקסט צו א נײַ לעבן. נאָכדעם האָבן צוויי יונגע שוישפילער פאָרגעלייענט אן אויסצוג פון דיטער נאָלס נײַעם ראָמאן „קיפענבערג", און דער מעכאבער האָט זיך באוויזן אף דער בינע. דער זינגער האָט זיך פארוואנדלט אין א רעפאָרטיאָר, וועלכער אינטערוויוי׳רט ריטער נאָלן. „מײַן יוגנט — דערציילט דער ראָמאניסט, — איז דורכגעגאנגען אין דער צײַט פונעם פאשיזם, און מײַן העלד איז אין דעם זין אווטאָבי׳אָגראפיש, ער האָט דורכגעמאכט דעם זעלבן וועג, וואָס איך, און איז געוואָרן אן אנטיפאשיסט". אן ענלעכן וועג האָט דורכגעמאכט קריסטא וואָלף, וועלכע האָט זיך אויך באוויזן אף דער בינע נאָך דעם, ווי מע האָט איבערגעלייענט אן אויסצוג פון איר ראָמאן „דער צעהאקטער הימל".

אפן קינאָ־עקראן איז רעפראָדוצירט א סקולפטור: אוישוויץ — דרײַ פרויען־פיגורן, בא אלע זײַנען די קעפ אונטערגעבויגן, בא איינער — שוידערלעכע אויסגעסטארטשעטע אויגן, די הענט האלט זי באם קאָפ, בא דער צווייטער זײַנען זיי צונויפגעדריקט אין פויסטן, בא דער דריטער זײַנען די הענט אראָפגעלאָזט. נאָך א רעפראָדוקציע: באבי יאר, א באַרעליעף. אינעם גראָז, צווישן דיביימער ליגן מענטשלעכע קערפערס אָן פענעמער. זיי זײַנען אָנגעוואלגערט איינער אפן אנדערן, ווי האָלץ. אף דער בינע גייט ארויס דער סקולפטאָר ווערנער שטעטצער און קאָמענטירט: די טראגעדיעס אין באבי יאר, וווּהין די פאשיסטן האָבן אין איין נאכט געבראכט צום פארניכטן טויזנטער זקיינים, פרויען, קינדער, און אין אוישוויץ דעם שכיטע־פלאץ פון מיליאָנען, איבערהויפט יי׳דן, האָבן מיך שוין פון לאנג גערעגט, און כ׳האָב געזוכט פארשיידענע מיטלען צו פארקערפערן מײַן פראָטעסט אין מאָנומענטאלע פאָרמען. כ׳האָב געוואָלט, אז די סקולפטורן זאָלן ניט זײַן קיין איליוסטראטיווע, סענטימענטאלע. ווען איך זע אף פאָטאָ־בילדער, ווי נאקעטע פרויען און קינדער שטופט מען ארײַן אין די אויסגעגראָבענע ריוון, ווער איך דערשיטערט ביזן גרונט. אונטערן אײַנדרוק פון אזעלכע דאָקומענטאלע מאטעריאלן האָב איך געשאפן מײַנע ווערק...

אפן עקראן באווײַזן זיך אנדערע פאָטאָגראפיעס. פאָגראָמען אף בערלינער גאסן. שטורמאָוויקעס רײַסן אוף יי׳דישע קראָמען. עס ברענען סינאגאָגעס. דאָס זײַנען בילדער פון דער טרויעריק־בארימטער „קרישטאָל־נאכט". פונעם רעפראָדוקטאָר ציטירט מען די פראָגראם פון דער נאצי׳אָנאל־סאָצי׳אליסטישער פארטיי: „אלע געזעלשאפטלעכע שטעלעס דארפן פארנעמען בלויז ריינע אריער. קיין יי׳ד קאָן ניט געהערן צום דײַטשישן פאָלק"... אין מאָמענט, ווען די היטלעריסטן האָבן פארכאפט די מאכט, זײַנען אין דײַטשלאנד געווען מער פון א האלבן מיליאָן יי׳דן. איבערגעלעבט דעם פאשיסטישן טעראָר האָבן דרײַסיק טויזנט. אפן עקראן — א זײַט פון דער צײַטונג „ראָטע פאנע", די מעלדונג פונעם צק פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פארטיי: „מיט זייערע רעכילעס, אז די יי׳דן שטעלן מיט זיך פאָר א נאצי׳אָנאלן אומגליק פאר דײַטשלאנד, ווילן די פאשיסטן אָפווענדן די פאָלקס־מאסן פון די עמעסע שולדיקע אין די ליידן פון אונדזער פאָלק — די באנקירן און יונקערס, פון די, וואָס בארײַכערן זיך אף די באוואָפענונגען. די קאָמוניסטישע פארטיי איז שטענדיק ארויסגעטראָטן קעגן אנטיסעמיטיזם און וועט אלץ טאָן, אף צו פארלײַכטערן די ליידן אויך פונעם יי׳דישן פאָלק". בעעמעס נעוויי׳ש קלינגען די ווערטער פון דער אָנפירונג פון דער דײַטשישער קאָמפארטיי, אז די פארפאָלגונגען און רעציכעס אף די יי׳דן זײַנען נאָר אן אָנהייב. די פאשיסטן געווינען צו דאָס פאָלק צו פארכאפן דאָס אייגנטום פון אנדערע פעלקער, אונטערדריקן און פארניכטן זיי, וואָס דאָס איז קלוימערשט „דאָס רעכט פון א ראסע פון הערן".

עס ווערט אויסגעפילט די „לידיצע־קאָנטאטע". באם ראָיאל — איר שעפערן רוט צעכלין. זי דערציילט, ווי׳אזוי זי האָט פארפאסט די קאָנטאטע, אין וועלכער זי וואריי׳רט מיטלעלטערלעכע פאָלקס־מאָטיוון און אלס א קאָנט־

ראַסט צום נאַטירלעכן סיידער אין די פֿרידלעכע היימען — פֿאַשיסטישע מאַרש־לידער.

דער קינאָ־עקראַן באַווײַזט דעם פּלאַקאַט פֿונעם באַוווּסטן דײַטשישן מאָלער דזשאָן האַרטפֿילד „ווי אין מיטלאַלטער, אַזוי אין דריטן רײַך": אַ קרייץ פֿון פֿיר פֿאַרבונדענע העק, דורך וועלכע ס'איז דורכגעפֿלאָכטן אַ יונגער מענטש, און אָט דער מענטש גייט אַרויס אַף דער בינע, ער איז שוין אַ זאָקן מיט ווײַס־גרויע האָר. דאָס איז ערווין געשאָנעק. ער איז געזעסן אין עטלעכע פֿאַשיסטישע קאָנצלאַגערן און אַלפּינעס געבליבן לעבן. געשאָנעק לייענט פֿאָר אַן אויסצוג פֿון זײַנעם אַ נײַעם קינאָ־סצענאַרי, אין וועלכן ער שילדערט, ווי דאָקטוירים־עסעסאָווצעס און אופֿזעער דערשטיקן אַכזאַריעסדיק ייִדישע קינדער, מאַכן איבער זיי מעדיציניש עקספּערימענטן.

אַלעקסאַנדער אַבוש, דער פֿיליאָריקער אַקטיווער אָנטיילנעמער פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער באַוועגונג, דערמאָנט וועגן דעם קאַמף פֿון די דײַטשישע קאָמוניסטן קעגן נאַציאָנאַליזם, רופֿט צו פֿאַרשטאַרקן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרישקײַט אין קאַמף מיט די נעאָפֿאַשיסטן, וועלכע ווילן אָנצינדן אַ סרייפֿע פֿון אַ נײַער וועלט־מילכאָמע. אַפֿן עקראַן באַווײַזן זיך בוכשטאַבן, וואָס פֿאַרגרעסערן זיך אַלץ: "Nie wieder!" — „קיינמאָל מער!", און דער גאַנצער זאַל הייבט זיך אוף און זינגט די באַרימטע ליד פֿונעם איינהײַטס־פֿראָנט.

דער „אַנטיפֿאַ־79" האָט באַוויזן, אַז די דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז ווירקלעך געוואָרן אַ צענטער אינעם קאַמף קעגן אַלע רעשטן פֿונעם פֿאַשיזם.

(סאָף קומט)

צו די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"
צו די פֿרײַנט און ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור

„סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין פֿונלאַנג געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אין אַ ריי לענדער פֿון דער וועלט. די איצטיקע אַבאָנירקאָמפּאַניע — אַפֿן 1981 — איז מערקווירדיק מיט דעם, וואָס אין יול־אַווגוסט וועט דער זשורנאַל „אָפּמערקן זײַן 20־טן יובילײ. אורטיילנדיק לויט די בריוו אין רעדאַקציע, קלײַבן זיך פֿיל לייענער ברענגען אַ מאַטאָנע זייער באַליבטן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל — נײַע אַבאָנענטן. די דאָזיקע איניציאַטיוו דאַרף בעפֿײַרעש באַגריסט ווערן.

צו דער האיאָריקער אַבאָניר־קאָמפּאַניע קומט „סאָוועטיש היימלאַנד", פֿון זײַן זײַט, מיט אַ פֿרעכטיקער מאַטאָנע פֿאַר די לייענער: עס דערשײַנט שוין רעגולער, פֿון כוידעש צו כוידעש, אַ בײַלאַגע־ביבליאָטעק, וועגן וועלכער עס האָבן פֿון טאָמיד אָן געטרוימט די ליבהאָבער פֿונעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט און וועלכע איז מעגלעך געוואָרן בלויז אין די באַדינגונגען, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט געגעבן אונדזער זשורנאַל. די ביכלעך פֿון דער בײַלאַגע פֿרייען דאָס אויג מיט זייער בעעמעס יאָמטעוודיקן אויסזען, שוין אָפּגערעדט פֿון דעם הויך־קינסטלערישן אינהאַלט פֿון די ווערק, וואָס זײַנען אין זיי אײַנגעשלאָסן. די בײַלאַגע־ביבליאָטעק ווערט געגעבן דעם לייענער אומזיסט.

ס'איז אויך שוין געוואָרן אַ באַשטענדיקער פֿאַקטאָר, וואָס ציט צו נײַע לייענער, מערסטנס צווישן דער יוגנט און צווישן אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרגעסן לייענען אַף ייִדיש — דער רעזומע־אָפּטייל אין רוסיש און אין ענגליש.

פֿאַר דער לעצטער צײַט זײַנען די מאַטעריאַלן אינעם זשורנאַל געוואָרן נאָך אינטערעסאַנטער, פֿאַרשיידנאַרטיקער, אָפּגעהיטער. עס האָבן זיך באַוויזן, לויט דער באַקאָשע פֿון די לייענער, נײַע רובריקעס, אַזעלכע, ווי „געפֿונענע מאַנוסקריפּטן", „שמועסן וועגן מוזיק", „נײַע איבערזעצונגען" אאַ.

דער פּאָטענציעלער לייענער דאַרף וויסן וועגן די אַלע מאָמענטן פֿון אונדזער וווּקס און אַנטוויקלונג. די אויפֿגאַבע פֿון יעדן געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרשפּרייטער, פֿון אַלע „אַלטע לייענער" איז — זיך דורכשמועסן מיט אים און קאָנקרעט אים העלפֿן אויספֿאָרמירן די אַבאָנירונג, וועלכע ווערט בענגייע „סאָוועטיש היימלאַנד" אין קיין שום פֿאַל ניט לימיטירט מיצאַד די אָרטיקע אָפּטיילונגען פֿון „סאַיוזפּעטשאַט".

אַלזאָ, טײַערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער, פֿרײַנט און ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור! מיר ווינטשן אײַך דערפֿאָלג אין אײַער וויכטיקער אַרבעט, און מיר וואַרטן, איר זאָלט מיטיילן דער רעדאַקציע וועגן יעדן לייענער, וואָס איז צוגעקומען אַדאַנק אײַער מי, און, נאַטירלעך, וועגן די „אַלטע", די שוין באַהעפֿטע מיטן זשורנאַל, וועלכע האָבן צו דער צײַט און אַף אַ גאַנץ יאָר פֿאַרלענגערט די אַבאָנירונג.

ר ע ד א ק צ י ע פ ו ן „ס אָ וו ע ט י ש ה יי מ ל א נ ד"

קינדער־לידער

באָם טײַכל

קינדער גרויסע,
קינדער קליינע —
אַלע באָדן זיך
אינאיינעם.

אַלע לויפן,
אַלע שמײַען —
ס'איז אין וואַסער
אַ מעכײַע.

בריט אַ ווינט,
אַ פאַרגעניגן,
און דאָס וואַסער —
ווי אַ שפּיגל.

קלאָר דאָס וואַסער,
גאָלד דער ברעג.
שטייסט אין טײַכל —
זעסט די דעק.

לעבן קינדער
פראַנק און פרײַ,
שווימען פישעלעך
פאַרבײַ.

זע, זיי שווימען
אויבנוף!
טוט זיך שאָלעמקע
אַ פּרווו

אונטערשטעלן
ביידע הויפּנס,
נאָר די פישעלעך
אַנטלויפן,

גליטשן זיך
פון הענט אַרויס:
אָט געווען,
און ווידער אויס.

די מאַמע און די טאָכטער

פונעם הויכן באַרג
אַ ציג איז שנעל געלאָפן
און מיט איר ווײַסינק ציגעלע
זיך צונויפגעטראָפן.
מיט די הערנערלעך „בוך"!
מיט די שטערנדלעך
„בוך! בוך! בוך!"
מאַמע־ציג מיט פרייד

טוט אײַנדערהייך אַ שפּרונג,
לעקט איר ווײַסינק ציגעלע
מיט דער צונג.
איז דעם ווײַסן ציגעלע
גוט פון מאַמעס גלעט,
שרײַט עס אַ צופרידענע
מע! מע ! מע!

עראָפּלאַנען

איבער גרינעם
וואַלד פון טאַנען
איז אַ בלויער טאָג געשטאַנען.
הויך אַריבער
טאַנען־וואַלד
בלוי דער הימל

און צעשטראַלט.
ווייט קיין ווינטל
איבער בוים — שאַ,
פּלוצעם
הערט זיך קוים:
„טוק, טוק, טוק!"

שטייען קינדער
און מע קוקט.
ניט מע זעט נאָך,
גאָר מע הערט,
בלויז א שאָטן
אף דער ערד.
פלוצעם: זעט נאָר,
זעט פונוואנען
איבער גרינעם וואלד
פון טאנען
זײַנען דאָ אעראָפּלאנען,
און נאָך שטארקער —
„טוק, טוק, טוק!",
שטייען קינדער און מע קוקט.
שרײַט זיאמע טאָמען:
קוק אהער —
אף די פליגל
ס.ס.ס.ר.
שטייען קינדער
און מע היט,
ווערן קינדער
גאָר ניט מיד.
נאָר דער וואלד איז גרין און הויך,
אין דער הייך א ווײַסער רויך,
און ער ציט זיך ווי אן עק,
די פּילאָטן — ווײַט אוועק.
שרײַט אויס יאשע:
קינדער, הערט,
וואָס האָט איר זיך
דאָרט פארקלערט?
קומט אהער!
קומט אהער!
א זעג און האמער איז פאראנען,
וועלן זײַן אעראָפּלאנען.
קינדער לאָזן זיך פאָרויס,
ביז זיי קומען אָן אין הויז.
נעמט מען זעגן אין די הענט,
און די ארבעט זידט און ברענט.
זינגען קינדער,
זעגן זינגען,
זינגען בא דער זעג די קינדער:
מיר, די פליִער, מיר די בויער.
איבער טײַכן,
איבער מויערס,
איבער גרינעם טאנען־וואלד
וועלן מיר אלע
פליִען באלד.

די באָבעניו

ס'איז אונדזער ליבע באָבעניו
געהויקערט שוין און אלט.
ווילט איר זען די באָבעניו,
טאָ קומט מיט אונדז אין וואלד.

אין וואלד זי פיטערט ס'ציגעלע,
איר איין און איינציק ציגעלע,
וואָס איז איר גאנץ פארמעג.
זי נעמט מיט זיך דאָס קריגעלע,
דאָס קריגל פארן ציגעלע,
און מעלקט עס דאָ אין וואלד,
אהיים איז ווײַט דער וועג.

און אויב אײַך ווילט זיך וויסן נאָך,
פארוואָס איז צו דעם ציגעלע
איר ליבע אזוי גרויס, —
פאר ווײַס געדיכטן פעלעכל
און פאר דעם ליבן קעלעכל,
און אויך פאר פולן קריגעלע
מיט מילך
טאָג איין טאָג אויס.

ענטלעך

וועמענס עמעס?
וועמענס, וועמענס?
גיי דערגיי
בא זיי דעם עמעס.
צוויי ענטלעך
האָבן זיך צעקריגט —
דאָס וואסער
אין דער סאזשלקע צעוויגט.
וועמענס עמעס?
וועמענס, וועמענס?
גיי דערגיי
בא זיי דעם עמעס.
שטייען ענטלעך צוויי
און א וואָרעם צווישן זיי.
יעדעס ענטעלע צו זיך
ציט אים אומגעריכט.

איז וועמענס וואָרעם,
וועמענס, וועמענס?
גיי דערגיי
באַ זיי דעם עמעס.

ס'איז א מאכנע פישער
אָנגעשווומען גרינג,
די ענטעלעך אַרײַנגענומען
אין א רינג.
אינעם וואָרעם
פארגעסן גאָר,
גיבן זיך די ענטעלעך
אַף די פיש א וואָרף.
איז וועמענס פיש דאָ?
וועמענס, אָ?
אַף דער סאַזשלקע
שטיל, שאַ.

א העזעלע אין וואַלד

דער שניי איז טיף
און זויבער קאַלט.
עס וואַקסן טענעלעך אין וואַלד.
און קינדערלעך א פולער שליטן,
מיט דער לערערן אינמיטן.
יאָגן, אײַלן פערד און שליטן:
פערדל, יאָג זיך,
שליטן אײַל,
יעדער שפּאַן זאָל זײַן א מײַל.
אָנקומען מיר זאָלן באַלד
אינעם גרינעם טאַנען־וואַלד.

אין טאַנען־וואַלד א פויגל זינגט,
אין טאַנען־וואַלד א וועווריק שפּרינגט,
אַרוף אַף צווײַג „ציק, ציק!",
אַראָפּ אַף צווײַג „ציק!".
א העזעלע דורך וועלדל יאָגט,
צו קלענסטן טענעלע זיך יאָגט:
באַהאַלט מיך, טענעלע, באַהאַלט!
א יעגער גייט אַרום אין וואַלד".

ניט קיין יעגער גייט אין וואַלד,
אין טאַנען־וואַלד א פערד־און־שליטן אײַלט.
און קינדערלעך פון שליטן האָבן דערזען,
ווי עס יאָגט א העזעלע אין שנייען,
און מע האָט געקערעוועט דאָס פערד
גלײַך צום טענעלע אַהער.
מע האָט דאָס טענעלע דערטאַפּט,
מע האָט דאָס העזעלע דערטאַפּט.
שטאַרק דערשראָקן האָט זיך העזעלע,
אײַנגעטוליעט טיף דאָס העלדזעלע
ניט געשלאָפן, שטיל געלעגן,
ווי געשלאָפן.

קינדער האָבן מיטן העזעלע
געגומען שפּרינגען,
איבער אים גענומען זינגען:
העזעלע קלײנינקס,
בעזעלע פּאַרפּרוירנס,
האָב פאַר אונדז ניט מוירע,
קום צו אונדז אין קינדערגאָרטן,
גרינע קרויט און בוריק־רויט
וועסטו דאָרטן עסן.
מיר וועלן היטן דיך
און קיינמאָל ניט פארגעסן.

באַהאַלט אים טענעלע די אויערן,
די פיסעלעך, דאָס בעזעלע,
באַהאַלט מיט צווײַגן אויס
דאָס גאַנצע העזעלע.

אוראַן גוראַלניק
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

די יידישע ליטעראַטור אין קאָנטעקסט פון דער אַלרוסלענדישער ליטעראַטור-געשיכטע אין סאָף 19-טן און אָנהייב 20-טן יאָרהונדערט

6

אמבוילעטסטן ווערט אנטפלעקט די לאָגיק פונעם ליטעראַטור־היסטאָרישן פּראָצעס אינעם קלאַסישן פּעריאָד פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער שאַפונג פון איר גרונטלייגער מענדעלע מוכר־ספרים. מענדעלע האָט, ווי באַוווּסט, אָנגעהויבן שרייַבן אַף איוורית. אָבער שוין דאָס ערשטע ווערק זייַנס אַף ייִדיש — „דאָס קליינע מענטשעלע" — איז געוואָרן אַ געשעעניש אינעם ליטעראַרישן לעבן פון יענער צייַט. אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע איז דאָס ווערק דערשינען אַנאָנים אין 1865. אין 1879 איז אַרויס שוין די פערטע אויפלאַגע, אַ ראַדיקאַל איבערגעאַרבעטע.

די הויכע אָפּשאַצונג פונעם „קליינעם מענטשעלע", ווי אויך פון די ווייַטערדיקע שאַפונגען פונעם גרויסן מייַסטער (די דערציילונגען „דאָס ווינטשפינגערל", „פישקע דער קרומער", „די טאַקסע", „מסעות בנימין השלישי" און אַנדערע) ווערן אין דער פּאַר־שערישער ליטעראַטור וועגן מענדעלען, אַגעוו, אַ גאַנץ רייַכער, — מאָטיווירט דערמיט, וואָס אָט די ווערק זייַנען אַקטועל לויט זייער אידייִש־פילאָסאָפישן אינהאַלט. מענדעלע האָט געשטעלט ברענענדיקע פּראָבלעמען פון דער ווירקלעכקייַט, וואָס האָבן דירעקט באַרירט די גרונט־אינטערעסן פון זייַנע מיטצייַטלער, דעם היסטאָרישן גורל פונעם פאָלק. די אָפענע סאָציאַלע צילגעווענדטקייַט פונעם „קליינעם מענטשעלע", אַ ווערק, אין וועלכן עס איז פאַרלייגט געוואָרן אויפרייַס־מאַטעריאַלן פון אַ גרויסער קראַפט, איז ווירקלעך אַן אומגעזעענע דערשייַנונג אין דער ייִדישער אויפקלערערישער ליטעראַטור פונעם פאַריקן פּעריאָד. אויך „דאָס פּוילישע ייִנגל" טרעט אַפּ לויט דער טיפקייַט, מאַסשטאַבאַרטיקייַט און קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג דעם „קליינעם מענטשעלע".

אָבער די נאָוואַטאָרישקייַט פון מענדעלע דעם רעאַליסט באַשטייט ניט נאָר אין דעם. לינעצקי איז דאָך אויך, ווי מיר האָבן געזען, אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דער האַרצלאָזער עקספּלואַטאַציע פון דער פינצטערער, דערשלאָגענער, דערנידעריקטער ייִדישער אָרעמקייַט, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פונעם רעליגיעזן דורמאַן, אין די קלעמען פון די געוויסנלאָזע קאָהאָל־באַלעטויוועס". די מאַכט פון די פלינקע „ערלעכע לייַט" איז דעמאַסקירט געוואָרן גאַנץ ענערגיש אויך אין דער שאַפונג פון אַנדערע דעמאָקראַטיש־געשטימטע אויפקלערער. נאָר לינעצקי, איינער פון די אָנהייבער פונעם קריטישן רעאַליזם, האָט זיך געפונען בלויז אין אָנהייב פון אָט דעם שעפערישן מעטאָד. דער רייַפער רעאַליסטישער

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד". נומ. 9, 1980.

עטאַפּ אין דער ליטעראַטור אַף ייִדיש איז געווען פאַרבונדן מיט דער שאַפונג פון מענדעלען, וועלכן שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט צופעליק דערקלערט פאַרן „זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור". מע קען זאָגן, אַז פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מענדעלע אַלס קינסטלער־רעאַליסט אופגעטאָן דאָס זעלבע, וואָס גאָגאָל פאַר דער רוסישער.

די נאָענטע פאָרגייער און אַפילע אייניקע מיטצײַטלער מענדעלעס האָבן לויט דער אינערציע געפרוווט אײַנהילן דעם נײַעם לעבנס־מאַטעריאַל אין די אַלטע פאָרמעס. די אָנפאַנגלעכע רעאַליסטישע עלעמענטן אין זייער שאַפונג זײַנען נאָך געווען פאַרבונדן מיט דער דידאַקטיק פונעם קלאַסיציזם, מיט סכעמאַטיזם פון די געשטאַלטן, מיט קינסטלעכקײַט פונעם סוזשעטןגעבוי. מענדעלע איז שוין צום אָנהייב פון זײַן שעפערישן וועג געווען אין זײַנע קינסטלערישע ווערק און אין זײַנע ליטעראַריש־עסטעטישע אַרויסטרעטונגען פון די זעכציקער — זיבעציקער יאָרן אַן אָנהענגער פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע. עס איז דאָקומענטאַל פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָון, פּיסאַרעוון און מיט דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער נאַטורוויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור פון זײַן צײַט.

„מענדעלע אַלס טיפּישער ראַזנאָטשינישער אופקלערער האָט פאַרנומען אַ פאָרגעשריטענע פּאָזיציע אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג און אין ליטעראַרישן קאַמף פון די זעכציקער יאָרן...", — שרײַבט אַ הײַנטצײַטיקער פאָרשער פון זײַן שאַפן און, שטיצנדיק זיך אַף דעם עכט־פילאָסאָפישן ווערק פונעם קלאַסיקער („די קליאַטשע") באַהויפּטעט ער, אַז מענדעלע איז געווען אַ סטיכעיִשער מאַטעריאַליסט. דער פאָרשער ברענגט די פילבאַדײַטנדיקע אַרויסזאָגונג פונעם אַווטאָר פון דער „קליאַטשע": „אַלע שרײַען, פילדערן, נאָר קומט פון זייער שרײַען עפּעס אַרויס?.. פאַרוואָס? מאַכמעס אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע באַשעפענישן, פאַר אַלע מענטשן גלײַך, איך מיין דאָ דעם דאָזיקן באַקאַנטן געזעץ, וואָס אַלע ווילן עסן"...[1].

די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג ליגט אין יעסאָד פון מענדעלעס קלאַסישע ווערק און באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זײַן רעאַליזם.

ער איז געווען אַן אופקלערער און, נאַטירלעך, אין זײַן שאַפן זײַנען בולעט די שפּורן פון אופקלערערײַ, נאָר אַרויסטרעטנדיק קעגן די ווילדע איבערבלײַבונגען פונעם מיטלאַלטער, קעגן דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער אונטערדריקונג, וועלכע ס'האָבן אײַנגעשטעלט די גווירים און קלעריקאַלן, קעגן פינצטערניש און אומוויסן פון די מאַסן, קעגן זייער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט און רעליגיִעזע אָבערגלויבנס, האָט מענדעלע דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַף זײַן אויפן אופגעדעקט די סאָציאַלע נאַטור פון אָט די דערשײַנונגען. טאַקע דעריבער האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו שאַפן אין זײַנע ביכער אַ פילפאַרביקע ברייטע פּאַנאָראַמע פונעם ייִדישן פאָלקסלעבן אין דער רוסלאַנד מיט פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

אין זײַן פּאָלעמיק האָט בעלינסקי אינעם אַרטיקל „ליטעראַרישע טרוימען" (1834) דערקלערט, אַז ביז פּושקינען זײַנען געווען רוסישע שרײַבער, נאָר עס איז ניט געווען קיין רוסישע ליטעראַטור, האַגאַם שריפטשטעלער און ווערק האָבן שוין ביז פּושקינען עקזיסטירט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. אויב אַזוי, קאָן מען אויך זאָגן, אַז ביז מענדעלען זײַנען געווען ייִדישע שרײַבער, נאָר עס איז נאָך ניט געווען קיין ייִדישע ליטעראַטור. מענדעלע האָט אין אונדזער ליטעראַטור אָפּגעשפּילט אַזאַ ראָל, ווי פּושקין און גאָגאָל אין דער רוסישער, שעווטשענקאָ און פראַנקאָ אין דער אוקראַיִנישער. באַ דער גאַנצער באַדינגלעכקײַט פון אָט דער פּאַראַלעל כאַראַקטעריזירט זי, מיין איך, אַף איר אויפן די ליטעראַטור־היסטאָרישע סיטואַציע.

„דאָס נײַע, וואָס מענדעלע האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, באַשטייט, — לויט דער מיינונג פונעם באַוווּסטן ליטעראַטור־היסטאָריקער מ. ווינער — פריִער פאַר אַלץ אין דעם, וואָס אין צענטער פונעם שרײַבערס אופמערקזאַמקײַט איז געווען די לאַגע פון דער אָרעמשאַפט. אָט מיט וואָס ער טיילט זיך ראַדיקאַל אויס פון אַנדערע אופקלערער"[2].

פינקטלעכער וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז מענדעלע האָט זיך געשטעלט אַף די פּאָזיציעס פון אַ פאָלקסמענטש און האָט אַ קוק געטאָן אַף דער וועלט מיט די אויגן פון אָט דעם מענטש. דאָס ווערט באַשטעטיקט סײַ מיט זײַן קינסטלערישער פּראָזע, סײַ מיט זײַן פּובליציסטיק. דער אַווטאָר פונעם „ווינטשפינגערל" האָט אַרײַנגעלייגט אין מויל פון זײַן פרײַדענקענדיקן פּערסאָנאַזש הערשעלע אַזעלכע ווערטער: „פילן די לײַדן און די ווייטעקן פונעם פאָלק... קאָנען בלויז די, וועד ס'איז אַ ביין פון זײַנע ביינער, פלייש פון זײַן פלייש, וועד עס האָט זיך געמאַטערט מיט די זעלבע זאָרגן און האָט זיך געמוטשעט מיט דעם זעלבן ווייטעק". אין אַ בריוו צום איבערזעצער פון זײַנע ווערק אַף רוסיש ל. בינשטאָקן האָט מענדעלע געשריבן, אַז באַ אים זײַנען פאַראַן אַזעלכע מאָמענטן, ווען ער איז איבערגעפילט מיט צאָרן קעגן די גווירים, און דעמלט טאָר מען ניט אין זײַן אָנווועזנהײַט דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ גוויר — ער

---

[1] הערש רעמעניק. דער היסטאָרישער גוירל פון מענדעלע מויכער־ספאָרים. „סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נומ. 1, זז. 136—137.

[2] מענדעלע מויכער־ספאָרים. געזאַמלטע ווערק, ב. 6, מ., 1935, ז. 211.

פלאַקערט אוף, ווי א ווולקאַן, ער איז איבערגעפּולט מיט ביטל און הייסן צאָרן און זײַנע ווערטער ווערן פאַרוואַנדלט אין א פּראָטעסט־אויסגעשריי: „גוואַלד, מע ראַבעוועט!"[1].

אָבער ניט בלויז אָט די אַרויסזאָגונגען זײַנען אַן איידעס פון מענדעלעס קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטיזם. וויכטיקער איז אונטערצושטרײַכן, אַז די פּאָזיציע פונעם שרײַבער, זײַן נאָענטקײַט צום פאָלק האָבן אים געגעבן א מעגלעכקײַט ניט בלויז צו פאַרקערפּערן אין זײַן שאַפן די וויכטיקסטע מאָטיוון און טעמעס פונעם „טכום־האַמוישעוו", נאָר אויך מערער רעאַליסטיש, איידער אַנדערע זײַנע מיטצײַטלער, גופא אין דער בילדערישער סיסטעם פון זײַנע ווערק, אָפּשאַצן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, די פּראָצעסן, וועלכע האָבן געפירט צו סאָציאַלער באַנײַונג; מער באַוווסטזיניק, איידער זײַנע פאָרגייער, צוגיין צו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, אופנעמענדיק זיי קריטיש, נאָר ניט ניהיליסטיש, ווי אייניקע ראַדיקאַלן פון יענער צײַט; און, צום סאָף, די פאָרגעשריטענע פאַר יענער צײַט וועלט־אַנשויונג האָט אופגעדעקט פאַר אים, דעם גרויסן קינסטלער, די רײַכסטע קוואַלן פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אָט די קוואַלן זײַנען געוואָרן זײַן פאַרמעגן.

וועגן דעם, אַז מענדעלעס אופקלערונג איז אוועק ווײַטער פון דער אָרטאָדאָקסאַלער האַסקאָלע, קאָן מען זען שוין אינעם „קליינעם מענטשעלע". דאָס האָט באַשטעטיקט אויך „פישקע דער קרומער". נאָר באַזונדערס בוילעט האָט זיך די קעמפערישקײַט פונעם שרײַבער אַנטפּלעקט אין דער פיעסע־פּאַמפלעט „די טאַקסע" (1869). אָט דער שעדוועור האָט אַרויסגערופן צאָרן בא דער קלייקוידעש־קליקע פון דער שטאָט גלופּסק, וואָס איר סאָציאַלע אָרדענונג און לעבנסשטייגער האָט דער סאַטיריקער אומבאַראַכמאָנעסדיק דעמאַסקירט (גלופּסק איז געווען בערדיטשעוו, אין יענער צײַט — איינער פון די צענטערס פונעם טכום).

רעדנדיק וועגן מענדעלעס רעאַליזם פון די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן, דאַרף מען געדענקען, אַז ער האָט פון אָנהייב געטראָגן אין א באַשטימטער מאָס אַן איבערגאַנג־כאַראַקטער — פון אופקלערערישן רעאַליזם צו קריטישן, און דאָס אַנטפּלעקט זיך צײַטנווײַז אין דער פּאָעטיק און אין דער סטיליסטיק פון מענדעלעס ווערק. דער איקער איז אין דעם, וואָס מענדעלע האָט ענדגילטיק אָפּגעוואָרפן די רעטאָריק און די געדאַכטע טיפּזיניקײַט, געבנדיק די אויבערהאַנט דער קלאָרקײַט און לאָגישער באַשטימטקײַט פון די מאָטיווירונגען, דער פּילבאַדײַטנדיקײַט פון דער קינסטלערישער שילדערונג. ער האָט סינטעזירט די שילדערונגס־מיטלען פון דער פאָלקס־שאַפונג, די דערפאַרונג פון דער וועלטלעכער און אפילע פון דער רעליגיִעזער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אופגענומען קריטיש: מענדעלע האָט גערן און מײַסטעריש פּאַראָדירט און אָפּט סטיליסטיש אימיטירט ביבלישע מאָטיוון, קעדיי צו פאַרווירקלעכן זײַנע אידייִש־קינסטלערישע אופגאַבן.

וועגן דער נײַער קוואַליטעט פון דער פּאָעטיק פון מענדעלע דעם רעאַליסט קאָן מען אורטיילן, ווען מע פאַרגלײַכט זײַנע גרונט־ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע", „די טאַקסע", „פישקע דער קרומער" מיט דער שאַפונג פון י. אַקסענפעלדן, איינעם פון זײַנע נאָענטסטע פאָרגייער. אַקסענפעלד האָט געמאַכט א באַשטימטן שריט צום קריטישן רעאַליזם. עס איז אינטערעסאַנט, וויאַזוי ער, בלײַבנדיק אַן אָרטאָדאָקסאַלער אופקלערער, האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקײַט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור זיך א קער טאָן צו דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. אין דעם שוין פריִער ציטירטן בריוו צום מיניסטער אוווואַראָוו האָט ער געשריבן: „מע דאַרף אויסגעפינען קאָמישע און צוגלײַך באַלערעוודיקע געשעענישן פונעם ווירקלעכן לעבן, צוציִען דעם לייענער מיט א מײַסע, אַזוי אַז אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער עמעס, אָבער אין א פײַנער פאָרם פון אַן אינטערעסאַנטער דערציילונג. אָט די שווערע אופגאַבע האָב איך גענומען אף זיך..."[2].

דאָ, ווי מיר זעען, זײַנען אויסגעדריקט די גרונט־שטריכן פון אַקסענפעלדס אופקלערערישן רעאַליזם: סאַטירע אַלס מיטל פון קריטיק; באַרעדעוודיקײַט אַלס פאָרם פון אופווירקן אפן לייענער מיטן ציל צו פּראָפּאַגאַנדירן די אופקלערערישע אידעאַלן: געשטאַלטן, וועלכע זײַנען גענומען פון דער ווירקלעכקײַט; פאַרכאַפּנדיקע שילדערונג — נאָר אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער עמעס.

צום אונטערשייד פון דער ראָמאַנטישער שול, וואָס האָט זיך אָריִענטירט אף אויסשליסלעכע, אומגעוויינלעכע געשטאַלטן, וועלכע זײַנען טעטיק אין אויסשליסלעכע באַדינגונגען, האָט אַקסענפעלד זיך דערנעענטערט צום פאַרשטיין די נויטווענדיקײַט צו געבן טיפּישע כאַראַקטערן אין טיפּישע אומשטענדן. דער שרײַבער האָט זיך געשטיצט אף זײַן רײַכער לעבנסדערפאַרונג, ער האָט געהאַט א פענאָמענאַלן זיקאָרן און א שאַרף אויג. אייניקע פון זײַנע פערסאָנאַזשן זײַנען „אַראָפּגעמאָלט" פון לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן. אין א ריי געשטאַלטן זײַנען אַרײַנגעפלאָכטן עלעמענטן פון דער אייגענער ביִאָגראַפיע. דערבײַ האָט אַקסענפעלד ניט קאָפּירט, ניט פאָטאָגראַפירט די ווירקלעכקײַט, נאָר ער האָט געפּרוווט קאָמבינירן און באַאַרבעטן קינסטלעריש די פאַקטן און פערזאָנען, וועלכע ער האָט געזען אין לעבן.

---

[1] „צײַטשריפט", ב. 5, מינסק, 1931, ז. 15.

[2] מ. עריק, א. ראָזנצווײַג. די ייִדישע ליטעראַטור פון 19־טן יאָרהונדערט, ז. 75.

פונדעסטוועגן, האָט אקסענפעלד אויסגעמיטן גרויסע פאראלגעמיינערונגען, ער האָט זיך געהיט אויך פון איבעריקער אידעאָלאָגישער אָנגעזעטיקטקייט פון זײַנע ווערק, מוירע געהאַט, אַז די אויפקלערערישע פּראָפּאגאנדע וועט ניט דערגרייכן דעם ציל, ווײַל דער לייענער וועט אופהערן גלייבן אין איר. פונדאנען קומט אקסענפעלד צום מיטל פון פרימיטיוון רעאַליזם: דער אווטאָר האלט אין איין אײַנטײַנען, אַז אַלץ, וועגן וואָס ער שרײַבט, איז פּאָרגעקומען פונקט אַזוי, ווי ער באַשרײַבט. צוזאמען דערמיט האָט ער מוירע, אַז זײַן רעאַליסטישע מאַניר, די וואָכעדיקייט פון די כאראקטערן און פון די געשילדערטע סיטואַציעס זאָלן ניט אָפּשטויסן דעם לייענער, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז אים גוט באַקאנט און דערפאר ניט אינטערעסאנט. פונדאנען דרינגט ארויס די איבערצײַגונג, אַז דעם לייענער דארף מען פרי׳ער פאר אַלץ צוצי׳ען מיט אַ קאָמפּליצירטן סוזשעט, מיט אַ פארכאַפּנדיקער שילדערונג. צי ניט דערפאַר איז די פאבול פון אקסענפעלדס ווערק וויַיניק וואָרהאַפטיק, די אינטריגעס, אַלס קלאַל, פארפּלאָנטערט? די אומרײַפקייט פון אקסענפעלדס רעאַליזם, וועלכער איז אָפּט אָפן ראַנד פון נאַטוראַליזם, איז קלאָר. דער שרײַבער באַהערשט נאָך ניט דעם סאָד פון קינסטלערישן לאַקאָניזם, די שפּאָרעוודיקייט פון אויסדרוק־מיטלען, אים איז נאָך ניט צוטריטלעך יענע קאָנצענטראַציע, וועלכע טשערנישעווסקי האָט אָנערקענט אַלס דעם ערשטן באַדינג פון רעאַליסטישער קינסטלערישקייט. זײַנע העלדן זײַנען נאָך שוואַך דיפערענצירט, זייער האַנדלונג איז פסיכאָלאָגיש ניט גענוג מאָטיווירט. זייער טיפּיזאַציע איז סכעמאַטיש. די באַשרײַבונג פון שטייגער־דעטאַלן וואַקסט זעלטן אריבער אין פאראַלגעמיינערטע געשטאַלטן פונעם סאָצי׳אַלן לעבן.

מענדעלע, ווי געוויינלעך די קאָריפייען פונעם אויפקלערערישן רעאַליזם, איז קאָנקרעט אין זײַנע באַשרײַבונגען. נאָר מאָלנדיק געטרוי די גוט באַקאַנטע יי׳דישע סוויווע, אויפדעקנדיק די ספּעציפיק פון אָט דער וועלט, איז ער ניט געוואָרן קיין שטייגער־באַשרײַבער, מענדעלע האָט דורך דעטאַלן־מאָלערײַ, וואָס איז געווען עסטעטיש באַזיניקט, זיך דערהויבן צו גרויסע פאראַלגעמיינערונגען. אין דער טיף איזאָלירטער וועלט פונעם „טכום־האַמוישעוו" האָט דער קינסטלער אויפגעדעקט די אייגנאַרטיקע וואַרי׳אַציעס פון די זעלבע סאָצי׳אַל־פּאָליטישע און מאָראַליש־פסיכאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פּאָרגעקומען, קען מען זאָגן, אין גלאָבאַלע מאַסשטאַבן.

די לאָגיק פון מענדעלעס רעאַליזם האָט אים ארויסגעפירט, און צוזאַמען מיט אים די נײַע יי׳דישע ליטעראַטור, אַף דער גרונט־מאַגיסטראַל פון דער רוסישער און אייראָפּעי׳שער קולטור־היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס דאַרף באַזונדערס אונטערגעשטרײַכט ווערן, ווײַל די בורזשואַז־נאַצי׳אָנאַליסטישע אינטערפּרעטאַטאָרס פון זײַן קינסטלערישער ירושע פּרווון זיך עס אָפּלייקענען, אונטערשטרײַכנדיק די „שטעטלשע אָפּגעזונדערטקײַט" פונעם אינהאַלט און די „נאַצי׳אָנאַלע באַגרענעצטקײַט" פון דער פּאָעטיק פון זײַנע ווערק. אַף דער אומבאַגרינדעטקײַט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט אָנגעוויזן מ. ווינער. ער האָט דערוויזן, אַז דער אווטאָר פון דער „קליאַטשע", „די טאַקסע", „מאַסאָעס בינימין האַשלישי", האָט טאַלאַנטפול אויסגענוצט און צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון דער דעמלטיקער יי׳דישער סוויווע אַ סאַך טראַדיצי׳אָנעלע סוזשעטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, טראַקטירנדיק אַף זײַן אויפן אייגיקע „אייביקע געשטאַלטן", האָט ער געוויזן דעם לייענער די אומנאַטירלעכקײַט, די אומזיניקײַט, די באַגרענעצטקײַט פון די שטעטלשע פאָרשטעלונגען וועגן דעם לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ קעמפער פאַר די אייראָפּעי׳שע לעבנספאָרמען האָט ניט געקענט פאַרבלײַבן נאַצי׳אָנאַל באַגרענעצט. פאַרקערט, ער האָט פרוכטבאַר אויפגענומען די ווירקונג פון סערוואַנטעסן און דיקענסן, פון גאָגאָלן און שטשעדרינען...

ווי באַוווּסט, איז גאָגאָלס קריטישער רעאַליזם, וועלכער האָט אויפגעדעקט די „באַלעבעסלדיקײַט פונעם באַלעבעסל", באַגעגנט געוואָרן מיט האַס מיצאַד די אָנהענגער פונעם פּאַטרי׳אַרכאַלן רוסלאַנד, פון די אַפּאָלאָגעטן פון יענער סאָצי׳אַלער ווירקלעכקײַט, וועלכע דער סאַטיריקער האָט אויפגעריסן אין „רעוויזאָר" און אין „טויטע נעפּאַשעס". דעם שרײַבער האָט מען באַשולדיקט אין נאַצי׳אָנאַלן ניהיליזם.

עפּעס ענלעכס דערצו איז פאָרגעקומען אויך מיט מענדעלען (און אין סאָף יאָרהונדערט — מיט שאָלעם־אַליכעמען). פרי׳ער זײַנען די פאַרשטייער פונעם קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיוון לאַגער, דערנאָך די בורזשואַז־נאַצי׳אָנאַליסטישע קריטיקער און די מאָדערניסטן אין דער יי׳דישער ליטעראַטור, אָנגעפאַלן אַף מענדעלען דעם אויפקלערער און דעמאָקראַט פאַר זײַן קריטישן רעאַליזם. די יי׳דישע ליטעראַטור, האָבן דערקלערט מענדעלעס אָפּאָנענטן, טאָר ניט שרײַבן וועגן אָרעמע און דערשלאָגענע, שילדערן נויט און קויט, מאָלן די פינצטערע זײַטן פונעם יי׳דישן לעבן, ווײַל דאָס איז אַ כאַרפּע פאַר דער נאַציע[1].

פאַרטיידיקן דעם רעאַליזם, זײַן קריטישן פּאַטאָס, זײַן סאָצי׳אַלע צילגעווענדטקײַט איז, אַזוי אַרום, געווען אַן אויפגאַבע פון הויכער בירגערלעכער און נאַצי׳אָנאַלער באַדײַטונג. די

[1] אויך די הײַנטצײַטיקע רעאַקצי׳אָנערן אין דער יי׳דישער קריטיק אין אויסלאַנד דערגייען דערצו, אַז זיי דערקלערן מענדעלען פאַר... אַן אַנטיסעמיט. גענויער וועגן דעם אין ה. רעמעניקס אַרטיקל „דער היסטאָרישער גורל פון מענדעלע מוכר־ספרים", „ס. ה.", 1977, נומער 1, ז. 142.

בעסטע פארשטייער פון דער ייִדישער ליטעראטור האבן געשעפט קויכעס אף צו ספראוועון זיך מיט אט דער אופגאבע אין דער אריענטאציע אף דער רוסישער קלאסישער ליטעראטור, אף די פארבינדונגען מיט דער אוקראיִנישער, פוילישער ליטעראטורן. באזונדערס פרוכטבאר איז געווען, פארשטייט זיך, די ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראטור, וועלכע האט אין 19־טן יארהונדערט פארנומען א פירנדיק ארט אין דער אנטוויקלונג פונעם ליטעראַרישן פראצעס אין דער וועלט.

מענדעלעס ביאגראפן, די פארשער פון זײַן שאפונג ווײַזן אן אף דער דירעקטער ווירקונג פון גאגאלן אף מענדעלען. עס האנדלט זיך וועגן קענען אופדעקן דעם סאציאל־היסטארישן טראגיזם ניט אין דער הערא־יש־פאטעטישער סוויווע, נאר אין דער פראזאיִשער וואכעדיקער וועלט, אין דער אלטעגלעכקייט, אינעם גוירל פונעם „קליינעם מענטשעלע". עס גייט א רייד וועגן דער קונסט פון אופדעקן דעם פארבארגענעם טאך פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן, דעם מעכאניזם פון קאמפליצירטע סאציאלע באציִונגען, דורך שטייגער־בילדער. „די טויטע נעפאשעס" האבן פארשארפט מענדעלעס וויזיע, האבן אים געהאלפן דערזען דאס כאראקטעריסטישע אין דעטאלן, דאס גרויסע — אינעם אומבאדײַטנדיקן.

א בוילעטער בײַשפּיל פון מענדעלעס שעפערישן פארייגענען „גאגאלס לערע", אף וועלכן עס זײַנען זיך סוימעד געווײנלעך די פארשער פון מענדעלען, איז זײַן פיעסע „די טאקסע". מע ווײַזט אן אף דער נאענטקייט פון דער פיעסע צו גאגאלס „רעוויזאר". זעלבסטפארשטענדלעך, אז עס גייט א רייד ניט וועגן פארגלײַכן די קינסטלערישע ווערט פון אט די ווערק: „רעוויזאר" — איז א זײַל פונעם קריטישן רעאליזם אין דער וועלט־ליטעראטור. „די טאקסע" איז מענדעלעס א פריִיק ווערק, וואס איז אנגעשריבן נאך אין דער טראדיציע פונעם אופקלערערישן רעאליזם. פונדעסטוועגן, האט גאגאלס ווירקונג שוין אף דעם עטאפ געבראכט אירע פרוכטן.

אין דער הינזיכט פארדינען אופמערקזאמקייט די באאבאכטונגען, וואס זײַנען פאראן אין י. סערעבריאניס ארטיקל „דאס וויכטיקסטע אין מענדעלעס שאפונג". „דער אוטאר פון „דער טאקסע" פירט ארײַן אין זײַן פיעסע א סצענע, וואס איז לויטן פארטראכט אנאלאגיש צו דער באוווסטער שטומער סצענע פון גאגאלס „רעוויזאר". דערבײַ אבער טראגט ער ארײַן אזעלכע קארעקטיוון, וואס מאכן זי „אינגאנצן ייִדיש". מענדעלע באווײַזט, ערשטנס, אז די ייִדישע „גאראדניטשעס", דה. די רעדלפירער פונעם געגעבענעם קאנקרעטן ייִדישן קאהאל האבן נאך ווייניקער מוירע פארן רעוויזאר, איידער דער „ווירקלעכער גאראדניטשי" בא גאגאלן. צווייטנס, דיפערענצירט מענדעלע די באציִונג פון זײַנע העלדן צו דער יעדיִע וועגן דעם רעוויזארס קומען. דער שרײַבער שטרײַכט אונטער, אז דער אופגעקלערטער שטאנדהאפט, וועלכער פארקערפערט דא די ליבעראלע בורזשואזיע, וואס האט זיך נארוואס ארופגעכאפט אף דער קליאטשע (אף די ייִדישע ארבעטס־מאסן), — אט דער שטאנדהאפט איז מער פון אלע אופגערעגט פונעם רעוויזארס קומען"[1].

ס'איז שוין גערעדט געווען וועגן דעם איבערוף פון מענדעלעס „קליאטשע" מיט שטשעדרינס „קאניאגע", וועגן די אסאציאציעס, וואס עס רופט ארויס דאס פאראלגעמיינערטע געשטאלט „גלופסק" אין דער זעלבער „טאקסע", און וועגן אנדערע אזעלכע מאמענטן. די פראגע איז אבער ניט בלויז אין ליטעראַרישע רעמיניסצענצן. דאס ווערט אינגאנצן קלאר, ווען מע מאכט א פאראלעל „מענדעלע — שטשעדרין", די ענלעכקייט פון אייניקע פארמען און מיטלען בא מענדעלען און שטשעדרינען וואַרפט זיך בוכשטעבלעך אין די אויגן. עס גייט דא ניט נאר אין ווירקונגען. אזוי לעמאשל, איז שטשעדרינס „קאניאגע" (1885) דערשינען 12 יאר נאך דער ערשטער פובליקאציע פון דער „קליאטשע". שטשעדרין איז זיכער ניט געווען באקאנט מיט מענדעלעס ווערק. אנדערש גערעדט, אט די פילבאדײַטנדיקע אלעגאריע איז געבוירן אין דער שעפערישער פאנטאזיע פון צוויי גרויסע קינסטלער, אומאפהענגיק איינער פונעם צווייטן. אט דער איבערוף פון טעמעס און געשטאלטן זאגט אײדעס וועגן אן ענלעכקייט פון וועלט־עמפינדונגען, וועגן פארבארגענע פעדעמער, וואס פארבינדן ביידע סאטיריקער־דעמאקראטן, וואס יעדערער פון זיי האט אויסגעדריקט די געדאנקען און געפילן פון זײַן פאלק.

— מערקווירדיק איז אויך אן אנדער פאקט, וועלכן עס מערקן אפ די פארשערס פון מענדעלעס שאפונג. אונטער דער ווירקונג פון טורגעניעווס „טאטעס און קינדער" האט דער קומענדיקער קלאסיקער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור אנגעשריבן א ראמאן אף איווריט מיטן זעלבן נאמען אין גײַסט פון דער פריִיקער אופקלערונג. דער ראמאן איז א ריטארישער, ער שילדערט דעם קאנפליקט פון עלטערן און קינדער אין א צוגעטראכטן סוזשעט, אין קינסטלעך געשאפענע קאליזיעס. אויסער באזונדערע פרעכטיקע פייזאזש־געמעלן, וועלכע האבן פארויסגעזאגט א קומענדיקן גרויסן מײַסטער, איז אין דעם ראמאן גארנישט ניט געווען פונעם רעאלן לעבן. מענדעלע אליין האט שפעטער אין זײַן אווטאביאגראפיע, דערמאנענדיק אט דעם עפיזאד, געשריבן, אז טאקע טורגעניעוו האט אים געהאלפן זיך אראפלאזן פונעם הימל אף דער ערד. ווי עס אנערקענען מענדעלעס ביאגראפן, איז אויסער שום צווייפל, אז שטארק געווירקט

[1] י. סערעבריאני. מיטצײַטלער און קלאסיקער מ., 1971, זז. 245—246.

האָט אַף מענדעלען די רוסישע ליטעראַטור פון יענער צײַט, וועלכע האָט אָפּגעוואָרפן די ראָמאַנטישע מאָטיוון און געפּריידיקט דערנענטערונג צום פאָלק, צו זײַנע רעאַלע נויטן. די דאָזיקע ווירקונג האָט פאַרגיכערט מענדעלעס אריבערגאַנג צו ייִדיש. אינגיכן נאָך דעם ראָמאַן אַף איוריט האָט ער אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע“.

די מאַרקסיסטיש־לעניניש ליטעראַטור־וויסנשאַפט (מיר וועלן זיך דאָ סוימעך זײַן אַף די אַרבעטן פון א. גורשטיין) האָט דערוויזן, אַז מענדעלע „שרײַבט זיך אַרײַן“ אָרגאַניש אינעם אַלגעמיינעם רוסישן ליטעראַטור־היסטאָרישן קאָנטעקסט. נאָך פּילזײַטיקער זײַנען די פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער און אַנדערע (אוקראַיִנישער, פּוילישער, ליטווישער) ליטעראַטורן אין דער שאַפונג פון שאָלעם־אַלייכעמען און י.־ל. פּערעצן, וועלכע האָבן באַשטימט די גענעראַלע ליניע אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָף 19־טן, אָנהייב 20־טן יאָרהונדערטן.

7

שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג איז די העכסטע שטופע פונעם קריטישן רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור. טיף פאָלקסטימלעך לויט איר טאָך, צייכנט זי זיך אויס מיט היסטאָריזם פון וועלט־באַנעם, מיט פּערספּעקטיוופולקײַט פון וועלט־דערקענטעניש, מיט גלויבן אין די שעפערישע קויכעס פונעם פּראָסטן מענטשן.

שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליזם, זײַנע נאַציאָנאַלע קוואַלן און זײַן אייגנאַרטיקײַט, איז באַטראַכט געוואָרן אין א ריי ספּעציעלע פאָרשונגען פון די סאָוועטישע און פּראָגרעסיווע אויסלענדישע ליטעראַטור־היסטאָריקער[1]. אָן ערנסטע אויפמערקזאַמקײַט מיצאַד די געלערנטע פאַרדינט די טיפּאָלאָגיע פון רעאַליזם פונעם שרײַבער. אַף דער אַקטועלקײַט פון אויסלערנען אָט דעם אַספּעקט האָט מען אָנגעוויזן נאָך אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן. אַזוי, לעמאָשל, אין דער אַרבעט וועגן דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען (זאַמלונג „שריפטן“, קיִעוו, 1928, באַנד 1) האָט נ. אויסלענדער געשריבן, אַז ווען עס גייט א רייד וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור פון די אַכציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אַף די קעגנזײַטיקע באַציִונגען פון דער ייִדישער און אַלגעמיין רוסלענדישער סוויווע, פאַרגלײַכן אייניקע אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען אין דער ייִדישער און רוסישער ליטעראַטור.

שוין אין די אַכציקער יאָרן איז שאָלעם־אַלייכעם מער פון אַלע ייִדישע שרײַבער אין יענער צײַט געשטאַנען נאָענט צו דער רוסישער ליטעראַטור. ער איז אַליין אַרויסגעטראָטן מיט בעלעטריסטישע ווערק אַף רוסיש. אין זײַנע שאַרף פּאָלעמישע אַרטיקלען האָט ער געשטעלט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור הויכע אידייִש־עסטעטישע אויפגאַבן. ער האָט גערופן די ייִדישע שרײַבער זיך א קער טאָן צו די רעאַלע נויטן און אינטערעסן פונעם ייִדישן פאָלק, און דערבײַ האָט ער זיך שטענדיק סוימעך געווען אַף דער דערפאַרונג פון דער רוסישער ליטעראַטור, באַזונדערס — אַף דער שאַפונג פון שטשעדרינען, טורגעניעוון, גאָנטשאַראָוון. גאָגאָלישע און שטשעדריניִשע מאָטיוון הערן זיך אין שאָלעם־אַלייכעמס אַנטיבורזשואַזן ראָמאַן „סענדער בלאַנק און זײַן פּילגעשעצטע פאַמיליע“ (1887). אינעם הויפּט־העלד פון דער דאָזיקער פאַרניכטנדיקער סאַטירע אַפן נײַעם ייִדישן בורזשוא פלעכטן זיך איבער אייניקע שטריכן פון גאָגאָלס סאָבאַקעוויטשן און פון דעם דעספּאָטישן סויכער בא אָסטראָווסקין. שאָלעם־אַלייכעם אַליין האָט אין דעם פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויסגאַבע פונעם ווערק געשריבן, אַז „רעב סענדער — דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, א ייִדישער קיט־קיטיטש (א באַוווּסטער טיפּ באַם דראַמאַטורג אָסטראָווסקי), נאָר אַף א ייִדישן אופן, אַף א ייִדישן פאַסאָן“. אָט די אָנערקענונג האָט אַרויסגערופן א שטורעמדיקן צאָרן בא דער רעאַקציאָנערער קריטיק, וועלכע האָט פון נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס אָפּגעשאַצט שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן אַלס רעכילעס אַף די ייִדישע מישפּאָכע־מינהאָגים און זיטן.

דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך מיט גרויס אָפּשײַ באַצויגן צו טורגעניעוון. די ווירקונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער איז באַזונדערס בולעט אינעם ראָמאַן „סטעמפּעניו“, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן די טרילאָגיע וועגן דעם טראַגישן גורל פון טאַלאַנטפולע מענטשן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט (די ווײַטערדיקע צוויי ראָמאַנען: „יאָסעלע סאָלאָוויי“ און „בלאָנדזנדע שטערן“). די פאָרשער האַלטן, אַז דעם געשטאַלט פון דער העלדין אין „סטעמפּעניו“ זײַנען אייגנטימלעך אייניקע שטריכן פון ליזאַ קאַליטינאַ פון טורגעניעווס „דוואָריאַנסקאָיע גניעזדאָ“. אינעם פּאַמפלעט „שאָמערס מישפּעט“ האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט באַגײַסטערונג גערעדט וועגן דעם גרויסן קינסטלער־הומאַניסט טורגעניעוו.

שאָלעם־אַלייכעמען איז אויך נאָענט געווען נעקראַסאָווס פּאָעזיע, זײַן „מוזע פון צאָרן און טרויער“. מיט מאָטיוון פון נעקראַסאָווס פּאָעזיע זײַנען דורכגעדרונגען די לידער „ייִדישע

[1] זע ה. רעמעניק. שאָלעם־אַלייכעם אין קאַמף פאַר רעאַליזם אין די אַכציקער יאָרן (זשורנאַל „שטערן“, מינסק, 1938); א. גורשטיין. שאָלעם־אַלייכעם, מ., 1939 און אַנד.

טשינאָוויקעס", „א כאָלעם", „מע פרעגט מיך, פאַרוואָס איך וויין" און אַנדערע. אין ריטם פון דער פּאָעמע „קאָמו נאַ רוסי זשיט כאָראָשאָ" איז אָנגעשריבן אויך די פּאָעמע „פּראָגרעס און ציוויליזאַציע". שאָלעם־אַליי כעם איז איניקן אָפּגעגאַנגען פון פּאָעזיע, אָבער דער פאַקט, וואָס א יונגער ייִדישער שרײַבער האָט זיך אָריענטירט אַף דער שאַפונג פונעם רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַט נעקראַסאָוו איז פּילבאַדײַטנדיק. זײַן פריִע סאַטירישע פּיעסע „יאַקנעהאָז" האָט שאָלעם־אַלייכעם אַליין אָנגערופן קאָמעדיע אַליאַ „רעוויזאָר".

ס'איז באַוווּסט, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט אויסגעשריבן ציטאַטעס פון גאָגאָלן און האָט זיי געהאַלטן אין א ספּעציעלן קאָנווערט. באַזונדערס האָט ער געהאַלטן טײַער דעם אַרײַנפיר צו דעם זיבעטן קאַפּיטל פונעם ערשטן טייל פון „טויטע נעפאַשעס", עס זײַנען אים נאָענט און פאַרשטענדלעך געווען די געפילן פונעם אווטאָר פון דער גרויסער פּאָעמע, וועלכער האָט אָנגעשריבן: „און לאַנג נאָך איז מיר באַשערט פון דער וווּנדערלעכער מאַכט צו גיין באַנאַנד מיט מײַנע מאָדנע העלדן, באַטראַכטן דאָס גרויסע פאַרבײַגייענדיקע לעבן, באַטראַכטן עס דורך געלעכטער, וואָס די גאַנצע וועלט זעט, און דורך די אומבאַוווּסטע טרערן, וועלכע זי זעט ניט!"

אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער גרויסער ייִדישער הומאָריסט אײַנגעשטעלט פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, קאָראָלענקאָן און גאָרקין. זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן די אידייען און געשטאַלטן פון די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור צייכענען זיך אויס מיט טיפן פאַרשטאַנד און מיט מיטגעפיל — ער איז סאָלידאַריש מיט זייער קאַמף פאַר א ווירדיק מענטשלעך לעבן, מיט זייער מוטיקײַט אין אָט דעם קאַמף. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער צײַט, ווען א באַדײַטנדיקער טייל פון דער רוסישער און ייִדישער אינטעליגענץ איז פאַרכאַפּט געווען מיט ל. אַנדרייעוון, האָט שאָלעם־אַלייכעם געשטעלט העכער טשעכאָוון, זײַן קלוגן טרויעריקן הומאָר.

אָבער עפּשער איבערצײַגנדיקער פון אַלץ זאָגט אײדעס וועגן דער פּרינציפּיעלער געמיינזאַמקײַט פון די זוכונגען און שטרעבונגען פון די קאָריפייען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן די פּראָבלעמאַטיק פון זייערע ווערק, די עוואָלוציע פון זייערע אידייִש־עסטעטישע אָנשויונגען. לאָמיר באַטראַכטן אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג די פּראָבלעם פונעם „קליינעם מענטשעלע", די עוואָלוציע פון אָט דעם געשטאַלט.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די שטריכן פון דער דאָזיקער עוואָלוציע אין פאַרשיידענע ליטעראַטורן און אין פאַרשיידענע היסטאָרישע פּעריאָדן איז פאָרגעקומען אין איין ריכטונג און אונטער דער ווירקונג פון איינע און די זעלבע אָביעקטיווע סיבעס.

מיר האָבן צו טאָן מיט נאָך אן איבערצײַגנדיקער באַשטעטיקונג פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער האַנאָכע וועגן דער נאַטור פון וואָרט־קונסט, אַלס פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן, אַלס מיטל פון עסטעטיש באַהערשן די ווירקלעכקײַט און אַקטיוו אַף איר ווירקן.

וועגן דאָסטאָיעווסקין זאָגט מען, אַז אים געהער דער אויסדרוק: „מיר אַלע זײַנען אַרויס פון גאָגאָלס „שינעל". אַנדערש גערעדט, די רוסישע ליטעראַטור פונעם 19־טן יאָרהונדערט, א הומאַניסטישע און דעמאָקראַטישע אין איר יעסאָד, האָט אַפן פאָדערגרונט אַרויסגערוקט די פּראָבלעם פונעם „קליינעם מענטשעלע", וואָס לײַדט פון אומגערעכטע סאָציאַלע באַדינגונגען.

די דאָזיקע ליניע אין דער רוסישער ליטעראַטור גייט פון פּושקינס סעמיאָן ווירין אין דער נאָוועלע „דער סטאַנציע־אויפזעער", פון גאָגאָלס אַקאַקי אַקאַקיעוויטש באַשמאַטשקין אין „שינעל", פון דאָסטאָיעווסקיס „אָרעמע מענטשן" און „דערנידעריקטע און באַליידיקטע", דורך דער שאַפונג פון די שרײַבער פון די זעכציקער יאָרן, פון די פאָלקיסטן פון די זיבעציקער יאָרן — ביז טשעכאָוון, קאָראָלענקאָן, גאָרקין. אַפן דאָזיקן וועג האָט דאָס געשטאַלט פון דעם „קליינעם מענטשעלע" און אויך די באַציִונג צו אים זיך ראַדיקאַל געענדערט. ס'איז גענוג צו פאַרגלײַכן דעם דערשלאָגענעם און פאַרשטויסענעם באַשמאַטשקינען, וואָס רופט אַרויס מיטגעפיל, מיט דעם פּאַכדאָנעסדיקן טשערוויאַקאָוון פון דער דערציילונג „דעם טשינאָווניקס טויט" (טשעכאָוו דערציילט וועגן אים מיט בײַסיקער איראָניע, אויב ניט מיט עקל).

אן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון אירע ערשטע טריט אין רוסלאַנד. „דאָס קליינע מענטשעלע", ווי מיר האָבן געזען, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די ייִדישע שרײַבער־אויפקלערער נאָך אין ביזקלאַסישן פּעריאָד. אָבער די שטעלונג פון די פריִיקע אויפקלערער, וועלכע איז געווען אַמאָל א גלײַכגילטיקע און אַמאָל א גאַדלעסדיקע בענעגייע דעם פּאָשעטן פאָלקסמענטש, האָט אומפאַרמײַדלעך געפירט צום פּרימיטיוון, סכעמאַטישן, איינזײַטיקן שילדערן אין דער ליטעראַטור טיפּישע פאָרשטייער פון די פאָלקסמאַסן. אַפן קליינעם מענטשעלע האָט מען אַפילו ראַכמאָנעס געהאַט, מע האָט אים מיטגעפילט, נאָר מע האָט אים פונדעסטוועגן באַטראַכט ווי אן אַבסטראַקטן סימבאָל, אַמאָל עקזאָטיש. די באַציִונג צו אים איז אוואַדע געווען א הומאַניסטישע, א פּאָזיטיווע; צו זײַנע שוואַכקײַטן און פאָרורטיילן, צו זײַן פּאַסיווקײַט האָט מען זיך, אַלס קלאַל, באַצויגן ווי צו אן אומפאַרמײַדלעכקײַט, פונדאַנען — דער פאַטאַליזם אין טראַקטירן די טעמע. דעם פּאָשעטן פאָלק בלײַבט איבער בלויז געדולדיק צו וואַרטן, עס זאָלן פאַרגרינגערן זײַן גורל די

מאכטהאָבנדיקע, געבילדעטע פאָרשטייער פון דער נאציע. אזא איז געווען די פאָזיציע פון מענדעלעס פאָרגייער.

מענדעלע, פארקערט, האָט אָנגעהויבן אף ייִדיש מיט א ווערק, וואָס ער האָט דעמאָנסטראטיוו אָנגערופן „דאָס קליינע מענטשעלע", און ער האָט, ווי מיר האָבן געזען, זיך דערהויבן אף א העכערער שטופע אין טראקטירן די פראָבלעם. אן אָנהענגער פון טשערנישעווסקין און דאָבראָליובאָוון, האָט ער זיך דערנענטערט צום פארשטיין דעם טאָך פון אָט דער פראגע. דער לידער פון די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטן האָט אין זײַן ארטיקל „צי איז דאָס ניט קיין אָנהייב פון אן ענדערונג?" (1861) געשריבן, אז אלץ איז סאָפקאָלסאָף אָפהענגיק פון דער גרייטקײַט פונעם פאָלק „צו ענדערן זײַן גורל". טשערנישעווסקי האָט באגריסט ניקאָלײַ אוספענסקיס דערציילונגען, אין וועלכע דאָס לעבן פון די פאָלקסמאסן איז ניט אידעאליזירט, ניט צוגעפוצט. שטרענגער עמעס, הויכע פאָדערונגען פונעם שרײַבער צו זײַנע פערסאָנאזשן פונעם פאָשעטן אוילעם, זײַן שטרעבונג צו דערוועקן אינעם „קליינעם מענטשעלע" דעם מענטשן, וואָס האָט א געפיל פון אייגענער זעלבסטווירדע און איז גרייט צו פראָטעסטירן — אָט וואָס עס האָט אימפאָנירט טשערנישעווסקין בא ניקאָלײַ אוספענסקין[1].

אין טאָך האָט די זעלבע אופגאבע פון דערוועקן דעם מענטשן באם „קליינעם מענטשעלע" געשטעלט מענדעלע מויכער־ספאָרים אין זײַנע בעסערע ווערק פון די זעכציקער — זיבעציקער יאָרן. ווי בא שטשעדרינען, האָט דאָס געשטאלט פון דער „קליאטשע" — „קאָניאגע", וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט פארביטערטקײַט און מיט גאל, סימבאָליזירט די פאסיווקײַט און פילגעדולדיקײַט פונעם פאָלק. פונדאנען נעמט זיך דער פובליציסטישער אָנגלי פון אָט דעם ווערק, וואָס איז אלעגאָריש לויטן פארטראכט און רעאליסטיש וואָרהאפטיק אין די דעטאלן. ארויסטרעטנדיק אין נאָמען פונעם פאָלק און אין זײַנע אינטערעסן, קריטיקירט דער שרײַבער ניט בלויז די אונטערדריקער פונעם פאָלק, ער פארורטיילט די מאסן גופע פאר זייער דערשלאָגנקײַט, פאר דער גרייטקײַט שאָלעם צו מאכן מיט דער אונטערדריקונג און דערנידעריקונג.

באפרײַענדיק זיך פון די ליבעראל־אופקלערערישע אילויזיעס, שאפט מענדעלע זײַן סאמע באדײַטנדיק ווערק „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" (1878). „דער ייִדישער דאָן־קיכאָט", ווי מע רופט אָפט אָן דאָס ווערק, האָט דערלאנגט א פילבארן קלאפ איבער דעם מיטלאלטער, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָפגעבן זײַנע פאָזיציעס אינעם ייִדישן שטעטל אין דער מיט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דער שרײַבער האָט אלץ מערער פארשטאנען, אז די אנטוויקלונג פונעם נײַעם לעבן טאָרמאָזירט ניט בלויז דער צאריזם, וואָס האָט פארטריבן די ייִדישע אָרעמשאפט אין „טכום־האמוישעוו", ווי אויך ניט בלויז די „אייגענע" בלוטצאפערס. שולדיק איז, פון דער צווייטער זײַט, די בלינדע צוגעבונדנקײַט פון א באדײַטנדיקן טייל פונעם פאָלק צו דער ירושע פונעם מיטלאלטער, די אָפגעשטאנענקײַט פונעם גײַסטיקן לעבן, די שרײַענדיקע אָפגעריסנקײַט פון דער רעאלער ארומיקער וועלט, דער פאנאטיזם, וואָס איז פארבונדן מיט דער אָפשטארבנדיקער קולטור, מיט די באָדנלאָזע האָפענונגען און מעשיכישע טרוימען.

דאָס ווערק האָבן געהאסט די נאציאָנאליסטן, ווײַל מענדעלע האָט אויסגעלאכט אויך די רעאקציאָנערע אידיי פון שאפן א מעלוכע אין דער ווײַטער און אין יענע צײַטן פאקטיש ניט צוטריטלעכער פאלעסטינע. ער האָט באוויזן, ווען עס לוינט צו האלטן די אָרעמשאפט אין אומוויסן, פארסאמען זי מיט נאציאָנאליזם.

די געשטאלטן פון די צענטראלע העלדן פונעם ווערק — ביניאָמין און סענדערל, זײַן „סאנטשאָ־פאנסאָ" — זײַנען פאראַדיש, ווי עס איז פאראַדיש אויך די גרונט־קאָליזיע פונעם בוך. אָבער דער קאָמיזם פון „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" איז ווײַט ניט קיין גוטמוטיקער, ווי עס קען זיך דאכטן אויבנופיק. עס ווערן אויסגעלאכט ניט נאָר די אָבערגלויבנס, די אומגעלומפערטע פאנטאזיעס פונעם „ייִדישן דאָן־קיכאָט", עס ווערט אויסגעלאכט דער העלד גופע, דער אומבאהאָלפענער, אָפגעריסענער פון דער ווירקלעכקײַט מענטש.

8

גאָרקי האָט געשריבן, אז שאָלעם־אלייכעמס שאפונג איז דורכגעדרונגען מיט קלוגער ליבע צום פאָלק, זײַן געלעכטער איז טרויעריק און הארציק. די גוטסקײַט און הארציקײַט פונעם שרײַבער האָבן זיך געקניפט מיט טיפן טרויער. און דער טרויער איז געווען אן אייגנארטיקער. אינעם קאסרילעווקער ציקל (קאסרילעווקע איז א פאראלגעמיינערט געשטאלט פונעם ייִדישן שטעטל), וואָס איז ניט צופעליק אָנגערופן „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס" גייט דער הומאָר אָפט אריבער אין סאטירע, און אָט די סאטירע איז געווענדעט קעגן דער אָפגעשטאנענער שטעטלשער פסיכאָלאָגיע, קעגן צופאסן זיך צו די באדינגונגען פון דער סוויווע, קעגן אונטערוואַרפן זיך דער אינערציע. דאָס געשטאלט פון קאסרילעווקע איז ניט

[1] Н. Г. Чернышевский. Собр. соч. в пяти томах. Изд-во «Правда», М., 1974.

אײַנדרײַטיק. אזוי ווי אין אנדערע נאָוועלן־ציקלען („אײַזנבאַן־געשיכטעס", „אָרעמע און פרייַלעכע"), איז דעם שרײַבערס מיטגעפיל אפן ראַנד פון פאַרורטיילן, און די גרענעץ צווישן הומאָר און סאַטירע איז גאַנץ באַדינגלעך.

וואָס איז שײַעך די הויפּט־העלדן פון שאָלעם־אליכעמס צוויי באַדײַטנדיקסטע ווערק — „מענאַכעם־מענדל" און „טעוויע דער מילכיקער", מערקט זיך אָן דעם אווטאָרס באַציִונג צו יעדערן פון זיי גאַנץ באַשטימט. שאָלעם־אליכעמען אימפּאָנירט טעוויעס לעבנספעיִקײַט, דער אָפּטימיזם פונעם אַרבעטס־מענטש, וועלכער קאָן מיט ווירדע זיך קעגנשטעלן דעם שווערן גורל. אין טעוויען זײַנען פאַרקערפּערט די בעסטע שטריכן פונעם פאָלק, דאָס גלויבן אין זײַן פעיִקײַט צו ווידערגעבורט. פאַרקערט, צום לופט־מענטש מענאַכעם־מענדל איז די באַציִונג א איראָנישע, ערטערווײַז גייט די איראָניע אַריבער אין אָפענעם סאַרקאַזם. דער גרויסער הומאָריסט ווענדעט אָן דאָס מיטל פון „אַראָפּזעצן" דאָס געשטאַלט — יעדן בריוו פון מענאַכעם־מענדלען (דאָס ווערק איז אָנגעשריבן אין עפּיסטאָליאַרישן זשאַנער) איז קעגנגעשטעלט א בריוו פון זײַן ווײַב, א מין קאָמענטאַר, וואָס לאָזט נישט איבער קיין זייכער פון די פּלענער און פון דער אַרגומענטאַציע פון איר מאַן, וועלכער וואַנדערט אַרום און זוכט גליקן. מענאַכעם־מענדל איז טראַגי־קאָמיש: ווילנדיק צופּאַסן זיך צו די וואָלפישע געזעצן פונעם קאַפּיטאַליזם, ווײַזט ער אַרויס ווונדערבאַרע אַקשאָנעס, דערפינדערישקײַט, כיטרעקײַט, אָבער ער פאַלט שטענדיק דורך און בלײַבט מיט גאָרניט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען, אין טאָך, די זעלבע עוואָליוציע פון דער טעמע פונעם „קליינעם מענטשעלע", ווי אין דער רוסישער ליטעראַטור פונעם 19־טן — 20־טן יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק פון קאַראַמזינס „אָרעמער ליזע", פּושקינס „דערציילונגען וועגן בעל־קינען" און ביז גאָרקין, קופּרינען, אַנדרייעוון (ריידנדיק אזוי, פאַרגעסן מיר אָבער ניט וועגן דער נאַציִאָנאַלער ספּעציפיק פון יעדער ליטעראַטור, וועגן דער אינדיווידועלער אייגנאַרטיקײַט פון יעדן שרײַבער).

דער מיטגעפיל צום קליינעם מענטשעלע איז מיט דער צײַט פאַרקאָמפּליצירט געוואָרן מיט עלעמענטן פון קריטיק, פון ניט אָנעמען אזעלכע אייגנשאַפטן זײַנע ווי פּאַסיווקײַט און הילפלאָזיקײַט. באַנאַנד דערמיט, רופט אויך ניט אַרויס קיין סימפּאַטיע דער „לופט־מענטש", וועלכער פּרוּווט זיך, לויט די געזעצן פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער וועלט, ווו איין מענטש דעם צווייטן איז א וואָלף, מיט אַלע מיטלען אופהייבן זיך אפן סאָציִאַל־עקאָנאָמישן לייטער. די אָקשאָנעסדיקײַט, אומדערמידלעכקײַט און אַנדערע פּאָזיטיווע, ווי עס קען זיך אויסדאַכטן, אייגנשאַפטן מענאַכעם־מענדלס, קען מען ניט ריכטיק אָפּשאַצן, אויב מע איגנאָרירט דעם ענדציל, צו וועלכן עס האָט געשטרעבט אָט דער קליינינקער „ביזנעסמען — שלימאַזל", דרייענדיק זיך אין דער סוויווע פון רויבער, וואָס זײַנען גרעסער און שטאַרקער און מאַזלדיקער פון אים.

שאָלעם־אליכעם האָט זײַן באַציִונג צו אזא וועג פון „אופקום" אויסגעדריקט אין א ריי ווערק, דערונטער אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". מיט די אויגן פון א קינד האָט ער אונדז געצווונגען זען נאָך איין וואַריִאַנט פון דער זעלבער טראַגי־קאָמעדיע. עס איז א פאַלשער וועג, וועלכן ס'האָבן אויסגעקליבן די „לופט־מענטשן", — זאָגט אונדז שאָלעם־אליכעם מיט א ביטערן שמייכל.

שאָלעם־אליכעם איז ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציִאָנער, קיין מאַרקסיסט, נאָר דער געזונטער אינסטינקט פון א דעמאָקראַט, די שטאַרקע ליבע צום פאָלק האָבן געהאָלפן דעם שרײַבער־רעאַליסט ענטפערן אף דער גרונט־פראַגע: ווו איז דער אויסוועג? ער איז געווען אָן אַנטשיידענער קעגנער פון דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט געהאַלטן א גאַנץ פאָלק אין „טכום־האַמוישעוו", ניט דערלאָזנדיק עס צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. דער מענטש באַקומט אָן אָרט אין לעבן, ער גלײַכט זיך אויס, ווען ער האָט א מעגלעכקײַט פרײַ צו שאַפן מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן. די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פונעם צאַריזם האָט אָפּגענומען בא די ייִדן אָט די מעגלעכקײַט.

אף דער שוועל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ערעוו דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, האָט אָפּגעקלונגען גאָרקיס לאָזונג: „דער מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ!" דורך זײַן העלד דעם מאַשיניסט ניל האָט גאָרקי דערקלערט: „דער באַלעבאָס איז דער, וואָס אַרבעט!" דערמיט איז ווי אונטערגעפירט געוואָרן א סאַכאַקל פון א גאַנצער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. עס איז געקומען א נײַער העלד, וואָס האָט געמאָלדן, אז קיינער דאַרף זיך ניט פילן ווי א „קליין מענטשעלע". און דאָס זעען מיר אויך אין שאָלעם־אליכעמס שאַפן.

די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע פון 1905 — 1907 האָט געפונען אָן אָפּשפּיגלונג אין א סאַך ווערק פון ייִדישע שרײַבער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט רופט מען אָן געוויינלעך די ווערק פון די אַרבעטער־שרײַבער א.־מ. ווײַסענבערג (1881 — 1934), ב. שאַפּיר (1876 — 1922) און אַנדערע. אָבער א מער טיפערן שפּור האָבן די געשעענישן פון אָט די יאָרן איבערגעלאָזט אין דער שאַפונג פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אליכעם און פּערעץ און אויך פון א ריי אַנדערע פּראָגרעסיוו־געשטימטע דעמאָקראַטישע שרײַבער.

קימאַט אין איין צײַט מיט גאָרקיס „מוטער" איז דערשינען שאָלעם־אליכעמס ראָמאַן

„דער מאבל" (1906). אין דעם ראָמאן האָט דער שרײַבער געמאכט א פרווו צו געבן א ברייט בילד פון די געשעענישן פון דער עפּאָכע (די צעשיסונג פון די ארבעטער דעם 9־טן יאנואר, דער אלרוסלענדישער שטרײַק אין אָקטיאבער — 1905 און אנדערע), שאפן געשטאלטן פון רעוואָליוציאָנערן. האגאם די היסטאָריקער פון ליטעראטור ווײַזן אָן געוויינלעך אף די שוואכע זײַטן פונעם דאָזיקן ווערק, אין וועלכן דער אווטאָר האָט נאָך ניט קלאָר באנומען דעם סאָציאַל־פּאָליטישן מעהוס פון די געשעענישן, איז ער אין דעם ראָמאן (פונקט ווי אין א ריי נאָוועלן פון יענער צײַט) נעענטער פון אלץ צוגעגאנגען צו גאָרקיס „מוטער".

מיר וואָלטן איבערגעטריבן, ווען מע זאָל שטעלן אף איין ניוואָ דאָס געשטאלט פון נילאָווגען און דאָס געשטאלט פון זיסלען — די פרוי פונעם אָרעמען שוסטער, וועלכע שאָלעם־אלייכעם באשרײַבט. האגאם אזא אנאלאָגיע קומט אוף. סײַ נילאָוונע, סײַ זיסל זײַנען אינטויִטיוו איבערגעפולט מיט סינע צו די גווירים. „אונטער דער ווירקונג פון אירע זין, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, — שרײַבט זיך אין א הײַנטצײַטיקער ארבעט וועגן שאָלעם־אלייכעמען, — הייבט אויך זי אָן צו טרוימען וועגן אן אנדער לעבן, די אידייען פון סאָציאַליזם דרינגען ארײַן אין באוווסטזײַן פון דער אָפּגעשטאנענער האָרעפּאשניצע און צינדט אָן אין איר נעשאָמע דעם פלאם פון קאמף פאר פארווירקלעכן אָט די אידייען, און זי, אָט די אָפּגעשטאָנענע פרוי פונעם אָרעמען שוסטער, איז גרייט אף קאָרבאָנעס צוליב דעם גליק פונעם פאָלק"[1].

דער איבערוף פון די מאָטיוון איז א פילבאדײַטנדיקער. און אויב מיר וועלן דערבײַ נעמען אין אכט, אז אנאלאָגישע מאָטיוון זײַנען אויך געווען אין א ריי אנדערע ליטעראטורן פון די פעלקער פון רוסלאנד, קענען מיר מיט זיכערקײַט באהויפּטן, אז די שרײַבער האָבן פארקערפּערט אין די געשטאלטן איינע פון די פירנדיקע אָביעקטיוו־היסטאָרישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע געזעצמעסיקײַטן פון דער עפּאָכע: די דערוואכונג פון די מאסן צו אקטיווער טעטיקײַט, זאָל זײַן ביז א צײַט סטיכייִש, אומבאוווסטזיניק. אָט דאָס האָט איינזינען וו. אי. לענין, זאָגנדיק, אז גאָרקיס „די מוטער" איז א רעכטצײַטיק און נייטיק בוך, וועלכן א סאך ארבעטער, אָנטייל־נעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וועלן איבערלייענען מיט גרויס נוץ פאר זיך[2].

אין דער ייִדישער ליטעראטור, פונקט ווי אין די ליטעראטורן פון אנדערע פעלקער אין רוסלאנד ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָט זיך אײַנגעשטעלט א פעריאָד פון שארפער אָפּגרענעצונג צווישן די קעגנזעצלעכע קויכעס, ווען די אָפּאָלאָגעטן פונעם מאָדערניזם האָבן אָנגעהויבן אָנגרײַפן אף דער רעאליסטישער קונסט, דערקלערט, פארעלטערט, אלטמאָדיש, שטעטלדיק־באגרענעצט, אָפּגעשטאנען פונעם אלגעמיינעם אייראָפּעיִשן ניוואָ די שאפונג פון מענדעלען, שאָלעם־אלייכעמען און פון אנדערע שרײַבער, וואָס זײַנען געשטאנען אף די פּאָזיציעס פון דעם רעאליזם.

„די ייִדישע מאָדערניסטן האָבן גאָר קיין נײַס ניט געזאָגט אין פארגלײַך מיט פיאָדאָר סאָלאָגובן, דעם סאמע עקסטרעמען פאָרשטייער פון צעפאלונג אין דער רוסישער ליטעראטור פונעם סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. דער אונטערשייד פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראטור איז אין דעם זינען באשטאנען דערין, וואָס אין דער רוסישער ליטעראטור זײַנען געווען גענוג ליטערארישע און געזעלשאפטלעכע קויכעס, וואָס האָבן געגעבן א שארפן ווידערשטאנד דעם צעפאלונגס־פּראָצעס אין דער ליטעראטור. עס זײַנען געווען לעוו טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ און די נײַע פאלאנגע רעאליסטן — בונין, קופּרין, אל. טאָלסטאָי, סעראפימאָוויטש; עס זײַנען געווען גאָרקי און די פּראָלעטארישע שרײַבער, די מארקסיסטישע קריטיק און די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן געהאלטן הויך די פאָן פון רעאליזם און האָבן אופגעדעקט דעם סאָציאַלן טאָך און דעם רעאקציאָנערן אינהאלט פון דער דעקאדענטישער ליטעראטור"[3].

אין דער ליטעראטור אף ייִדיש האָט זיך געשאפן א געפערלעכע סיטואציע. מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם און זייערע אָנהענגער זײַנען געשטיצט געוואָרן מיצאד דעם דעמאָקראטישן לייענער. די קריטיק און די בורזשואַז־נאציאָנאליסטישע פּרעסע איז געווען אף דער זײַט פונעם מאָדערניזם. אפילע אזעלכע גרויסע שרײַבער, ווי שאָלעם אש, אווראָם רייזען, א.־מ. ווײַסענבערג, יויסעף אָפּאטאָשו, פארבלײַבנדיק אין זייער שאפונג רעאליסטן, האָבן זיך ווי געשעמט אָפּצושטיין פון דער מאָדערניסטישער מאָדע.

די טעאָרעטיקער פונעם מאָדערניזם האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט דער ליבע פונעם פאָלק צו מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען, דעריבער האָבן זיי אָנגעווענדט א כיטרע טאקטיק: מוירע האָבנדיק אָפּן צו קריטיקירן זיי, האָבן זיי דעמאָנסטראטיוו זיך געשטיצט אף י.־ל. פּערעצן, דעם דריטן אנערקענטן קלאסיקער פון דער ייִדישער פאראָקטיאבער־ליטעראטור.

[1] ה. רעמעניק. שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם. זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 10, 1976, ז. 122.

[2] В. И. Ленин о культуре и искусстве. М., 1956, стр. 515.

[3] הערש רעמעניק. דער היסטאָרישער גוירל פון מענדעלע מויכער־ספאָרים. „סאָוועטיש היימלאנד", 1977, נומ. 1, 141.

דאָס איז געווען אַ פאַלשער גאַנג. קעגנשטעלנדיק פערעצן, אַלס אַ מער היַינטציַיטיקן פאַר
זיי מיַיסטער, די „טראַדיציאָנאַליסטן" מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען, האָבן די מאָדערני־
סטישע קריטיקער ספעקולירט אַף פערעצעס ווידערשפּרעכיקער קאָמפּליצירטקיַיט, פאַרשוויַיגנ־
דיק דערביַי זיַינע טיפע פאַרבינדונגען מיט דער רעאַליסטישער טראַדיציע און מיט פאָלקלאָר.

דאָס איז ניט קיין ניַיס. עס זיַינען געווען ציַיטן, ווען די קריטיקער, וועלכע האָבן ניט
אָנגענומען דעם הומאַניסטישן פאַטאָס פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, האָבן פּוש־
קינען קעגנגעשטעלט גאָגאָלן, טאָלסטאָיען — דאָסטאָיעווסקין, טשעכאָוון — גאָרקין. אָבער די
שאַפונג פון יעדערן פון זיי איז אַ טייל פון איין דערשיַינונג. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך
וועגן די גרינדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן סאָפּקאָלסאָף, ניט געקוקט אַף
וויכטיקע אונטערשיידן, געטאָן איינע און די זעלבע זאַך.

די שאַפונג פון ייִצכאָק־לייבוש פערעצן (1851—1915), וועלכער איז געווען אַ נאָוועליסט,
אַ פּאָעט, אַ דראַמאַטורג, אַ פּובליציסט פון גאָר אַ הויכער מאַדרייגע — באַ זיַין גאַנצער אייגנ־
אַרטיקיַיט — איז אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיַינונג פאַר אַ גאַנצן עטאַפּ אין דער געשיכטע
פון דער ליטעראַטור ניט בלויז אַף ייִדיש. פון איין זיַיט האָט ער אופגעהויבן אַף אַ ניַיער
שטופע די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער פאָריקער עפּאָכע;
פון דער צווייטער זיַיט האָבן אַף פערעצעס שאַפן (ווי אַף טשעכאָווס, בונינס, לעסי אוקראַינ־
קעס, קאָציובינסקיס, ריַיניסעס שאַפן פון יענע יאָרן) אַרופגעלייגט דעם שטעמפּל די אידייִש־
עסטעטישע זוכונגען אַפן ראַנד פון צוויי יאָרהונדערטער. אָט די זוכונגען, ווי עס איז באַוווּסט,
זיַינען געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. איינע פון זיי האָבן באַריַיכערט דעם פּאָע־
טישן אַרסענאַל, אַנטפּלעקט אומדערוואַרטע מעגלעכקיַיטן פאַר דער וואָרט־קונסט, אַנדערע
האָבן אָפּט פאַרפירט אין אַ טעמפּן ווינקל. פון אָט דעם טעמפּן ווינקל זיַינען, אַלס קלאַל, אַרויס
בלויז יענע פּאָעטן, פּראָזאַיקער, דראַמאַטורגן, וועלכע זיַינען געווען פאַרבונדן מיטן פאָלקס־
באַוווּסטזיַין און האָבן זיך אומגעקערט צום רעאַלן באָדן.

י.־ל. פערעץ איז געווען אַ מיטציַיטלער פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען. די שאַפונג
פון אַלע דריַי האָט געשעפּט קוואַלן פון איין קוואַל. אַ געבוירענער אין פּוילן, האָט פערעץ,
באַטירלעך, אופגענומען ניט בלויז די טראַדיציעס פון דער האַסקאָלע, מיט וועלכער ער איז
געווען פאַרכאַפּט אין דער יוגנט, נאָר אויך פון די פּוילישע קלאַסיקער — קאָנאָפּניצקאַיאַ,
אָזשעשקאָ, סענקעוויטש, פּרוס, און אין סאָף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט — פון ריימאָנטן,
זשעראָמסקין, פּשיבישעווסקין און אַנדערע. זיַין ערשט ווערק אַף ייִדיש — די פּאָעמע „מאָ־
ניש" — איז דערשינען אין שאָלעם־אַלייכעמס יאָרבוך „די ייִדישע פאָלקסביבליאָטעק" אין 1888
יאָר. דער רעליגיעז־מיסטישער אַנטוראַזש פון דער פּאָעמע דאַרף ניט פאַרפירן: דער דיכטער
האָט פון אינווייניק אופגעריסן די רעליגיעז־מיסטישע קולטור. „מאָניש" — דאָס איז אַ גע־
שיכטע וועגן ניט גרינגן און ניט פּראָסטן, ווייטעקדיקן גויוועס זיַין מיצאַד אַ ייִדיש ייִנגל,
וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פּאַטריאַרכאַלער סוויווע, די בעסמעדרעש־רעליגיעזע וועלט־
עמפּינדונג, קעדיי זיך פאַרייניקן צו ערדישע רעאַליטעטן. דער דאָזיקער פּראָצעס איז פּאָרגע־
קומען אין באַדינגונגען פון גיכער צעפאַלונג פונעם פּאַטריאַרכאַלן שטייגער. ניט געקוקט אַף
דער קאָמפּליצירטקיַיט פון דער פאָרם און אַף דער באַדינגלעכקיַיט פון די אויסדרוק־מיטלען
פונעם פּאָעטישן געדאַנק, איז „מאָניש" אין גרונט און אין טאָך אַ רעאַליסטיש ווערק.

דער זעלבער מאָטיוו פון מאַכן פריַי די פערזענלעכקיַיט, פון באַשטעטיקן די רעכט פונעם
מענטשן אַף פרייד און פולקיַיט פון וועלט־באַנעם גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, אויך אין
פערעצעס ליריק. זיַין לירישער העלד וואַרפט אַראָפּ פון זיך די פּענטעס פון מיטלאַלטערלעכע
מינהאָגים און געוווינהיַיטן, פון רעליגיעז־דאָגמאַטישער מאָראַל, וואָס איז געווען שטאַרק
ווירקנדיק אין דער ייִדישער טראַדיציאָנעלער סוויווע ביז אָקטיאַבער. צוזאַמען דערמיט איז
דער שריַיבער באַאומרויקט פון די פאָלגן פונעם טיפן קריזיס אינעם פּאַטריאַרכאַלן שטעטל. אין
באַדינגונגען פונעם האַסטיקן אָנגריף פון קאַפּיטאַליזם איז פאָרגעקומען די וויַיטערדיקע פּאַ־
ראָרעמונג פון דער באַפעלקערונג. אָט דער אומרו איז אויסגעדריקט אין פערעצעס ערשטן ציקל
נאָוועלן („וועגנערע און שולאַמיס", „יאַנקל־פּעסימיסט" און אַנדערע), אין דער פאַרצייכענונג
וועגן אַ ריַיזע איבער דער פּראָווינץ, אין דער פּובליציסטיק פונעם שריַיבער.

די צונויפפלעכטונג פון עלעמענטן פון קריטישן רעאַליזם און ראָמאַנטיזם אין פערעצעס
שאַפן איז באַדינגט ניט פונעם בענקען נאָך דער אַוועקגייענדיקער וועלט, האַגאַם, דעמאַסקירנ־
דיק די גיַיסטיקע פּוסטקיַיט און אַמאָראַלישקיַיט פון די ניַיגעבאַקענע העררשער פונעם לעבן,
האָט דער שריַיבער ציַיטנווייַז זיך געשטעלט אַפן וועג פון אידעאַליזירן די נאַציאָנאַל־רעלי־
גיעזע פאַרגאַנגענהיַיט. דער אויסגערעכנטקיַיט פון די טרעדלער, זייער גראָבן „מאַטעריאַליזם",
דעם פּראַקטיציזם פון דער ייִדישער בורזשואַזיע און דער לאַקייִשקיַיט פון דער אינטעליגענץ,
וואָס האָט זי באַדינט, האָט פערעץ קעגנגעשטעלט די גיַיסטיק ריַיכע געשטאַלטן, וועלכע עס
האָט געשאַפן די פאָלקס־פאַנטאַזיע.

אַזאַ צוגאַנג, ווי מיר ווייסן, האָט זיך אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן אַנטפּלעקט אויך אין דער
שאַפונג פון די שריַיבער פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך אויך געווענדעט צו דער האַלב־

לעגענדארער פארגאנגענהײַט, דעמאָנסטרירנדיק אזויארום זייער ניט אָנעמען די קאפּיטאליסטישע ווירקלעכקײַט. אזוי האָט איוואן פראנקאָ, דער אוטאָר פון די אנטיבורזשואזע ווערק „באָא קאָנסטריקטער" און „באָריסלאוו לאכט", זיך א קער געטאָן צו דער העלדישער געשיכטע פון זײַן פאָלק אינעם ווערק „זאכאר בערקוט". מיכאיִל קאָציובינסקי פּאָעטיזירט „די שאָטנס פון פארגעסענע אָוועס". די זעלבע טענדענץ איז צו באמערקן אויך אין לעסי אוקראיִנקעס פּאָעזיע און דראמאטורגיע.

צום אונטערשייד פון די פאָלקיסטן, וועלכע האָבן געהאָפּט אף א „וווּנדער", האָט פּערעץ גאנץ ניכטער, אָנהייבנדיק פונעם סאָף פון די אכציקער יאָרן, באטראכט די לאגע און האָט זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן וועגן דער קאָמפּליצירטער סיטואציע. צו דעם האָט מיטגעווירקט אויך דאָס, וואָס ער האָט געלעבט אפן סאמע מײַרעוו פון דער רוסלענדישער אימפּעריע, אין פוילן, ווו די אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם איז געווען אינטענסיווער, איידער אין אנדערע קאנטן פונעם לאנד און האָט ארײַנגעצויגן אין איר קרײַז א באדײַטנדיקע ייִדישע באפעלקערונג. אנטוישנדיק זיך גאנץ גיך אין די איליוזיעס פון די ייִדישע ליבעראלע אופקלערער, האָט פּערעץ זיך געווענדעט צו דער וואקסנדיקער ארבעטער־באוועגונג. אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון ארבעטער, באזונדערס פונעם נעכטיקן פּאופּעריזירטן שטעטלדיקן טוישעוו, איז נאָך געווען באלעסטיקט מיט א סאך אטריבוטן פונעם אמאָל. און דאָס האָט געמוזט זיך אָפּשפּיגלען אין דער שאפונג פון אזא פילבארן קינסטלער, ווי פּערעץ.

זײַן שאפונג איז געווען ווידערשפּרעכיק. און ווען די ליטעראטור־היסטאָריקער שרײַבן וועגן דער עסטעטיזאציע פון דער פארגאנגענהײַט אין „כסידיש" (1897 — 1902), אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" (1904 — 1909) און אין פּערעצעס דראמאטורגיע, ווו עס זײַנען שטארק די סימבאָליש־מיסטישע מאָטיוון, מוזן זיי אנערקענען, אז באנאנד דערמיט קלינגט אין אָט די ווערק דער פּראָטעסט קעגן רעליגיִעזן פאנאטיזם. דאָס זעען מיר, לעמאָשל, אין דער דערציילונג „מעקובאָלים" און אין אנדערע נאָוועלן פון די נײַנציקער יאָרן, וועלכע שילדערן די טראגעדיע פון די קאָרבאָנעס פונעם רעליגיִעזן אסקעטיזם, באזינגען די צארטע און איידעלע ליבע, די שטאָלצע אומאָפּהענגיקע פרוי. די דערציילונג „דאָס שטרײַמל" איז געריכטעט קעגן דער גײַסטיקער מאכט פון די קלעריקאלן. פּערעץ ציט צו די אופמערקזאמקײַט פון די לייענער צו די נויטן פון די האָרעפּאשניקעס. אין דער נאָוועלע „וועבער־ליבע", פּראָטעסטירנדיק קעגן דער אונטערדריקונג פונעם ארבעטער, דריקט ער אויס זײַנע סימפּאטיעס צו דער סאָציִאליסטישער ארבעטער־באוועגונג.

אָט די דאָזיקע סימפּאטיעס האָבן באוויגן פּערעצן אין די 90־קער יאָרן ארויסצוגעבן זײַנע „יאָמטעוו־בלעטלעך", וואָס זײַנען געווען געווענדעט דעריקער צום ייִדישן ארבעטער. אין 1904 — 1906 האָט ער געפּרוּווט שאפן אן ארבעטער־אוניווערסיטעט. אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער אָנגעשריבן איינאקטערס וועגן לעבן פון מענטשן אין די שטאָטישע קעלערס. אָבער אין 1907 יאָר איז דערשינען זײַן באוווסטע דראמאטישע פּאָעמע „באנאכט אפן אלטן מארק" און אין א יאָר ארום — שוין אין דער צײַט פון דער פּאָליטישער רעאקציע — די דראמע „אין פּאָליש אף דער קייט", אין וועלכע עס האָבן זיך געהערט מאָטיוון פון טיפן פּעסימיזם, אפילע פארצווייפלונג.

אנדערש גערעדט, פּערעצעס שעפערישער וועג איז געווען א קאָמפּליצירטער. צו זײַן ירושע טאָר מען ניט צוגיין מיט איין מאָס, ווי צו עפּעס אזוינס, וואָס איז פארגליווערט. דער שרײַבער האָט עוואָליוציאָנירט, זיך געביטן, בלײַבנדיק, פונדעסטוועגן אין טאָך אזא, ווי ער איז געווען.

פּערעצעס אידייִשע און קינסטלערישע עוואָליוציע קאָן אויסזען ניט לאָגיש בלויז אפן אויבנופיקן קוק.

דער אינטערעס צו מעשיכישע אידייען, צו הערויִזירן די נאציאָנאל־רעליגיִעזע פארגאנגענהײַט האָט אין זײַן שאפן זיך אָנגעהויבן אנערעך אין דער מיט פון די נײַנציקער יאָרן. נאָר שוין דעמלט איז דערשינען א סעריע פון זײַנע סאָציִאל פארשארפטע ווערק וועגן דעם גוירל פון די אומגליקלעכע — ווערק, וועלכע דעמאסקירן דעם קריגערישן קלעריקאליזם (די דערציילונגען „אין קעלער־שטוב", „באָנציע שווײַג", די פּאָעמעס „באם פרעמדן כופּע־קלייד", „דרײַ נייטאָרנס"), אין זיי דערהייבט זיך דער שרײַבער ביז סטיכייִשן רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט. אָבער אפילע אין די ווערק, אין וועלכע עס ווערט פונקט ווי אידעאליזירט די פּאטריארכאלע רעליגיִעזע פארגאנגענהײַט, זײַנען פאראנען רעאליסטישע בילדער פונעם כסידישן שטייגער אין גײַסט פון די סאטירישע טראדיציעס פון אקסענפעלדן, לינעצקין און מענדעלען. אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז אף א נײַעם אופן באזיניקט די פּאטעטיק פון די אוראלטע נעוויִים און פון דער נאציאָנאלער מינדלעך־פּאָעטישער שאפונג.

רעאליזם און ראָמאנטיזם האָבן אָרגאניש קאָעקזיסטירט אין פּערעצעס שאפונג, ניט ווידערשפּרעכנדיק איינס דעם צווייטן. אָט דער פענאָמען רופט ארויס אסאָציִאציעס. לאָמיר אָנרופן דעם אויסגעצייכנטן רוסישן נאָוועליסט וו. גארשין. דאָס ראָמאנטישע און רעאליסטישע אינעם שאפן פון דעם פריִען גאָרקין האָט פאָרויסגעזאָגט דעם סינטעז, וואָס וועט ברענגען צו א נײַעם קינסטלערישן מעטאָד. נאָר נעענטער פון אלע צו פּערעצן איז אין דעם זינען דער

אוקראַינער מ. קאָצִיובינסקי — אַן אָנגעזעענער מײַסטער פון דער סאָציאַלער און פסיכאָלאָגישער נאָוועלע, וואָס איז ראָמאַנטיש באַפאַרבט.

וויכטיק איז אונטערצושטרײַכן, אַז פערעץ האָט אויך אין די נײַנציקער יאָרן רעאַליסטיש געשילדערט דעם יידישן שטייגער פון זײַן צײַט. אַפילע אין די דערציילונגען וועגן דעם סאַמע „פראָזאַישן", סאַמע וואָכעדיקן לעבן פלעכטן זיך איבער דאָס רעאַלע און דאָס פאַנטאַסטישע. אינעם פאַנטאַסטישן שפיגלט זיך אָפ דאָס רעאַלע, און עס הערן זיך איראָנישע טענער אין דער שילדערונג פון די הײַנטצײַטיקע פאַרן שרײַבער געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. אין אָט דער קינסטלערישער מאַניר האָט, לויט דער מיינונג פון פערעצעס ביאָגראַפן, זיך אַרויסגעוויזן פריִער פאַר אַלץ זײַן כאַראַקטער אַלס שרײַבער — דעם מענטש פון ראַציאָנאַליסטישן אַרט דענקען, וועלכער פאַרמאָגט אַ פלאַמיק האַרץ...

אַ פילזײַטיק באַגאַבטער קינסטלער, האָט פערעץ געשאַפן אין פיל זשאַנרען, אין אייניקע פון זיי איז ער געווען אַן אַנטדעקער. ביז אים האָט די יידישע ליטעראַטור ניט געוווּסט פון דער דראַמאַטישער פאָעמע, וועלכע איז געשריבן מיט אַ ווײַסן פערז (ווי עס האָט וועגן דעם ניט געוווּסט די אוקראַיִנישע ליטעראַטור ביז לעסי אוקראַיִנקאַ). נאָר שטאַרקער פון אַלץ האָט דער טאַלאַנט פונעם שרײַבער זיך אַרויסגעוויזן אינעם נאָוועליסטישן זשאַנער. פערעץ איז געווען אַ גרויסער מײַסטער פון דער לאַקאָנישער נאָוועלע, הויפּטזאַכלעך פון דער פסיכאָלאָגישער, וואָס איז געבויט אָף אַ שאַרפן קאָנפליקט פון אידייען, לײַדנשאַפטן, אייגנאַרטיקע כאַראַקטערן. און אויך אין דעם האָט זיך אַנטפלעקט דער גײַסט פון דער צײַט.

די נאָוועלע האָט אַ רײַכע געשיכטע. עס איז גענוג אָנצורופן באָקאַטשיאָן און בראַטשאַליני, מערימע און מאָפּאַסאַנען, לעסקאָוון און טשעכאָוון. אין סאָף נײַנצנטן און אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די נאָוועלע אַפילע עטוואָס „אָפּגעשטויסן" דעם ראָמאַן — דעם עפּאָס פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאָוועלעס האָבן געשריבן זייער פיל שרײַבער פון רוסלאַנד. די יידישע ליטעראַטור איז אין דעם זינען ניט קיין אויסנאַם. פאַרקערט, די נאָוועלע פאַרנעמט דאָ שיר ניט דעם אויבנאָן.

אַ נאָוועליסט איז פריִער פאַר אַלץ געווען שאָלעם-אַליכעם. אַפילע „טעוויע דער מילכיקער" איז אַ ציקל דערציילונגען. מענאַכעם-מענדלס בריוו צום ווײַב און איר ענטפער ווערן אָפּגענומען ווי פאַרענדיקטע נאָוועלעס. אויך אַנדערע שאָלעם-אַליכעמס ווערק זײַנען פאַרייניקט דורך איין געשטאַלט. נאָר זײַענדיק נאָענט לויט די אַלגעמיינע קוואַלן, האָבן שאָלעם-אַליכעם און פערעץ געשאַפן צוויי פאַרשיידענע קינסטלערישע וועלטן. שאָלעם-אַליכעם איז אייגנאַרטיק, נאָר די סטיליסטיק פון זײַנע נאָוועלן איז אַ טראַדיציאָנעלע. אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען קען מען געפינען אין דער שאַפונג פון זײַנע פאָרגייער און מיטצײַטלער. די פּאָעטיק פון פערעצעס נאָוועליסטיק איז אײַנגאַנצן געווענדעט צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: זי איז אַ פסיכאָלאָגישע, אַ פילאָסאָפישע, אַ סאַך פאַראַלגעמיינערטע בילדער טראָגן אין איר אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. שאָלעם-אַליכעם דערגרייכט זײַן ציל, היפּערבאָליזירנדיק הומאָריסטיש די סיטואַציע. פערעץ קומט גיכער אָן צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן פונעם מענטשן מיט זייער טרוים, צום טראַגישן קאָנטראַסט צווישן מעגלעכן און ווירקלעכן. שאָלעם-אַליכעמס שפּראַך איז די געריידטע שפּראַך, זי פליסט פרײַ. פערעצעס שפּראַך איז אײַנגעהאַלטן, אָנגעפולט מיט פאַרבאָרגענער לײַדנשאַפט.

אַן אייראָפּעיִש געבילדעטער מענטש, איז פערעץ געווען באַווירקט פון די פילאָסאָפיש-ליטעראַרישע געווינים פון יענער צײַט. אַלס קינסטלער האָט ער זיך פריִער פאַר אַלץ געלערנט בײַ די רוסישע און פוילישע רעאַליסטן. פונדאַנען גייט די גענויע באַשרײַבונג פון דעטאַלן, די שטרענגע פּראָסטקײַט בײַ אַ הויכער אידייִשער אָנגעזעטיקטקײַט. נאָר די דעטאַלן, אַן און פאַר זיך גענומען, האָבן אים ניט אינטערעסירט, ער האָט אָף זיי זיך אָפּגעשטעלט אָף אַזויפיל, אָף וויפל זיי האָבן מיטגעהאָלפן מער אַנטפלעקן דעם אינערלעכן געפיל, די נעשאָמע פון די העלדן. אין אַ הײַנטצײַטיקער אַרבעט איז געזאָגט, אַז פערעצעס טעמפּעראַמענט איז ניט געווען קיין טעמפּעראַמענט פון אַ רעאַליסט. ווי וועגן טורגעניעוון, קאָן מען נאָך מיט מערער רעכט זאָגן, אַז ער איז געווען „אַ ראָמאַנטיקער פון רעאַליזם". ניט געקוקט אָף דער צעשוווּמענקײַט פון דער טערמינאָלאָגיע, איז אין דעם פאַראַנען אַ באַשטימטער עמעס. אין די פּראָגרעסיווע רוסישע און פוילישע קרײַזן פון יענער צײַט האָט מען פערעצן אַמאָל אָנגערופן „דער יידישער טשעכאָוו" — פאַר דער רעאַליסטישער, סאָציאַל-אָנגעזעטיקטער און פסיכאָלאָגיש באַגרינדעטער שילדערונג פון דער ווירקלעכקײַט. פערעץ אַליין האָט געזאָגט, אַז טשעכאָוו איז אים באַזונדערס טײַער און נאָענט. ער האָט זיך געקליבן איבערזעצן טשעכאָוון אָף יידיש.

די ווירקונג פונעם דעקאַדאַנס אָף פערעצעס שאַפונג, וואָס זי ווערט שטענדיק אונטערגעשטראָכן און איבערגעטריבן אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור-וויסנשאַפט, איז געווען אַ באַזונדער מין ווירקונג. דער סימבאָליזם און אימפּרעסיאָניזם, עלעמענטן פון וועלכע עס זײַנען פאַראַן אין פערעצעס שאַפונג, האָבן ניט קיין שײַכעס צום סימבאָליזם און אימפּרעסיאָניזם אַלס קינסטלערישע מעטאָדן (אין לעצטן פאַל זײַנען זיי פאַרבונדן פריִער פאַר אַלץ מיט אַ באַשטימטער וועלט-אָנשויונג, נעמלעך — מיט אָפּזאָגן זיך פון סאָציאַל-פּאָליטישער פּראָבלעמאַטיק, פון אָנערקענען די אָביעקטיוו-היסטאָרישע געזעצמעסיקײַטן).

בא אלע ווידערשפרוכן פערעצעס איז ער, ווי די גאנצע פראָגרעסיווע ייִדישע ליטעראטור פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר ביז אָקטיאבער, געבליבן טרײַ אירע דעמאָקראטישע און רעאליסטישע טראדיציעס, צוגרייטנדיק דעם באָדן פאר דעם נײַעם עטאפ נאָך אָקטיאבער. ניט אומזיסט איז א וויכטיקער אָריִענטיר פאר פערעצן געווען און פארבליבן גאָרקי, וועלכן ער האָט הויך געשעצט. עס איז גענוג צו דערמאָנען פערעצעס אינטערעסאנט ארטיקל וועגן דער אופירונג פון גאָרקיס „אפן דעק” אין ייִדישן טעאטער אין ווארשע (1906), זײַן פאָרטראָג אף אן אומלעגאלער פארזאמלונג וועגן רעוואָליוציִאָנערע מאָטיוון אין גאָרקיס שאפן, זײַן איבערזעצן אף ייִדיש „די ליד פונעם שטורעמפויגל”. פערעץ האָט אליין אנערקענט, אז גאָרקיס רוף צו לעבן און קאמף האָט אים געהאָלפן זיך אומקערן צום געזונטן אָפטימיזם.

דער פאראָקטיאבערדיקער יאָרצענדליק אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור, ווי אויך פון אנדערע ליטעראטורן אין רוסלאנד, איז געווען קאָמפליצירט און שווער. איינער נאָכן אנדערן זײַנען אוועק אירע קאָריפייען: פערעץ איז געשטאָרבן אין 1915, שאָלעם־עלייכעם אין 1916, מענדעלע מויכער־ספאָרים אין 1917 יאָר. דער נײַער דאָר שרײַבער, וואָס איז געקומען אין סאָף נײַנצנטן און אין אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אפן שיידוועג: דער מײַסטער פון דער נאָוועלע און פון סאָציִאלער ליריק א. רייזען (1876 — 1953), דער באגאבטער פראָזאִיקער ד. פינסקי (1872 — 1959), וואָס האָט מיט סימפאטיע געמאָלט דעם ארבעטס־מענטש און די ערשטע טריט פון דער ארבעטער־באוועגונג, דער פאָפולערער שאָלעם אש (1880 — 1957), וואָס אין זײַן שאפן האָבן בוילעט זיך אנטפלעקט פלעבעיִשע טענדענצן, דעמאָקראטישע שטריכן (אָבער נאָך אזעלכע פיל צוזאָגנדיקע ווערק, ווי „אין א שווערער צײַט” און „דאָס קוילער־געסל” (ביידע — 1903) איז דער שרײַבער אין די דערציילונגען „א שטעטל” (1905) און „שלוימע נאָגיד” (1909), אין דער פיעסע „גאָט פון נעקאָמע” (1907) ארײַנגעפאלן אין נאציִאָנאליסטישע שטימונגען, האָט אָנגעהויבן אידעאליזירן דעם פאטריִארכאלן און רעליגיִעזן שטייגער, און דאָס האָט אים אוועקגעפירט פונעם קריטישן רעאליזם, וועלכן ער איז געווען געטרײַ אין אָנהייב פון זײַן שעפערישן וועג. אף דער פעריפעריִע פון דער ייִדישער ליטעראטור איז פאָרגעקומען א מין אופלעבונג פון דער בולוואר־ראָמאניסטיק, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט איר דערלאנגט א צעשמעטערנדיקן קלאפ נאָך אין די אכציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אין זײַן גלענצנדיקן פאמפלעט „שאָמערס מישפעט” (שאָמער — פסעוודאָנים פון נ. מ. שײַקעוויטש, 1849 — 1909, דער לידער פון אָט דער שונד־ליטעראטור). ווי אין אנדערע נאציִאָנאלע ליטעראטורן, האָבן זיך דעמלט אקטיוויזירט די אפאָלאָגעטן פון דער אזויגערופענער „עליטארישער” קונסט פון די עפיגאָנען פונעם אייראָפעיִשן דעקאדאנס.

פונדעסטוועגן, האָבן דאָס צענטראלע אָרט אין דער ייִדישער ליטעראטור ערעוו דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פארנומען די קינסטלער, וועלכע האָבן אויך אין די שווערע יאָרן פון רעאקציע פאָרגעזעצט אירע בעסטע טראדיציעס. זיי פלעגן אמאָל אָפטרעטן פונעם קלאסישן רעאליזם, און דאָך האָבן זיי אומדערמידלעך געזוכט אן ענטפער אף די סאמע שארפע פראגן פון דער הײַנטצײַטיקײַט, זיי האָבן ערלעך, מיט גרויס מײַסטערשאפט דערציילט „וועגן דער צײַט און וועגן זיך”. אזא איז געווען דער ניסטער (פסעוודאָנים פון פ. מ. קאהאנאָוויטש, 1884 — 1950), וואָס אפילע זײַנע סימבאָליסטישע ווערק האָבן אפן פאָן פון ליטערארישער צעפאלונג אין די יאָרן פון רעאקציע זיך אויסגעטיילט מיט אן אייגנארטיקן דעמאָקראטיזם און אָפטימיסטישן אינהאלט. מיט א באזונדערער קראפט איז ארויסגעטראָטן דער דיכטער אָשער שווארצמאן (1889 — 1919), א רעוואָליוציִאָנערער ראָמאנטיקער, וועלכער איז אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע ארויסגעטראָטן מיט אנטימיליטאריסטישע לידער. איינער פון די סאמע באדײַטנדיקע קינסטלער פון אָט דעם פעריִאָד איז געווען דאָוויד בערגעלסאָן (1884 — 1952). אין דער דערציילונג „ארום וואָקזאל” (1909) און אין ראָמאן „נאָך אלעמען” (1913) האָט ער געשאפן א ברייט בילד פונעם בורזשואזן לעבן, באוויזן די אומפארמײַדלעכקײַט פון דער צעפאלונג פון דער בורזשואזיע, דעם דראמאטיזם פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז פארבונדן מיט אָט דעם קלאס, אירע זוכונגען פון א נײַ לעבן. אין דער דערציילונג „דער טויבער” (1910) האָט בערגעלסאָן מיט סימפאטיע און מיטגעפיל דערציילט וועגן דעם ארבעטס־מענטש, וועגן זײַן סטיכייִשן פראָטעסט קעגן סאָציִאלן אומרעכט.

אָט די שרײַבער, וועלכע האָבן פילבאר זיך צוגעהערט צו דעם פולס פון דער צײַט און זײַנען ביזן סאָף געבליבן טרײַ זייער פאָלק, איז באשערט געווען אריבערצושפאנען די היסטאָרישע גרענעץ און נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האנט בא האנט מיט די יונגע דוירעס, אוועקלייגן די ערשטע שטיינער אין פונדאמענט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

טעוויעגען

אַ קאַפּיטל שרײַבמאַן

מײַן אַרטיקל וועגן יעכיִעל שרײַבמאַנען וועל איך ניט אָנהייבן דערפֿון, אַז ער איז „איינער פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע", „איינער פֿון די בעסטע, באַדײַטנדיקסטע..." עפּיטעטן פֿאַרטומלען אָפּטמאָל דעם קאָפּ, דער אָפּטער געברויך זייערער ניוועלירט זיי און מאַכט צו קליינגעלט. איך וועל זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס כ'וועל פּאָשעט, אָן די פֿאַרשיידענע צוגאָבן, זאָגן, אַז יעכיִעל שרײַבמאַן איז אַ שרײַבער. איז דען שוין דערמיט אַליין ווייניק־וואָס געזאָגט? מיר האָבן, דוכט זיך, אַ ביסל פֿאַרלאָרן דעם אייגנטלעכן באַדײַט פֿונעם דאָזיקן גרויסן, דערהוייבענעם וואָרט. אין דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע ווערט גענוי אויסגעטײַטשט און דערקלערט, וואָס עס איז אַזוינס אַ יאַמב און וואָס עס איז אַ כאָריי, און ווען מען דאַרף מען רופֿן גראַפֿאָמאַן, און ווען — פּלאַגיִאַטאָר, אָבער דאָס וואָרט „פּיסאַטעל", „שרײַבער", וואָס דאַרף, דוכט, אין אַ ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע, אין געהעריקן אָרט, לויטן אַלעפֿבייס, יאָ זײַן, איז ניטאָ, עס איז אויך ניטאָ דאָס וואָרט „ליטעראַטאָר". אין די ווערטערביכער, לעמאָשל אין אָזשעגאָווס אויסטײַטש־ווערטערבוך, איז „ליטעראַטאָר", „פּיסאַטעל" ניט פֿאַרפֿעלט. עס ווערט דאָרטן געזאָגט, אַז „אַ שרײַבער איז אַ מענטש, וועלכער איז באַשעפֿטיקט מיט ליטעראַרישער אַרבעט, שרײַבט קינסטלערישע ליטעראַרישע ווערק". קורץ און קלאָר. ווי־אַזוי זשע קומט דאָס, וואָס אין דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע האָט זיך ניט געפֿונען קיין אָרט פֿאַר אָט די צוויי לאַקאָנישע שורעלעך? איך האָב אויף דעם געבויערט מײַן נאַרישן קאָפּ, ביז איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אַלע אַכט בענדער צוזאַמען מיטן נײַנטן צוגאָב־באַנד פֿון דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע האָבן צו טאָן אויף אַלע זייערע טויזנטער זײַטן נאָר מיט איין זאַך: זיי דערקלערן, וואָס עס איז אַזוינס אַ שרײַבער, ווער עס איז אַ שרײַבער, פֿאַרוואָס ער איז זויכע צו ווערן אַזוי אָנגערופֿן, — דער הויכער נאָמען ווערט באַשטעטיקט דורך ווערטפֿולע קינסטלערישע ווערק.

יעכיִעל שרײַבמאַן איז פֿאַרטראָטן אינעם לעצטן באַנד פֿון דער ענציקלאָפּעדיע. פֿריִער פֿון אים זײַנען שוין דורך אַזויפֿיל ליכטיקע, העל־שײַנענדיקע שטערן אויפֿן ליטעראַרישן הימל, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגיין. ס'איז שוין דורך באַלזאַק, און בערגעלסאָן, און גאָגאָל, און גאָרקי, און הוגאָ, און דיקענס, און דאָסטאָיעווסקי, און זאָליאַ, און מאָפּאַסאַן, און מענדעלע, און פּערעץ, און פּושקין, און ראָמען ראָלאַן, און סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, און לעוו טאָלסטאָי, און סערוואַנטעס, און טורגעניעוו, און טשעכאָוו, און שעקספּיר, און שאָלאָכאָוו און שאָלעם־אַליכעם... אַזעלכע ריזן! אַזעלכע גיגאַנטן! און שטעלט זיך פֿאָר, זיי האָבן ניט פֿאַרטונקלט פֿאַר מיר יעכיִעל שרײַבמאַנען. זאָל זײַן, אַז ער איז פֿון אַן אַנדער מאַסשטאַב. אין טיפֿן אָקעאַן פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט ער זײַנע אייגענע לויטערע דורכזיכטיקע טראָפּנס. אין אַן אַרטיקעלע וועגן זײַן שעפֿערישער לאַבאָראַטאָריע, וואָס הייסט טאַקע אַזוי „לויטערע, דורכזיכטיקע טראָפּנס", שרײַבט יעכיִעל שרײַבמאַן:

„גוט איז טאָג בײַ טאָג זיצן בײַם שרײַבטיש, ווי אַ גאָלדשמיד אַ נעם טאָן דאָס שפּאַקטיוול אויפֿן אויג, אַ טריף טאָן אויפֿן וואָרט אַ טראָפּן שיידוואַסער און זען, ווי ער בלײַבט שטיין לויטער, דורכזיכטיק, ריין, ווי אַ טרער, ווי אַ טוי". („סאָוועטיש היימלאַנד", 1966, נומ. 2, ז. 153).

מע זאָגט, אַז קעדײַ צו וויסן דעם שרײַבער, בעסער אים פאַרשטיין, דאַרף מען גיין צו אים אַהיים, זען אים פונדערנאָענט, אין זײַן היימישער סוויווע. מיר איז ניט אויסגעקומען צו זײַן אין שרײַבמאַנס בעסאַראַבישן ווינקל. איך בין ניט געווען אין שטעטל וואַדראַשקעוו, ווּ ער איז געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט די ייִנגלשע יאָרן, איך בין ניט געווען אין שטעטל קאַפּערעשט, ווּ ער איז געווען אַ מעשוירערל באַ אַ כאַזן אין שול, ניט געווען אין טשערנאָוויץ, ווּ ער האָט זיך געלערנט אין אַ העברעיִשן לערער־סעמינאַר און געקלעפּט רעוואָליוציאָנערע פּראָקלאַמאַציִעס אַף די ווענט, געזעסן אין טפּיסע. ס׳איז מיר ניט אויסגעקומען צו זײַן אין בוקאַרעשט, ווּ שרײַבמאַן איז געווען, ווי ער שרײַבט אין זײַן „לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער", „קימאַט גאַנצע צען יאָר אַ סופליאָר אין ייִדישן טעאַטער — ניט אין קיין שטענדיקן ייִדישן טעאַטער, — אַזעלכס איז אין בוקאַרעשט ניט געווען, — אין פאַרשיידענע צונויפגעשטעלטע סעזאָן־טרופּעס..." („ס. ה.", 1973, נומ. 3, ז. 85). כ׳בין אויך ניט געווען אין אוזבעקישן קאָלווירט, ווּ שרײַבמאַן האָט מילכאָמע־צײַט אויסגעפּילט די אַרבעט פון „אַ מין בריגאַדיר איבער אַ בריגאַדע עוואַקויִרטע ייִדענעס". ניט געווען אין קעשענעוו, ווּ ער לעבט פון נאָך דער מילכאָמע ביז איצט. אונדזערע וועגן האָבן זיך אויסגעמיטן, און פונדעסטוועגן זאָג איך, אַז כ׳ווייס יעכיִעל שרײַבמאַנען גאָר־גאָר פונדערנאָענט, כ׳האָב יאָרנלאַנג פאַרבראַכט מיט אים צוזאַמען, איך בין אויסגעווען אומעטום, ווּ ער איז געווען, כ׳ווייס עס פון זײַן אווטאָביִאָגראַפיע — „מײַן לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער" — און דערהויפּט, דעריקער פון זײַנע נאָוועלן, דערציילונגען, מיניִאַטיורן, עסייען, וועלכע ער שרײַבט, זינט ער האָט ליב געקראָגן דאָס ווײַס בייגעלע פּאַפּיר אַפן שרײַבטיש. אַ שטיק לעבן זײַנס ווייס איך פון זײַן ראָמאַן „זיבעצניאָריקע". ער האָט קיין איין שורע ניט אָנגעשריבן, וואָס זאָל ניט זײַן דורכגעקניפּט מיט דער אייגענער לעבנס־דערפאַרונג, מיטן אייגענעם לעבנס־גוירל, מיט דער אייגענער פּאָזיציע אין לעבן. ער האָט דאָס לעבן זײַנס איבערגעאַקערט אין אַלע זײַנע הונדערטער גרעסערע, קלענערע און גאָר קליינינקע ווערק. „קליינינקע" ווערט דאָ ניט געמיינט לויטן באַדײַט, נאָר לויטן אײַנציקן זײַטעלע, אָדער האַלבן זײַטעלע, וואָס זיי פאַרנעמען.

איך מיין, אַז איינער פון די וויכטיקע סימאָנים פון אַ גוטן שרײַבער איז — צי קאָן מען אָן מאַטערניש, נאָר מיט פאַרגעניגן איבערלייענען זײַנע ווערק נאָכאַמאָל. בייס מע לייענט אַ גוטע זאַך דאָס צווייטע מאָל, באַמערקט מען, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט מען דורכגעלאָזט, ניט געלייגט קיין אַכט אויף פאַרזען אַזאַ און אַזאַ „גאָלדענעם" אָרט. וואָס בעסער ס׳איז דאָס ווערק, אַלץ מער באַם לייענען נאָכאַמאָל, געפינט מען פריִער דורכגעלאָזטע „גאָלדענע" ערטער. מע זעט, אַז אינעם ווערק איז פאַראַן ניט איין שיכט מאַטעריִאַל, נאָר צוויי און אַפילע דרײַ שיכטן, ס׳איז אונטערגעבעט מיט אַ טיפן הינטערגרונט און ס׳האָט אויך לופט. ס׳האָט אַזויפיל פרישע לופט, אַז די לונגען באַווײַזן ניט פאַר איין מאָל דעם גאַנצן סכום אַרײַנעטעמען אין זיך.

אַלס סטיליסט האָט, דוכט מיר, יעכיִעל שרײַבמאַן אין דער איצטיקער ייִדישער ליטעראַטור צו זיך ניט קיין גלײַכן. אַזאַ לאַקאָנישקײַט און צוזאַמען דערמיט אַזאַ פולקײַט און קלאָרקײַט פון דער שורע, אַזאַ געמאָסטנקײַט און אַזאַ טרעפלעכקײַט אַרײַנצושטעלן דאָס וואָרט דאָרטן, ווּ עס דאַרף שטיין, איז אַ הויכע מאַדרייגע פון קינסטלערישער פאַרפולקומטקײַט. אָבער ווען מיר לייענען שרײַבמאַנען, פאַרגעסן מיר וועגן סטיל, קינסטלערישער שליימעס, מיר האָבן פּאָשעטע האַנאָע, — ס׳איז אינטערעסאַנט און ס׳לייענט זיך גרינג. ס׳איז ניט יענע גרינגקײַט און אינטערעסאַנטקײַט, וואָס ווי נאָר מע פאַרמאַכט דאָס ביכל, פאַרגעסט מען וועגן וואָס מע האָט געלייענט.

דער גרעסטער טייל דערציילונגען און נאָוועלן שרײַבמאַנס זײַנען אָנגעשריבן אין דער „איך"־פאָרם. עס פיגורירט דאָרטן אַליין דער אווטאָר, — אַמאָל ווי אַן איידעס, אַן אַנדערס מאָל, — און דאָס איז אָפטער, — אַלס אָנטיילנעמער פון דעם, וואָס עס קומט פאָר. די דאָזיקע „איך"־פאָרם איז ניט קיין גרינגע פאָרם. זי באַגרענעצט שטרענגער דעם סיפּער־האַמײַסע, צוימט די פאַנטאַזיע, לאָזט ניט „אויסטראַכטן", „פאַנטאַזירן". אויב דו האָסט זיך אונטערגענומען צו זײַן אַן איידעס, איז זײַ, טײַערער, אַן איידעס נאָר פון דעם, באַ וואָס דו ביסט בײַגעווען. אויב דו שטעלסט זיך אַרויס, ווי אַן אָנטיילנעמער, איז באַשרײַב מיט דער גאַנצער וואָרהאַפטיקײַט דײַן אָנטייל. שרײַבמאַן איז אַן ערלעכער איידעס און אַ טרײַער אָנטיילנעמער. דאָס לעבן איז גרויס, דאָס לעבן איז פול — און דער קינסטלער שעפּט פונעם לעבעדיקן ברונעם און שעפּט, — און ס׳שעפּט זיך ניט אויס.

לאָמיר אַ ביסל אַ קוק טאָן און באַטראַכטן שרײַבמאַנס „טיפּאַזש". די מענטשן, וועלכע ער שילדערט, די שטעט און שטעטלעך, ווּ די העלדן זײַנע זײַנען „צוגעשריבן". דער גרונטפּלאַצדאַרם איז בעסאַראַביע, מאָלדאַוויע.

איידער בעסאַראַביע איז אין 1940־טן יאָר געוואָרן אַ סאָוועטישע, איז אַף דער גרענעץ צווישן דער פריציש־באָיאַרישער רומעניע און סאָוועטן־מאָלדאַוויע געלעגן אַ ייִדיש שטעטל, צעשניטן אַזוי ווי אַ לעבעדיקער גוף און אַ לעבעדיקע נעשאָמע אַף דער העלפט, — דאָס שטעטל וואַדראַשקעוו, וואָס האָט געהערט צו רומעניע, און דאָס סאָוועטישע שטעטל ראַשקעוו. אָן אויִצער אויסטערלישע פיגורן, כאַראַקטערן האָט אין וואַדראַשקעוו־ראַשקעוו געפונען יעכיִעל

שרייבמאַן, ער האָט זײַן געבוירט־שטעטל פאַרייביקט מיט אַזויפיל ליבע, טרײַשאַפט און קענט־שאַפט, אַזוי ווי שלום־עליכעם זײַן שטעטעלע וואָראָנקע.

אין דער דערציילונג „אין דעם טאָג, ווען ראַשקעוו איז געוואָרן סאָוועטיש", לייענען מיר: „אַ האַלב שטעטל איז געשטאַנען באַם דניעסטער און געוואַרט. אַף יענער זײַט, אין אוק־ראַינישן, אַלט־סאָוועטישן ראַשקעוו, האָט זיך פּאָוואָלינקע אויך אָנגעהויבן אַראָפּאיוועגן אַן אוילעם צום דניעסטער. אוילעם איז געשטאַנען קעגן אוילעם, דער דניעסטער איז זיך גע־פלאָסן אינדערמיטן, ווי ניט אים מיינט מען. וואָס ווייסט סאָפּקאַלסאָף אַ דניעסטער? אוילעם האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אַריבערשרײַען איינער צום אַנדערן, וואָס אַמאָל העכער, שטאַר־קער, אומפּאַרשטענדלעכער, גלײַך פון די געשרייען וועט באַלד ווערן אַ בריק און אַף דער בריק וועט מען זיך אַ לאָז טאָן איינער אַנטקעגן אַנדערן, פּונקט אין דער מיט בריק באַגע־גענען זיך, אַרומכאַפּן זיך, און אַרײַנפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס אַרײַן". („יאָרן און רעגעס", מאָסקווע, 1973, ז. 60).

די טיפע אָרעמקײַט, געפאַלנקײַט, אויסוועגלאָזיקײַט אין פאַרסאָוועטישן רומעניש־ייִדישן שטעטל האָט יעכיעל שרײַבמאַן באַשריבן מיט פולער קינסטלערישער קראַפט. ס'איז געוואָרן אַ פאַראַלגעמיינערט ייִדיש־בעסאַראַביש שטעטל, אַזוי ווי קאַסרילעווקע, כאָטש דער נאָמען — ראַשקעוו — איז ניט קיין אויסגעטראַכטער. ניט ווייניק ראַשקעווער פיגורן זײַנען דערהויבן בײַ שרײַבמאַנען ביז צו עמעסער טראַגיק. די גרויע האַרבע ווירקלעכקײַט ברענגט אום אינעם מענטשן דאָס מענטשלעכע, זויגט אויס פון מאַרך און פון האַרצן מענטשלעכע געדאַנקען, מענטשלעכע געפילן. אָבער יעכיעל שרײַבמאַן איז זוכע געווען צו זען און צו נאָכשפּירן נאָך די ענדערונגען, נאָך די נײַע שפּראָצונגען, וועלכע קומען פאָר אינעם באַנײַטן אָפּגעפרישטן סאָוועטיש געוואָרענעם וואַדראַשקעוו.

עס איז שוין געוואָרן קימאַט אַ קלאַל, אַז ווען מע שרײַבט וועגן אונדזערן אַ הײַנטצײַ־טיקן שרײַבער, זוכט מען אין אים ווירקונגען — פון וועמען „גייט" ער? פון שאָלעם־אַליכע־מען? פון פּערעצן? פון בערגעלסאָנען? פון אוראַם רייזענען? שאָלעם אַשן? אַפּאַטאָשון? אויב ער איז אַ דיכטער — האָט אַף אים געווירקט האַלפּערן, האַלקין, לייוויק? עפשער מאַיאַקאָווס־קי, יעסענין? איך זוך אויך בײַ שרײַבמאַנען ווירקונגען, לעמאָשל, די נאָוועלע „נויעך מיט זיבן גרײַזן" איז, דוכט מיר, אַ „פּערעציִשע". די לעצטע שורע דאָרטן, דער שלוס־אַקאָרד „נאַ, וועלט, זע, ווי שיין דו ביסט" איז אין פּערעצעס נוסעך, ס'האָט מיר דערמאָנט זײַן באַרימטע ליד „מיין ניט..."

> מײַן ניט, די וועלט איז אַ בערזע — באַשאַפן:
> דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
> צו קויפן בײַ אָרעמע מיידלעך די בושע,
> בײַ פרויען די מילך פון די בריסטן,
> בײַ מענער דעם מאַרך פון די ביינער,
> בײַ קינדער דעם שמייכל, —
> דעם זעלטענעם גאַסט אַפן וואָקסענעם פּאָנעם.
> אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ בערזע..."

אין דער נאָוועלע „נויעך מיט זיבן גרײַזן" ווערט אַף צוויי מיט אַ האַלבן זשורנאַל־זײַט־לעך דערציילט אַ דערשיטערנדיקע געשיכטע, וויאַזוי אַ מענטש אין אַמאָליקן וואַדראַשקעוו, אַ געפאַלענער, אַ צעטראָטענער אונטער דער שווערער ראָד פון גרויסן דאַלעס און אומגערעכ־טיקײַט, איז מאַקריוו די מענטשלעכע ווירדע זײַנע צוליב פּאַרנאָסע; און דערנאָך, ווען אין דער שטאָט יאַם, וווּ ער איז מיט דער פאַמיליע אַריבערגעפאָרן, פאַלט זײַנס אַ קינד אַרונטער אונטער אַ מאַשין, און דער באַלעבאָס פון דער מאַשין באַצאָלט דערפאַר נויעכן צען טויזנט ליי אויסקויף־געלט. איז מען נויעכן קימאַט מעקאַנע אין שטעטל.

„...הער, הער, כ'האָב מוירע צו זאָגן, אַז שטילערהייט, ערגעץ טיף־טיף אין זיך, האָט ראַשקעוו נויעכן אָנגעהויבן מעקאַנע צו זײַן.

וועהאָרײַע, אַז נויעך מיט די זיבן גרײַזן איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַראָפּגעקומען עלעל־צײַט אהיים אַף קייווער־אָווס, האָבן זיך ראַשקעווער ייִדן געדרייט אַרום אים... גערופן אים רעב נויעך, און, דאַכט זיך, אַפילע אַרויסגעקוקט אַף אַ שיינער נעדאָווע זײַנער — די פּאַרמאַ־כיקטע באָד אין ראַשקעוו וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט האָבן אַ נײַ שטיקל דאַך אַף זיך..." („ס. ה.", 1977, נומ. 3, ז. 23).

נויעך מיט זיבן גרײַזן איז טראַגיש, ווי באַנציע שוויַג, ווי דער מעשוגענער באַטלען. די איראָניע, דער סאַרקאַזם, דער אונטערטעקסט מיט די פּינטעלעך איז אין פּערעצעס סטיל. און אָט איז אַן אַנדער דערציילונג — „מעלאָכע־מעלוכע". אין אויער קלינגט שאָלעם־אַליי־כעם! שאָלעם־אַליכעמס גוטמוטיקע דערציילערישקײַט, זײַן אינטאָנאַציע, זײַן נוסעך פון מאָ־נאָלאָג. דער ייִד דער סטאָליער פון „מעלאָכע־מעלוכע" טרעט אַפילע אַרײַן מיט שאָלעם־אַליי־

כעמען אין א שטיקל וויקועך, און דער אווטאָר דערוויַזט דערמיט, אז ער געדענקט גוט, אז ער גייט דאָ אין שאָלעם־אַלייכעמס וועג.

„זיך איך היַינט, הערט איר, און האָב מיר מיט אים א שטיקל וויקועך, האָב איך...

— א וויקועך? מיט אַלעקסאַנדערלען?

— ניע, מאָלט אײַך מיט שאָלעם־אַלייכעמען!.. ס׳הייסט, ס׳רעדט זיך נאָר אזוי... ניט, טאַ־קע, כאָלילע, מיט אים אליין. נאָר מיט איינעם א זאָג זײַנעם... ווי זאָגט ער דאָרטן, ווי? א מענטש איז געגליכן, זאָגט ער, צו א סטאָליער, א סטאָליער לעבט, לעבט און שטארבט, און א מענטש לעבט, לעבט און שטארבט... ניע, פאניע שאָלעם־אַלייכעם... ניע סאָגלאסען... א סטאָליער שטארבט ניט...״ (בוך „יאָרן און רעגעס״, ז. 214).

א דריטע דערציילונג — „שיינע, פירעקעכדיקע קנעפּ״, זי דערמאָנט מיר מיט עפּעס די דערציילונגען פון וולאַדימיר טענדריאַקאָוו, וועלכער שרײַבט אף מאָראַלישע טעמעס און וואָס רופן, געוויינלעך, ארויס א גרויסן אָפּקלאַנג באַם לייענער. דער סיפּער־האַמײַסע איז אזא. די עלטערן האָבן אופגעגנייט זייער זון א נײַעם מאנטל מיט געוויינלעכע קײַלעכדיקע קנעפּ, און דער זון וויל „נישט געוויינלעכע, נאָר פירעקעכדיקע קנעפּ. א קלייניקײַט, א נארישקײַט, אָבער ס׳האלט באַ א גרויסן קריג. טאטע־מאמע טײַנען, אז „קנעפּ אף א באָכעריש אָסיענדיק פּאַלטאָכל דארפן זײַן, ווי קנעפּ זײַנען פון זינט די וועלט שטייט: נאָרמאַלע, מענטשלעכע, קײַלעכדיקע קנעפּ...״. דאָס באָכערל טײַנעט זײַנס, ער פארשטייט ניט, פארוואָס קנעפּ דארפן זײַן אייביק קײַלעכדיקע, פארוואָס טאָרן זיי ניט זײַן קיין אנדערע, שענערע?

צו קיין אויסגלײַך איז מען אזוי גיך ניט געקומען. דער כעוורעמאַן „האָט געטאָן א כאַפּ א ראַזיר־מעסערל און געגעבן א כיק אָפּ די קײַלעכדיקע קנעפּ פון דער פּאַלטאָ, אז ס׳האָט אזש געריסן באַם הארצן. ער האָט זיי נאָך געקענט אָפּכיקען איינעם מיט שטיקער שטאָף אויך״. האָט דער צעבייזערטער טאטע גענומען און ווידער צוגעגנייט די פריַערדיקע, און דער־נאָך, ווען דאָס ייִנגל איז אוועק, און ער, דער טאטע, האָט זיך אָפּגעקילט, האָט ער טאַקע, בימכילע, אליין ווידער צוגעגנייט די פירעקעכדיקע.

אין דער „קנעפּל״־געשיכטע איז ארײַנגעפלאָכטן נאָך א געשיכטע — מיט א טשעמאָ־דאנדל, און דאָ איז שוין דער אקשן, דער „שייגעץ״, וואָס וויל ניט פאָלגן דעם טאטן, ער, דער איצטיקער טאטע, אליין, וועלכער האָט ייִנגלווײַז ניט געוואָלט פאָלגן זײַן טאטן. ס׳האָט זיך געהאנדלט דעמלט וועגן פיל וויכטיקערס, איידער איצט מיט די קנעפּ אפן מאנטל. דאָס באָ־כערל האָט באשלאָסן אוועקפאָרן פון דער היים, פארלאָזן די אָרעמע שטוב, פארלאָזן דאָס שטעטעלע וואדראשקעוו, וואָס איז פארזונקען אין דאלעס, אין נויט, אין פינצטערניש. דאָס טשעמאָדאנדל מיט די צונויפגעלייגטע זאכן האָט דער טאטע בישטיקע אוועקגעטראָגן צו דער מומע דוווירען, קעדיי דער באָכער, ווען ס׳וועט קומען די פור, זאָל ניט קענען אוועקפאָרן. אינעם נייטיקן מאָמענט באטראכט ער זיך אָבער.

„פּלוצעם האָט זיך דער טאטע געגעבן א הייב אוף פון דער סאָפקע, געטאָן א טיפן כאָרכלדיקן זיפץ און א זאָג געטאָן:

— נו, מיילע... לאָז זײַן אזוי... דער טשעמאָדאנטשיק איז באַ דער מומע דווירען... גיי און נעם אים... און פאָר... זיי מאצלי׳עך...

— באַ דער מומע דווירען? ס׳קער שוין זײַן צוויי דער זייגער באנאכט.

— ווארט אויס, לויף ניט... אָן א סימען וועט זי דיר אים ניט געבן... זאָג איר, אז מיר האָבן זיך היַינט צערעדט מיט איר וועגן זיידן אָלעווהאשאָלעם... וועגן טאטן מײַנעם... כ׳האָב איר דערציילט די היסטאָריע מיט דער קאָסעוואָראָטקע״... („יאָרן און רעגעס״, ז. 202).

און ס׳קייטלט זיך צו נאָך א געשיכטע, זייער א באַלערעוודיקע און אויך זייער צום אָרט. די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער לייזט יעדער נײַער דאָר אף זײַן אויפן, נאָר די טאטעס גיבן סאָפקאָלסאָף נאָך די קינדער, באַ זיי, באַ די קינדער, הייבט זיך דאָס לעבן ערשט אָן, זיי דארפן דורכטרעטן נײַע וועגן.

א סאך שרײַבער, גרויסע און קליינע, האָבן געשריבן אף אזעלכע טעמעס. לויט דער טע־מאטיק רופן זיי זיך איבער איינער מיטן אנדערן. עס רופט זיך איבער די קרויווּשאפט פון דער לעבנס־סיטואַציע, אָבער ניט די אויספורעמונג פון די געשטאלטן, ניט דער סטיל, ניט די שפּראך. דאָס איז אלץ אייגנס, אויסגעטראָגנס אינעם אייגענעם הארצן און אין אייגענעם מויעך. ס׳איז אן אנדער איראָניע, אן אנדער שמייכל, אן אנדער פײַנקײַט, אן אנדער קענטשאפט צו דערגרייכן צום לייענער, א קענטשאפט, וואָס מע קאָן זי ניט נעמען באַ אנדערע און מע קאָן אויך ניט איבערגעבן עמעצן אן אנדערן.

ווער פון אונדזערע שרײַבער, אָנגעהויבן פון מענדעלען, האָט ניט געשריבן וועגן פּאַלש־קײַט, אָפּנארערײַ? ווי׳אזוי א יונג קינד, לעמאָשל, אן ערלעכע ריינע נעשאָמע, דערזעט מיטא־מאָל באַ דערוואקסענע, וועלכע ער האָט געהאלטן פאר אָנשטענדיקע מענטשן, עפּעס גאָר־גאָר נידעריקס, געמיינע שווינדלערײַ, און ווי׳אזוי די דאָזיקע טרויעריקע אנטדעקונג ווירקט אָפּט־מאָל אפן קינדס גאנצן ווײַטערדיקן לעבן? דעם ייִנגל פון שרײַבמאנס דערציילונג „א נײַע ראשקעווער מײַסע״ האָט אזא „אנטדעקונג״ געקאָסט ניט גאָר קיין סאך, ער האָט סאכאקל פון דער אופטרייסלונג פארלאָרן דאָס קעלעכל צום זינגען, דאָס „אלטל פרימע״, און געשען איז

אַט וואָס: דאָס ייִנגל איז געווען א מעשוירערל באם כאזן דאָוויד זילבערמאן, און יאָמקיפּער, אין דער שטאָט בעלץ, וווהין די קאפּעלע איז אראָפּגעקומען אף די יאָמים־נוראָיִם, האָט ער, דער כאזן, דער שאָליִעך ציבור, פאר דעם, ווי מע האָט גענדאַרפט גיין אין שול, אריַינגערופן די מעשוירערים צו זיך אין צימער אין האָטעלכל, ווו מע איז איַינגעשטאנען. און פאָרגעלייגט גוט צוביַיסן און אויסטרינקען.

„דאָוויד זילבערמאן האָט זיך א קער געטאָן צו ביניאָמין באס:

... — אוילעם־גוילעם פאסט, דער אוילעם, ביניאָמין, וויל אָפּקומען מיט א טאָנעס. מיך, דעם שאָליִעך־ציבור, שטעלן זיי אוועק באם סאמע פיַיער: זאָג, פארענטפער, בעט, לויב, באַ־זינג! מיט ליידיקע קישקעס, ביניאָמין, לויבט זיך ניט און זינגט זיך ניט...״

דערנאָך, אין שול באם אָמעד, האָט דעם עלפיאָריקן ייִנגל, דעם מעשוירערל, זיך אויס־געוויזן, אז „פון די אויסִיִעס קייטלט זיך צונויף ניט דאָס וואָרט „שאדיַי״, נאָר דאָס וואָרט „שעקער״. „שעקער, שעקער — האָב איך שטיל אין זיך די גאנצע ציַיט איבערגעכאזערט, און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט פאמעלעך אופגעגעסן דאָס שיינע אלטל מיַינס... אבראַם האָט א ווונק געטאָן צו מיר, כ׳זאָל אָנהייבן זאָגן די סאָלאָ, פון מיַין מויל איז ארויס ניט קיין געזאנג און אפילע ניט קיין מערוקע, ווי בא סאשקע שטראנוואסער, נאָר א מין קוויטש, א מין סווישטש...״ („סאָוועטיש היימלאנד״, 1976, נום. 5, ז. 92).

דאָ דאַרף מען צוגעבן, אז דאָס פארלאָרענע אלטל האָט געשפּיַיזט ניט נאָר אליין דעם כעוורעמאנטשיקל, נאָר אויך אונטערגעהאלטן די אָרעמע אויסקומעניש פון טאטע־מאמע אין ראשקעוו.

איך היט זיך די גאנצע ציַיט צו זאָגן א הויכן לויב־וואָרט, ס׳זאָל ניט פארטויבן די עצעם־זאך, כ׳וויל נאָר אייצענען די, וואָס האָבן ניט געלייענט די „נײַע ראשקעווער מיַיסע״, זיי זאָלן זי איבערלייענען, זיי וועלן פארזוכן פון דעם, וואָס הייסט עמעסע ליטעראטור.

וואָס אָנבאלאנגט „ווירקונגען״, „שיַיכעסן״, „קרויווישקײַט״... „שטעלט זיך פאָר, אז דער סאָף פון דער „נײַער ראשקעווער מיַיסע״ האָט אומגעריכט מיר דערמאָנט דעם סאָף פון אלעקסאנדער גובניצקיס גרעסערער דערציילונג „מיַין ייִכעס״. גובניצקי איז געווען א שריַיבער פון אונדזער ציַיט, פון „סאָוועטיש היימלאנד״־פעריִאָד, אונדזערער א לעבנס־כאווער. זאָל דאָ בא דער גינסטיקער געלעגנהײַט געזאָגט ווערן, אז מע דערמאָנט אים שוין קימאט ניט, גיך פארגעסן געוואָרן... א שריַיבער איז ער געווען א גוטער. א ווארעמער, לעבעדיקער אָטעם האָט דורכגעדרונגען אלץ, וואָס ער האָט געשריבן.

איז אָט, מיר דוכט, אז די זעלבע לירישע, הארציקע אינטאָנאציע לאָזט זיך הערן אין ביידע סאָפן — אין גובניצקיס „מיַין ייִכעס״ און אין שריַיבמאנס „ראשקעווער מיַיסע״.

בא גובניצקין:

„טיַיערע ערד מיַינע, נעמסט צו זיך צו סיַי גוטע מענטשן, סיַי שלעכטע, שלינגסט איַין אין זיך רעגנס און שנייען, פון דיר קומען ארויס סיַי ווערעמלעך, סיַי קוויטן, אלץ קומט פון דיר און אלץ נעמסטו צו צוריק. איז צו וואָס האָסטו געיַילט צונעמען מיַין מייער באלנעס? נעכיַי וואָלט ער נאָך געלעבט א ביסל, ער וואָלט דאָך סיַיווי געקומען אין דיַין רו...״ — (אלעקסאנדער גובניצקי. „מיַין אויצער״. מאָסקווע, 1973, ז. 48).

בא שריַיבמאנען:

„ס׳ריַיסט מיר דאָס הארץ, וואָס דער זיידע זוסיע האָט ניט דערלעבט איבערצולייענען קיין איין מיַיסע מיַינע... די ראשקעווער גוטע־ייִדן האָבן דיר צוגעטראכט א ווילן צונאָמען: „זוסיע שייגעץ״... זעץ זשע זיך אנידער, זיידעניו, אָט דאָ־אָ, לעבן מיר באם טיש און האָרך, ווי דיַין אייניקל, דער מעשוירער, לייענט דיר פאָר זיַין געזאנג...״ („ס. ה.״, 1976, נום. 5, ז. 93).

אין זיַינעם אן ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאנד״, וואָס הייסט „דעם מעכאבערס א פּאָר ווערטער ארום א פּאָלעמיק וועגן זיַין ווערק״ איז יעכיִעל שריַיבמאן זיך „מוידע געווען״, אז ער האָט זיך לאנג געשלאָגן מיט דער דייע, צי זאָל ער אָנרופן די „זיבעצניאָריקע״ — דערציילונג אָדער ראָמאן. פאר א ראָמאן — עפּעס א ביסל צו ווינציק, סאכאקל בא א זעקס דרוקבויגן; פאר א דערציילונג א ביסל צופיל. מע וואָלט גענדאַרפט אָנרופן „פּאָוועסט״, — האָט מען נאָך אלץ ניט צוגעטראכט, וויִאזוי איבערזעצן „פּאָוועסט״ אף ייִדיש. יעכיִעל האָט אזוי לאנג געטראכט, ביז ער האָט אראָפּגענומען די האנט פון הארצן און צו זיך אליין געזאָגט: „זאָל זיַין, וואָס ס׳וועט זיַין״, און די פינף אויסיעלעך „ראָמאן״ אָנגעשריבן אפן ערשטן בלעטל. ער האָט דאָס געטאָן, ווי א מענטש, א גרויסער האָרעפּאשניק, וועלכער האָט א סאך־א סאך ציַיט אָפּגעהאָרעוועט, געמיַיסטרעוועט און ער פילט, אז ס׳איז ארויס עפּעס רעכטס, מעג ער זיך פארגינען אוועקשטעלן א געהעכערטע פריַיז. איַי, מענטשן וועלן ריידן, מענטשן וועלן זאָגן? האָט מען טאקע גערעדט און געזאָגט, און אין „סאָוועטיש היימלאנד״ איז אפילע פאָר־געקומען א שטיקל פּאָלעמיק, ווו צווישן אנדערע שטריַיטבארע פראגן איז אויך געווען די פראגע: איז עס טאקע א ראָמאן? אזא קליינער ראָמאן?

איך פערזענלעך מיין, אז ווען ס׳וואָלט אפילע געווען דאָס וואָרט „פּאָוועסט״ אף ייִדיש, האָט יעכיִעל שריַיבמאן מיט פולער רעכט אָנגערופן זיַין ווערק ראָמאן. ס׳איז טאקע אזוי, ווי ער אליין שריַיבט: „כ׳בין קיין כעט ניט באגאנגען. פארקערט: אפילע שילעריש גענומען, אפּיר

לע לויט עלעמענטאַרע קלאַלים פון שול־פּאָעטיק, האָט מען די זאַך געקענט, און עפּשער טאַקע געדאַרפט, אָנרופן „ראָמאַן". („ס. ה.", 1974, נומ. 2, ז. 156).

געוויס גייט דאָ ניט נאָר אין דער באַצייכענונג פונעם זשאַנער, ביפּראַט נאָך, אַז ווי אונדז איז באַוווּסט, שרײַבט איצט יעכיעל שרײַבמאַן א פאַרזעצונג פונעם ווערק, און אויך שוין לויטן פאַרנעם וועט עס דאַן אויסהאַלטן די „פּראָבע".

לויטן סכום מאַטעריאַל, לויט דער דראַמאַטישער האַנדלונג, געוויזן אַף א ברייטן סאָציאַלן און שטייגערישן פאָן, לויט די פיל געשטאַלטן, וואָס זײַנען געשילדערט מיט זייערע פאַרשיידענע גויראָלעס, נאָך וועלכע מיר שפּירן נאָך מיט אופמערקזאַמקײַט און אינטערעס, זײַנען די „זיבעצניאָריקע" א ראָמאַן — אַף אַנדערע ראָמאַנען, מיט א גרעסערער צאָל זײַטן, — געזאָגט געוואָרן. א ראָמאַן, לויט אַלע געזעצן פונעם זשאַנער, ווי זיי זײַנען פאָרמולירט אין ל. אי. טימאָפייעווס לערנבוך „יעסוידעס פון דער ליטעראַטור־טעאָריע".

מיט פאַרגעניגן דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב די „זיבעצניאָריקע" רעצענזירט פאַרן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", דערנאָך האָב איך זיי ווידער געלייענט, ווען שרײַבמאַן האָט אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג זײַן בוך „יאָרן און רעגעס", וווּ די „זיבעצניאָריקע" זײַנען אַרײַן צווישן פיל אַנדערע זאַכן. און א דריטן מאָל האָב איך דעם ראָמאַן געלייענט, ווען דער בוך איז מיט מאַזל אַרויס פון דרוק, און דער אווטאָר האָט מיר צוגעשיקט א מאַטאָנע — „יאָרן און רעגעס". האָב איך, הייסט עס, געלייענט דרײַ מאָל, און איצט, שרײַבנדיק מײַן אַרטיקל, האָב איך דורכגעלייענט א פערטן מאָל, אייניקע אָבזאַצן געדענק איך אַף אויסווייניק. ווי.אַזוי קאָן מען ניט האָבן האַנאָע, לעמאָשל, פון אַזאַ אָבזאַץ, וווּ עס ווערט געשילדערט א זייגער־וואַרשטאַט און זײַן באַלעבאָס, רודאָלף שאַפּיראָ. אין געציילטע שורעס ווערט אופגעשטעלט א קלאָר און בולעט בילד:

„הער רודאָלף שאַפּיראָ, א ייִד מיט א דין קוויטשעדיק קעלעכל און מיט א שווער גאָלדן קייטל צווישן ביידע קעשענעס פון זײַן זשילעט, האָט פאַרמאָגט א גרויסן מאַגאַזין פון זייגערס און פורניטורן צו זייגערס. דער מאַגאַזין איז געווען פול מיט שאַפעס און פול מיט שפּיגלען. די צענדליקער זייגערס אַף די ווענט און די הונדערטער זייגערלעך אין די שאַפעס, אַזוי אויך ניט אַף איבערצוציילן און אַף אַרומצוכאַפּן מיטן אויג, האָבן נאָך איבער די דאָזיקע שפּיגלען אויסגעזען צוויי מאָל אַזויפיל, דרײַ מאָל אַזויפיל. אין מאַגאַזין האָט זיך טאָמיד געהערט א זשורזשערײַ און א גרילערײַ פון די זייגערלעך, ווי גלײַך טויזנט קיידער־ייִנגלעך וואָלטן דאָ אוועקגעשטעלט טויזנט פודעלעך פון שוועבעלעך מיט טויזנט גרויסע סאָפּזומערדיקע, גילדענע, געפאַנגענע פליגן..."

כ'האָב ליב די „זיבעצניאָריקע", ווי ס'וואָלט געווען מײַנס אַן אייגן געראָטן ווערק, — אַליין אויסגעטראָגן, אַליין געווייטעקט מיט דעם, אַליין איבערגעלעבט. אַף די זײַטלעך פון ראָמאַן פיל איך דעם אומרויִקן און צוציִענדיקן אַראָמאַט פון יוגנט, דעם ברויז פון יונגע, ריינע, דערהויבענע שטרעבונגען, ס'איז גוט אויסגעדריקט דער פאַרלאַנג פון שטעטלשע באָכערימלעך „אויסגלײַכן די קרומע וועלט", עס פלאַטערן אַף די זײַטלעך פון ראָמאַן די פרישע ווינטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן דעמלט זיך דערטראָגן צו יענע בעסאַראַבער באָכערים און מיידלעך. לייענענדיק די „זיבעצניאָריקע" פאַרגלײַך איך זיך און מײַן סוויווע מיט יעכיעל שרײַבמאַנען און זײַן סוויווע פון יענער צײַט. מיר זײַנען קימאַט אין איין עלטער, גערוקט איינער פונעם אַנדערן סאַכאַקל אַף אַכט כאַדאָשים, אָבער ווי פאַרשיידן, ווי אַנדערש זײַנען געווען די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר זײַנען געוואַקסן. אין די זעלבע אָוונטן, ווען איך מיט הירשקע דיִאַמאַנטן און בוזי מילערן האָבן שפּאַצירט איבער די כאַרקאָווער גאַסן, און עמע קאַזאַקעוויטש האָט אונדז פאַר הויך געלייענט מאַיאַקאָווסקיס «Во весь голос» („מיטן פולן קאָל") אין זײַן איבערזעצונג אַף ייִדיש, האָט יעכיעל שרײַבמאַן, אויך ווי מיר, א שרײַבער אַן אָנפאַנגער, וואָס האָט פון שטעטל געבראַכט מיט זיך אין טשעמאָדאַן די ערשטע „געגראַמטע שורעס", אין דער זעלבער צײַט געגאַנוועט זיך איבער די טשערנאָוויצער גאַסן און געקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס. „העכער פונעם שרײַבן, העכער פונעם לערנען אין סעמינאַר האָב איך דעמלט געשטעלט די אויטעטשע־פּראָקלאַמאַציעס (אויטעטשע — קאָמוניסטישער יוגנטפאַרבאַנד אין רומעניע). „העכער פון אַלץ אין דער וועלט איז דעמלט, מאָלט אײַך, געווען אין מײַנע אויגן די טפיסע, דערהויבענער, ראָמאַנטישער, העלדישער — די פּײַניקונגען, מיט וועלכע די כעוורע פלעגן געפּײַניקט ווערן אין סיגוראַנצע ביז אין דער טפיסע.

כ'האָב דאָס אַלץ דורכגעלעבט... די דרײַ יאָר צווישן זעכצן און נײַנצן, האָבן מיר אויסגעזען די סאַמע לענגסטע און סאַמע זאַפטיקסטע, ווי קיין איין יאָר ניט דערנאָך ביז הײַנט".
(„מײַן לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער", „ס. ה.", 1973, נומ. 3. ז. 89).

אַלע שרײַבער האָבן איין און די זעלבע אופגאַבע, — שילדערן, באַשרײַבן זייערע העלדן, אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, יעדערער טוט עס אַף זײַן אייגענעם אויפן. בא די שרײַב־טישן זיצט מען באַזונדער, און איבער דער שורע, איבערן וואָרט מאַטערט מען זיך אויך באַזונדער, אַזוי ווי מע וואָלט נאָרוואָס אויסגעלערנט דעם אַלעפבייס, אָבער דער לייענער דאַרף ניט פילן די האָרעוואַניע, ער טאָר ניט זען דעם שווייס, ער דאַרף האָבן פונעם לייענען עסטעטישן פאַרגעניגן. אַזוי ווי שמועל האַלקין שרײַבט:

ניט אומזיסט פאַרמאָגסטו אזא האַנט,
ניט אומזיסט אין האַנט האָסט א טאַלאַנט.
א געשאַנק איז דיר אזא געגעבן —
מענטשן צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן.
זעסט, זיי זײַנען דאָך אין זאָרג פאַרטיפט —
מאַך זיי כאָטש ניט שווערער מיט דײַן שריפט.

די שורע באַ שרײַבמאַנען איז א פּולע, א וואָגיקע, און לייענען לייענט זי זיך גרינג. איך האָב אָפּ ציקאָווועסט אויסגעשריבן אלע העלדן פון ראָמאַן. ס'איז א לאַנג צעטל און אלע וועל איך זיי ניט איבערעכענען.

ערשטנס, דאַרף מען באַצייכענען, אזוי צו זאָגן, א קאָלעקטיוו געשטאַלט, גופא די שטאָט טשערנאָוויץ, זי לעבט אינעם ווערק, ווי א לעבעדיק וועזן. דער מעכאַבער באַשרײַבט זי ניט ספּעציעל, ער טוט נאָר אָפּט, דערעכאַגעווו, א טרעפלעכן מאָל אראָפּ א גאַס, א פאָרשטאָט, א הויז. לעמאָשל, אָט האָט איר די גאַס, וואָס האָט געהייסן שפּרינגברונענגאַסע.

„עפּעס א מין קורצע, געדריידלטע ווינקל־גאַס. זי איז געווען פול מיט קלייטלעך, פול מיט שטעלן, פול מיט שילדן, פול מיט רויך און געפּילדער.“ („יאָרן און רעגעס“, ז. 100).

דער לייענער זעט גוט די גרויסהאַלטעריש־סאַכרישע, פּאַרזונקענע אין וואָכיקער גרויקײַט און פּוסטקײַט שטאָט טשערנאָוויץ אין דער באַיארישער רומעניע; נאָר ס'איז אויך דאָ א ליכ־טיקער שטראַל. ער גייט פון די מענטשן, וועלכע ווילן איבעראַנדערשן די וועלט.

גרויסע סימפּאַטיע רופט אַרויס דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן, — דאָס זיבעצניאָריקע באָ־כעריל, זײַן נאָמען ווערט ניט אָנגערופן, דעם סיפּער־האָמײַסע פירט ער פון זיך אַליין. ווילן מיר — איז דאָס יעכיעל שרײַבמאַן, גיכער פון אַלץ איז דאָס טאַקע ער, אָבער דאָס געשטאַלט איז א פּאַראַלגעמיינערטע, א טיפּיזירטע, א כאַראַקטעריסטישע פאַר די זיבעצניאָריקע באָכערים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אומלעגאַלער רעוואָליוציאָנערער באַ־וועגונג.

שרײַבן וועגן זיך איז ביכלאַל ניט קיין גרינגער אינין, מע דאַרף זיך היטן ניט צו מאַכן קיין קיינדלעך צו זיך אַליין, ניט שפּיגלען זיך אין דער אייגענער פײַנקײַט, זען זיך ניט ווי א יאַכיד, אַן אויסנאַם, נאָר איבערפלעכטן דעם אייגענעם גוירל מיט די גויראַלעס פון די כאַ־ווײרים. דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן איז א שטילער באַשיידענער כעוורעמאַן אויסערלעך, און מיט א העל פײַערל אינווייניק. ער איז אזא, ווי יעכיעל שרײַבמאַן דערציילט וועגן זיך אין זײַן „לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער“, וואָס אונדז איז שוין אויסגעקומען ניט איין מאָל ציטירן.

„דער וואָיסרויציצער האָט זיך אָנגעהויבן גאָר־גאָר פרי, צווישן בענימעסדיקײַט און שקאָ־צישדיקײַט, וווילינגערישקײַט און געזעצטקײַט, צווישן „שבת“ מיט א תּין און „שאַבעס“ מיט א סאַמעך, צווישן העברעיִש און אַנטיהעברעיִש. צווישן בלײַבן אין שטעטל און א ביסל צו־העלפן דעם טאַטן, אָדער אַוועק אין דער גרויסער וועלט און א ביסל צוהעלפן דער וועלט...“. (דאָרטן, ז. 89).

א קאָהאָרטע ייִנגלעך און מיידלעך (ס'קלינגט צו הויך דאָס וואָרט „קאָהאָרטע“, נאָר קיין אַנדערן געפין איך ניט) רינגלען אים אַרום דעם הויפּט־העלד און זיי אַלע — ווער מער געניי, ווער א ביסל ווינציקער, זײַנען געשילדערט מיט גרויסער קינסטלערישער געטרײַשאַפט און ערלעכקײַט, ניט פאַרפּײַנערנדיק, ניט באַפּוצנדיק, — זיי נייטיקן זיך ניט אין דעם.

עס איז פאַראַן אין ראָמאַן א ליבע, און ניט איינע, נאָר עטלעכע, ווײַל זיבעצן יאָר איז די עמעסע צײַט פאַר ליבע. אזעלכע פײַנע מיידלשע געשטאַלטן — ריווע און כאַנע. דעם הויפּט־העלד פון ראָמאַן איז גאָר אָפּן צענטן געדאַנק ניט אַרוף, ווען ער באַגעגנט ריווקען אָף דער יאַוועקע, אז זי קאָן אויך האָבן א שײַכעס צו „אָט די־אָ זאַכן“. „איך שטיי א רעגע ווי געפּלעפּט. אָף וואָס — אָף וואָס, נאָר אָף אזוינס האָב איך זיך ניט געריכט. דעם פולן טאַש טראָגט שויז, דאַנקען גאָט, איך, ניט זי. כ'האָב אפילע ניט געפילט, ווי זי האָט אים מיר אַרײַנגעלייגט אין דער האַנט“.

א ווויל מיידל — מאַליע. אין מאַליען פאַרליבט זיך דער העלד פון ראָמאַן. א ריינע און שיינע ליבע פון צוויי יונגע, גאָר יונגע מענטשן, באַ וועלכע די ליבע שטייט ניט אָפן ערשטן אָרט און עס שרעקט זיי ניט אָפּ די טפיסע.

מיט שרײַבמאַנס לאַקאָנישקײַט איז געשילדערט דער טשערנאָוויצער העברעיִשער לערער־סעמינאַר. באַנאַנד מיט דער שטאָט טשערנאָוויץ איז עס דאָס צווייטע קאָלעקטיווע געשטאַלט אינעם ראָמאַן. סעמינאַריסטן, סעמינאַריסטקעס, לערער, אָנפירער — אַלע ווערן געגעבן בעקי־צער, נאָר איין לערער, דעם דאָקטער פּאָראַט ווידמעט דער מעכאַבער גאַנצע צוויי זײַטלעך, און דאָקטער פּאָראַט פאַרדינט דאָס. ס'איז א מענטש, וואָס גייט אין שפּאַן, ער לערנט מיט די סעמינאַריסטן דאָס, וואָס עס דאַרף לערנען א ליטעראַטור־לערער אין א העברעיִשן סעמינאַר, ער פאַרגיט זיי, לעמאָשל, אָנשרײַבן א כיבער „דער נאַציאָנאַלער ווערט פון פּייסעך“. דער העלד פון ראָמאַן, אויך א סעמינאַריסט, אַנדערשט א ביסל איבער די טעמע און ער שרײַבט

אָן א כיבער „ניט וועגן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון פייסער, נאָר סאָציאַלן ווערט פון פייסעך", און דעם דאָקטער פּאָראַט איז דער „קאַפּויערער גאַנג" דאַפקע געפעלן. ער שטויסט זיך אָן, אַז זיַין טאַלמיד איז נאָענט צו דער אומלעגאַלער באַוועגונג און ער האַלט אים אונטער מיט זיַינעם א זאָג: „גוט, גוט, דאָס איז אויך א ייִדישע זאַך".

אייניקע „ליניעס" אין ראָמאַן זיַינען ניט פאַרענדיקט, אייניקע געשטאַלטן זיַינען באַוויזן נאָר אין אָנהייב אַנטוויקלונג פון זייערע כאַראַקטערס. ביכלאַל, וויִאַזוי קאָנען געמאָלט זיַין פאַרענדיקטע ליניעס, אַנטוויקלטע כאַראַקטערס בא זיבעצניאָריקע? זייער לעבן הייבט זיך ערשט אָן. אינעם וויַיטערדיקן טייל פון ראָמאַן וועלן שוין די כעוורע זיַין עלטער א ביסל, די ליניעס וועלן זיך פאַרלענגערן, אָבער אויך נאָך ניט פאַרענדיקן. דעם עמעס געזאָגט, איז דאָך „סאָף", „ענדע" ניט קיין פריילעך וואָרט.

אין 1940, נאָך דער באַפריַיונג פון בעסאַראַביע, איז יעכיִעל שריַיבמאַן געוואָרן א סאָוועטישער בירגער און א סאָוועטישער שריַיבער, אָדער כ'וואָלט געזאָגט אַנדערש — אָפּיציִעל געוואָרן, וויַיל סאָוועטיש איז ער אויך פריִער געווען, זיַינענדיק אין רומעניע. זיַין אויג, זיַין האַרץ, זיַין פען איז די גאַנצע ציַיט געווען געווענדט צו מאָסקווע.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ער געקומען ווי א מעכאַבער פון א דריַי צענדליק „לינקע" דערציילונגען און אַן אַרויסגעבער אין פאַרלאַג „אַליינעניו" ליטעראַרישע זאַמלונגען, וועלכע האָבן געהייסן „מיַינע העפטן". צוויי אַזעלכע געדרוקטע העפטן האָט ער געבראַכט מיט זיך, אָבער קוים באַוויזן זיך אַרומקוקן און געניסן פון פרידלעכן סאָוועטישן לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע.

איינע פון די בעסטע מילכאָמע־דערציילונגען איז, לויט מיַין מיינונג, שריַיבמאַנס דערציילונג „איציק ראַכמיִעלס", זי איז געבויט אָף קאָנטראַסטן, מענטשלעכע דערהויבנקיַיט און כיַיִשע געפאַלנקיַיט, העכסטע אָפּפערווויליקיַיט און נידעריקסטע געמיינקיַיט זיַינען קעגנגע־שטעלט אין צוויי געשטאַלטן, — איין געשטאַלט איז דער העלד פון בערשאַדער געטאָ בייס דער רומענישער אָקופּאַציע איציק ראַכמיִעלס דעם שוסטערס זון, א צווייט געשטאַלט — דער נידערטרעכטיקער נעפעש, דער סטאַראָסטע יאַנקל פעקער, וועלכער „בעט אַנטליַיען" פאַרן פאַשיסטישן שעף־דע־סעקציע „אָף א נאַכט" בא א ייִדן זיַין טאָכטער. דעם פאַרטיזאַנער איציק ראַכמיִעלס האָט מען אופגעהאַנגען...

צווישן די ערשטע ביכער, וועלכע זיַינען אין מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס" דערשינען נאָך דער מילכאָמע, אין 1946 יאָר, איז געווען שריַיבמאַנס בוך דערציילונגען „דריַי זומערס". אין זיַין „לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער" דערציילט שריַיבמאַן וועגן דער גרויסער שע־פערישער פרייד, וועלכע ער האָט געהאַט בייסן שריַיבן אינעם וויַיטן אוזבעקישן קישלאַק סאָוואָט דערציילונגען, וויִאַזוי ייִדן ווינען אין קיביטקעס, און אַז „איזיס זיידע פאַרשטייט שוין אוזבעקיש"; און וויִאַזוי כאַוועראָ בראָווער „א הויכער שמאָלער ייִד מיט אביינערדיק געגאָלט פּאָנעם און צוויי גראָווע צעשויבערטע וואָנצעס", — קריגט א בריוו פון זיַין זון יאַנקל, פון פראָנט...

ווען מיר לייענען דורך „כאַוועראָ בראָווער", „ווינטער־טעג" און אַנדערע דערציילונגען, ווערן אופגעשטעלט פאַר די אויגן בילדער פון די עוואַקואַציע־יאָרן, מיר זעען, וויִאַזוי גאָר פאַרשיידענע מענטשן האָט געאייניקט די שווערע מילכאָמע, די אַרבעט אָפן פעלד, די האָפענונג אָפן זיג.

יעכיִעל שריַיבמאַן איז א פּילזיַיטיקער שריַיבער, ער קוקט אַריַין אין א סאַך וועלטן, און איינע פון די באַליבטע וועלטן איז בא אים די קינדער־וועלט. אין די קליינע מיַיסעלעך פאַר קינדער פּאָעטיזירט ער אַרבעט, אַרבעטס־פּראָצעסן, די וואָכעדיקסטע אַרבעט ווערט געטאָן מיט פרייד, יאָמטעוודיק. און ס'ווערט מיט פריַיד און יאָמטעוו באַלוינט. „דאָס שענסטע שי־כעלע אין דער וועלט" קומט צו א קליין מיידעלע נאָך דעם, ווי זי באַגיסט די בלומען, וועלכע זיַינען געשטאַנען מיט פאַרטריקנטע מיַילעכלעך. זיי האָבן געוואָלט א טרונק! דאָס מיידעלע הייבט אוף א ביכל, וואָס וואַלגערט זיך אָפן דיל; זי טוט נאָך גוטע זאַכן. „אַז קיינער קניַיפּט דיר ניט, קיינער טריַיבט דיך ניט, זוכט דיך עמעצער אויך מיטן גאָלדענעם שיכעלע?" וויַיזט זיך אַרויס, אַז יאָ, די מאַמע ברענגט שיכעלעך, ניט קיין גאָלדענע, פּראָסטע, מיט וויַיסע שטעך אַרום און אַרום... „דאָס שענסטע שיכעלע אין דער וועלט".

דאָס קעצל מיצע איז ווערט, מע זאָל אָף דעם גרויס ראַכמאָנעס האָבן. מאַשקע־נאַכעסל האָט שוין היַינט גוט געאַרבעט, און מיצע — האָט גאָרניט געטאָן. „גיב א קוק, וואָס אָפן פּערטל פאַפּיר טוט זיך שוין איצט! א שיינקיַיט צו קוקן! ער טאַקע אַליין האָט די דאָזיקע רע־דעלעך אויסגערעדלט. און וואָס האָט אופגעטאָן מיצע? עס האָט ניט קיין אָל אָפן קאָפּ און ניט קיין רעדעלעך מיט פאַסיקלעך. „אומגליקלעכע מיצע!".

פול מיט קינדערשן כיין, קינדערשער אומיטלבאַרקיַיט זיַינען די מיַיסעלעך „צוקער־זיסל", „פערעלע־טרערעלע" און נאָך און נאָך זייער שיינע מיַיסעלעך, ווו פּעדאַגאָגישע נוצלעכקיַיט איז צונויפגעפאָרט מיט הויכן קינסטלערישן געשמאַק.

אין קינדערגאָרטן דערציילן די קינדער דער דערציִערן, ווער מיט וואָס עס העלפט די עלטערן אין דער היים.

„איך העלף אויך אין דער היים... דער טאַטע און די מאַמע זײַנען אוועקגעגאַנגען אין קינאָ... בין איך געזעסן אַליין אין שטוב... און האָב געוויינט.

הער־הער אַ פּערעלע־טרערעלע! זיצן און וויינען הייסט אויך העלפן?" („יאָרן און רע־געס", ז. 392).

יעכיאל שרײַבמאַנען האָט, דוכט זיך, נאָך קיינער קיינמאָל ניט אָנגערופן קינדער־שרײַבער. איך נעם אָף זיך די טירכע דאָס צו טאָן. זײַנע קלייניקע דערציילונגען פאַר קינדער קאָנען אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער שענסטער כרעסטאָמאַטיע פאַר קליינוואַרג, און ס׳וועלן אויך פאַרגעניגן האָבן פון זיי די דערוואַקסענע.

זאָל דאָ צום אָרט דערמאָנט ווערן, אַז דער ערשטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך געעפנט מיט שרײַבמאַנס מיניאַטורן, זיי האָבן אָף אַן אייגנאַרטיקן אופן גוט אויסגעדריקט דעם אָפּטימיסטישן טאָן, מיט וועלכן דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן זײַנע פּרוכטבאַרע יאָרגענג.

די מיניאַטיור, דאָס קליינע זאַכעלע, אָף אַ זײַטל, אַ האַלב זײַטל פאַרנעמט בא שרײַבמאַנען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין זײַן שאַפן. ער האָט אײַנהאַלטספולע מיניאַטורן אָף מאָראַליש־עטישע און ליטעראַרישע טעמעס. הונדערט, אויב ניט הונדערטער קלייניקע זאַכעלעך, ווו דער געדאַנק איז אויסגעדריקט אַפאָריסטיש־קורץ, קלאָר, אָריגינעל. ס׳איז צו זען, אַז אָף יעדער מיניאַטיור אַרבעט יעכיאל שרײַבמאַן מיט דער זעלבער מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי איבער אַ גרויסער זאַך, ער וועט ניט אַרויסלאָזן דאָס שטיקל אַרבעט פון די הענט, ביז ס׳וועט יעדעס וואָרט ניט זײַן אויסגעשליפן און אויסגעטאָקט. כ׳האָב קיינמאָל אין די מיניאַ־טיורן זײַנע ניט געפונען אַ שורע, אין וועלכער עס זאָל זײַן ניט קלאָר דער געדאַנק. דאָרטן, ווו מע דאַרף, וועט ער אין דער זעלבער שורע איין וואָרט איבערכאַזערן נאָכאַמאָל. אַ רע־דאַקטאָר האָט, געוויינלעך, ניט ליב אַזעלכע איבערכאַזערונגען, ער געפינט אַן אַדעקוואַטן וואָרט, אַ סינאָנים און... מאַכט ערגער, ווײַל נאָר יענץ וואָרט איז אין געגעבענעם פאַל דאָס ריכטיקסטע און ניט קיין אַנדערס. לאָמיר ניט מוירע האָבן פאַר אַזאַ „אייגנאַרטיקייט", ס׳איז ניט פון אָרעמקייט, ס׳איז די קענטשאַפט פון אַ מײַסטער פרײַ צו באַנוצן זיך מיט זײַנע אַר־בעטס־אינסטרומענטן.

ווען ס׳וואָלטן געווען בא אונדז יונגע ליטעראַטן־אָנפאַנגער, וואָלט מען זיי געקאָנט רע־קאָמענדירן אויפמערקזאַם איבערלייענען שרײַבמאַנס מיניאַטיורן אָף ליטעראַרישע טעמעס. איך בין, באַרעכהאַשעם, שוין ניט קיין אָנפאַנגער, נאָך איך אויך און לערן עפּעס אָפּ פון די קלוגע, שאַרפע, קורצע מײַסעלעך, וואָס ווען מע נעמט זיי צוזאַמען, וואָלט אַרויס זייער אַ פײַן און נוצלעך בוך.

אייניקע שורעס פון שרײַבמאַנס ליטעראַרישע מיניאַטיורן ווילט זיך מיר דאָ ברענגען, — אָן אַ שום פאַרטײַטש, ווײַל וואָס איז שײַך פאַרטײַטשן, אַז ס׳איז אַלץ קלאָר, אָבער געדענ־קען דאַרפן מיר דאָס, כ׳מיין מיר, שרײַבער.

„דער כילעק צווישן אַ שלעכטן שרײַבער און אַ גוטן שרײַבער: אַ שלעכטער לערנט מיט אַ טײַטל, מיט אַ קאַנטשיק, מיט אַ קניפּ אין דער פּולקע צי גאָר מיט אַ גלעט איבערן קעפּל... דער גוטער שרײַבער לערנט מיט אַ ווונק, מיט אַ בליק, מיט דער נעשאָמע אין די אויגן..."

(„ס. ה. 1979, נומ. 5, ז. 85).

אין אַ צווייטער מיניאַטיור:

„יענץ קונסט־ווערק, וואָס האָט אין זיך קיין טראָפּן הומאָר ניט, איז אַ שלעכטס קונסט־ווערק, וואָס מע זאָל ניט זאָגן. פּונקט ווי יענער מענטש, וואָס טוט קיינמאָל קיין שמייכל ניט, איז אַ שלעכטער מענטש, וויאַזוי מע זאָל אים ניט פאַרענטפערן". (דאָרטן).

אין דער פאַרהעלטניסמעסיק גרויסער מיניאַטיור וועגן שאָמערן (זי האַלט צוויי מיט אַ האַלבן זײַטלעך אין בוך „יאָרן און רעגעס") דערקלערט שרײַבמאַן דעם פאַטאַלן טאָעס, וואָס שאָמער האָט געמאַכט אין זײַן שרײַבערײַ. איצט, אין העכער נײַנציק יאָר אַרום, ווי שאָלעם־אַליכעם האָט געמישפּעט שאָמערן, קאָן מען נאָכאַמאָל, אָף אַ רויִקן אופן באַטראַכטן דעם איניען. דעמלט, אין יענער צײַט, איז שאָמער געווען אַ הייסע פּראָבלעם, מע האָט געדאַרפט ריין מאַכן דעם וועג פאַר דער עמעסער ליטעראַטור, וואָס איז נאָרוואָס אויפגעקומען אָף מאַמע־לאָשן, און וואָס איז פאַרבונדן מיטן רעאַלן לעבן. דער אורטייל, וואָס שאָלעם־אַליכעם און צוזאַמען מיט אים די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור האָט שאָמערן אַרויסגעטראָגן, איז אַ ריכטי־קער און דוכט זיך, אַז בא אונדז האָט נאָר איין שרײַבער — אווראָם אבטשוק — געפּרוּווט מיט עטלעכע יאָרצענדליקער צוריק דעם אורטייל אָפּפרעגן און שאָמערן פאַרטיידיקן. שרײַבמאַן פאַרטיידיקט אים ניט, ער דערגרונטעוועט זיך נאָר צום גרויסן טאָעס, וואָס שאָמער האָט געהאַט אין זײַן שאַפונג.

יעכיאל שרײַבמאַן פרעגט בא זיך און בא אונדז, לייענער:

„פאַרוואָס האָט שאָמער נעבעך געהאַט אַזאַ וויסט מאַזל בא ייִדן? פאַרוואָס איז ער גע־וואָרן דער צייכן פון ביליקייט, שונד, גראַפאָמאַניע, מאַכערײַקע, שאָמעריזם?

פאַרוואָס אין פון זײַנע צוויי הונדערט ראָמאַנען (צוויי הונדערט ראָמאַנען!), וועלכע ווײַבלעך און מיידלעך — אונדזערע באָבעס און מאַמעס — האָבן געלייענט אין די פּרײַקצו־נאַכטסן מיט אויסגעצוואָגענע גלאַנצנדיקע קעפּ און מיט גלאַנצנדיקע אויגן, קיין שאָרע־דע־

פֿאַרװאָס ניט געבליבן? טאַלאַנטלאָזיקײַט? — אָן שטאַרקן טאַלאַנט װעט קײנער אין דער װעלט ניט אָנשרײַבן קײן צװײ הונדערט ראָמאַנען, אַפֿילו שלעכטע, אַפֿילו די ערגסטע...״

זײער איבערצײַגנדיק דערװײַזט יעכיעל שרײַבמאַן, אַז שאָמערס פּאַטאַלער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿונעם לעבעדיקן לעבן. ער האָט ניט דורכגעשלעפּט זײַנע װערק דורך זיך, דורך די אײגענע אָדערן, דורכן אײגענעם האַרצן. „דעריבער איז אין זײ ניטאָ קײן לאָשן, ניטאָ קײן פֿאָלק, ניטאָ קײן עמעס, ניטאָ קײן קונסט״ (דאָרטן, ז. 409).

עס װילט זיך ברענגען נאָך און נאָך אַרױסזאָגונגען, װעלכע זײַנען „צעזײט און צעשפּרײט״ אין די מיניאַטיורן, געדרוקטע אין פֿיל נומערן „סאָװעטיש הײמלאַנד״, אין אַנדערע אױסגאַבעס. אױב זײ װעלן דעם לײענער טרעפֿן זיך אונטער דער האַנט, זאָל ער זײ נאָכאַמאָל איבערלײענען, ער װעט װידער האָבן עמעסן פֿאַרגעניגן, װי באַם ערשטן מאָל לײענען.

יעכיעל שרײַבמאַן האָט אַרײַנגעשריבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנע שײנע קאַפּיטלען: אַ קאַפּיטל „ראַשקעװ״, אַ קאַפּיטל „זיבעצניאַריקע״, אַ קאַפּיטל פֿון די מילכאָמע־יאָרן, עװאַקואַציע, קאַפּיטלען פֿון איצטיקן, הײַנטצײַטיקן לעבן..

און ס׳איז פֿאַראַן און ס׳װעט בלײַבן אין אונדזער ליטעראַטור אַ שײן קאַפּיטל — יעכיעל שרײַבמאַן.

■

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד״ מעלדן אַ קאָנקורס פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרײטער פֿונעם זשורנאַל. אַלס פּרעמיעס פֿאַר מוסטערהאַפֿטער אַרבעט אין דער האַיאָריקער אַבאָנירקאָמפּאַניע װערן אױסגעטײלט 15 פֿולע קאָמפּלעקטן פֿון דער ביכער־בײַלאַגע צו „סאָװעטיש הײמלאַנד״ פֿאַרן 1980 יאָר.

קעדײ אָפּגעמערקט צו װערן מיט אַזאַ פּרעמיע, דאַרף דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרשפּרײטער דערגרײכן פֿאָלגנדיקע צײַגערס:

אין די געװעזענע ייִדישע שטעטלעך פֿון אוקראַינע, װײַסרוסלאַנד און אַנדערע רעפּובליקן — 15 נײַע אַבאָנענטן;

אין די שטעט, װוּ ייִדן װױנען זינט נאָך דער מילכאָמע (סיביר, אוראַל, אוזבעקיסטאַן און אַנד.) — 20 נײַע אַבאָנענטן;

אין די שטעט פֿון אוקראַינע, װײַסרוסלאַנד, לעטלאַנד, עסטלאַנד (אָדעס, דניעפּראָפּעטראָװסק, דאָנעצק, ניקאָלײַעװ, װיניצע, זשיטאָמיר, אוזשגאָראָד, סימפֿעראָפּאָל, כאַרקאָװ, לװאָװ, זאַפּאָראָזשיע, בערדיטשעװ, כמעלניצקי, מאָגילאָװ־פּאָדאָלסק, באָברויסק, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, װיטעבסק, האָמעל, מאָגילאָװ, װילנע, ריגע, טאַלין, קאַונאַס און אַנד.) — צו 30 אַבאָנענטן;

אין מאָסקװע, לענינגראַד, קיִעװ, מינסק — צו 40 נײַע אַבאָנענטן;

די פּרעמיעס צוזאַמען מיט ערן־גראַמאָטעס, װעלן אַרױסגעשיקט װערן אין יאַנואַר 1981, נאָכן באַקומען די דאָקומענטירטע ידיעות פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרײטער.

■

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד״ מעלדן אַ קאָנקורס, לױט װעלכן עס װעלן באַלױנט װערן מיט אַ פֿולן קאָמפּלעקט פֿון דער ביכער־בײַלאַגע צום זשורנאַל און מיט אַ דאַנק־בריװ יענע פּרײַנט פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד״ אין פּשאַ, ייִסראָעל, קאַנאַדע, פֿראַנקרײַך, אױסטראַליע, פּױלישע פֿאָלקס־רעפּובליק, רומענישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק און אַנדערע לענדער, װעלכע װעלן צושיקן אין רעדאַקציע אַ באַשטעטיקונג פֿון דער אָרטיקער פֿאַרשטײערשאַפֿט פֿון „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ״ װעגן זײער אַקטיװער מיטהילף אין דער פֿאַרשפּרײטונג פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד״ אױפֿן 1981 יאָר.

אין דער באַשטעטיקונג דאַרף אָנגעװיזן װערן די צאָל עקזעמפּליאַרן, װאָס אונדזער פֿרײַנט האָט פֿאַרשפּרײט אין זײַן שטאָט אױפֿן 1981 יאָר.

ר ע ד ק אָ ל ע ג י ע פֿ ו ן ז ש ו ר נ אַ ל
„ס אָ װ ע ט י ש ה ײ מ ל אַ נ ד״

דער קאָסמאָנאַווט מיט א מאָלער־פּענדזל אין האַנט

יורי גאַגאַרין און אלעקסיי לעאָנאָוו

אין אים יורירן צוויי לײַדנשאַפטן: קאָסמאָס און קונסט. ביידע לײַדנשאַפטן זײַנען שטאַרק, איינע פון זיי טרעט ניט אָפּ איר אָרט דער צווייטער. און ער זעלבסט גיט קיין איינער פון זיי ניט קיין פאָרצוג.

ביידע לײַדנשאַפטן פאַרמאָגן א סאָלידן פּראָפעסיאָנעלן סטאַזש: מיט מאָלערײַ־קונסט פאַרנעמט ער זיך מער פון דרײַסיק יאָר, מיט קאָסמישע פאָרשונגען — קימאַט צוואַנציק יאָר.

אין אים איז פאַרייניקט די אוראַלטע מעלאָכע פונעם מענטשן — קינסטלערישע מאָלערײַ, און די יונגע מעלאָכע — קאָסמאָנאַווטיק. ביידע האָבן זיך בא אים צונויפגעגאָסן פעסט, געשאַפן א קאָנגלאָמעראַט פונעם הײַנטיקן מענטשן.

„לעאָנאָוו, — האָט געשריבן יורי גאַגאַרין, — איז פון דער נאַטור א געדולדיקער מענטש, ער קען וואַרטן, אָפּרײַסן זיך אָף א צײַט פונעם איקער“.

און וואָס איז בא אים דער איקער? — אָף דער פראַגע קאָן קיינער ניט ענטפערן. אין דער קאָסמאָנאַווטיק האָט ער אַרײַנגעבראַכט די עסטעטיק פון דער מאָלערײַ־קונסט, אין דער מאָלערײַ־קונסט — קינסטלערישע געשטאַלטן, וועלכע עס קאָן אויפכאַפּן די פאַנטאַזיע פון דער קאָסמישער טעכניק.

— סײַ בא מיר אין דער היים, — האָט געשריבן יו. גאַגאַרין, — סײַ קימאַט אין אַלע דירעס פון די קאָסמאָנאַווטן הענגען בילדער, וועלכע לעאָנאָוו האָט געמאָלט אָף קאָסמישע טעמעס. אויסנוצנדיק די רײַכע פּאַליטרע, מאָלט ער גוט די ערד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט א רעגנבויגיקן פון די פײַנסטע פאַרבן, דעם אַספּיד־שוואַרצן הימל, וואָס ווערט דורכגעשניטן מיט קאָסמישע שיפן, די ווײַטע שטערן. מיר אַלע שעצן הויך די לײַוונטן, אָנגעשריבענע פון א כאַווער, וועלכער וועט אַמאָל, זייער מעגלעך, אַליין א שפרונג טאָן צו די שטערן.

איינמאָל איז אָף אן אויסשטעלונג פון לעאָנאָווס ווערק פאַרשווּנדן געוואָרן א קינסטלעריש לײַוונט. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג האָבן דאָס שטאַרק איבערגעלעבט, אָבער דערציילן דעם אווטאָר מוז מען דאָך.

— טאַקע אַן עמעס, מע האָט געגנוועט? — פרעגט דער קאָסמאָנאַווט.

— אַן עמעס, אַז דאָס לײַוונט איז פאַרשווּנדן. מיר זײַנען גרייט דעקן דעם העזעק.

— זייער גוט, — שמייכלט לעאָנאָוו.

— אוודאי, וויבאַלד מיר זײַנען שולדיק, זײַנען מיר גרייט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

— אויב מע האָט גענומען א לײַוונט, הייסט עס דאָך, אז עמעצן איז עס נייטיק... אָט אזוי פּאָשעט האָט ער געלייזט א קאָמ־פּליצירטע סיטואַציע.

ווען אלעקסיי לעאָנאָוו איז געווען מיט א פרײַנטלעכן וויזיט אין פראַנקרײַך, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער פרוי פונעם פראַנצויזישן פליִער און שרײַבער אנטואַן דע סענט־עקזיו־פּערי, מאַדאַם קאָנסועלאָ, אַן אקוראַטע פרוי מיט גוטע מאַנירן, נאָר מיט א שלעכטן כאַ־ראַקטער, האָט זיך פאַרכידעשט:

— איר ווייסט וועגן אַנטואַנען? איר האָט אים געלייענט?

— באַ אונדז אין לאַנד האָט מען אים ליב, זײַנע ביכער ווערן געדרוקט אין ריזיקע טיר־ראַזשן. דעם „קליינינקן פּרינץ" שטעלט מען אין די טעאַטערן פון פיל שטעט...

— איר געדענקט דעם „קליינינקן פּרינץ"? יאָ, יאָ, איר זײַנט דאָך א קינסטלער, איך האָב גאָר פאַרגעסן. דאָס איז גוט, ווען די קינסטלער גייען אין דער אוויִאַציע.

— מיך האָט די אוויִאַציע געמאַכט פאַר א קינסטלער, — האָט געענטפערט לעאָנאָוו. — זי איז געוואָרן די טעמע פון מײַן שאַפונג.

— צוליב וואָס מאָלט איר? איך בין מיט דער פראַגע ניט אויסן די סומעס פון אײַערע האָנאָראַרן.

— עס מאָלט זיך, און גאָר. איך זוך א מיטל פון זעלבסט־אויסדרוק. דער בלײַער, דאָס פּענדזל העלפן מיר צו דערקענען דעם מענטשן, דערנענטער אויך זיך אליין.

— וואָס זשע האָט אײַך באַוויגן צו ווערן א קינסטלער?

— מײַן פּראָפעסיע.

קיינער פון די קאָסמאָנאַווטן איז ניט גע־בליבן גלײַכגילטיק צו דער ערד, ווען ער האָט זי דערזען פון דער אָרביטע. די ערד — אָט דאָס אָרט פון דער איינציקער ציוויליזאַציע אין אונ־דזער גאַלאַקטיק, איז אויסטערליש און ניט גע־וויינלעך אין איר פּראַכט. יעדעס מאָל ווײַזט זי זיך פאַר א נײַער גרופּע קאָסמאָנאַווטן פאַר־שיידן, איר געשטאַלט כאַזערט זיך ניט איבער. וויִאַזוי קאָן מען אָט דעם פאַקט איבערגעבן די מענטשן פון דער ערד? וויִאַזוי קאָן מען מאָלן פאַר זיי דאָס בילד, וואָס עפנט זיך פאַר די אויגן דאָרט, אינעם קאָסמאָס? אָף צו איבערכאַ־זערן עפּעס איז פאַראַן א פאָטאָ־אַפּאַראַט, דער זיקאָרן, דאָס וואָרט. דאָס אלץ איז ווײַט ניט אזוי האָפענונגסלאָז. אָבער וואָס קאָן זײַן שע־נער פון דער סטיכיי פון פאַרבן, וועלכע עס האָט געשאַפן ניט דער מענטש, ניט דעם מענטשנס סייכל, ניט זײַן ווילן? קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט, אז דער געפיל פון פאַרב איז דער סאַמע פּאָפּולערער עסטעטישער געפיל באַם מענטשן.

יורי גאַגאַרין האָט דערציילט אלעקסיי לעאָנאָוון וועגן דעם, וויִאַזוי ער נעמט אויף די קאָסמישע פּייזאַזשן. אין א שטיקל צײַט ארום האָט ער דערזען א לײַוונט, וואָס עס האָט אָנ־געמאָלט לעאָנאָוו, און ער האָט זיך פאַרכי־דעשט: „געשיקט זיך, האָסטו דאָס געמאָלט לויטן זיקאָרן?" יאָ, לעאָנאָוו האָט געמאָלט זײַ־נע ערשטע ווערק וועגן דעם קאָסמאָס, אויפ־שטעלנדיק דאָס, וואָס עס האָט אים דערציילט דער ערשטער קאָסמאָנאַווט פון אונדזער פּלאַ־נעט. אין די טעג, ווען אנדריִאַן ניקאָלײַעוו און פּאַוועל פּאָפּאָוויטש האָבן דורכגעפירט זייער גרופּן־פלוג (אין אווגוסט 1962), האָט די „פּראַוודאַ" אָפּגעדרוקט א צייכענונג מיט אזא אונטערשריפט: „די דאָזיקע צייכענונג האָט צו־געשיקט אין דער רעדאַקציע פון דער „פּראַוודאַ" איינער פון די קאָסמאָנאַווטן, וואָס פאַרנעמט זיך אין דער פרײַער צײַט מיט מאָלערײַ. דעם אווטאָרס נאָמען איז גאַנצע דריטהאַלבן יאָר געווען א סאָד.

אין מאַרט 1965 האָבן די צײַטונגען גע־דרוקט די ביִאָגראַפיעס פון דער מאַנשאַפט פון דער קאָסמישער שיף „וואָסכאָד־2":

„כאַוו. לעאָנאָוו איז אויסגעוויילט אלס שטעלפאַרטרעטער פונעם סעקרעטאַר פון דער ערשטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, — האָבן גע־שריבן די צײַטונגען, — ער איז רעדאַקטאָר פון דער וואַנטצײַטונג. ער גיט זיך אָפּ מיט קינסט־לערישער מאָלערײַ. זײַנע צייכענונגען פונעם קאָסמאָדראָם האָט מען געקאָנט זען אין דער פּעריִאָדישער פּרעסע"...

נאָכן פלוג אין קאָסמאָס האָט א. לעאָנאָוו דערציילט:

„פאַר מײַנע אויגן האָב איך דערזען דעם איין־סאָף. איך האָב א קוק געטאָן אונטן, אָף דער ערד. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז זי איז גלאַט ווי א פּלעצל, נאָר אינעם ברייטן זוים האָט זיך קלאָר געזען א לײַכט אויסגע־בויגענע ליניע מיט אלע פאַרבן פונעם רעגנ־בויגן...

איבערן קאָפּ א בלוילעך־שוואַרצער הימל, באַשאָטן מיט העלע שטערן, וועלכע פינקלען ניט און פינטלען ניט, זיי זײַנען צעשאָטן ארום דעם צעגליטן זון־דיסק. און די זון איז ניט אזא, ווי מ'זעט זי פון דער ערד, זי איז אָן א קרוין, אָן שטראַלן. גאָר ווײַט האָבן זיך געזען די זאַמדיקע ברעגן פון ליביע, דער גיגאַנטישער שטיוול פון איטאַליע און דער ארכיפּעלאַג פון די גריכישע אינדזלען. ארויסגייענדיק פונעם ליוק, האָט מען געקאָנט זען נאָך מער, און איך האָב ניט ווילנדיק זיך א ציי געטאָן פאָרויס, קעדיי מאַכן דעם ערשטן טראָט אין דער אומ־באַוווסטקײַט"...

צייכענען האָט אלעקסיי לעאָנאָוו אָנגע־הויבן דעמלט, ווען ער האָט נאָך ניט געקענט שרײַבן, ניט געוווּסט נאָך דעם אלעפבייס. „מײַן שעפערישער סטאַזש ציט זיך שוין יאָרצענדלי־קער" — האָט אַנומלטן אין א שפּאַס א זאָג גע־טאָן דער קאָסמאָנאַווט.

איין מאָל האָט שעקספּיר באַמערקט: „די נאַטור איז העכער פון דער קונסט". גראָד די נאַטור האָט באַוויגן לעאָנאָוון, ער זאָל מאָלן

די זון, דעם הימל, דעם זון־אופגאנג און זונפארגאנג, מאָלן זיי מיט זייערע אומגעוויינלעכע ניואנסן, מיט א קאָמפּליצירטער פארבן־גאמע. די נאטור האָט געשאפן אזא אָנגעזעטיקטקייט פון פארבן, אז דאָס לאָזט זיך מאמעש ניט ארופלייגן אפן לייוונט.

דער קינסטלער האָט ניט געזוכט קיין פארטיקע סוזשעטן, קיין געשאפענע קאָמפּאָזיציעס, קיין געשענקטע אינטעריערן. אבסטראקט האָט ער געמאָלט די אייגענע ווארי׳אנטן פונעם פארטראכט, ארײַנטראָגנדיק אין אים פארשיידנארטיקייט, דערגאנצנדיק מיט אלץ נײַע און נײַע דעטאלן. ווען דער פארטראכט איז שוין געווען רײַף און דער יונגער קינסטלער איז געווען פול מיט אידייען, איז געוואָרן נייטיק גלײַך נעמען זיך צו דער ארבעט. אָפּגעזוכט א שטיקל גראָו פּאפּיר, קאָלירטע בלײַערס, האָט ער זיך גענומען צום שאפן. מיט וויפל באגײַסטערונג ער האָט געצייכנט די ערשטע ליניעס פונעם קינפטיקן „שעדעווער”, ווי שטארק ער האָט איבערגעלעבט זײַנע ערשטע אײַנפאלן, די אָנגעמאָלטע שטיקלעך פּאפּיר, די פארווירקלעכטע פּלענער! וואָס איז דאָס געווען? עפּשער א קינדערשע אופאסונג פון דער וועלט, אן אײַנדרוק, וואָס האָט אים פעסט געהאלטן אין געפאנגענשאפט פון דער פּילבארער לעבנס־וויזיע. ער האָט געהאט אין אויג א שטאָט, וואָס האָט אים איבערראשט מיט דעם, וואָס מע קאָן זי ניט פארגלײַכן מיט א דאָרף. ביכלאל איז דאָס געווען פאר אים אן אנטדעקונג. דאָס יינגל האָט זיך דערוווּסט, אז פון יענער זײַט דאָרף ענדיקט זיך ניט די וועלט, עס איז פאראן א שטאָט מיט מויערן, מיט שיינע ערטער, וועלכע מאכן דעם מענטשן ענג און „דערנידעריקן” אים, צו קליין איז ער, דער מענטש, געווען אין אָט דעם שטיינערנעם זאק.

און ער, דער יונגער קינסטלער, האָט געמאָלט פינפשטאָקיקע הײַזער, וועלכע ער האָט געזען צום ערשטן מאָל און וועלכע האָבן אים איבערראשט. אזוי איז מינאסטאם איבערראשט א מענטש, ווען ער דערזעט זיך פּלוצעם אין סאמע עק וועלט. צווישן די הײַזער האָט דאָס דאָרפישע יינגל אלעקסיי לעאָנאָוו אוועקגעשטעלט א ווערטיקאלן טראמוויי, פול מיט פּאסאזשירן, אפן טראָטואר פאנאנדערגעשטעלט גאס־פאָנארן... דאָס בילד האָט ער אין דער היים אויסגעהאנגען אף דער וואנט, און די שכיינים זײַנען געקומען קוקן, זיי האָבן געלויבט די ארבעט פונעם יונגן קינסטלער, גערעדט וועגן זײַן טאלאנט.

אלעקסיי האָט א סאך געלייענט וועגן דער רוסישער קינסטלערישער מאָלערײַ, וועגן די גרויסע פּייזאזשיסטן, וועגן דעם געני׳אלן רעפּין. יענע קינסטלער זײַנען געווען זײַנע לערער, אייצע־געבער און פרײַוויליקע קאָנסולטאנטן... באקאנט זיך מיט דער פלאמאנדישער קונסט, מיט די גרויסע שעפער רעמבראנדט, וועלאסקעס, רובענס, פּוסען, וואן דייק, האָט ער געפּרוּווט פארגלײַכן זייערע ווערק מיט די אים שוין באקאנטע ווערק פונעם פּאָטערלענדישן פּייזאזש, פּאָרטרעט, שטייגער־זשאנער. ער איז נאָך אָבער געווען צו יונג צו פארשטיין, אז קינסטלער זײַנען פאראן פארשיידענע, יעדערער פון זיי גייט זיך מיט זײַן וועג, און זאָגן, וועלכער וועג איז בעסער, וועלכער ערגער — דאָס איז, אלס קלאל, אומעגלעך. אים, אלעקסיי לעאָנאָוון, האָט זיך געוואָלט דערציילן אין פארבן וועגן אלץ צו ביסלעך. און ער האָט פאַרגעזעצט מאָלן און צייכענען.

דערמאָנענדיק זיך וועגן זײַנע קינדעריאָרן, וועגן זײַן גרויסן אינטערעס צו מאָלערײַ, רעדט לעאָנאָוו מיט טיפער אכטונג וועגן דער שאפונג פון די מײַסטערס, בא וועלכע ער האָט זיך געלערנט אויסדריקלעכקײַט און קאָמפּאָזיציע.

ווען די מישפּאָכע לעאָנאָוו איז אריבערגעפאָרן קיין קאלינינגראד, האָט אין אלעקסייס שאפונג פארנומען א היפּש אָרט דער יאם. ער האָט דעם יאם ליב באקומען, אזוי ווי פרי׳ער די טײַגע. דער יאם איז געוואָרן די גרונט־טעמע פון זײַנע בילדער. דער גרויסער אײַוואזאָווסקי איז געוואָרן בא אלעקסייען אן אָפּגאָט. איינמאָל, דינענדיק שוין אין דער ארמיי, האָט ער געמאכט א קאָפּיע פון אײַוואזאָווסקיס בארימט בילד: „דער בריג „מערקוריעוו” קערט זיך אום נאָכן זיג איבער די צוויי טערקישע שיפן”. דער פּאָלק־קאָמאנדיר האָט געזאָגט אלעקסייען:

— איך האָב געזען אײַער ארבעט. זי איז געמאכט מיט טאלאנט. אויב אירווילט, וועל איך אײַך העלפן זיך באפרײַען פון דער ארמיי. איר קאָנט ווערן אן אָנגעזעענער קינסטלער...

— א דאנק אײַך פאר דער אופמערקזאמקײַט. איך וויל אָבער ווערן א פלי׳ער. דאָס איז מײַן טרוים, — האָט געענטפערט אלעקסיי.

— יאָ, וואָס עמעס איז עמעס, דער ווילן צו זײַן א פלי׳ער, איז בא אײַך גרויס, — האָט געזאָגט דער פּאָלק־קאָמאנדיר, — גיט אליין גוט א טראכט וועגן מײַן פאָרשלאָג.

אלעקסיי האָט ניט געדארפט לאנג טראכטן. זײַן באשלוס איז געווען אן ענדגילטיקער. אינעם קינסטלער־פאך האָט ער עפּעס־וואָס יאָ פארשטאנען, אָבער אינעם פלי׳ער־פאך — דערווײַל נאָך גאָרנישט, אויב ניט רעכענען די קענטעניש, וועלכע ער האָט אויסגעלייענט פון ביכלעך. אין קאלינינגראד האָט אלעקסיי געזען, ווי גרויס און שוידערהאפט עס זײַנען די פּאָלגן פון דער מילכאָמע: די שטאָט איז געווען אינגאנצן רוי׳נירט, אין דער שול, אין איין קלאס מיט אים, האָבן זיך געלערנט א סאך קינדער אָן עלטערן — זייערע טאטעס און מאמעס זײַנען אומגעקומען אינעם ריזיקן פײַער. אפילע אין יאָרן ארום האָט די מילכאָמע געלאָזט זיך שטארק פילן. ווער האָט געראטעוועט די מענטשהײַט פון דער ברוינער פּעסט, פון אומקום און פארשקלאפונג? דער סאָוועטישער סאָלדאט. דעריבער איז ווערן א שלאכטמאן, פארטיידיקן דאָס היימלאנד, זײַן דער טרעגער פון

דרייסטקייַט און מוט — דאָס אַלץ איז געוואָרן דער אידעאַל פון אַלעקסיי לעאָנאָוֹוס לעבן.

קאַלינינגראַד איז אַ פּאָרט־שטאָט, די אינדוסטריעלע שטאָט־פֿיזיאָנאָמיע ענדערט זיך אויף שריט און טריט. גיגאַנטישע הייב־קראַנען, וועלכע שפּאַרן מאַמעש אונטער דעם הימל, אַ הויכער טעמפּ פון אורבאַניזאַציע, קעסיידערדיקע ענדערונגען אין דער לאַנדשאַפט. אין דער ערשטער צײַט איז אַלעקסיי צו דעם ניט געווען געוווינט, נאָר וואָס ווײַטער, האָט די פּאָרט־שטאָט אַלץ מער פאַרכאַפּט אים.

אַלעקסיי איז דעמאָלט געווען אינעם עלטער, ווען עס פאָרמירט זיך די וועלט־אָנשויונג. אַלע טאָג איז ער שאָענלאַנג אָפּגעשטאַנען באַם מאָלבערט. ער האָט אַ סאַך געלייענט, געשריבן, געמאָלט. הײַנט דער יאַם, וואָס האָט מיט קויעך געשווענקט די שוועלן פון דער שטאָט! דער יאַם איז אין אַלעקסייס אויגן געווען אַ לעבעדיק, באַגײַסטערט באַשעפעניש, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך צערטלעכקײַט, רויִקײַט, געהאָרכזאַמקײַט. דער יאַם איז געווען גרין און בלוי, געלאַסן און קאַפּריזנע. דאָס געשטאַלט פונעם יאַם האָט שטאַרק גערודערט דעם יונגן קינסטלער, אָנגעלאָדן אים מיט שעפערישן גײַסט.

זײַנע לײַוונטן ווערן עקספּאָנירט אויף די קינסטלערישע אויסשטעלונגען — אין שטאָט און אין געגנטלעכן צענטער. זײַנע בילדער ציִען צו די אויפמערקזאַמקײַט פון קוואַליפיצירטע מאָלער, וועגן זיי שרײַבט די פּרעסע. עס דוכט זיך, אַז זײַן לעבנסוועג איז שוין באַשטימט. ער וועט זײַן אַ קינסטלער. אַזוי טראַכט מען וועגן אים אין שול, צו דעם גרייט מען זיך אין זײַן געזינד. ער איז טאַקע אַוועק אין דער היגער קונסט־שול. אָנגעקומען אין אָט דער שול, קעדיי טייקעף... פאַרלאָזן זי. אין אים האָט גוויווער געווען דער געפיל פון פליכט, וועלכער איז בײַגעקומען דעם געפיל פון באַרוף. ער האָט באַשלאָסן — ער מוז ווערן אַ סאָלדאַט. ער וועט זײַן דער ערשטער קינסטלער, וואָס וועט מאָלן דעם קאָסמאָס, די ווײַטע, קאַלטע, אומבאַוווּסטע און סוידעספולע טיפן פון דער אַלוועלט. ער גייט לערנען אין דער טשוהויעוווער פליִער־שול. דאָרט וועט ער שרײַבן פּאָרטרעטן פון זײַנע קאָמאַנדירן, קאַווירים, און אַלע זײַנע אַרבעטן וועט ער שפּעטער שענקען דער שול.

אינעם אוויִאַציע־פּאָלק, ווו ער איז דורכגעגאַנגען די דינסט, האָט ער קינסטלעריש אויסגעפורעמט די לענין־צימערן, דעם אָפיצערן־קלוב, געשריבן פּאָרטרעטן פון די בעסטע אָפיצערן און סאָלדאַטן. לויט דער באַקאָשע פון די שלאַכט־כאַווירים קלײַבט מען צונויף לעאָנאָווס קינסטלערישע לײַוונטן און מע אָרגאַניזירט זײַן פּערסאָנעלע אויסשטעלונג. מע רופט זי אָן: די ערשטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פון אַן אייגענעם קינסטלער אינעם גאַרניזאָן. זי איז אָבער געוואָרן אויך, אַזוי צו זאָגן, די לעצטע אויסשטעלונג. אין די דאָזיקע טעג איז אַלעקסיי אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע. מע האָט אים אָנגענומען אין אָטריאַד פון קאָסמאָנאַווטן.

ער קלײַבט זיך אַריבער אין זוויאָזדני גאָראָדאָק („שטערן־שטעטל״), ווו עס וווינען די קאָסמאָנאַווטן. כאָטש ער איז דאָרט גוואַלדיק פאַרנומען, געפינט ער אויך צײַט צו מאָלן. און ער טוט זײַן שעפערישע אַרבעט מיט גרויס באַגײַסטערונג. אין שטערן־שטעטל איז ער דער קינסטלער פון די וואַנטצײַטונגען „שפּריץ״, „נעפּטון״, „קאָסמאָס״, ווו ער מאָלט דאָס לעבן פון די קאָסמאָנאַווטן, שאַפט וועגן זיי פרײַנטלעכע שאַרזשן. די קאָסמאָס־טעמע פאַרנעמט אַ געזעצלעך אָרט אין זײַן שאַפונג. דער קאָסמאָס איז ניט קיין פאַנטאַזיע, ניט קיין קינסטלערישע אויסטראַכטעניש, ער איז געוואָרן אַ לעבעדיקער פאַקט אין אונדזער לעבן, ער עקזיסטירט, ווי עס עקזיסטירן די קוואַזערן, די „שוואַרצע לעכער״ אין די גאַלאַקטיקעס, די נייטרינאָס. די דאָזיקע און ענלעכע דערשײַנונגען רעגן די מויכעס פון די קינסטלער און געלערנטע. בײַ אונדז אין לאַנד האָט פרוכטבאַר געאַרבעט אויף אָט דער טעמע אַ גרויסער געלערנטער, דער אַווטאָר פון דער אידיי וועגן צענטראָפוגאַלער מאָדעלירונג, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, גענעראַל־מאַיאָר־אינזשעניער געאָרגי יאָסיפאָוויטש פּאָקראָווסקי. אַלעקסיי לעאָנאָוו האָט זיך באַקאַנט מיט אים און, באַטראַכטנדיק אין זײַן דירע די צייכענונגען, וועלכע באַגלייטן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, ווערט לעאָנאָוו איבעראַשט פונעם גוואַלדיק ברייטן דיאַפּאַזאָן פון דעם געלערנטנס אַרבעט. „קעדיי צו זען דעם קאָסמאָס, דאַרף מען ניט פליִען אַהין; דער גאַנצער קאָסמאָס איז בײַ פּאָקראָווסקין אויפן לײַוונט״ — אַזוי האָט געזאָגט דער פליִער־פאַרניכטלער, דער קאַפּיטאַן אַלעקסיי לעאָנאָוו, ווען ער האָט מיט היספּײַלעס געקוקט אויף פּאָקראָווסקיס לײַוונטן.

אין מאַרט 1965 איז אַלעקסיי לעאָנאָוו צוזאַמען מיט פּאַוועל בעליײַעוון געפלויגן אין קאָסמאָס. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן דעמאָלט געשריבן: „אַ קאָסמאָנאַווט אַ קינסטלער! ניין, ער איז ניט קיין פּראָפעסיִאָנעלער קינסטלער, נאָר אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין דער מאָלערײַ־קונסט, אַ מענטש, וואָס האָט זיך באַפרײַנדעט מיטן פּענדזל און מיט די פאַרבן״...

ווען אַלעקסיי האָט זיך אומגעקערט פון קאָסמאָס און איבערגעלייענט די שורעס, האָט ער געזאָגט: אַ פּראָפעסיִאָנאַל איז אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט. ער, אַלעקסיי לעאָנאָוו, פאַרנעמט זיך מיט מאָלערײַ פון דער קינדהײַט אָן. מיט וואָס זשע איז ער ניט קיין פּראָפעסיִאָנאַל?

אין די מילכאָמע־יאָרן האָט אַלעקסיי — אַ שילער פון דער אָנפאַנג־שול — לויט דער ביטע פון די פראָנט־אַלמאָנעס באַמאָלט זיי שטייקער סכוירע מיט קאָלערליי פריילעכע בילדער, וועלכע די אַלמאָנעס האָבן דערנאָך אויסגעהאַנגען אויף די ווענט. דערמיט האָט ער אַרײַנגעטראָגן אַ שטיקל פרייד אין זייער שווער לעבן.

דער דראַנג צו שײנקײַט איז בא מענטשן גרויס. אָפּדאַנקענדיק דעם יונגן קינסטלער, פּלעגן פֿרויען און קינדער ברענגען אין הויז פֿון די לעאָנאָווס ברויט, אײער, הינער, ניס. די צײַט איז געווען א הונגעריקע, די מאַטאָנאָעס האָבן היפּש פֿאַרגרינגערט דאָס לעבן. דער טאַטע אָבער איז געווען קעגן: פֿאַר שײנקײַט נעמען געלט אָדער ברויט? די לעאָנאָווס האָבן אופגעהערט צו נעמען די מאַטאָנאָעס.

די רוסישע מאַלערײַ־שול מיט איר שטענדיקער אופמערקזאַמקײַט צום גורל פֿונעם פאָלק, צו דער העראָיִשער געשיכטע פֿונעם פאַטערלאַנד האָט ניט געוואָלט אריבערטראָגן אפן הײמישן באָדן געוויסע טראַדיציעס פֿון דער אײראָפּעיִשער קונסט, וועלכע געהערן זיך אָן צו נאַטור־אידעאַליזאַציעס און עקזאָטיק. די רוסישע קונסט איז אוועק מיט איר זעלבשטענדיקן וועג — מיטן וועג פֿון הומאַניזם און פאָלקסטימלעכקײַט. די רוסישע מאַלערײַ־קונסט פֿון XIX יה. האָט אַרײַנגעטראָגן א שלאַל מיט אײגענע מאָטיוון, אָפּשפּיגלענדיק די לײדן און האָפֿענונגען פֿונעם פאָלק.

אלעקסײ לעאָנאָוו פֿירט שוין א סאַך יאָרן א טאָגבוך, אין וועלכן ער פֿאַרשרײַבט פֿאַרשײדענע געשעענישן, דאַטעס, באַגעגענישן, ארויסזאָגונגען פֿון גרויסע שרײַבער און קינסטלער. „בלויז דעמלט, ווען דער קינסטלער לײַדט א דורכפֿאַל, דערזעט ער און דערפֿילט זײַן עמעסע באַציִונג צו דער שאַפֿונג, — האָט געשריבן סטעפֿאַן צווײַג, — בלויז נאָך א מאַפּאָלע דערזעט דער ארמײענפֿירער זײַנע פֿעלערן”.

לעאָנאָוו האָט אין זײַן שאַפֿונג ניט געוווּסט פֿון קײן מאַפּאָלעס, ער האָט אָבער אויך ניט געוווּסט אין יענע יאָרן פֿון קײן דערפֿרײַענדיקע זיגן. וויִאַזוי אָפּשפּיגלען דאָס, וואָס דו זעסט, וויִאַזוי איבערגעבן מיט די מיטלען פֿון קונסט די עמפֿינדונג פֿון ענדלאָזיקײַט, פֿון אזוינס, וואָס מע קאָן ניט ארומכאַפּן, וואָס מע קאָן ניט דערזען מיט די אויגן? וואָס איז אזוינס קאָסמאָס? דער אָנהײב פֿונעם לעבן? זײַן פֿאַרזעצונג? זײַן סאָף? צי קומט פֿאַר אַן ענדלאָזע באַוועגונג, אַן אײביקע איבערשטעלונג אינעם רוים? די ערד ווערט באַנײַט צי זי ווערט אַלט?

און וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער מענטש אף דער ערד? א צופֿעליקער אײַנוווינער, צי א באַלעבאָס? און צי איז דער מענטש אימשטאַנד ענדערן די ערד, די גאַלאַקטיק, די אַלוועלט?

ווען אלעקסײ לעאָנאָוו איז ארויס פֿון דער קאָסמישער שיף אינעם ראַיאָן פֿון דער שטאָט פּערם, האָט ער געזאָגט:

— עס איז מאַמעש אַן אווירע ניט צו פֿאַרפֿיקסירן אפן לײַוונט די ניט־ערדישע שײנקײַטן, די פּרעכטיקע קאָיאָרן און זון־פֿאַרגאַנגען, דעם בלענדנדיקן קײַלעך פֿון דער זון, דעם שוואַרצן סאַמעט פֿונעם הימל מיט די אָנגעשאָטענע אף אים דימענטן פֿון די געשטערנס...

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער אָנגעשריבן זײַן קאָסמישן אויטאָפּאָרטרעט: אין א ווײַסן סקאַפֿאַנדער, אין א הערמאָשלעם מיט העל־רויטע אויסיעס „סססר”. ער שוועבט אינעם שוואַרצן קאָסמאָס איבער די גרין וועראַנדיקע שוואַרציאַמישע ברעגן. און ווי גרויס עס איז ניט די ערד — די וויג אונדזערע — איז דער מענטש און זײַן ארבעט גרויסאַרטיקער.

אלעקסײ לעאָנאָוו שרײַבט א לײַוונט „וואָסכאָד־2 אין פֿלוג” די קאָסמישע שיף, אונדזער ערד און די פֿאַרגײענדיקע זון. א סאַך איז דאָ סימבאָליש — סײַ די קאָמפּאָזיציע, סײַ די פֿאַרבן, סײַ די לײזונג פֿונעם פֿאַרטראַכט אין זין פֿון רוים. די שיף איז גרויס, ווי די ערד, און כאָטש אינעם לײַוונט פּרעוואַלירן פֿינצטערע טענער, פֿילט זיך אין זײ די וואָרעמקײַט פֿונעם מענטשנס לעבן. די שײַן גיט פּראַקטיק איבער די לעבנס־עמפֿינדונג אינעם טויטן קאָסמאָס. א קוק פֿון דער זײַט, פֿונעם אָפֿענעם קאָסמאָס, ווו ער, לעאָנאָוו, איז פֿרײַ געשוווּמען, דערפֿירט די זון ביז דער גרײס פֿון דער לעוואָנע, ווי פֿאַרוואַנדלענדיק די זון אין א נאַטירלעכן ספּוטניק פֿון אונדזער פּלאַנעט. בלויז די פֿאַרב, די שײַן־קרוין, די העלע אָראַנזשעווע באַלײַכטונג דערמאָנען אונדז אין די פּאַראַדאָקסן פֿון דער רײַזע. אין אָט די ארבעטן איז ניטאָ קײן פֿאַנטאַזיע, קײן אײגענע אויסדאַכטענישן. אַלץ איז דאָ רעאַליסטיש. דערין באַשטײט די אײגנשאַפֿט פֿונעם קינסטלערס קוק. אין דער פֿאַנטאַסטישער וועלט פֿונעם קאָסמאָס איז ניטאָ קײן ברעקל פֿאַנטאַזיע.

מיט דעם רעאַלן קאָסמאָס זײַנען באַשעפֿטיקט די מענטשן פֿון דער ערד, און דער קינסטלער מאָלט דאָס, וואָס נײטיקט זיך ניט אין קײן גוזמע, וואָרט ניט אף קײן שום פֿאַרבן־אינטערפּרעטאַציע. אינעם לײַוונט „ווען מע קוקט אף דער זון פֿון דער אָרביטע לעבן דער ערד” פֿאַרהיט לעאָנאָוו רעריכס פֿאַרבן־גאַמע, מאַכנדיק מיט דעם קלוימערשט אָרעמער דעם עמעסן קוק אף דער זון, נאָר פּלוצעם, מיט דער הילף פֿון אַן אײַנריכטונג, וואָס פֿאַרגרעסערט דעם קאָליר, ווערט די זון ווידער גרעסער, און עפּשער ניט גרעסער, — עס קומט פּאַשעט פֿאַר די צעלײגונג פֿונעם קאָליר־ספּעקטאָר פֿון דער זון, און מיר דערזען פֿאַר זיך א וווּנדערלעכע פּילאַרטיקײַט פֿון דער שײַן־ און ספּעקטאָר־לײזונג פֿון דער קאָמפּאָזיציע. ווי שוואַך מיר נעמען אוף, הײסט עס, ווי ווײניק מיר זעען און ווײסן וועגן דער זון...

פּאַגאַניני האָט געשריבן: „מע דאַרף שטאַרקער שפּירן, קעדײ אַנדערע זאָלן פֿילן”. און ווי שטאַרק דאַרף מען פֿילן, קעדײ איבערגעבן די סוידעספֿולע, געהײמניספֿולע וועלט פֿונעם קאָסמאָס! עס איז נײטיק אויסטערלישע פֿאַרב. די פֿאַרבן־גאַמע דאַרף זײַן ברײטער, די קאָמפּאָזיציע מער אופֿנעמפֿעיִק, גרעסער לויטן פֿאַרנעם...

קינסטלער אַלעקסיי לעאָנאָוו

זע דאָס אַרטיקל אף דער זײַט 140

יורי גאַגאַרין

דער קאָסמאָנאַווט איז אַרויסגעגאַנגען אין וועלט-רוים





די אָרביטאַלע סטאַנציע „סאָיוז — אַפּאָלאָן"

שאַטנס פון א ווייטער פּלאַנעטע



באהערשער פון דער אלוועלט

אן אומבאוווסטע פלאנעטע



געמיינזאמער פלוג פון „סאָיוזן“

ערדישע ארבעט אין אָפענעם קאָסמאָס

אלעקסיי לעאָנאָוו איז געווען אזוי פול מיט די אײַנדרוקן פונעם זען דעם קאָסמאָס, ער איז געווען אזוי צוגעגרייט צו דער ארבעט, אז ער... קאָן ניט ארבעטן! די שעפערישע באגײַסטערונג בלײַבט שטיין פאר דער הויכער פאראנטוואָרטלעכקײַט בענגעייע די צושויער. יעדעס ווערק, וואָס מע וועט ארויסשטעלן פאר די מענטשן, וועט אופגענומען ווערן ווי א גוויִעסאיידעס פון דעם, וואָס קומט פאָר אין אלוועלט, אים, לעאָנאָוון, וועט מען גלייבן: ער איז דאָך דער ערשטער צווישן די קינסטלער פון דער וועלט, וואָס איז געווען אין קאָסמאָס...

„אן עמעסן קינסטלער, — האָט געשריבן בעטהאָווען, — אינטערעסירט ניט דער רום, ער פארשטייט גוט, אז די קונסט האָט ניט קיין גרענעצן. ער שפירט נעפלהאפט דעם שטעך, וואָס טיילט אים אָפ פונעם ציל. און פאקטיש קאָן פאסירן אזוי, אז גראָד אין יענער צײַט, ווען מענטשן ווערן ניספּאָעל פון אים, לײַדט ער דערפון, וואָס ער האָט נאָך ניט דערגרייכט צו דער הייך, פונוואנען עס שטראלט די שײַן פונעם גרעסטן געני, ווי פון דער ווײַטער זון".

אלעקסיי לעאָנאָוו האָט זיך באפרײַנדעט מיטן קינסטלער אנדריי סאָקאָלאָוו. דאָס איז א פּראָפעסיִאָנעלער מאָלער, א גרענעצלאָז פארליבטער אין דער העראָיִשער טעמע, אן אומדערמידלעכער זוכער און נאָוואטאָר.

זיי ביידע שרײַבן צוזאמען דאָס לײַוונט „אף דער ווענערע", א ווערק וועגן דער ווײַטער, געהיימניספולער און אומבאוווּסטער פּלאנעטע, ווו די אטמאָספער איז אן אָנגעגליטע, ניטאָ קיין לעבעדיקער נעפעש. אהער האָט זיך אראָפּגעלאָזט די צווישנפּלאנעט־סטאנציע „ווענערא". לויט דער קאָמפּאָזיציע און קאָליר פון דער לייזונג האָט דאָס דאָזיקע לײַוונט פאראייניקט צוויי שולן, צוויי קונסט־ריכטונגען: לעאָנאָווס זען די פארב, סאָקאָלאָווס מאניר צו פארצייכענען די דעטאלן.

די שעפערישע אייניקײַט האָט דערלויבט ענגער צונויפפאָרן לעאָנאָווס רעאליסטישן קוק אפן קאָסמאָס און סאָקאָלאָווס רײַכע פאנטאזיע.

אין 1973 שרײַבן זיי דאָס לײַוונט „די וואכטע איז געקומען". אף דער ווײַטער אָרביטע, עפשער גאָר אין אן אנדער גאלאקטיק, באגעגענען זיך צווישנפּלאנעט־סטאנציעס. דאָס ווערק געהערט צום זשאנער פון וויסנשאפטלעכער פאנטאסטיק.

די ניט געוויינלעכע קאָנסטרוקציע, די רײַכע פארבן־גאמע פונעם הימל, דער לעבנסבאשטעטיקנדיקער פּרינציפּ פון פארהיימישן דעם קאָסמאָס, די אלץ באזיגנדיקע קראפט פונעם מענטשנס געדאנק און דער הימן, וואָס באזינגט דעם מענטשנס געני, דעם פארנונפט, וואָס כאפט ארום די גאנצע פּלאנעטע, — אָט אזא איז די אָריגינעלע לייזונג פון דער טעמע פאנטאסטיק און מיסטיק אינעם ווערק „דער מיראזש פונעם יאנטאר־צימער".

„א פרימאָרגן אינעם קאָסמאָס" — אזוי האָט לעאָנאָוו ערדיש־פּאָשעט אָנגערופן איינס פון זײַנע ווערק. די ניט געוויינלעכקײַט פונעם בלויען פּאס, וואָס האָט אין יענעם פלוג ארומגעכאפּט אונדזער ערד און וועלכן לעאָנאָוו האָט וואָרפאטיק געמאָלט אין אָט דעם בילד, איבעראשט די מענטשן פון דער ערד. נאָך מער, דאָס רופט ארויס א וווּנדער אויך בא די געלערנטע. ווייניק וועמען פון די קאָסמאָנאווטן איז אויסגעקומען צו באגעגענען זיך מיט אָט דעם וווּנדערלעכן און ביז איצט נאָך ניט דערקלערטן פאקט פון דער נאטור. לעאָנאָוון האָט זיך עס אײַנגעגעבן. נאָר צי קאָן מען זאָגן, אז די וויסנשאפט וועט קוקן אף דעם מיט אומצוטרוי, אויב דער קאָסמאָנאווט האָט געקענט ניט בלויז פארשרײַבן די דערשײַנונג אינעם באָרטזשורנאל, נאָר אפילע אָנמאָלן זי אין זײַנעם א ווערק?

אלעקסיי לעאָנאָוו האלט, אז די קונסט פון אויסשרײַבן דעטאלן איז דער שליסל צו גרויסער מײַסטערשאפט. יעדע דערשײַנונג, וואָס ווערט אָפּגעמערקט אינעם קאָסמאָס, יעדער שטריך אינעם לעבן פון דער אלוועלט באמיט ער זיך צו איבערגעבן ווי מעגלעך וואָרהאפטיקער, פינקטלעכער. דאָס אליין איז גענוג, מע זאָל ווערן איבעראשט פון דעם קאָסמישן איינסאָף, מע זאָל פילן זײַנע גרענעצלאָזע ווײַטן, קוקנדיק אף דעם קינסטלערס בילדער. אָט פארוואָס יעדן שטערן, וואָס איז באוויזן אפן לײַוונט, מאָלט לעאָנאָוו מיט דער העכסטער זאָרגזאמקײַט, זוכנדיק די נייטיקע קאָמפּאָנענטן פון די פארבן־גאמעס.

די בילדער, וועלכע לעאָנאָוו האָט געשאפן, זײַנען מענטשלעך, דורכגעדרונגען מיט לעבנסבאשטעטיקנדיקע אידייען, זיי זײַנען אָרגאניש פארבונדן מיט דער ערד. ווי לאנג עס זאָל זיך ניט ציִען דער פלוג פונעם קאָסמאָנאווט, אין וועלכע ווײַטקײַטן ער זאָל ניט זײַן, איז ער, אָט דער האָרעפּאשניק פון דער אלוועלט, שטענדיק אן ערד־מענטש, א זון פון זײַן פּלאנעטע. דער דאָזיקער געדאנק דרינגט דורך לעאָנאָווס שאפונג. אליין דער קינסטלער געהערט צו דער קאהאָרטע פליִער, וועלכע זײַנען באשאָנקען פון דער נאטור מיט דער פעיִקײַט צו שעצן מער פון אלץ דאָס ערדישע.

אין איינעם א שמועס, רעדנדיק וועגן דעם, וויאזוי ער פאסט שעפעריש אוף דאָס לעבן, די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן, האָט לעאָנאָוו זיך דערמאָנט אין דער פעלד־ראָמאשקע, וואָס איז אויסגעוואקסן לעבן דעם אָרט, ווו עס פלעגט שטיין זײַן ראקעטן־טרעגער. גאָר א שוואך שטענגעלע איז דאָס געווען, מיט ווײַסינקע בלעטעלעך. נאָר פארמאָגט האָט עס אזויפיל קראפט אין זיך, אז דאָס געשטאלט פון אָט דעם מוטיקן, שטאנדהאפטיקן קווייטעלע האָט אופגעלעבט אפילע דאָרט, אין קאָסמאָס, אופגעלעבט קלאָר און דײַטלעך, און ס'זײַנען

ניט נייטיק געווען קיין פארבן אַף אָנצומאָלן עס.

גאָר ניט לאַנג צוריק האָט אַלעקסיי לעאָנאָוו זיך אומגעקערט מיטן לײַנער „ТУ-154“ פונעם קאָסמאָדראָם, ווו ער האָט באַגלייט א קאָסמאָנאווט אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרביטע. דער אעראָפּלאַן איז געגאַנגען מיטן צאָפנדיקן קורס. פון לינקס, אין מיזרעך, האָט די זון געהאַלטן אין פארגיין. אין קאָסמאָס פלעגט לעאָנאָוו געווײנלעך אופכאַפּן אַזעלכע רעגעס, ווײַל קיין גרויסאַרטיקערע שפּיל פון פארבן קאָן מען אינערגעץ ניט זען, דאָס טרעפט נאָר באַם זון־פארגאַנג. ער איז ווי א פּאַרקישעפּטער צוגעפאַלן צום אילומינאַטאָר. דער קאַזאַכסטאַנער הימל, וואָס איז ניט באַרירט געוואָרן פון די קאַנצעראָגענען פון דער ציוויליזאַציע, האָט אין דער פולער מאָס איבערגעגעבן די שפּיל פון פארבן און שײַן. פּונקט ווי אין קאָסמאָס, אַזוי פלאַטערט די שקיִע (נאָר אין א סאַך א קלענערן פארנעם) אַף א טייל פונעם הימל. און דאָרט, אַרום דער גאַנצער פּלאַנעטע שײַנט א גאָלדענע קרוין. „אויב איבערטראָגן עס אין דער אַלוועלט, — האָט א טראַכט געטאָן לעאָנאָוו, — וואָס פאַר א בילד וואָלט זיך דאָס באַקומען?“...

א בילד האָט ער בעעמעס דערזען א גרויסאַרטיקס, ניט ענלעך אַף קיין שום ערדיש בילד. אַף די פּילאָרטיקע קינסטלערישע לײַוונטן, וועלכע, ער האָט געשאַפן אַלס קאָסמאָנאווט און אַלס קינסטלער, זעט מען דאָס גוט. אָט די שיינע, וווּנדערלעכע און הערלעכע קאָמפּאָזיציע וואָלט באַוווּסט געוואָרן בלויז די ספּעציאַליסטן, ווען צווישן זיי זאָל זיך ניט האָבן באַוויזן דער טאַלאַנטפולער קינסטלער לעאָנאָוו, וועלכער האָט אויסגעטראָטן נײַע וועגן אינעם קאָסמאָס.

אַלעקסיי לעאָנאָוון ציט שטענדיק צום מאָלבערט. ווען עס גיט זיך אים אײַן אָפּשפּאָרן א שאָ, א טאָג, שטייט ער באַם מאָלבערט און מאָלט. ער באַמערקט ניט, ווי מע רופט אים עסן פרישטיק, צי מיטיק, ער ענטפערט ניט אַף טעלעפאָן־קלונגען. ער פארגעסט וועגן אַלץ. איין מאָל האָט ער, מאָלנדיק, ארײַנגעלייגט אין קעשענע א טראַטמעסטער, מיט וועלכן ער פלעגט מעסטן די צאָל טריט בייס דער אַרבעט. ער האָט אָפּגעאַרבעט פון אינדערפרי ביז אָוונט. א קוק געטאָן אַף דער שקאַלע, האָט ער זיך געכידעשט: פּערציק טויזנט! אָט אַזוי אַרבעט א קינסטלער!

א מאָלער איז אייביק אין באַוועגונג.

פאַראַן סוזשעטן, וועלכע הערן ניט אוף צו באַמוטיקן. אַזאַ איז דער סוזשעט פונעם בילד וועגן דעם, ווי דער מענטש גייט אַרויס אין אָפענעם קאָסמאָס. געמאָלט האָט עס לעאָנאָוו פאַר דער באַקוער בילדער־גאַלעריי. געמאַכט איין עסקיז, א צווייטן, נאָך איינעם, וועלנדיק פארצײַכענען וואָס פּינקטלעכער די אומגעווײנלעכע סיטואַציע. „א מענטש גייט אַרויס אין אָפענעם קאָסמאָס“ האָט ער איצט אין צענדליקער וואַריאַנטן. און פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז נאָך ניט אַלץ האָט ער דאָ אָפּגעטאָן, די טעמע איז נאָך ניט אַנטדעקט, ער האָט נאָך ניט געפונען דעם ריכטיקן וואַריאַנט. ס'איז ניט מעגלעך צו זאָגן, וואָס עס פעלט, מע דאַרף אָנשרײַבן אַזוי, אַז א מענטש, ווען ער גייט צו צום בילד, זאָל ער אויסשרײַען: „אוי, גאָט מײַנער! דאָס איז עס דאָך!“

אַלעקסיי לעאָנאָוו הערט ניט אוף צו מאַכן עסקיזן. ער האָט זיי שוין אין די הונדערטער. איינמאָל האָט ער איינעם פון די עסקיזן פארוואַנדלט אין א לײַוונט, און עס איז געבוירן געוואָרן דאָס בילד „די זון־קרוין“, וועלכע ער האָט געשענקט אַלס מאַטאָנע דעם נאַציאָנאַלן מוזיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

ער האָט געמאַכט עסקיזן פון די נאָך ניט גענוג אויסגעפאָרשטע שטערן, וועלכע הייסן קאַרליק־שטערן. די דאָזיקע הימל־קערפּערס באַשטייען פון אַטאָם־נוקלעאַרע קערנס, דערפאַר איז בא זיי א גיגאַנטישע וואָג. איין סאַנטימעטער פונעם באָדן פון אַזאַ שטערן וועגט אַרום א מיליאָן טאָן, און וויבאַלד זיי זײַנען ניט קיין געווײנלעכע, אַפילו מאָדנע, קומען אַרום זיי פאַר אינטערעסאַנטע דערשײַנונגען, וועלכע עס פרוווט קינסטלעריש פארקערפּערן דער מענטש, וועמענס „היים“ עס איז דער קאָסמאָס.

אין 1978 זײַנען אין מאָסקווע עקספּאָנירט געוואָרן ווערק פון סאָוועטישע קינסטלער, געווידמעט דעם קאָסמאָס. אַף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט מען צונויפגעזאַמלט מאָלערײַ, גראַפיק, סקולפּטור. עס זײַנען געווען פאַרטראָטן אַלעקסיי לעאָנאָווס ווערק. אינעם באַריכט וועגן דער אויסשטעלונג האָבן די צײַטונגען געשריבן:

„אין א. לעאָנאָווס ווערק ציט צו די אָריגינעלקײַט און פרישקײַט פון די אומיטלבאַרע אײַנדרוקן, וועלכע ער טראָגט אַרוף אַף די לײַוונטן לעבעדיק און דינאַמיש.

עס איז מאָדנע און אויסטערליש צו זען אין זאַל לײַוונטן, ווו עס גייען באַנאַנד רעאַליטעט און פאַנטאַזיע. מיט אונדזערע אויגן דערזעען מיר מיטאַמאָל א וועלט, ווו עס שײַנען עטלעכע זונען פון פאַרשיידענע קאָלירן, מיר זעען די צייכענונגען פון ווײַטע שטערן, פון נעפּלען, געשטערנס, פּלאַנעטן...“

א. לעאָנאָווס ווערק זײַנען א גרויסע דערגרייכונג פון דער סאָוועטישער קונסט־שול.

איסידאָר אייניק

■ ■ ■

סאָוועטיש היימלאַנד 1980

די פּאָטשט פון

וועגן מענטשן, וועגן געשעענישן...

א פּרעכטיקע מאַטאַנע

מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך געלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" די ייִדישע איבערזעצונג פון ל. אי. ברעזשנעוווס ווערק „קליינע ערד", „ווידערגעבורט" און „צעלינאַ". די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט די דאָזיקע ווערק אַרויסגעגעבן אין א בוך־פאָרם. מיר, די לייענער, האָבן באַקומען א פּרעכטיקע מאַטאַנע.

ל. אי. ברעזשנעוו דערציילט וועגן דעם, וואָס ער ווייסט זייער גוט, וועגן די געשעענישן, אין וועלכע ער האָט אומיטלבאַר אָנטייל־גענומען. דאָס זײַנען ניט קיין פּאָשעטע זיכרוינעס. אין זיי ווערן געשילדערט מענטשלעכע כאַראַקטערן, אויסערגעוויינלעך אינטערסאַנטע פּראַטים פון געשעענישן. און קודעמקאָל וויל איך זאָגן, אז מיר זעען דאָס געשטאַלט פונעם אוטאָר גופע.

אונדזער זשורנאַל לייענט מען ניט נאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די פּראָגרעסיווע ייִדישע מאַסן אין אויסלאַנד וועלן אויך זײַן דאַנקבאַר דער רעדאַקציע פאַר אָט דער מאַטאָנע.

וועלוול קעסעל,
אַלמאַ־אַטאַ

אף דער צעלינאַ

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" ל. אי. ברעזשנעוווס „צעלינאַ", האָב איך פאַרשטאַנען, אז איך דאַרף אײַך אָנשרײַבן, ניט וועגן זיך — וועגן מײַן זון וואָלענטין אווזשוס. אינעם צעלינער סאָווירט „ראַסטאָווסקי" איז ער געווען א טעכניקער־מעכאַניקער, רעמאָנטירט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס מײַן זון האָט זיך באַטייליקט אין דער עפּאָפּייע אף דער צעלינאַ.

אין 1957 האָט וואָלענטין פאַרענדיקט אין בירָאָבידזשאַן א טעכניקום, די ערשטע פּראַקטיק איז ער דורכגעגאַנגען אין די ווירטשאַפטן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, און אף דער צעלינאַ קומט ער אָן לויט דער פּוטיאָווקע פון קאָמיוג.

איך בין געווען באַם זון צוגאַסט און געזען, ווי גליקלעך ער איז, מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם עס מיִען זיך זײַנע כאַווירים.

אין איין גרויסער פרײַנטלעכער מישפּאָכע לעבן אין סאָווירט רוסן, קאַזאַכן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, ליטווינער, ייִדן.

מײַן זון איז איינער פון די, וועגן וועמען עס דערציילט אין זײַן בוך „צעלינאַ". ל. אי. ברעזשנעוו.

א. זאַגורסקאַיאַ,
קיִעוו

א יאָמטעוו אף דער באָטווין־גאַס

אין לוואָוו איז פאָרגעקומען א פײַערלעכער אַקט אף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון נאַפטאָלע באָטווין. דעם מיטינג האָט אָרגאַניזירט דער שעווטשענקאָווער ראַיאָנישער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

וועגן נאַפטאָלע באָטווינס לעבן און זײַן העלדנטאָט האָבן דערציילט דער פאַרוואַלטער פון דעם אָפּטייל פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע באַם ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט ל. יאַצקאָ, דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם היסטאָרישן מוזיי א. יאַרמאָליוק, דער געוועזענער דעפּוטאַט פון דער פּאָלקס־פאַרזאַמלונג פון מײַרעוו־אוקראַיִנע יעקאַטערינע פּיליאַ.

דער אַלטער קאָמוניסט א. ליפּשיץ און אַנדערע האָבן געלייגט אף נ. באָטווינס קייווער בלומען.

אפן הויז נומער 1 פון דער באָטווין־גאַס הענגט א מעמאָריאַלע ברעט, געווידמעט דעם רעוואָליוציאָנערן קעמפער פון מײַרעוו־אוקראַיִנע, וועלכער איז אין 1925 יאָר דערשאָסן געוואָרן לויט אורטייל פונעם בורזשואַזן געריכט.

א. ראַכלין, לוואָוו

НАШІ СЛАВНІ ЗЕМЛЯКИ

Зустріч з Катаманіним

На екранах телевізорів цими днями городнянці зустрілися з своїм земляком В. Л. Катаманіним. Програма «Время» передала репортаж з прославленої бригади московських метробудівців.

Городнянці старшого покоління добре пам'ятають активного комсомольця двадцятих років Веніаміна Катаманіна. Особливо багато працював юнак тоді з школярами міста. На початку 30-х років він поїхав вчитися в Москву. Але там його плани змінились. Центральний Комітет партії якраз прийняв тоді рішення про початок будівництва в столиці метро. Московська організація комсомолу направляла на будову метро юнаків і дівчат. За путівкою комсомолу прийшов у Метробуд і Веніамін Катаманін. Він швидко освоїв професію прохідника, став бригадиром. Під його керівництвом бригада стала систематично перевиконувати денні завдання. У травні 1935 року була пущена перша черга московського метро довжиною 11,6 кілометра. В. Л. Катаманін, в числі інших метробудівців, був удостоєний ордена Трудового Червоного Прапора.

А потім була друга, третя, четверта... черги метро. І всюди була бригада прохідників В. Л. Катаманіна. 45 років віддав будові Веніамін Лазарович. Тепер поруч з ним, (а йому йде 72-й рік) працює його син Олег. Катаманіни прокладають новий, Калінінський радіус метро.

Веніамін Лазарович в 1957 році удостоєний найвищої нагороди Батьківщини. Орден Леніна йому вручив Голова Президії Верховної Ради СРСР товариш Л. І. Брежнєв. Цей хвилюючий момент було ще раз показано на екранах телевізорів. У Городнянському історико-краєзнавчому музеї експонується фотографія, зроблена під час вручення Леонідом Іллічем В. Л. Катаманіну високої нагороди. Городянці пишаються своїм прославленим земляком.

М. ЄРМОЛЕНКО.



На знімку: Л. І. БРЕЖНЄВ вручає орден Леніна В. Л. КАТАМАНІНУ.

א זײַט אין דער צײַטונג „סילסקי נאָוויני". דער פאָרזיצער פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר ל. אי. ברעזשנעוו גיט איבער א לעניןֿ־אָרדען דעם בריגאַדיר מעטראָ־בויער ו. קאַטאַמאַנין.

דער מעטראָ־בויער ו. קאַטאַמאַנין

איך וווין אין גאָראָדניע, טשערניגאָווער געגנט, און בין א באַשטענדיקער לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר דוכט, אז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט פאַרעפנטלעכן אין אונדזער זשורנאַל די פאָטאָגראַפיע, וועלכע איך שיק דאָ אײַך. זי איז געמאַכט געוואָרן אין 1957, ווען לעאָניד איליטש ברעזשנעוו האָט איבערגעגעבן ו. קאַטאַמאַנינען, מײַן לאַנדסמאַן, די העכסטע מעלוכע־באַלוינונג — א לעניןֿ־אָרדען.

וועניאַמין קאַטאַמאַנין שטאַמט פון אן אָרעמער ייִדישער מישפּאָכע, ער איז א קאָמיוגיסט פון די צוואַנציקער יאָרן. אין אָנהייב פון די דרײַסיקער ציט ער זיך איבער קיין מאָסקווע און ווערט א מעטראָ־בויער, א בריגאַדיר. ווען די ערשטע ריי פונעם מאָסקווער מעטראָ איז אויסגעבויט געוואָרן, באַלוינט מען קאַטאַמאַנינען מיט אן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. דערנאָך זײַנען געווען אנדערע וויכטיקע איניאַנים, און אומעטום פלעגט קאַטאַמאַנינס בריגאַדע גיין אין די פאָדערשטע רייען.

דער וועטעראַן הערט ניט אויף זיך מיִען אדהײַנט.

א. קאַגאַן, גאָראָדניע

מיר ווינטשן איר דערפאָלג

סאַרע קאַבאַלקינע איז געבליבן א יעסוימע מיט א קליין שוועסטערל, נאָר די סאָוועטנמאַכט האָט זי ניט געלאָזט פאַרפאַלן ווערן. סאַרע האָט זיך געלערנט, געענדיקט אן אינסטיטוט, געאַרבעט. א דאַנק אירע פֿײַיִקייטן דערגרייכט זי צו דער העכסטער שטופע: איצט איז זי ניט פּאַשעט א דאָקטאָר פון פיזיק־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, ניט נאָר א פּראָפעסאָר, זי פאַרוואַלטעט מיט א לאַבאָראַטאָריע פון רענטגען־אַנאַליז אין איינעם פון די אינסטיטוטן פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

זי האָט דאָס גאַנץ לעבן אירס געווידמעט דער וויסנשאַפט.

כ'וואָלט וועלן, אז די לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָלן וויסן וועגן סאַרע קאַבאַלקינע און ווינטשן איר דערפאָלג אין איר פרוכטבאַרער אַרבעט.

ג. זאַלצמאַן, מאָסקווע

דעם דירעקטאָרס לאַסט

אין דעם גערב פון דער שטאָט קלין, לעבן מאָסקווע, איז אַרײַנגעפּלאָכטן דער אָנפאַנג־צייכן פון יעדער ערשטער נאָטן־שורע, דער אַזויגערופענער פידל־שליסל, און פאַר קיינעם איז עס ניט קיין כידעש: נײַן יאָר האָט דאָ געלעבט און געשאַפן דער וועלט־באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר פּ. אי. טשײַקאָווסקי.

צום מוזיי אַף זײַן נאָמען פאַרוואַקסט ניט מיט ווילדגראָז דער פאָלקס־שטעג. א שלונג טאָן די לופט, וואָס איז אָרגאַניש אַרײַנגעדרונגען אינעם געקלאַנג פון טשײַקאָווסקיס מוזיק, קומען קאָמפּאָזיטאָרן, זינגער און מוזיק־ליבהאָבער פון דער גאָרער וועלט. איצט האָט זיך מיטן מוזיקאַלן רום פון דער שטאָט באַהעפט דער גוטער שעם פון זײַנע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די פאַרייניקונג „כימוואָלאָקנאָ", אשטייגער, שיקט איר פּראָדוקציע אין דער מערהײַט אויסלענדישע מעלוכעס. וויניקער באַוווסט איז דער זאַוואָד פון בוי־דעטאַלן, וועלכער באַזאָרגט מיט ציגל, קעראַמישע טריבן און וואַנט־פּאַנעלן די בויונגען פון מאָסקווע און פון פיל אַנדערע סאָוועטישע שטעט. אָבער אויך אָט דער זאַוואָד פילט פּינקטלעך אויס די פינפיאָר־פאַרגעבונגען און איז אין זײַן ווירטשאַפט־צווײַג אָפּגעמערקט מיט פיל באַלויבונגען.

אין 1962, ווען אלס הויפּט־אינזשעניער פאַרנעם זאַוואָד איז באַשטעטיקט געוואָרן דער קאָמוניסט מענדל עסטרין, זײַנען דאָ געווען ניט וויניק בלויזן אין דער אַרבעטס־דיסציפּלין, אינעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס.

עסטרין, אַן אינזשעניער מיט א דיפּלאָם פונעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָט פאַרמאָגט א רײַכע דערפאַרונג: א שטיק צײַט איז ער געווען דער שעף פון א צעך אַף א פּאָרגעשריטענער אונטערנעמונג. גלײַך פון אָנהייב האָט ער דאָ, אַפּן זאַוואָד פון בוי־דעטאַלן, זיך גענומען צו מעכאַניזירן א רײַ באַצירקן.

אַצינד איז שוין שווער צו גלייבן, אַז די ציגל פלעגט מען פריִער אַראָפּנעמען פונעם פרעס מיט די הענט, און פיר אַרבעטער האָבן פאַר איין מישמורע אַריבערגעשלעפּט אַף זיך קימאַט פופציק טאָן לאַסט. עסטרין האָט אוועקגעשטעלט אַף אָט דער אָפּעראַציע אַן אווטאָמאַט, וועלכן עס האָבן קאָנסטרויִרט זײַנע לענינגראַדער כאַווערים. דערנאָך איז מעכאַניזירט געוואָרן די צוגרייטונג פון דער מאַסע פאַר פּראָדוצירן דרענאַזש־טריבן. פיל אַנדערע טעכנישע מאָסמיטלען האָט עסטרין פאַרגענומען, קעדיי פאַרבעסערן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס אַפּן זאַוואָד.

עס זײַנען שוין פאַריבער זיבעצן יאָר, די לעצטע פינף פון זיי איז עסטרין דירעקטאָר אַף דער אונטערנעמונג, און ביז איצט הערט ער ניט אויף צו זאָרגן וועגן באַנײַען דעם פּראָדוציר־פּראָצעס.

אין פאַריקן יאָר איז מאָדערניזירט געוואָרן דער ציגל־צעך, דערבײַ איז די אַרבעט אַף קיין רעגע ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, עס האָט זיך פאַרבעסערט די קוואַליטעט פון די ציגל און ס'איז א סאַך גרינגער געוואָרן די מי פון פיל אַרבעטער. ביכלאַל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אַפּן זאַוואָד פון בוי־דעטאַלן אין קלין ווערט באַנײַט די טעכנאָלאָגיע אייגנצײַטיק מיט דער פאַרלײַכטערונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען.

מענדל עסטרין איז לויט זײַן כאַראַקטער א נאָוואַטאָר. דערצו אַזאַ מין, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אַף דער ערד. ער איז ענג פאַרבונדן מיט די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, פירט אײַן באַ זיך אַף דער אונטערנעמונג בלויז דאָס בעסטע, דאָס אויסגעפּרוּווטע. אָבער עסטרין איז ווײַט פון הוילן פּראַקטיציזם. ער איז אַן אָנטײלנעמער פון פאַרשיידענע סעמינאַרן, וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן, דיסקוסיעס, האָט ניט מוירע צו עקספּערימענטירן.

פאַר די לעצטע יאָרן האָט דער זאַוואָד אויסגעבויט א גוטע צוזאַמענוווינונג פאַר דער יוגנט, א מויער פאַר זעכציק מישפּאָכעס. עס ווערן אופגעשטעלט, כוץ דעם פאַראַנענעם קינדערגאָרטן, א גרויסער קינדער־קאָמבינאַט, נאָך איין וווין־הויז. דער זאַוואָד פאַרמאָגט א גוטע גאָרקיך, א קאָמבינאַט פון שטייגער־באַדינונג.

אַף דעם קלינער זאַוואָד באַצייט מען זיך איידל איינער צום אַנדערן. קיינער שרײַט ניט אַף קיינעם, מע איז ניט צופיל שטרענג, האַגאַם פאָדערונגען זײַנען דאָ די סאַמע העכסטע. אלע פראַגן לייזט מען קאָלעקטיוו. עסטרין וויל ניט, אַז די מענטשן זאָלן פּאַשעט אויספּילן זײַנע באַפעלן, ער פאַרלאַנגט, אַז אלע אַרבעטנדיקע זאָלן זײַן דעם דירעקטאָרס פאַרבינדעטע.

עסטרין לערנט זיך אליין, ביכדיי האָבן די רעכט לערנען עמעצן אַנדערש. ער פאַרנעמט זיך, צווישן אַנדערס, מיט שטודירן פּסיכאָלאָגיע — באַהערשט די יעסוידעס פון אָט דער וויסנשאַפט, קעדיי קאָנען זיך באַהעפטן מיט מענטשן.

פאַר זײַן ערלעכער אַרבעט אלס דירעקטאָר פונעם זאַוואָד איז מענדל עסטרין באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן". ער איז מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. דער זאַוואָד, מיט וועלכן ער פירט אָן, איז א פּאָרויסגעשריטענער.

פּ. קאַגאַן מאָסקווע

בריוו קומען אָן אומופּהערלעך

(איבערזיכט)

פאַר די קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, וואָס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" עקזיסטירט, איז נאָך ניט געשען, אַז דער פּאָטשטאַליאָן זאָל אַרײַנקומען אין רעדאַקציע אָן אַ פּעקל בריוו פון לייענער. אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערס און גוירלאָעס. איינער דערציילט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק עס האָבן אויף אים געמאַכט די ווערק אין דעם לעצטן נומער פונעם זשורנאַל, אַ צווייטער קומט צו אונדז מיט אַ פראַגע, אַ דריטער בעט אַן אייצע; אַנדערע טיילן זיך מיט זייערע פריידן און זאָרגן.

מיר האָבן שוין געהאַט מיטגעטיילט, אַז אין אונדזער פּאָטשט פאַרנעמען אַ בעקאַוועדיק אָרט די בריוו, געווידמעט די ווערק פון ל. אי. ברעזשנעוו „די קליינע ערד", „ווידערגעבורט" און „צעלינאַ", וועלכע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ייִדישער איבערזעצונג. די נומערן פונעם זשורנאַל מיט אָט די ווערק זײַנען בעעמעס בליץ־שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן אין די קיאָסקן, זיי זײַנען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. ל. אי. ברעזשנעווס ווערק שילדערן דעם העלדנמוט פונעם סאָוועטישן פאָלק, זיי לערנען, ווי אַזוי צו פּאַרטייִדיקן דאָס היימלאַנד, ווי אַזוי בויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. אין סאַך פונעם פאַריקן יאָר זײַנען אַלע דרײַ דאָקומענטאַלע דערציילונגען דערשינען אין אַ בוך־פאָרעם אלס בײַלאַגע צום זשורנאַל. די נײַע בריוו־אָפּרופן אויף אָט דעם בוך זײַנען אַ באַווײַז, ווי פּאָפּולער ער איז געוואָרן בא אונדזערע לייענער.

פון בוכאַרא שרײַבט ט. קוסאיעוואַ וועגן דעם, אַז אַ צופאַל האָט זי באַפרײַנדעט מיטן זשורנאַל, און זי האָט זיך דערמאָנט איר מאַמע־לשון. די נײַע לייענערן איז דאַנקבאַר דער רעדאַקציע פאַר דער מאַטאָנע, וועלכע זי האָט באַקומען אינאיינעם מיטן פאַראַיאָריקן נומער 12 פונעם זשורנאַל — פאַר ל. אי. ברעזשנעווס בוך. איר בריוו פאַרענדיקט זי אַזוי: „זאָל זײַן שטיל אויף דער וועלט, זאָלן אונדזערע קינדער ניט וויסן פון מילכאָמע־פּײַער".

עס באַדאַנקט די רעדאַקציע פאַרן צוגעשיקטן בוך דער זאַפּאָראָזשיער לייענער י. בליום. וועגן דעם פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן געהאַט, לייענענדיק ל. אי. ברעזשנעווס ווערק אין דער ייִדישער איבערזעצונג, שרײַבן אונדז י. ליכטמאַן פון סיזראַן (קויבישעווער געגנט), כ. צוקערמאַן פון סווערדלאָווסק, ל. זובער פון נאָוואָסיבירסק, ר. סטאַיעצקי פון קראַסנאָאַרמייסק (סאַראַטאָווער געגנט), כ. גימעלבערג פון טשערניגאָוו, ר. שיינבערג און ש. בערעזאַ פון לענינגראַד.

ר. שיינבערג און ש. בערעזאַ שרײַבן אויך וועגן דעם נומער 12 פונעם זשורנאַל, געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער קינסטלערישער פאַרצייכענונג. זיי געפעלט, וואָס אינעם נומער גייט אַ רייד וועגן אונדזערע לעבעדיקע און טעטיקע מיטצײַטלער.

י. לידמאַן (סיזראַן) שרײַבט: „מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך געלייענט די אַרטיקלען וועגן מײַן זעמליאַק יאַנקל נאַכליס פונעם שטעטל ליטין. ווען ער איז שוין געווען אַ באַלמעלאָכע, אַ בלעכער, בין איך ערשט געווען אַ לערן־ייִנגל. איך בין אויך צופרידן, וואָס כ'האָב זיך באַגעגנט אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל מיט א. גיטעלמאַנען פון וויניצע, מיט וועמען איך בין פּערזענלעך באַקאַנט — איינעם מיט אים האָב איך געבויט הײַזער און פּראָדוצירט אָביעקטן.

וועגן די מאַטעריאַלן אין אָט דעם נומער שרײַבן אויך די לייענער פון זאַפּאָראָזשיע מ. גאָלוב און י. קראַמער. אויף מ. פּלאָם פון קעשענעוו האָבן געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק די ווערק פון די רוסישע שרײַבער אי. פּלאַטאָנאָוו („אַלטערקע"), יע. פּערמיאַק („קאָליר און שײַן"), וו. אַגניעוו („דער טאָגבוך פון מײַן אומגעקומענעם כאַווער"), וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם זשורנאַל אין דער ייִדישער איבערזעצונג, ווי אויך א. ריבאַקאָווס ראָמאַן „שווערער זאַמד".

די פּערסאָנאַלע פּענסיאָנערקע פון ברעסט ג. בעבעס שרײַבט וועגן א. ווערגעליסעס רײַזע־נאָטיצן „אין פּופצן יאָר אַרום". „בוילעט זע איך ניו־יאָרק, — לייענען מיר אינעם בריוו, — פּונקט ווי דער שרײַבער וואָלט מיך געפירט פאַר דער האַנט און מיר פּערזענלעך באַוויזן דעם קאָנטראַסט צווישן רײַכקײַט און אָרעמקײַט".

ג. לוקאָשעווסקי פון זשדאַנאָוו (דאָנעצקער געגנט) האַלט, אַז דער פאַראַיאָריקער צוועלפטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך באַקומען זייער אַ געלונגענער קוידעמקאָל דערפאַר, וואָס די אויטאָרן פון די פאַרצייכענונגען האָבן אין צענטער פון זייערע ווערק געשטעלט דעם אַרבעטס־מענטש. ס'איז גוט, וואָס די שרײַבער געפינען העלדן פון זייערע ווערק צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן, און דאָס דאַרף זײַן דער מאַגיסטראַל־וועג אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

דער אינטערעס פון די לייענער צו די רעאלע געשטאלטן, וועגן וועלכע עס דערציילט „סאָוועטיש היימלאנד", אנטפּלעקט זיך צומאָל ביז גאָר אייגנארטיק. מיט א צײַט צוריק האָבן מיר פארעפנטלעכט ה. סמאָלקינס זיכרוינעס פון א יידישן סאָלדאט. דאָרט גייט א רייד וועגן געשעענישן פון א גאָר ווײַטער צײַט — וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע. און אָט האָט די רעדאקציע באקומען א בריוו פון א וויטעבסקער טוישעוו — מ. קאדין, וועלכער טיילט מיט, אז ער איז אויך א זון פון א פארטיידיקער פון פּאָרט־ארטור, און אים האָבן אופגערודערט ה. סמאָלקינס דערינערונגען, ווײַל זײַן פאָטער, בערל קאדין, איז בײַס דער באלאגערונג פון פּאָרט־ארטור געווען א סאָלדאט אין דעם זעלבן 16־טן שיסער־פּאָלק, אין וועלכן ס'האָט געדינט סמאָלקין. „איך געדענק מײַן טאטנס דערציילונגען וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט די סאָלדאטן געפירט אין קאלטע וואגאָנען דורך סיביר, פון וויטעבסק אפן ווײַטן מיזרעך, — שרײַבט מ. קאדין. — דער טאטע האָט מיר אויסגעמאָלט, וויאַזוי די סאָלדאטן האָבן געשפּאַנט צופוס לענגויס דעם בײַקאל... געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 79 יאָר. בא אים איז געווען א געאָרגיעווער קרייץ, ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. און איך, דער זון פון א פארטיידיקער פון פּאָרט־ארטור, האָב זיך געראנגלט מיט די פאשיסטן, כ'בין א קאוואלער פון דעם סאָלדאטישן אָרדען פון רום".

דער איבערוף פון צײַטן קלינגט אין פיל בריוו פון אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן. מענטשן קאָנען ניט פארגעסן סײַ דאָס גוטס, וואָס עס האָט מיט זיי פּאסירט, סײַ דאָס בייזס. וועגן די שווערע אויספרווון, וועלכע עס איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין די יאָרן פונעם גרויסן פאָטערלענדישן קריג, שרײַבן אונדז לייענער פון אוקראיִנע, ווײַסרוסלאנד, מאָלדאוויע, בײַ באלטיק.

ארקאדי סערעבריאַני פון ליִעפּײַע (לעטלאנד) דערציילט וועגן א טוישעוו פון זײַן שטאָט ראָבערט סעדול, א לעט לויט דער נאציאָנאליטעט, וועלכער האָט בײַס דער פאשיסטישער אָקופּאציע געראטעוועט פון געטאָ עלף יידן. ער האָט זיי אויסבאהאלטן אין א קעלער. און ווען ער איז אומגעקומען אָנדערהאלבן כאָדאָשים פארן זיג פון א צופעליקן באָמבע־אופרײַס, האָט זײַן פרוי פאָרגעזעצט אכטונג צו געבן אף די געראטעוועטע אינײינעם מיטן מאנס בעסטן פרײַנט ארוויד סקארא. דאָס איז נאָך איין באווײַז, וויאַזוי עס האָט זיך אין די גרויזאמע מילכאָמע־טעג אנטפּלעקט די אומזיגבארע קראפט פון פעלקער־פרײַנטשאפט אין אונדזער היימלאנד.

א קיִעווער לייענער, נ. זינשטיין, טיילט מיט, אז אינעם דאָרף קאָטעלנא, אנדרושעווסקער ראיאָן, זשיטאָמירער געגנט, הענגט אף דער געבײַדע פון דער אָרטיקער שול לעבן דענקמאָל לעקאָוועד די געפאלענע זעלנער א בילד פונעם פליִער־העלד איציק זאזולינסקי. נ. זינשטיין בעט, מיר זאָלן דערציילן אָפּטער וועגן אזעלכע פליִער. ענלעכע באקאָשעס קומען אָן פון אנדערע ערטער, און מיר טוען אלץ, קעדיי צו באפרידיקן זיי. די דאָזיקע מאטעריאלן דרוקן זיך אין די רובריקעס „אף די שפּורן פון געשעענעם", „מענטשן, זייער צײַט און זייער גוירל". מיר פּובליקירן אויך בריוו פון לייענער אף אָט דער טעמע.

ב. צוויזאָן פון ווילנע האָט צוגעשיקט זײַנע זיכרוינעס וועגן קאָוונער געטאָ. אין סאָף סענטיאבער 1943 האָט מען פון דאָרט ארויסגעפירט אנערעך צוויי טויזנט פינף הונדערט מאן. וווהין האָט קיינער ניט געוווּסט. „זעקס טעג און זעקס נעכט האָט מען אונדז געפירט אהין און צוריק, — שרײַבט ב. צוויזאָן. — צווישן אונדז זײַנען געווען אלטע מענטשן און שוואכע. אייניקע האָבן ניט אויסגעהאלטן די אומענטשלעכע באדינגונגען. געבראכט האָט מען אונדז קיין עסטלאנד, באפוילן רעמאָנטירן מאשינעס אף א פאבריק. די צעכן פון דער פאבריק האָבן די פאשיסטן פארוואנדלט אין וווינבלאָקן. די ארבעט איז געווען זייער א שווערע, קיין געצײַג האָבן מיר ניט געהאט, געארבעט מיט די הוילע הענט... דערנאָך האָט מען אונדז, א גרופּע פון הונדערט מאן, אריבערגעפירט איבער דעם טײַך נארווא אף וואלד־ארבעט, ווו מיר האָבן געטעסעט קלעצער פאר בונקערס"...

צו מארט 1944 זײַנען פון די הונדערט מאן געבליבן פערציק, און מע האָט זיי פארשפּארט אינעם קאָנצלאגער „וויַיוואַרטו", דערנאָך אינעם לאגער „ערעדאָ".

צו דער צײַט, וועגן וועלכער עס דערציילט ב. צוויזאָן, קערט אונדז אום אויך א לייענער פון ברוקלין (א שטאָט־ציילעך פון ניו־יאָרק) י. דרוסבערג. ער האָט אונדז צוגעשיקט זײַן סאטירישע ליד „באלאדע פון פּריצי־נאצי אין געטאָ", אין וועלכער ער שרײַבט, אז די אסירים אין די לאגערן זײַנען געווען ניט נאָר מארטירער, נאָר אויך קעמפער.

מיר האָבן שוין אָפּגעמערקט, אז א סאך בריוו פון אונדזערע לייענער דערציילן וועגן די מארטירער פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, אָבער נאָך מער מאטעריאלן באקומט די רעדאקציע וועגן די קעמפער און העלדן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. לײדער האָבן מיר א מעגלעכקײַט צו פארעפנטלעכן בלויז א קליינע צאָל פון זיי.

כאיִם קאָלעסניק פון בערדיטשעוו האָט אונדז צוגעשיקט א פארצייכענונג וועגן דעם העלד פון דער מילכאָמע יעפים שייכאָן, וועלכער איז בײַס די שלאכטן אין סטאלינגראד, אין עלטער פון 23 יאָר, בלינד געוואָרן, נאָר ביז איצט זעצט ער פאָר ארבעטן אלס מעבלסטאָליִער. וועגן דעם העלד פון סאָוועטנפארבאנד מאָיסיי שאכנאָוויטש דערציילט אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ א. בירגער. שאכנאָוויטש שטאמט פונעם שטעטל ליובאר אף אוקראיִנע.

איצט וווינט ער אין באקו און פירט אָן פיל יאָרן מיטן קאָלעקטיוו פונעם באקוער גאסטראָנאָם נומער 3. ער איז א דעפוטאט פונעם נאַכיטשעוואַנער ראַיסאָוועט.

אי. רוווינסקי פון קאָראָסטען שרײַבט וועגן דעם האָרעפּאשניק פונעם ערשטן פינפיאָר כאַיִם אויסטאטש. אין 1978 האָט ער געפּײַערט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און דעם גאָלדענעם יובילײ — 50 יאָר — זינט ער איז געוואָרן א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

מע דארף אויך אָפּמערקן א ריי ברױוּאָפּרופן אף אונדזערע פּובליקאציעס. אין נומער 8 פארן 1978 איז געווען אָפּגעדרוקט א פאָטאָגראפיע, וועלכע עס האָט אונדז צוגעשיקט דער כאַווער גאָסטינסקי. מ. זאהאָט פון ניי־זלאטאָפּאָל (זאָפּאָראָזשיער געגנט), האָט זיך דערקענט אף דער דאָזיקער פאָטאָגראפיע. „איך געדענק גוט, — שרײַבט זי, — ווי אונדזער ארויסלאָז־קורס פון ניי־זלאטאָפּאָליער לאנדווירטשאפטלעכן טעכניקום האָט זיך באגעגנט מיטן שרײַבער נאָטע לוריע. מיך אינטערעסירט, צי עס האָבן זיך אָפּגערופן ווער־ניט־איז פון מײַנע כאַוויירים".

מיר טיילן מיט דער כאַווערטע זאהאָט, אז אף דער פּובליקאציע האָט זיך אָפּגערופן נאָך איין לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" — יע. סאקאָווא פון אָמסק. זי שרײַבט אונדז: „די פאָטאָגראפיע אינעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ארויסגערופן בא מיר פיל זיכרוינעס. איך געדענק גוט, ווי אין 1934 האָבן מיר זיך פאָטאָגראפירט אין מאָסקווע מיטן שרײַבער נאָטע לוריע. די קינדער־יאָרן קאָן מען פון זיי־קאָרן ניט אויסמעקן. זייער שווערע זײַנען זיי בא אונדז געווען. מיר האָבן געוווינט אפן ראנד פון דער קאָלאָניע, און ארום איז געווען ווילדער סטעפּ. דאָס גראָז איז אָפט געווען אונדזער שפּײַז. רײַך איז געווען מײַן טאטע נאָר מיט קינדער, פינף נעפאשעס, און אלע מיידלעך. א בעגעד האָט מען געניית דער עלטסטער שוועסטער, און ער פלעגט זיך צערײַסן אף דער ייִנגסטער. אין קאָלווירט זײַנען מײַנע עלטערן ארײַנגעטראָטן די ערשטע. דער טאטע פלעג אונדז טרייסטן, אז דאָס לעבן וועט מיט אלע יאָר ווערן בעסער, מע דארף נאָר ארבעטן ערלעך. און אזוי איז עס טאקע געווען. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע האָבן מיר פארלאָזט אלץ, וואָס איז אזוי שווער אָנגעקומען, און זיך עוואקויִרט. אין קאלטן קאנט סיביר איז אונדז ניט געווען קאלט, ווײַל עס האָבן אונדז באגעגנט ווארעמע הארציקע רוסישע ברידער. אלע פינף שוועסטער מײַנע זײַנען אָפּגעהיט געוואָרן פון אומקום. מיר האָבן געארבעט ערלעך, די עלטערן ניט פארשעמט. מיר אלע האָבן איצט גוטע דירעס, אונדזערע קינדער האָבן געענדיקט אינסטיטוטן און זײַנען שוין אליין טאטעס און מאמעס. די אייניקלעך לערנען זיך אין שולן. אזוי, אז מײַן טאטע האָט ניט אומזיסט געטרוימט וועגן א בעסער לעבן. מיר האָבן עס דעראָבערט מיט אונדזער מי. אונדזער לערער כאַווער גאָסטינסקי געדענקט אונדז מיסטאמע גוט — לייבל בראָזגאָלס פינף מוידן... א דאנק, א גרויסן דאנק דעם זשורנאל. איך ווינטש אײַך גרויסע דערפאָלגן"...

פון מאָנטרעאל (קאנאדע) שרײַבט אונדז א. גרין: „איך בין א שטענדיקער לייענער פון אײַער (אונדזער) זשורנאל פון זינט ער דערשײַנט; מיר האָבן דאָ א פּראָגרעסיווע גרופּע, וואָס פארזאמלט זיך איין מאָל אין וואָך און לייענט „סאָוועטיש היימלאנד". דער זשורנאל באַרײַכערט אונדז מיט זײַנע ווערק, ווי אויך מיט ריכטיקע יעדיִעס וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט. איך האָב צו אײַך א ביטע: העלפט מיר זיך פארבינדן מיט מײַן קוזען מיכאַיִל סאפּיאנאָוו פון דעראזשנע, וועגן אים האָט געשריבן דער זשורנאל. מײַן נאָמען איז אווראָם גרינשפּון — אין קאנאדע הייס איך גרין. נאָך דער מילכאָמע האָט עס מיך פארוואָרפן אין דער ווײַטער קאנאדע. איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך זאָל קאָנען דערלעבן, וויפל עס איז מיר געבליבן, אין מײַן היימלאנד, אין סאָוועטנפארבאנד"...

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט געהאָלפן דעם לייענער אָפּצוזוכן זײַן קאָרעוו. סאפּיאנאָווס אדרעס איז איבערגעשיקט געוואָרן אונדזער קאנאדער פרײַנט.

מיט פארשיידענע באקאָשעס ווענדן זיך מענטשן צום זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". ניט אלע האָבן מיר א מעגלעכקײַט צו באפרידיקן, נאָר דאָס, וואָס מיר קאָנען, טוען מיר.

פון אונגארן שרײַבט אונדז פּאָקאָראצקי יאָסיף (ער וווינט אין וועליקי טשערקעס): „אינעם זשורנאל „ספּוטניק" האָב איך איבערגעלייענט, אז עס דערשײַנט אין מאָסקווע א ייִדישער זשורנאל, וואָס פּובליקירט ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. מיך, א סטודענט פון א פּעדאגאָגישער הויכשול, אינטערעסירט דאָס לעבן פון די סאָוועטישע פעלקער. איך וואָלט וועלן וואָס מער וויסן וועגן אײַער זשורנאל, וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. אויב עס איז מעגלעך, שיקט מיר ארויס כאָטש איין נומער „סאָוועטיש היימלאנד".

מיר האָבן די באקאָשע, פארשטייט זיך, אויסגעפילט.

„דער דורכשניטלעכער לעבנס־קאָסט אין ייִסראָעל"

(„סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 8, 1980)

כאַשעווע רעדאַקציע!

אין אווגוסט־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר האָבן מיר געלייענט דאָס איבערגעדרוקטע פון א פּאַריזשער צײַטונג אַרטיקל „דער דורכשניטלעכער לעבנס־קאָסט אין ייִסראָעל", אין וועלכן עס ווערן געבראַכט איבערצײַגנדיקע פאַקטן, ציפערן וועגן דעם, וויאַזוי די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין ייִסראָעל רופט זיך אָפּ אויפן לעבנס־ניוואָ פונעם פאָלק.

צי קאָנט איר ניט אויסברייטערן די טעמע און אויפקלערן אונדז וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִסראָעלדיקער עקאָנאָמיק אין לויפנדיקן יאָר, לאָמיר זאָגן — פון סאָף 1979 ביזן סאָף 1980 יאָר.

א. ליבערמאַן, ג. העלפאַנד
אופאַ.

אויפן כעזשבן פון די רײַכע קרויווים אין אויסלאַנד

„חדשות" („נײַס") איז א וועכנטלעכע בײַלאַגע צום ייִסראָעל־זשורנאַל אין רוסיש „שאַלאָם". דער נומער, וועגן וועלכן עס גייט א רייד ווײַטער, איז דערשינען ערעוו נײַ־יאָר 1980, ווען מענאַכעם בעגינס רעגירונג האָט, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט ניט ווייניק לעכער אין די טײַסטערס פון די ייִסראַאיילעם. אָט וויאַזוי דער זשורנאַל האָט דעמלט געשריבן וועגן די „נײַ־יאָר־מאַטאָנעס" פונעם רעגירנדיקן בלאָק „ליקוד".

„די ייִסראַאיילים זײַנען שאָקירט פון די עקאָנאָמישע מאָסמיטלען פון דער רעגירונג, וועגן וועלכע דער פינאַנץ־מיניסטער איגאַל הורוויץ האָט פאַריקע וואָך געמאָלדן... די סטודענטן, די „שוואַרצע פּאַנטערעס" און די אײַנוווינער פון די אָרעמקײַט־ראַיאָנען זײַנען אַרויס אין גאַס". „דער פינאַנץ־מיניסטער איגאַל הורוויץ האָט געזאָגט, אַז יעדער איינער, וואָס האָט הײַנט אַרבעט, דאַרף זיך פרייען... וואָס וועט זײַן מיט די מענטשן, וועלכע וועלן איבעראַיאָר דעמאָביליזירט ווערן פון דער אַרמיי, אָדער ענדיקן די הויכשול, און וואָס וועט זײַן מיט יענע, וועלכע זוכן פּראָסט־פּאָשעט אַרבעט?"

באַזונדערס פּערספּעקטיוולאָז זעט אויס די לאַגע פון די, וואָס ענדיקן אינסטיטוטן, איבערהויפּט הומאַניטאַרע פאַקולטעטן. זייער צאָל איז צו גרויס, און זיי קאָנען ניט געפינען קיין אַרבעט לויטן פאַך. אין דער בײַלאַגע צו „שאַלאָם" ווערט געזאָגט: „ווי עס זעט אויס, וועלן מיר ווערן איידעס פון א דערשײַנונג, וועלכע מע קאָן זען אין אַנדערע לענדער, ווו מענטשן מיט הויכבילדונג קאָנען ניט געפינען פאַר זיך קיין אַרבעט, און דער אויסוועג איז — עמיגראַציע"... וווּהין אָבער קאָן מען עמיגרירן, אויב „א שווערע עקאָנאָמישע לאַגע איז צו זען סײַ אין די פאַרייניקטע שטאַטן, סײַ אין די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע?"

איבעריקנס, פון די נײַע מאָסמיטלען פון דער רעגירונג וועלן לײַדן ניט בלויז די פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ. עס איז אָנגעמערקט צו פאַרקירצן די וווינונגס־בויונג. דעמלט „וועט מען פאַרקירצן די צאָל אַראַבישע אַרבעטער, און די ייִדן וועלן אָנהויבן אויספילן יענע אַרבעטן, וועלכע עס האָבן ביז איצט אויסגעפילט אַראַבער". „עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז דאָ און דאָרט וועלן זיך פאַרמאַכן מאַגאַזינען פון פאַרטיקע בגאָדים און פון שוכוואַרג. מע וועט פאַרקירצן די צאָל אָנגעשטעלטע, לערער, דאָקטוירים, סאָציאַלע אַרבעטער אאַוו. עס וועט וואַקסן דאָס געצאָלטס פאַר אַן אָרט אין א קינדערגאָרטן, פאַר לערנען אין אוניווערסיטעט. עס וועט ווערן העכער דער בײַטראָג אין די קראַנקן־קאַסעס. דער מעלוכע־באַנק האָט געמאָלדן, אַז ער פאַרקירצט די קרעדיטן אויף די נאָענטסטע דרײַ כאַדאָשים. פאַר דער דאָזיקער צײַט וועט דער דעפיציט באַטרעפן פון דרײַ ביז פינף מיליאַרד לירעס", און אַזוי ווײַטער. אַלץ זעט אויס טרויעריק, פינצטער, אָן קיין שום שײַן פון האָפענונג.

פון זינט דאָס אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז דורכגעגאַנגען קימאַט א יאָר צײַט, און איצט, ערעוו נײַ־יאָר 1981, קאָן מען זאָגן,

אַז ניט נאָר די טרויעריקע פּראָגנאָזן פון „שאַלאָם" האָבן זיך באַשטעטיקט, — די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער מעדינע איז געוואָרן נאָך שווערער, איידער עס האָט געקאָנט זיך אָנמאָלן די פאַנטאַזיע פון זשורנאַליסטן.

אינעם אַרטיקל אין „שאַלאָם" ווערט, פאַרשטייט זיך, ניט געזאָגט, איבער וואָס עס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַזאַ טרויעריקע לאַגע אין דער עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל. און אַזאַ לאַגע איז צו דערקלערן, קוידעמקאָל, מיט די ריזיקע הויצאָעס, וועלכע זײַנען נייטיק אַף אויסהאַלטן די אַגרעסיווע פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג. צוויי דריטל פונעם בודזשעט טיילט ייִסראָעל, ווי באַוווּסט, אויס אַף מילכאָמע־צילן.

אין רעזולטאַט דערפון טאָפּטשעט זיך אין די לעצטע יאָרן די פּראָדוקציע אין לאַנד אַף איין אָרט. אין 1973 האָט איר צוּוווּקס באַטראָפן 5 פּראָצ., אין 1976 — אָנדערהאַלבן פּראָצ., אין 1977 — 0,6 פּראָצ. די פאַרקלענערונג גייט אויך ווײַטער. קעדיי דערשלאָגן זיך אַ שטיקל טאָלק, האַלט מען שטענדיק אין איין פאַרגרעסערן די שטײַערן. זיי באַטרעפן שוין 70 פּראָצ. פון די האַכנאָסעס אין דער מעלוכע־קאַסע.

באַ אַזאַ לאַגע כידעשט קיינעם ניט דער האַסטיקער וווּקס פון די פּרײַזן, וועלכע זײַנען פאַר די לעצטע פינף יאָר קימאַט פאַרטאָפּלט געוואָרן... לויט די אינפלאַציע־טעמפּן פאַרנעמט ייִסראָעל דאָס צווייטע אָרט אין דער וועלט נאָך אַרגענטינע. לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן האָט פאַראַיאָרן די אינפלאַציע אין דער מעדינע דערגרייכט 115 פּראָצ. די נאַציאָנאַלע וואַליוטע — דער פונט איז אין 1979 דעוואַלווירט געוואָרן אַף 85,9 פּראָצ. בענעגייע דעם אַמעריקאַנער דאָלער.

ייִסראָעל פאַרמאָגט אַ ריזיקן דעפיציט אינעם אויסערן־האַנדל און אין צאָל־באַלאַנס. די סיבע — דאָס קעסיידערדיקע אײַנקויפן גרויסע פּאַרטיעס אַמעריקאַנער געווער. דערצו נאָך האָט די אַגרעסיווע פּאָליטיק, וואָס רופט אַרויס פּראָטעסטן אין דער גאַנצער וועלט, געבראַכט דערצו, אַז פאַר ייִסראָעל זײַנען פאַרמאַכט די מערק פון דער מערהײַט זיך אַנטוויקלענדיקע מעלוכעס פון אַזיע און אַפריקע, פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט. דער דעפיציט פונעם צאָל־באַלאַנס (מע ריכט זיך, אַז האַיאָר וועט ער באַטרעפן מער פון 5 מיליאַרד דאָלער) ווערט געדעקט אין גרונט אַפן כעזשבן פון האַלוואָעס, וואָס די מערהײַט זייערע קומען מעייווער־לעיאַם. אָן די האַלוואָעס וואָלט ייִסראָעל שוין לאַנג געווען באַנקראָט.

„מיר לעבן אַפן כעזשבן פון די רײַכע פּעטערס און מומעס אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אָבער פריִער צי שפּעטער מוז געשען אַן אופרײַס", — האָט ניט לאַנג צוריק דערקלערט אַ באַוווּסטער טעל־אוויווער באַנקיר; און דאָס האָט ער ניט אויסגעזויגן פון די פינגער — דער אַלגעמיינער אויסערן־כויוו פון ייִסראָעל באַטרעפט מער פון 12 מיליאַרד דאָלער, אָדער צו 3,5 טויזנט דאָלער אַף יעדן ייִסראָעל־בירגער.

די געווער־ליפערונגען קיין ייִסראָעל ברענגען אַרײַן ריזיקע האַכנאָסעס די אַמעריקאַנער הענדלער מיט טויט. טאַקע דערפאַר זײַנען זיי פאַרינטערעסירט צו געבן ייִסראָעל אַזאַ „הילף". אין דעם פּראַט, ווי אין אַ סאַך אַנדערע, לאָזט זיך מערקן די פולע איינהײַט פון די „אַנשוויונגען", פון די מאָנאָפּאָליעס מיט דער פּאָליטיק פון דער וואַשינגטאָנער אַדמיניסטראַציע.

עס איז בריייט באַוווּסט, אַז דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם זעט אײַן אינעם פּאָליטישן קורס פון די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל אַ מיטל צו אונטערדריקן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די אַראַבישע פעלקער. די דאָזיקע ווײַט ניט פֿײַנע ראָליע קאָסט אָבער אַפּ טײַער דעם פאָלק פון ייִסראָעל, זי ווידערשפּרעכט זײַנע גרונט־אינטערעסן.

דער וווּקס פון די קריגס־הויצאָעס ברענגט אומפאַרמײַדלעך צו אַ פאַרקירצונג פון אַסיגנירונגען אַף סאָציאַלע באַדערפענישן. די בודזשעט־הויצאָעס אַף בילדונג, אַשטייגער, האָבן פאַר פיר יאָר צײַט זיך פאַרקירצט פון 10,5 ביז 5,3 פּראָצ., אַף געזונט־פאַרהיטונג — פון 3,1 ביז 2,5 פּראָצ. די הויכע אינפלאַציע־טעמפּן האָבן געבראַכט צו אַן אַסטראָנאָמישן וווּקס פון דירה־געלט. קעדיי אַן אַרבעטער פון ייִסראָעל זאָל קאָנען קויפן אַ פּאַשעטע דירה, מוז ער פאַרטערן זײַן גאַנצן אַרבעטסלוין פאַר 8—10 יאָר פאָרויס. זײַן אַ סטודענט אין אוניווערסיטעט ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער דער גורל פון אויסדערוויילטע. אין 1978 איז דער סכאַר־לימעד געהעכערט געוואָרן אַף 50 פּראָצענט, אין 1979 — אַף 70 פּראָצענט.

אַלץ רעדט דערפאַר, אַז די נאָענטע צוקונפט זאָגט ניט צו די ייִסראָעליים קיין שום גוטס. דעריבער זײַנען די צײַטונגען פול מיט טרויעריקע נעוויעס. אָט איז איינע אַזאַ: „דאָס לאַנד דערנעענטערט זיך צו אַן עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע, וואָס פירט, באַזונדערס, צו מאַסנווייזער אַרבעטסלאָזיקײַט". אָט די ווערטער האָט געזאָגט דער פאַרוואַלטער פון אַ ייִסראָעל־באַנק א. גראַפי. די צײַטונג „האַרעץ" (האַ־אַרעץ") ווײַזט אָן, אַז דרײַ פערטל ייִסראָעל־בירגער קומען קוים אויס מיט דער כאַיונע.

אָבער פונעם פאַרקלענערטן לעבנס־ניוואָ לײַדן ווײַט ניט אַלע. די האַכנאָסעס פון דער פינאַנציעלער און אינדוסטריעלער בורזשואַזיע וואַקסן שטורמיש. פאַר די יאָרן 1977 און 1978, לעמאָשל, האָבן זיי זיך פאַרגרעסערט פון 3,5 ביז 10 מיליאַרד פונט. ייִסראָעל איז געוואָרן אַ גאַניידן פאַרן גרויס־קאַפּיטאַל.

די פאַרערגערטע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע פירט צו אַ שנעלן וווּקס פון דער אומצופרידנקײַט מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

ק. פּראָסט

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

אין אַפּריל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַר הײַנטיקס יאָר האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַן אָפּקלײַב פון מאַטעריאַלן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פון דאָ און דאָרט״, וואָס זייער אוטאָר שלוימע באַרבאַך שטעלט פאַר זיך אַ ציל איבערצוגעבן יענע געשעענישן אין און אַרום יִשׂראל, וועלכע טראָגן אַ הומאָריסטישן כאַראַקטער. די מאַטעריאַלן ווערן איבערגעדרוקט פון דער אויסלענדישער בירגערלעכער פּרעסע. נעמענדיק אין אַכט זייער דערקענטעניש־ווערט, האָט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ צוגעזאָגט אויסטיילן פאַר זיי פּלאַץ אינעם זשורנאַל אויך אַף ווײַטער, דערבײַ זאָלן אויסגענוצט ווערן ענלעכע נאָטיצן אויך פון אַנדערע מעכאַבערים.

מיר פּילן אויס אונדזער צוזאָג.

פון דאָ און דאָרט

מעזוזעס

אַלפּי־דין מוז אַ מעזוזע געשריבן ווערן מיט דער האַנט און אַף עכטן פּאַרמעט. יעדע געדרוקטע אימיטאַציע איז פּאָסל. אָבער בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען די דרוק־קונסט איז ברייט אַנטוויקלט, פאַרקויפט מען מעזוזעס, וועלכע זעען אויס ווי געשריבענע, נאָר זײַנען פאַקטיש געדרוקט, און מענטשן קענען זיך ניט כאַפּן, אַז ס׳איז אַ נאַרערײַ. מיט געדרוקטע מעזוזעס האַנדלט מען אויך אין יִשׂראל, וווּהין זיי ווערן אַרײַנגעפירט... פון יאַפּאַן.

(„אויסטראַליִער יידישע נײַעס״).

אַ רעפּוע צו דער מאַקע

מיט אַ צײַט צוריק איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַר אומקערן יורדים קיין יִשׂראל. צווישן אַנדערס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַנוצן זיך מיט דער העברעִישער ראַדיאָ־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק, מיט וועלכער עס פירן אָן געוועזענע יִשׂראלים. דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ רעקלאַמע־פירמע, און יענע האָט זיך אונטערגענומען צו ליפערן פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונגען — דורך ראַדיאָ — אַף ווײַכער צו מאַכן די הערצער פון די יאָרדים און זיי באַווירקן זיך אומצוקערן אין דער מעדינע.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ בעהאָלע: דער אַפּערירער צו די יאָרדים איז נעלעם געוואָרן. נאָך אַ שטיקל אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער אוטאָר פון דער טראַנסליאַציע „יִשׂראלים, קערט זיך אום צוריק אַהיים״ איז אַליין אַוועק פון יִשׂראל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צוגרייטנדיק באַצײַטנס פאַר זיך אַ גרין קאַרטל, וואָס עס באַטײַט, אַז דער מענטש איז אַן עמיגראַנט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער כעווערעמאַן האָט גענומען באַם פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום אין טעל־אוויוו געזאַלצענע פּרײַזן פאַר זײַן רופן אימיגראַנטן אַף צוריק, און פאַר דעם זעלבן געלט האָט ער געקויפט זיך אַ בילעט אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

(„האַארעץ״)

אַ געמויזעכץ פון פּלאַפּלערײַען

„די שוואַנען־אָזערע״ רופט מען אַף יִווריט „הגם הברבורים״. דאָס זעלבע קאָן איבערגעזעצט ווערן אַף יידיש ווי „אַ געמויזעכץ פון פּלאַפּלערײַען״.

א רעגירונגס־זיצונג אין ייִשׂראל רופט דער אוילעם אויך אָן „הגם הברבורים"...

(„מאַאַריוו")

ווער האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד

בעשײַכעס מיט דער פּאָלעמיק, ווער עס האָט, אייגנטלעך, פאַרטריבן די ענגלענדער פון פּאַלעסטינע טײַנעט מען אין „כיירוט", אַז דאָס האָט זיך דערשלאָגן בעגין. לויט אָט דער פּראָפּאַגאַנדע, האָט בעגין געבראַכט דער מעדינע דעם שאָלעם, און שיר ניט אַליין די מעדינע האָט ער געבראַכט.

ס'איז נאָר אַ מאַזל, וואָס אין סייפער־בערײשיס, קאַפּיטל 1, איז גענוי פאַרשריבן, ווער ס'האָט באַשאַפן הימל און ערד. אַנדערש וואָלט מען אונדז געלאָזט וויסן פונעם פּרעמיערס ביוראָ, אַז מיסטער בעגין האָט זיי באַשאַפן...

ייִשׂראל־זשורנאַליסטקע ניללי פ ר י ד ל ע נ ד ע ר

ס'איז „פּע" און פאַרבאָטן

דער הויפּט־ראַוו פון ייִשׂראל האָט געפּסקנט, אַז רעליגיעזע סאָכרים טאָרן ניט האַנדלען מיט קליידער אָן אַרבל אָדער מיט דעקאָלטע. ס'איז ניט בלויז „פּע", נאָר פּאַשעט געפערלעך, און ווער ס'טוט עס, איז אויוועער אַף אַ פאַרבאָט פון דער טוירע.

זײַן פּסאַק־דין האָט דער ראַוו אַרויסגעגעבן דורך דער ייִשׂראל־ראַדיאָ אין אַ ספּעציעלער טראַנסליאַציע.

(„לעצטע נײַעס")

דער מיניסטער האָט זיך צעוויינט...

מיט אַ צײַט צוריק איז געווען אַזאַ פאַל:

בעשאַס זײַנער אַ רײַזע קיין פּאַריז האָט דער דעמעלטיקער פינאַנץ־מיניסטער פון ייִשׂראל סימכע ערליך זיך געטראָפן מיט אַ גרופּע ייִדישע מיליאָנערן אַף אַ מאָלצײַט אין איינעם פון די עלעגאַנטע רעסטאָראַנען. ערליך האָט זיך קימאַט ניט צוגערירט צו די געשמאַקע מײַכאָלים, נאָר געהאַלטן אין איין שילדערן אין שוואַרצע פאַרבן די עקאָנאָמישע לאַגע פון זײַן לאַנד, און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דאָס האָט אַלעמען אַזוי גערירט, אַז די בײַזיצנדיקע האָבן אויך געהאַט טרערן אין די אויגן. זיי האָבן זיך אַרומגעאַרעמט און געגעבן באַרויִקן איינער דעם אַנדערן.

קיין געלט אָבער האָבן די מיליאָנערן ניט געגעבן...

(ש ל וי מ ע ב א ר ב א ך „אונדזער וואָרט")

אויזער ווייצמאַן שמועסט מיט דער רעבעצן

ייִשׂראלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער אויזער ווייצמאַן האָט, ווי עס טיילן מיט די צײַטונגען, געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט דער רעבעצן פון קריט־אַרבאַ — דער פרוי פונעם עקסטרעמיסטישן ראַוו מוישע לעווינגער, וועלכער איז דער פירער פונעם פאַנאַטישן „גוש אמונים". דער שמועס האָט געדויערט מער פון אַ שאָ צײַט.

עס איז ניט באַוווּסט, וואָס פאַר אַ איניאָנים זיי האָבן אַרומגערעדט. אַלנפאַלס, צו פּאָליטיק האָט עס קיין שײַכעס ניט...

(ש ל וי מ ע ב א ר ב א ך „אונדזער וואָרט")

פאַרוואָס שלאָגן ייִשׂראיילים זייערע ווײַבער

מע האָט אונטערגערעכנט, אַז די צאָל געשלאָגענע ווײַבער אין ייִשׂראל דערגרייט יערלעך ביז 50 טויזנט. און די ציפער איז, דאַרף מען זאָגן, קימאַט אָן אָפּציִילע, ווײַל זי איז פעסטגעשטעלט אין רעזולטאַט פון אַן אויספאָרשונג, נאָך וועלכער ס'איז אַפילע געגרינדעט געוואָרן אין דער מעדינע אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „לויִ" (ניין!), וועלכע דאַרף העלפן געשלאָגענע ווײַבער.

בלײַבט איבער צו ענטפערן אַף צוויי פראַגעס: פאַר וואָסערע זינד שלאָגן די ייִשׂראיילים זייערע ווײַבער? און — וועלכע קאָנטער־מיטלען וועלן די ווײַבער פאַרנעמען?

(„יעדיאָט אַכראָנאָט")

זיי קאָנען זיך ניט צעשיידן...

אַ דעפּוטאַטקע פון דער קנעסעט האָט זיך אונטערגענומען צו ענטפערן אַף דער פראַגע, פאַרוואָס מע הערט ניט אויף אַראָפּצוטרײַבן די אַראַבער פון זייער ערד. אָט איז איר ענטפער:

„דאָס פּאַסירט, ווײַל די רעגירונג קאָן זיך ניט צעשיידן מיטן רעזשים; מפד"ל קאָן זיך ניט צעשיידן מיט דער רעגירונג; דער ראַוו דרוקמאַן קאָן זיך ניט צעשיידן מיטן מפד"ל; הראַוו קוק קאָן זיך ניט צעשיידן מיט הראַוו דרוקמאַן; „גוש אמונים" קאָן זיך ניט צעשיידן מיט „גוש אמונים".

(ש ל וי מ ע ב א ר ב א ך „אונדזער וואָרט")

וואָס מיינט האַנאָע האָבן פונעם לעבן

איינעם שטעטל נעטיוואָט, אין ייִשׂראל, וווינען אַרום 8 טויזנט אײַנוווינער. 95 פּראָצ. פון זיי זײַנען פרומע ייִדן. העיויס די מערהײַט אײַלט זיך פאַרטאָג צו דער אַרבעט, זײַנען די זאָרגן גאַנץ פּאַשעטע: ווו און ווען דאַוונט מען יעדן טאָג מיט אַ מיניען? טייל באַטעמדראָשים זײַנען שוין אָפּן אינעם שטעטל 4

אזייגער פאַרטאָג — פאַר יענע, וועלכע דאַרפן אָנהייבן אַרבעטן 6 אַזייגער פאַרטאָג. דאַקעגן, דער פאָרזיצער פון דער אָרטיקער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג, צוזאַמען מיט אַ צאָל מעיוכאָסים־באַאַמטע, האָט אַ באַזונדערע פּריווילעגיע: פאַר אים איז פאַרגרייט אַ ספּעציעלער מיניען, וועלכער שטעלט זיך ערשט דאַוונען 6 פאַרטאָג, ווײַל אָט די דאַוונער אַרבעטן פון 8 אַזייגער. אָט זיי טאַקע, האַלט מען אײַנעם שטעטל, האָבן האַנאָנע פּועם לעבן...

(„אונדזער צײַט")

איז אָנגעשריבן מיט קידוש לעוואָנע־אויסיעס: „די ערשטע גרויסע בי׳אָגראַפיע פונעם מידבער־פוקס אין סינײַ". טאָמער האָט איר זיך ניט געכאַפּט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, דאַרפט איר וויסן, אַז ראַמעלס רום באַ די נאַציס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז „אַ פוקס אין דעם מידבער".

דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז מע לאַדט אײַן געוויסע מײַרעוו־דײַטשן צו קויפן די בי׳אָגראַפיע פון מוישע דאַיאַן און דערבײַ דערמאָנען זיך אינעם פעלד־מאַרשאַל ראָמעל...

(„אויסטראַלי׳ער ייִדישע נײַס")

אַך און ווײ צו אַזאַ קאָוועד

אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד איז אַרויס שאַבטײַ טאַוטאַס (שבתי טבתס) בוך „מאָשע דאַיאַן", גענעראַל אַפּגעמאַליעוועט אַזוי, אַז מע האָט אים „צוגעלאָנטשעט", ווי אַ פּוילישער ייִד וואָלט געזאָגט, די שטריכן פונעם פאַרצעף פון דעם טרויעריק־באַרימטן נאַצי־גענעראַל ראָמעל, וועלכער איז אַלפּי־נעס ניט אַרײַן פון עגיפּטן קיין ערעץ־ייִסראָעל אין דער צײַט פונעם צווייטן וועלט־קריג.

דאָס בוך, אַ בעסטסעלער, ווערט פאַרקויפט אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד אַלס די געשיכטע פונעם „ייִסראָעלדיקן פעלדמאַרשאַל ראָמעל"... אַפן שאַרבלאַט

די עמעסע מעווינים אַף שאַלעם

אין ייִסראָעל גייט אַרום אַזאַ וויץ:

לעצטנס איז שטאַרקער געוואָרן די האָפענונג אַף אַן ענדגילטיקן שאָלעם, מע דאַרף בלויז שיקן אַף צו אונטערהאַנדלען וועגן אים די סאַמע פּאַסיקע מענטשן, וועלכע האָבן גענוג דערפאַרונג אין דעם געביט, לעמאָשל — די צוויי הויפּט־ראַבאָנים פון דער מעדינע, וואָס האָבן שוין באַוויזן טעלעכע צענדליק מאָל צו שליסן „אַן ענדגילטיקן שאָלעם"... צווישן זיך.

(„אונדזער צײַט")

אווראָם ראַבינאָוויטש

אַפן 75־טן יאָר פון זײַן לעבן איז געשטאָרבן איינער פון די אַקטיווע אויטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אווראָם ראַבינאָוויטש. ער איז געשטאָרבן אומגעריכט און, קאָן מען זאָגן, אַפן בעקאָוועדיקן פּאָסטן, אין אַ טאָג, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט אויספּילן אַ שעפערישע פאַרגעבונג פון דער רעדאַקציע.

אווראָם ראַבינאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1906 אינעם שטעטל סאָקאָלאָוו, זשיטאָמירער געגנט. פון דער פריִער יוגנט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן. קוים פאַרענדיקט דרײַ קלאַסן פון דער גימנאַזיע, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונעם סאָקאָלאָווער דאָרפסראַט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געווען אַ מיטגליד פונעם אָטריאַד פון זעלבסטשוץ, וועלכער האָט געפירט אַ קאַמף מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באַנדעס. אַ פאַרמאָוושטשיק אַפן באַראַנאָווקער פאַרפאָר־זאַוואָד, פאָרט ער אַוועק זיך לערנען אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, וועלכן ער פאַרענדיקט מיט אַ דיפּלאָם פון אַן אינזשעניער פון דער סיליקאַט־אינדוסטריע. פון דעמלט אָן, ביזן אַרויסגיין אַף פּענסיע, אַרבעט ער אַף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען פון דער פאַרפאָר־אינדוסטריע אין אוקראַינע. אין 1933 פאָרט ער אַריבער קיין מאָסקווע, וווּ ער איז אַן אָנפירנדיקער ספּעציאַליסט אין די טרעסטן פון דער זעלבער אינדוסטריע. ווען עס ברעכט אויס די מילכאָמע, טרעט א. ראַבינאָוויטש אַרײַן אין דער מאָסקווער אָפּאָלטשעניע. אין 1952 ווערט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע אינזשעניער־טעכנישע טוער באַלוינט מיט דער מעלוכע־פּרעמיע פאַר אויספּילן אַ וויכטיקע באַשטעלונג פון דער רעגירונג.

נאָך אין דער יוגנט ווײַזט א. ראַבינאָוויטש אַרויס זשורנאַליסטישע פייִקייטן. ער דרוקט אַרטיקלען וועגן פראַגן פון פאַרפאָר־טעכנאָלאָגיע אין וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און אין דער אַלגעמיינער פּרעסע. אין די יאָרן 1965—1970 איז ער שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם אַלפאַרבאַנדישן זשורנאַל „סטעקלאָ אי קעראַמיקאַ" („גלאָז און קעראַמיק").

אַ מענטש מיט אַ שאַרפן כוש צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, האָט אווראָם ראַבינאָוויטש שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו מענטשן, צו זייערע אויפטוען פאַרן היימלאַנד. דער דאָזיקער אינטערעס האָט אים געבראַכט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין וועלכן ער האָט געדרוקט פאַרצײַכענונגען, רעפּאָרטאַזשן, אַרטיקלען.

פון אונדז איז אַוועק אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקײַט, אַ קאָמוניסט, אַן איבערגעגעבענער פרײַנט און כאַווער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן שפּור אײַנעם לעבן.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו



1

2

1. מאַרק שאַגאַל מיט זײַנע אייניקלעך בעלאַ (רעכטס) און מערעט

2. ראָבערט פאַלק. פּאָרטרעט פון שלוימע מיכאָעלס

3. מוישע ליטוואַקאָוו אין קרײַז פון זײַן מישפּאָכע. 1913 — 1915

3

פון דער ש אָ ל ע ם־א ל יי כ ע ם־אויסשטעלונג אין דער קיִעווער יידישער קונסט־שול.
סאַף צוואַנציקער יאָרן

שאלעם-אלייכעם-אויסשטעלונג אין דער קיעווער אידישער קונסט שול

„פיניע"

די אידענע מיט דער טערקישער שאַל"

„אַקטיאָר"

„דער פאַרשטערטער פייסעך"

„דאָס דינסט־מיידל"

„מענאַכעם־מענדל"

דאָס איז טשיקאַווע

דער גורל פון א פּאָרטרעט

ניט לאַנג צוריק איז לויט דער אײַנלאַדונג פונעם מוזיי פון מאָלערישער קונסט אויפן נאָמען פון א. ס. פּושקינען געקומען קיין מאָסקווע דער ברודער פונעם באַוווּסטן פראַנצויזישן סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ, וועלכער האָט דערציילט, אַז די יאָרשים פונעם קינסטלער ווילן שענקען דעם מוזיי איינע פון זײַנע אַרבעטן — א סקולפּטור־פּאָרטרעט פון פעליקס עדמונדאָוויטש דזערזשינסקין. דער מוזיי האָט זיך פאַרבונדן מיט פּאַריזש, און אָט שטייען פאַר אונדז צוויי גיפּס־מאָדעלן.

נאַטירלעך, אַז אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ווערט הײַנט פּובליקירט, איז באַוויזן די מאָדעל, וועלכע האָט זיך בעסער פאַרהיט. ווי־אַזוי איז זי געשאַפן געוואָרן? איידער ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, דאַרף מען זיך באַקענען מיטן אויטאָר פונעם ווערק.

אינעם בוך „אַלגעמיינע געשיכטע פון קונסט" ווערט געזאָגט, אַז דער סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ האָט א געוויסע צײַט געהאַט אַן אינטערעס צום קוביזם. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט ער זיך געווענדט צו דער טעמע „קאַמף מיטן פאַשיזם". זײַנע אַרבעטן זײַנען ברייט באַוווּסט אין אויסלאַנד.

געבוירן איז דער קינסטלער אין רוסלאַנד אין 1891, געשטאָרבן אין 1973 אויף קאַפּרי. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָט ער אין פּאַריזש, אויפן מאָנפּאַרנאַס, אָפּגעדונגען א קליינע אַטעליע און דאָרט געאַרבעט בײַשכיינעס מיטן רומענישן סקולפּטאָר קאָנסטאַנטין בראַנקוזי, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אין דער יוגנט א ווירקונג. אין דערנאָענט האָט זיך געפונען אויך די אַטעליע פון אַמעדעאָ מאָדיליאַני, וועלכער האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט סקולפּטור און, פון זײַן זײַט, אויך זיך דערנענטערט מיטן אָנגעקומענעם פון רוסלאַנד יונגן קינסטלער. אין טשיקאַגער אינסטיטוט פון מאָלערישער קונסט איז פאַראַן א באַשטעטיקונג פון זייער פרײַנטשאַפט — א קאָלאָריטפולער צווייענדיקער פּאָרטרעט, אַן אַרבעט פון אַמעדעאָ מאָדיליאַני, וועלכער שילדערט דעם סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ מיט זײַן פרוי.



ווען אין 1932 האָט זיך אין פראַנקרײַך אָרגאַניזירט די אַסאָציאַציע פון רעוואָלוציאָנערע שרײַבער און קינסטלער בעראָש מיט פּאָל וואַיאַן־קוטוריע, איז, צוזאַמען מיט זשאַן ליורסאַ, פערנאַן לעזשע, איינער פון די ערשטע זײַנע מיטגלידער אויך געוואָרן זשאַק ליפּשיץ.

לויט דער אײַנלאַדונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט פון קולטור־פאַרבינדונגען האָט זשאַק ליפּשיץ אין 1935 באַזוכט מאָסקווע. שפּעטער האָט ער צוגעשיקט א טעלעגראַמע, אין וועלכער ס'איז, צווישן אַנדערס, געזאָגט געוואָרן: „וועגן דער גרויסקײַט און מעכטיקײַט פון אײַער לאַנד, וועגן די נײַע מענטשן, וועגן דעם שוווּנג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'אַנטוויקלט זיך דער אַרבעטנדיקער מענטש, וועל איך אומבאַדינגט דערציילן מײַנע כאַווײרים לויט דער אַרבעט און קאַמף... מיט רעוואָלוציאָנערן גרוס...".

און ווירקלעך, אומקערנדיק זיך קיין פראַנקרײַך, טרעט זשאַק ליפּשיץ אַרויס אויף א זיצונג פון דער געזעלשאַפט „דאָס נײַע רוסלאַנד" מיט אַן אויספירלעכן פאָרטראָג „די קונסט און די קינסטלער אין ססר".

מע דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז דער געדאַנק וועגן שאַפן א רעאַליסטישן פּאָרטרעט פון דזערזשינסקין איז אַנטשטאַנען טאַקע אין יענע יאָרן. דאָס באַשטעטיקט אין א געוויסער מאָס א דאָקומענט, וועלכן ס'האָט לעצטנס געבראַכט אין מוזיי א פּלעמעניצע פונעם קינסטלער: אַן אָפּמאַך אויף צו שאַפן אַזא פּאָרטרעט, געשלאָסן אין יול 1937 צווישן דעם אָרגקאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קינסטלערישער אויסשטעלונג „די אינדוסטריע פון סאָציאַליזם" און דעם סקולפּטאָר. די שוועריקײַט אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס אין די לעצטע שורעס פונעם דאָקומענט ווערט געזאָגט, אַז דער פּאָרטרעט איז שוין אויסגעפילט אין בראָנזע און דער באַשטעלער האָט אים אָנגענומען.

עס רעכנט זיך, אַז בא אונדז אין לאַנד זײַנען ניטאָ קיין אַרבעטן פון זשאַק ליפּשיצן. די קרויווים פונעם סקופּטאָר באַשטייען אָבער דערויף, אַז כוץ דעם „בראָנזענעם דזערזשינסקין" האָט זשאַק ליפּשיץ איבערגעשיקט קיין מאָסקווע א קאָמפּאָזיציע „אַן אַרבעטער און א קאָלווירטניק". די דאָזיקע באַהויפּטונג ווערט איצט אופמערקזאַם קאָנטראָלירט.

ד. מיכײַלאָוו

לאָמיר זינגען
נײַע לידער

א באַגאַבטע קאָמפּאָזיטאָרן

אנומלטן, אַף א באַגעגעניש מיט מאָסקווער פרײַנט, איז מיר אויס־געקומען הערן א נײַע ייִדישע ליד — „דער ניגן", וועלכע איז זייער געפעלן געוואָרן אלע בײַ־וועזנדע. די ווערטער פון דער ליד זײַנען מיר געווען באַקאַנט, אָנגעשריבן האָט זיי דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער מישע מאָ־גילעוויטש. „דער ניגן" איז צוזאַ־מען מיט זײַנע אנדערע לידער געווען פאַרעפנטלעכט אין זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2 פאַרן 1977 יאָר. ווער זשע האָט געשאַפן אָט די האַרציקע, ביז גאָר לירישע מוזיק צו דער ליד?

טאַקע אַף אָט דער באַגעגעניש האָט מיר אָפּגעגליקט זיך באַקאַ־נען מיטן אוטאָר. דאָס איז די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן נאַדעזשדאַ קאָזלאָווסקאַיאַ, וועמענס שאַפונ־גען ווערן מיט דערפאָלג אויסגע־פילט פון אָנגעזעענע עסטראַדע־אַרטיסטן און זיי זײַנען פאַרשריבן אַף פּלאַטן פון דער אַלפאַרבאַנדי־שער פירמע „מעלאָדיאַ".

נאַדעזשדאַ מאַקסיימאָוונאַ האָט פאַרענדיקט דעם פאָרטעפּיאַנאָ־פאַקולטעט פונעם מעלוכישן מו־זיקאַלן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַפן נאָמען פון די גנעסינס. זי באַזיצט א הויכע מוזיקאַלע קול־טור, דרינגט טיף ארײַן אינעם אינהאַלט פון דעם ווערק, צו וועלכן זי שרײַבט מוזיק, געפינט אויס די נייטיקע מוזיקאַלע מיט־לען, קעדיי אויסדריקן די געפילן, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם אויר־טאָרס פאַרטראַכט.

גרויס דערפאָלג האָט נאַדעזש־דאַ מאַקסיימאָוונעס קאָמפּאָזיציאָנע־לע פּראָגראַם אַף די לידער פון דער פּאָעטעסע יע. שעוועליאָווא „מיט די וועגן פון פרײַנטשאַפט" (די קאָמפּאָזיציע פּילט געווייִנלעך אויס די פאַרידנסטפּולע אַרטיסט־קע פון דער רוסלענדישער רעפּוּ־בליק ע. מאַסלאָווא). דער דאָזי־קער ציקל איז אָפּגעמערקט גע־וואָרן אַפן קאָנקורס פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע, געווידמעט דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

נאַדעזשדאַ קאָזלאָווסקאַיאַס ווערק ווערן אויסגעפילט ניט נאָר בא אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. די ליד „טרעפ פון שיפּקי" איז ארײַנגעשריבן גע־וואָרן אינעם ערע־בוך פונעם הויז פון סאָוועטיש־בולגאַרישער פרײַנטשאַפט אין וואַרנע. דער פילם „כאַווער—פּרוי", אין וועלכן עס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט די ליד „פּרויען פון פאַרשיידענע לענדער", האָט געהאַט דערפאָלג אין 121 לענדער אַף פאַרשיידענע שפּראַכן און איז אין 1977 אונ־טערגעטראָגן געוואָרן אַלס מאַטאָ־נע דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַ־רייניקטע נאַציעס. די ליד איז טראַנסלירט געוואָרן דורך ראַדיאָ און איז פאַרשריבן אַף א פּלאַט אין דער אויספירלונג פונעם לאָר־רעאַט פון דעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן נינאַ פּאַנטעלייעוואַ. דעם פּלאַט האָט מען אין 1975 אונטערגע־טראָגן ווי א סוווניר יעדן דע־לעגאַט פונעם אַלוועלטלעכן פרוי־ען־קאָנגרעס אין בערלין.

די באַגאַבטע קאָמפּאָזיטאָרן האָט אין דער לעצטער צײַט גע־שאַפן אינטערעסאַנטע נײַע לי־דער, צווישן זיי — דעם „ניגן", וועלכער ווערט, ווי איך האָף, אויסנעמען אויך בא אונדזערע לייענער.

נאָטע לוריע

דער ניגן

ווערטער פון מישע מאָגילעוויטש — מוזיק פון נאַדעזשדאַ קאָזלאָווסקאַיאַ

עס איז שטיל, אזוי שטיל, בלויז די בלעטער
אַף צווײַגן זיך וויגן,
און עס שפּילט דער קלאַוויר אַן אַלטן, א ייִדישן ניגן.
און עס גיט מיך א טראָג, און עס רירט
מײַן נעשאָמע און וווּנדערט:
איך האָב דאָך פאַרשפּעטיקט צו דיר
אַף א גאַנצן יאָרהונדערט!
אוועק איז די צײַט. די יוגנט איז לאַנג שוין אַנטרונען.
פון וואַנען זשע האָט זיך דאָס קוועלכל דאָס פרישע גענומען,
וואָס האָט אָנגעצונדן די נאַכטיקע שווארצקײַט

פון אָסיען
און האָט זיך פארלאָשן? עס לעשט זיך
אף ביימער די ראָסע.
עס איז שטיל, אזוי שטיל, בלויז די בלעטער
אף צווײַגן זיך וויגן,
און אלץ איז אוועק מיט דעם אלטן, דעם יידישן ניגן,
און אלץ איז פארבײַ, נאָר מײַן טרוים,
נאָר מײַן כאָלעם ז׳געבליבן,
און ס׳קושט מיך דער ווינט מיט די פײַכטע,
מיט ווארעמע ליפן.




Fun_va_nen že hot zix dos kvel_xl dos fri_še ge_nu_men,
vos hot on_ge_cun_dn di nax_ti_ke švarc_kajt fun o_sjen
un hot zix far_lo_šn? Es lešt zix af bej_mer di ro_se.
1.
2.
// ro_se.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פאַליקמאַן, יעכיִעל
(1977—1911)

— פּראָזאַיִקער, געבוירן אין שטעטל ליובאַר, זשיטאָמירער געגנט, אוקראַיִנע, אין אַ מישפּאָכע פון ערד־אַרבעטער. געענדיקט אַ זיבניאָריקע שול, געלערנט אין קיִעווער קינסטלערישן טעכניקום. שפּעטער געאַרבעט אין דער שטאָלגיסערײַ פונעם קיִעווער מאַשינבוי־זאַוואָד „באָלשעוויק". אין 1933—1932 געלעבט אין ביראָבידזשאַן. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע געווען אויף די פראָנטן. באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אָנגעהויבן אין 1931 אין זשורנאַל „די רויטע וועלט" מיט דער ערשטער דערציילונג „סטעפּעס שיטן זיך", אין וועלכער עס האָבן זיך שוין אַנטפּלעקט די גרונט־אייגנשאַפטן פון זײַן ליטעראַרישן סטיל: די נייגונג צו ברייטער עפּישער שילדערונג, צו קאָמפּליצירטן סוזשעט, צו רעאַליסטישער מאָלערײַ און אײַנצײַטיק צו ראָמאַנטישן פּאַטאָס. פאַליקמאַנס גרונט־ווערק זײַנען געווידמעט דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. אין זײַנע דערציילונגען (די זאַמלונג „ליבע אין פּײַער") און באַזונדערס אין זײַנע ראָמאַנען „די שײַן קומט פון מיזרעך", „דער שוואַרצער ווינט", „דער אורטייל איז אויסגעפּילט", „פּײַער און אַש", וועלכע בילדן אַ טעטראַלאָגיע, האָט פאַליקמאַן דערגרייכט אַ הויכן גראַד פון עפּישער שילדערונג. יעכיִעל פאַליקמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". זײַנע ווערק זײַנען דערשינען אויף רוסיש און אוקראַיִניש.

ווערק: „צווישן סאָפּקעס", דערציילונגען, קיִעוו, 1937; (צווייטע אויפלאַגע, מינסק, 1938); „אָנהייב פרילינג", דערציילונגען און נאָוועלן, קיִעוו—לוואָוו, 1940; „ליבע אין פּײַער" (פראָנט־דערציילונגען), מאָסקווע, 1943; „מענטשן פון מײַן לאַנד", דערציילונגען, דאָרטן, 1945; „די שײַן קומט פון מיזרעך", ראָמאַן, דאָרטן, 1948; (צווייטע אויפלאַגע, בוענאָס־אײַרעס, 1951); „לייב כאַדאָש", דערציילונג, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 3, מאָסקווע, 1961, „דער ביטערער יאָדער", דערציילונג, דאָרטן, נום. 2 פון 1962, „דער סוווועניר", דערציילונג, דאָרטן, נום. 6 פון 1962; „געלע מילן", דערציילונג, דאָרטן, נומער 6 פון 1963; „די מישפּאָכע גיטעליס", דערציילונג, דאָרטן, נומער 6 פון 1964; „שנייגלעקלעך", דאָרטן, נום. 2 פון 1966; „דער שוואַרצער ווינט", ראָמאַן, דאָרטן, נומערן 10—12 פון 1966 און 7—10 פון 1968; „שטילע וואַסער", דאָקומענטאַלע דערציילונג, דאָרטן, נומערן 11 און 12 פון 1969; צוויי דערציילונגען — „פּאַרטאָג", „אַש", דאָרטן, נומער 11 פון 1970; „דער אורטייל איז אויסגעפּילט", ראָמאַן, ערשטער טייל, „ווידער דאָרעם", דאָרטן, נומערן 10—12 פון 1971; צוויי דערציילונגען — „אַלט־ליובאַר" און „אַכט און דרײַסיק", דאָרטן, נומער 10 פון 1972; „דער מאַמעס מײַסעס", דאָרטן, נומער 7 פון 1973; „פּײַער און אַש", ראָמאַן, צווייטער טייל, דאָרטן, נומערן 5—7 פון 1975, „דער מאַמעס מײַסעס", דאָרטן, נומער 11 פון 1976; „די שטילסטע", דאָרטן, נומער 10 פון 1977.

ביבליאָגראַפיע: א. וועלעדניצקי, זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור", נומער 2, קיִעוו, 1938; י. נוסינאָוו, צײַטונג „איינִיקײַט", 5 אווגוסט, מאָסקווע, 1942; אַרן קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", 27 יול, פּאַריזש, 1945; א. קיפּניס, צײַטונג „איינִיקײַט", 27 סענטיאַבער, מאָסקווע, 1945; י. סערעבריאַני, דאָרטן, 20 נאָיאַבער פון 1945; נויעך לוריע, דאָרטן, 27 אַפּרעל פון 1946; נ. מײַזיל, „דאָס יִדישע שאַפן און דער יִדישער שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959; א. האָלדעס, „וווּ שלאָגט דער דויפּעק", געדאַנקען וועגן אונדזער פּראָזע, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 2, מאָסקווע, 1962; הערש רעמעניק, „יעכיִעל פאַליקמאַן און זײַן טרילאָגיע", דאָרטן, נומער 11 פון 1972; דער זעלבער, אין בוך „עטיודן און פּאָרטרעטן" (רוסיש), מאָסקווע, 1975; דער זעלבער, „פאַליקמאַן", „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע" (קלע), ב. 7, מאָסקווע, 1972; נעקראָלאָג, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 6, מאָסקווע, 1977.

פאַליאַנקער, הערשל
(1911)

—פּראָזאַיקער. געבוירן אין אומאַן, אוקראַינע, אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. געענדיקט דעם קיִעווער פּעדינסטיטוט. אין דער ליטעראַטור דעבוטירט אין 1932. פאַרעפנטלעכט נאָוועלן, דערציילונגען און ראָמאַנען אין די צײַטונגען און זשורנאַלן („דער שטערן", „סאָוועטישע ליטעראַטור", „פאַרמעסט" און אַנדערע). זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אַף אוקראַיניש, רוסיש, פּויליש און אַנדערע שפּראַכן. געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור". אין די יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע אַנטיילגענומען אין די שלאַכטן קעגן די דײַטשישע פאַשיסטישע אַרמייען. באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. נאָך דער מילכאָמע געווען רעדאַקטאָר פונעם קיִעווער זשורנאַל „דער שטערן". איצט — מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

פאַליאַנקערס שאַפונג שפּיגלט אַף דאָס לעבן און דעם קאַמף פונעם סאָוועטישן מענטשן אין די יאָרן פון פרידן און קריג. זײַן שעפערישער מעטאָד איז קאָנסעקווענטער רעאַליזם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט פאָלקסטימלעכקייט און פאָלקס־הומאָר. אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען שאַפט ער בוילעטע טיפּן און געשטאַלטן פון סאָוועטישע מענטשן, שילדערנדיק זייער שטייגער און פּסיכאָלאָגיע. מיט זײַן שעפערישן סטיל, באַזונדערס אַדאַנק דעם הומאָר און פאָלקסטימלעכקייט, איז ער ענג פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון שאָלעם־אַלייכעמען.

ווערק: „קוילן", דערציילונג, כאַרקאָוו, 1932; „אַף יענעם ברעג", דערציילונגען, כאַרקאָוו, 1934; „שויעל דער זיפּנמאַכער", קיִעוו, 1938; „שמײַע גאַזלען", ראָמאַן, קיִעוו, 1940; „שמײַע גאַזלען", צווייטע אויפלאַגע, מאָסקווע, 1948; „נעקאָמע", פראָנט־דערציילונגען, מאָסקווע, 1943; „דער בעקער פון קאַלאָמײַע", ראָמאַן, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", מאָסקווע, 1964—1966; דרײַ דערציילונגען, דאָרטן, נומער 5 פון 1967; „אַ מײַסע מיט אַן אָקשן" און אַנדערע דערציילונגען, דאָרטן, נומער 6 פון 1968; „ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים", ראָמאַן, דאָרטן, נומער 2—4 פון 1971; „דער פריילעכער פּאַסאַזשיר", דערציילונג, און נאָך דרײַ דערציילונגען, דאָרטן, נומער 1 און 12 פון 1972; „די ווײַסע וואָראָנע", „אַ גאַסט אין שטעטל", דערציילונגען, דאָרטן, נומער 6 פון 1973; „שטאַרקער פון אײַזן", ראָמאַן, דאָרטן, נומערן 8—10 פון 1974; „צוויי קאַסענעס מיט אַ געט" און אַנדערע דערציילונגען, דאָרטן, נומער 3 פון 1975; „שמײַע גאַזלען", ראָמאַן, דאָרטן, נומערן 10 און 11 פון 1975; „שמײַע גאַזלען", ראָמאַן, דאָרטן, נומערן 9 און 10 פון 1976; „דער לערער פון מעדזשיבאָזש", ראָמאַן, דאָרטן, נומערן 7—9 פון 1978; „מײַן פרײַנט אײַציק פעפער", „אַ רײַזע קיין אומאַן" (פונעם בוך „דערציילונגען וועגן שרײַבער"), דאָרטן, נומער 11 פון 1979, די ראָמאַנען און דערציילונגען זײַנען דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבעס אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן.

ביבליאָגראַפיע: ד. וואָלקנשטיין, זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור", קיִעוו, 1939; י. נוסינאָוו, צײַטונג „אייניקייט", 5 אַווגוסט, מאָסקווע, 1942; א. קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", 27 יול, פּאַריזש, 1945; נ. מײַזיל. „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959; הערש רעמעניק, „אין שעפערישן אופשטײַג" (וועגן ה. פאַליאַנקערס שאַפונג), זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 3 פון 1974; דער זעלבער (רוסיש) אין בוך „עטיודן און פּאָרטרעטן", מאָסקווע, 1975; י. סערעבריאַני, „פאַליאַנקער", „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע" (קלע) ב. 5, מאָסקווע, 1968.

לוקסוס איז איבעריק

ווען שלוימע מיכאָעלס האָט אין 1943 באַזוכט איינשטיינען אין זײַן וווינונג אין אַמעריקע, איז ער געווען איבעראַשט — די טיר האָט אים געעפֿנט דער געלערנטער אַליין. זײַנע גראָווע האָר זײַנען געווען צעשויבערט, די הויזן שלעכט פֿאַרצויגן, פֿון פֿור־לאָווער האָט אַרויסגעשטעקט א קראַגן פֿון א שלעכט פֿאַרשפּיליעט העמד. דער צימער — א פּאָשטער, און אָפֿן ערשטן אויסזען אַפֿילע אַן אָרעמער. זעענדיק דעם פֿאַרוווּנדערטן בליק פֿון מיכאָעלסן, האָט איינשטיין אים אופֿגעקלערט: „איך קאָן פֿאַרוואַנדלען מײַן וווינונג אין א לוקסוס־דעפּאַרטאַמענט, אָבער צוליב וואָס? איך האָב דאָ אַלץ, אין וואָס א מענטש נייטיקט זיך. עפּעס מער וואָלט נאָר געשטערט אין דער אַרבעט"...

מיט וואָס וועט מען קעמפֿן אין דער פֿערטער וועלט־מילכאָמע

א גרופּע אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן זיך געווענדט צו איינשטיינען מיט דער פֿראַגע: „מיט וואָס וועלן קעמפֿן די מענטשן אין דער פֿערטער וועלט־מילכאָמע, אויב אין דער דריטער וועלן זיי באַנוצן אַטאָם־געווער?". דער ענטפֿער איז געווען א לאַקאָנישער: „מיט שטיינער". און איינשטיין האָט צוגעגעבן: „אויב מע וועט דערלאָזן צו א דריטער אַטאָמישער וועלט־מילכאָמע, וועלן פֿון אונדזער פּלאַנעטע בלײַבן נאָר שטיינער, און אויב עמעצער וועט אַלפֿי־נעס זיך ראַטעווען, וועט דאָס זײַן זײַן איינציק געווער".

ניט פֿייִק צו ציילן ביז פֿיר



עס איז באַוווּסט, אַז איינשטיין האָט ליב געהאַט צו שפּילן פֿידל. אין די צאַרטע קלאַנגען פֿון דער מוזיק האָט ער געפֿונען באַרויִקונג נאָך דער שווערער פֿאָרשונג־אַרבעט. דער גרויסער פּיִאַניסט שענבעבל פֿלעגט, אַקאָמפּאַנירנדיק אים, מאַכן באַמערקונגען, אַז ער שפּילט ניט צום טאַקט. איינמאָל האָט דער אַקאָמפּאַניִאַטאָר א זאָג געטאָן צום שעפֿער פֿון דער רעלאַטיוו־טעאָריע: „איר זײַנט ניט פֿייִק צו ציילן ביז פֿיר"...

ייִד, דײַטש, פֿראַנצויז

א פֿרוי האָט אַמאָל געפֿרעגט איינשטיינען, צי ער איז זיכער, אַז זײַן רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז א ריכטיקע. „איך בין איבערצײַגט, — האָט ער געענטפֿערט, — אַז זי איז א ריכטיקע, אָבער דער ענדגילטיקער, אַבסאָלוטער אויספֿרוּוו וועט ערשט פֿאָרקומען אין יאָר 1983, און דאַן וועל איך שוין זײַן טויט. אויב איך וועל זײַן גערעכט, וועלן די דײַטשן זאָגן, אַז איך בין געווען א דײַטש, און די פֿראַנצויזן — אַז איך בין געווען א ייִד. אויב אָבער איך וועל ניט זײַן גערעכט, וועלן די דײַטשן זאָגן, אַז איך בין געווען א ייִד, און די פֿראַנצויזן — אַז איך בין געווען א דײַטש."

וואָס איז רעלאַטיווקײַט?

מע האָט געבעטן איינשטיינען, ער זאָל אין עטלעכע ווערטער געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס עס איז רעלאַטיווקײַט.

דער געניִאַלער געלערנטער האָט געענטפֿערט: „וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין? כ'וועל אײַך ברענגען א בײַשפּיל: ווען א באָכער פֿאַרברענגט מיט א שיין מיידל, זעט אים אויס א שאָ ווי איין מינוט, אָבער ווען דער זעלבער באָכער זאָל זיך אוועקזעצן אָף א הייסן אויוון, וועט אים איין מינוט אויסזען ווי א שאָ. אָט האָט איר רעלאַטיווקײַט".

● ● ●

Урок XII לימעד XII

אינהאלט: גראַמאַטיק: 1. פּאַרטיציפּ מיט „—(ע)ן".
2. פאַרגאַנגענהייט מיטן הילפס־ווערב „זײַן".

14. В идише имеется относительно небольшая группа глаголов, которые не подчиняются изложенным выше правилам образования прошедшего времени. Это так называемые «неправильные» или «нерегулярные» глаголы. Они отличаются следующими особенностями:

§ 14а. В отличие от большинства глаголов нерегулярные глаголы образуют причастие прошедшего времени не с помощью суффикса [-т], а с помощью суффикса [-(э)н]. Ср., например:

רעגולערע ווערבן: מאַכן — (האָט) געמאַכ־ט; זאָגן — (האָט) געזאָג־ט.
ניט רעגולערע ווערבן: האַלטן — (האָט) גע־האַלט־ן; קומען — (איז) גע — קומ — ען.

Задание 1*: Укажите номера форм прошедшего времени, образованные от нерегулярных глаголов:

1) ער האָט געלײַענט. 2) זי האָט געשריבן. 3) מיר האָבן געאַרבעט. 4) זיי האָבן געזונגען. 5) איך האָב אים געהאָלפֿן. 6) איר האָט געבויט. 7) דו האָסט פֿאַרשטאַנען.

§ 14б. При образовании причастия прошедшего времени от нерегулярных глаголов зачастую изменяется сам корень глагола. Ср., например, звучание корня в 1-м лице настоящего времени и в причастии прошедшего времени:

1) איך העלף — גע־האָלפ־ן; 2) איך נעם — גע־נומ־ען; 3) איך גיס — גע־גאָס־ן; 4) איך שרײַב — גע־שריב־ן.

§ 14в. Часть нерегулярных глаголов образует прошедшее время не с помощью вспомогательного глагола [hоб], а с помощью вспомогательного глагола [зайн] — «быть» (т. е. [бин, бист, из, зайнэн, зай(н)т]). Сравните, например, как звучит форма прошедшего времени от нерегулярного глагола [кумэн] — «приходить», «прибыть»:

Прошедшее время	פאַרגאַנגענהייט
Ед. число:	**איינצאָל**
1. Я пришел	1. איך בין געקומען
2. Ты пришел	2. דו ביסט געקומען
3. Он пришел	3. ער איז געקומען
Мн. число	**מערצאָל**
1. Мы пришли	1. מיר זײַנען געקומען
2. Вы пришли	2. איר זײַנט געקומען
3. Они пришли	3. זיי זײַנען געקומען

Следует подчеркнуть, что **нет таких правил**, на основе которых можно было бы заранее узнать, **какие именно** глаголы относятся к числу нерегулярных, **какие** из них образуют прошедшее время с помощью вспомогательного глагола [бин, бист...] и **как именно** меняется звуковой **состав самого корня** в причастии прошедшего времени. Поэтому нерегулярные глаголы целесообразно заучивать сразу и в неопределенной форме, и в форме причастия прошедшего времени. Ниже приводим список наиболее употребительных нерегулярных глаголов, корень которых меняется в прошедшем времени. Этот список сможет служить для вас справочником при чтении текстов. Наличие слова [из] означает, что данный глагол употребляется в прошедшем времени со вспомогательным глаголом [бин, бист, из и т. д.]. Отсутствие пометки «[из]» означает, что данный глагол образует прошедшее время при помощи вспомогательного глагола [hоб, hост и т. д.].

Первое (считая справа) слово в каждой паре — это форма причастия прошедшего времени, второе — тот же глагол в неопределенной форме. Перевод глаголов дан под списком.

1) באגריפן — באגרײַפן; 2) באהאָפטן — באהעפטן; 3) באוואָגן — באוועגן. 4) באוויגן — באוועגן. 5) באפוילן — באפעלן. 6) געבאָרן — געבוירן. 7) געבונדן — בינדן. 8) געביטן — בײַטן. 9) געבויגן — בייגן. 10) געביסן — בײַסן. 11) איז געבליבן — בלײַבן. 12) געבראכט — ברענגען. 13) איז געגאן — גיין. 14) איז געגאנגען — גיין. 15) געגאָסן — גיסן. 16) געגליכן — גלײַכן. 17) געגעסן — עסן. 18) געדראָשן — דרעשן. 19) געהאט — האָבן. 20) איז געהאנגען — הענגען. 21) האָט געהאנגען — הענגען. 22) געהויבן — הייבן. 23) געוואָלט — וועלן. 24) געוואָרגן — ווארגן. 25) איז געוואָרן — ווערן. 26) געוואָרפן — ווארפן. 27) געוואונטשן — ווינטשן. 28) געווּונען — געווינען. 29) געווּוסט — וויסן. 30) געוויזן — ווײַזן. 31) איז געווען (ז)ן — זײַן. 32) געזונגען — זינגען. 33) איז געזונקען — זינקען. 34) איז געזעסן — זיצן. 35) איז געטראָטן — טרעטן. 36) געטראָפן — טרעפן. 37) געטרונקען — טרינקען. 38) געטריבן — טרײַבן. 39) איז געלאָפן — לויפן. 40) געלאָשן — לעשן. 41) איז געלונגען — געלינגען. 42) געלויכטן — לײַכטן. 43) גע־ליטן — לײַדן. 44) געליִען — לײַען. 45) געלעגן — ליגן. 46) געמיטן — מײַדן. 47) געמאָסטן — מעסטן. 48) גענאָסן — געניסן. 49) גענאָסן — ניסן. 50) גענומען — נעמען. 51) געפונען — געפינען. 52) גע־פלאָכטן — פלעכטן. 53) איז געפלאָסן — פליסן. 54) איז געפלויגן — פליִען. 55) איז געפעלן — געפעלן. 56) איז געפראָרן (געפרוירן) — פרירן. 57) געצווּונגען — צווינגען. 58) געצויגן — ציִען. 59) געצונדן — צינדן. 60) געקלונגען — קלינגען. 61) געקליבן — קלײַבן. 62) געקנאָטן — קנעטן. 63) איז געקראָכן — קריכן. 64) איז געראָטן — געראָטן, 65) איז גערונען — רינען. 66) געריבן — רײַבן. 67) איז געריטן — רײַטן. 68) געריסן — רײַסן. 69) גערעדט — ריידן. 70) געשאָטן — שיטן. 71) געשאָכטן — שעכטן. 72) גע־שאָלטן — שעלטן. 73) געשאָסן — שיסן. 74) געשאָרן (געשוירן) — שערן. 75) געשוואָרן — שווערן. 76) גע־שווּמען — שווימען. 77) געשוויגן — שווײַגן. 78) איז געשטאנען — שטיין. 79) געשטאָכן — שטעכן. 80) איז געשטאָרבן — שטארבן. 81) איז געשטיגן (געשטויגן) — שטײַגן. 82) געשלאָסן — שליסן. 83) געשלונ־גען — שלינגען. 84) געשמאָלצן — שמעלצן. 85) געשניטן — שנײַדן. 86) איז געשען — געשען. 87) גע־שפּאָלטן — שפּאלטן. 88) געשפיגן (געשפּיִען) — שפּײַען. 89) איז געשפּרונגען — שפּרינגען. 90) געשראָקן — שרעקן. 91) געשריבן — שרײַבן. 92) געשריגן (געשריִען) — שרײַען. 93) דערפינדן — דערפינדן. 94) איז דערשינען — דערשײַנען. 95) פארגעסן — פארגעסן. 96) פארגונען — פארגינען. 97) פארלאָרן (פארלוירן) — פארלירן. 98) איז פארשווּונדן — פארשווינדן.

1) понимать, 2) соединять, 3) и 4) двигать, побуждать к чему-либо, 5) приказать, 6) родить, 7) вязать, 8) менять, 9) изгибать, 10) кусать, 11) оставаться, 12) приносить, 13) идти, 14) идти, 15) лишь, 16) равнять(ся), 17) кушать, 18) молотить, 19) иметь, 20) висеть, 21) мешать, 22) поднимать, 23) хотеть, 24) душить, 25) становиться; стать, 26) бросать, 27) желать, 28) выиграть, 29) знать, 30) показать, 31) быть; являться; находиться, 32) петь, 33) погружаться, 34) сидеть, 35) ступать, 36) угадать; попасть во что-л.; встретить кого-л., 37) пить, 38) гнать, 39) бегать, 40) тушить, 41) удаваться, 42) светить, 43) страдать, 44) одолжить, 45) лежать, 46) избегать кого-л., что-л., 47) измерять, 48) наслаждаться чем-л.; получать пользу, 49) чихать, 50) взять, 51) найти, 52) плести, 53) течь, 54) летать, 55) нравиться, 56) замерзать, 57) принуждать; заставить, 58) тянуть, 59) зажигать, 60) звенеть, 61) собирать, 62) месить, 63) ползти, 64) удаваться, 65) течь, 66) тереть, 67) ездить верхом (на лошади), 68) рвать, 69) говорить, 70) сыпать, 71) резать (скот, птицу), 72) проклинать, 73) стрелять, 74) стричь, 75) клясться, 76) плавать, 77) молчать, 78) стоять, 79) уколоть, 80) умирать, 81) подниматься (на...), 82) закрывать; запереть, 83) проглотить, 84) плавить, 85) резать, 86) происходить, 87) колоть; расщеплять, 88) плевать, 89) прыгать, 90) пугать, 91) писать, 92) кричать, 93) изобретать. 94) появляться, 95) забывать, 96) желать кому-л., 97) терять, 98) исчезать.

דאַצענט שימען סאנדלער

Know This" by Buzi Miller of Birobijan and "A Month in the German Democratic Republic", the biginning of travel notes by Zalman Libinzon of Gorky.

In our "Literary Criticism" section, the reader will find the end of "Jewish Literature in the Context of the General Russian Literary Process (19th Century to Early 20th)" by Uran Guralnik (Doctor of Philology), Moscow, and a literary profile of contemporary Soviet Jewish prose writer Iekhil Shraibman, written by Tev'ye Gen of Moscow.

There are also our usual features, "Our Mail" (a review of readers' letters), "From the Newspapers and Magazines" (Notes by Sh. Barbakh on Israeli activities, reprinted from various foreign newspapers), "Items of Interest" (an article by V. Mikhailov, "The Fate of a Portrait", about a little known sculptural likeness of Felix Dzerzhinsky which was done in bronze by French sculptor Jacques Lipschitz). The readers will also find much of interest in the traditional features such as, "From Our Photographic Archives", "New Songs", "Material for Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to Those Learning Yiddish".

Translated by Alex Miller

I wish the readers of "Sovietish Heimland" health and peace.

Further on in our issue there is a selection of documentary essays about space: "Singer of the Starry Paths" by Viktor Mitroshenkov of Moscow, "Northern Lights" by Yuri Bulushev of Moscow, and also an article by Isidor Einik of Moscow on the art of cosmonaut Alexei Leonov (the art insert for this issue being devoted to this work).

Our poetry section begins with a cycle of poems by Chaim Beider of Moscow entitled "Five Rings". It is an original response in verse to Olympiad-80, which was held in our capital city. Here is one of the poems.

"Month of Peace"

Every four years, that is, every one thousand four hundred and seventeen days, peace was declared all over Greece for a month during the Olympic Games.

Swift they pass, an ever-flowing stream—
Fourteen hundred days, then seventeen.

Time inexorably keeps the score:
Days, then weeks, then months, and then a year.

When the runner's sighted, war must cease:
He bears tidings of a month of peace.

Through the villages he races on:
Quarrels, battles, force of arms—begone!

No more swords, or lives laid down, or graves,
When at last the month of peace arrives.

Heralds coming! What they're heralding,
Is the greatest news heralds can bring!

Plant the spear-head downwards, ground the shield!
Peace shall reign for one month in the world!

Now Hephaestus leaves his forge in haste.
Though he's lame, he hobbles very fast.

Clean white tunic for the holidays,
Hammer left behind. For thirty days,

Forge no sword-blades, strike no red-hot metal...
All the troops have left the field of battle.

See the birds already homeward winging;
Soldiers listen to the skylark singing.

In their serried ranks they march away.
Over Hellas, night has turned to day.

War and deprivation are no more:
Now it's peaceful contests to the fore.

Fame and honour to the youth that come
Marching up towards the stadium!

No blue glint of weapons in the fight,
Only muscles rippling, gleaming bright.

No swords whirling, terrible to see—
Just team spirit, friendly rivalry.

Now the lyre sings in the trumpet's place:
Festival of unity and peace.

Thirty wonderful and joyous days
Without guile, or arms, or bloody frays.

* * *

The other cycles of lyrics in our current number are by Iosif Bukhbinder of Kiev, Dvoira Khorol of Moscow and Aron Vergelis of Moscow.

We are also publishing the continuation of "Days and Nights", the novel by Chaim Melamud of Chernovstsy, "Vovchik" and "The Cradle", two stories on a contemporary theme by Riva Rubina of Moscow, and one, "They Ought to

from space. This Convention is open to be joined by other states that share its aims and principles.

It is also known that, apart from the socialist countries, India and France are taking part in the "Interkosmos" programme on the same basis.

In case anyone should not think that flights into space and the participation in research work on board orbital stations by, say, a Pole or, in the future, a Frenchman, are purely a matter of prestige, I must draw your attention to the following.

We favour orbital stations which have proved themselves as excellent scientific laboratories with great possibilities for the study of Earth's natural resources.

Leonid Ilyich Brezhnev, General Secretary of the Communist Party of the Soviet Union and Chairman of the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR, called long-term orbital stations the main line of cosmonautics.

This does not, of course, rule out the further exploration of space with automatic stations.

However, let us return to circumterrestrial orbit. No matter how paradoxical it may seem, the surveying of Earth from space gives tremendous economic results. We learn in a short period of time about Earth, its wealth, minerals, the resources of the oceans—what would take decades and astronomical outlays on Earth.

One example should suffice. Photographs obtained from space are being used in the USSR to find minerals and forest resources, to analyse soil erosion, pollution of the environment, man's encroachment on the landscape; and to estimate the hydrological situation and mark out the seismo-tectonic zones.

Thanks to the information obtained from space photography, it has been possible to locate semi-metal ores containing industrial quantities of molybden, zinc, silver, gold and lead. A number of oil-bearing formations are being drilled in the south of the USSR.

Deposits of fresh water are already being exploited in a desert region, and possibilities have been found for studying the flow and bioproductivity of the world's seas and oceans.

Space photographs have found application and have made it possible to obtain important results in search for oil and gas in Povolzh'ye, Bashkiria, the Tyumen Region, the Ukraine and Tadjikistan, and also in various surveys in regions adjacent to the Baikal-Amur Railway. They have helped in the solving of problems connected with planning a number of big hydroelectric power stations in the east, in Central Asia and in the Caucasus; in the search for fresh water in the desert areas of Uzbekistan; in carrying out geological photographic surveys and prospecting work on the Kola Peninsula and in Pamir; and in planning oil and gas pipelines in Siberia and in the Soviet Far East.

There are no limits to the prospects for "Interkosmos". Such work is not subordinate to the efforts of a single concern or even of a single state from the viewpoint of the good of all people living on Earth. That is why the Soviet Union has opened the way into space for mankind. Now, in the avenues of Zvyozdny City and in the centre's training halls, it is posible to meet representatives of many European and Asian countries, and also of Cuba.

Dokuchayev. The editors of "Sovietish Heimland" have decided to introduce a new regular feature that will keep our readers informed about the cosmonauts and the latest achievements of Soviet Cosmonautics. What do you think of this?

Beregovoi. Space exploration and space flights are made at the bidding of the times. I think that if "Sovietish Heimland" has made this decision, then it is in step with the age. I can only wish your magazine, as one wishes anyone setting out on a journey, favourable weather and a pleasant trip.

As far as I am concerned, I agree to this chat being used as a send-off for your new feature.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" (The Soviet Homeland")
No. 10, October 1980

Readers of "Sovietish Heimland" are sure to be interested in a new regular feature, "Our Space Section", with which the curent issue opens. As an introduction to the first selection of articles on space, we are publishing an interview granted to the correspondent of "Sovietish Heimland", Yu. Dokuchayev, by General-Lieutenant of the Air Force G. T. Beregovoi, Head of the Cosmonauts' Training Centre. The text of the interview is given here in full.

Health and Peace

"Health and Peace" was the message sent to our readers by twice Hero of the Soviet Union, General-Lieutenant of the Air Force Georgi Timofeyevich Beregovoi, Pilot-Cosmonaut of the USSR, Merited Test Pilot of the USSR and Head of the Cosmonauts' Training Centre, in a conversation with our special correspondent, Yuri Dokuchayev.

Dokuchayev. What are the prospects for a new direction in the Soviet "Interkosmos" space programme?

Beregovoi. The joint exploration of space by the Soviet Union and the countries of the socialist community began with the launchings of the "Interkosmos" satellites on Soviet space rockets.

These satellites consisted of a combination of various automatic devices and instruments made with the participation of scientists and designers from various socialist countries.

The successful launchings of these satellites and the interesting work done by scientists of the socialist countries prompted a new form of studying and conquering space with peaceful purposes. This, first of all, can be said about the joint flights into space by Soviet cosmonauts and those of other socialist countries.

What is the explanation for this new form of international cooperation? It is, above all, attributable to the fact that, beginning with Yuri Gagarin's flight into space, the Soviet government, the Communist Party, our science and all our people, true to their peaceful foreign policy and to the behests of Lenin, have never thought of using space achievements in order to harm other peoples. We are prepared to share with all who stand for good and peace, everything that is for the benefit of people and progress.

Two and a half years ago, at a session of the Executive Committee of the Council for Mutual Economic Aid, a Convention was signed on the communication and utilisation of data obtained by long-distance probes into space, thereby regulating the activities of states in the utilisation and distribution of information

Не оружья мрачное сиянье —
Мускулы блестят на состязанье.

Не удары вражьего меча —
Чувство локтя, братского плеча.

Пусть военный рог заменит лира.
Праздник единенья. Праздник
мира.

Тридцать дней прекрасных
и ночей —
Без коварства, крови и мечей.

(Перевод Л. Беринского)

Другие лирические циклы в этом номере «Советиш геймланд» принадлежат перу поэтов Иосифа Бухбиндера (Киев), Двойры Хорол (Москва), Арона Вергелиса (Москва).

В номере печатается продолжение романа Хаима Меламуда (Черновцы) «Дни и ночи», рассказы на современную тему Ривы Рубиной (Москва) «Вовчик» и «Колыбель» и Бузи Миллера (Биробиджан) «Они должны это знать», начало путевых заметок Залмана Либинзона (Горький) «Месяц в Германской Демократической Республике».

В разделе «Литературная критика» читатель найдет окончание работы доктора филологических наук Урана Гуральника (Москва) «Еврейская литература в контексте истории всероссийской литературы в конце XIX и в начале XX вв. и творческий портрет современного советского еврейского прозаика Иехиля Шрайбмана, написанный Тевье Геном (Москва).

Далее публикуются рубрики «Почта «Советиш геймланд» (обзор писем читателей), «Листая газеты и журналы» (Заметки Ш. Барбаха об израильской действительности, перепечатанные из различных зарубежных газет), «Это интересно» (статья Д. Михайлова «Судьба портрета» — о малоизвестном скульптурном портрете Феликса Дзержинского, выполненном в бронзе французским скульптором Жаком Липшицем). Читатели также найдут много интересного в традиционных рубриках «Из нашего фото-архива», «Новая песня», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш».

вочных залах Центра подготовки космонавтов можно встретить представителей многих стран Европы, Азии, представителей Кубы.

Корреспондент. Редакция журнала «Советиш геймланд» задумала открыть новую рубрику, рассказывающую читателям о космонавтах и о новых достижениях советской космонавтики. Что вы думаете по этому поводу?

Г. Береговой. Исследования космоса, космические полеты — это веление времени. Думаю, если журнал «Советиш геймланд» так решил, значит он идет в ногу со временем. Можно только пожелать ему, как любому, кто отправляется в путь, хорошей погоды и легкой дороги.

Что касается меня, то даю согласие, чтобы эта беседа со мной послужила началом новой рубрики.

Желаю читателям журнала «Советиш геймланд» здоровья и мира.

Далее в номере следует подборка документальных очерков на космическую тему: «Певец звездных далей» Виктора Митрошенкова (Москва), «Северное сияние» Юрия Булушева (Москва), а также искусствоведческая статья Исидора Эйника (Москва) о художественном творчестве космонавта Алексея Леонова, (в связи с тем, что художественная вклейка в этом номере посвящена его работам).

Поэтическая рубрика открывается циклом стихотворений Хаима Бейдера (Москва) «Пять колец». Это — своеобразный поэтический отклик на проходившую в столице нашей родины Москве Олимпиаду-80. Вот одно из этих стихотворений.

Месяц мира

Каждые четыре года — через тысячу четыреста семнадцать дней — целый месяц во время Олимпийских игр во всей Греции объявлялся мир.

День за днём — за днями не
угнаться:
1417.

Время властно отбивает счёт —
День, неделя, месяц, долгий год.

Но подходит срок — и наконец
Месяц мира возвестил гонец.

От селенья он бежит к селенью:
— Брань и распри предадим
забвенью!

Без мечей, без крови, без могил —
Месяц мира в мире наступил.

Вестники бегут! Какая весть!
Что желанней этой вести есть?

Копья — в землю! Под ноги —
щиты!
Месяц мира, дружбы, чистоты.

Сам Гефест — на что уж
хромоног! —
А спешит из кузни грозный бог

На простор, нарядный, в тоге белой:
— То-то праздник! Ничего не
делай

Тридцать дней — ни одного
клинка...
С поля брани разошлись войска.

Птицы возвращаются, крылаты.
Жаворонка слушают солдаты.

И уходят, цепь за цепью, прочь...
Над Элладой день сменяет ночь,

А войну сменяют и лишенья —
Мирные, спортивные сраженья.

Молодость на стадион идёт.
Молодости — слава и почёт!

Два с половиной года назад на заседании Исполнительного комитета Совета Экономической Взаимопомощи была подписана Конвенция о передаче и использовании данных дистанционного зондирования из космоса, регламентирующая деятельность государств по использованию и распространению информации из космоса. Эта конвенция открыта для присоединения к ней других государств, разделяющих её цели и принципы.

Известно также, что помимо стран социалистического содружества в программе «Интеркосмос» участвуют на тех же основаниях Индия и Франция.

Для того, чтобы никому не показалось, что полеты в космос, участие в исследовательских работах на орбитальных станциях, скажем, поляка или в будущем француза, носят только престижный характер, должен несколько задержать ваше внимание на следующем.

Мы сторонники орбитальных станций, зарекомендовавших себя как прекрасные научные лаборатории с большими возможностями для изучения природных ресурсов земли.

Генеральный секретарь Коммунистической партии Советского Союза, Председатель Президиума Верховного Совета Союза ССР Леонид Ильич Брежнев назвал долговременные орбитальные станции магистральной дорогой космонавтики.

Это, конечно, не исключает дальнейшее изучение космического пространства с помощью автоматических станций.

Но вернемся на околоземную орбиту. Как это ни парадоксально, зондирование земли из космоса дает огромный экономический эффект. Мы в короткие сроки узнаем о земле, её богатствах, полезных ископаемых, богатствах океана то, на что потребовались бы на земле десятилетия и астрономические расходы.

В качестве примера достаточно сказать о следующем. Полученные из космоса космофотоснимки используются в СССР в интересах поиска полезных ископаемых, лесоустройств, анализа эрозии почв, загрязнения среды, антропогенной нарушенности ландшафтов, оценки гидрологической обстановки и сейсмотектонического районирования.

На основе материалов космической фотосъемки открыто проявление ценных полиметаллических руд, содержащих в промышленных объемах молибден, цинк, серебро, золото, свинец. Сдан под бурение ряд нефтегазоносных структур на юге страны.

Уже передано в эксплуатацию месторождение пресных вод в пустынном районе, открыты возможности изучения течений и биопродуктивности Мирового океана.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 10, октябрь, 1980.

Читатели «Советиш геймланд» встретят с большим интересом новую постоянную рубрику «Наш космический уголок», которой открывается настоящий номер журнала. В качестве вступления к первой подборке очерков на космическую тему дается интервью корреспондента «Советиш геймланд» Ю. Докучаева с начальником Центра подготовки космонавтов генерал-лейтенантом авиации Г. Т. Береговым. Приводим текст интервью полностью.

Здоровья и мира

Здоровья и мира пожелал читателям нашего журнала начальник Центра подготовки космонавтов, летчик-космонавт СССР, заслуженный летчик-испытатель СССР, генерал-лейтенант авиации, дважды Герой Советского Союза Георгий Тимофеевич Береговой, в беседе с нашим специальным корреспондентом Юрием Докучаевым, отвечая на вопросы журнала.

Корреспондент. Каковы перспективы нового направления в советской космонавтике именуемого «Интеркосмос»?

Г. Береговой. Совместные исследования космического пространства Советским Союзом и странами социалистического содружества начались запусками спутников «Интеркосмос» с помощью советских космических ракет.

Спутники эти представляли комбинацию различных автоматов и приборов, изготовленных с участием ученых и конструкторов ряда

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Наш космический уголок. Интервью с летчиком-космонавтом, дважды Героем Советского Союза Г. Т. Береговым; В. Митрошенков. Певец звездного неба; Ю. Булушев. Северное сияние.
Х. Меламуд. Дни и ночи (роман, продолжение).
Рассказы Б. Миллера, Р. Рубиной.
А. Вергелис. Симфония пути (поэма).
Стихи Х. Бейдера, И. Бухбиндера, Д. Хорол.
З. Либинзон. Месяц в ГДР (путевые заметки).

Критика и библиография

У. Гуральник. Еврейская литература в контексте истории всероссийской литературы в конце XIX и в начале XX вв.; Т. Ген. О творчестве И. Шрайбмана.

Почта «Советиш геймланд». Листая журналы и газеты. Продолжаем разговор. Это интересно. Из фотоархива. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.
Резюме на русском и английском языках.

1980
№ 10